STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08791

MENDELE MOYKHER SFORIM

Samuel Niger

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג
ל.מ.שטיין
שיקאגא

ש. ניגער

מענדעלע מוכר ספרים

זיין לעבן, זיינע געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע אויפטואונגען

מיטל-מערב ראַיאָן יידישע קולטור געזעלשאַפט ביכער אויסגאַבעס

פאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ

מיטל־מערב ראַיאָן יידישע קולטור געזעלשאַפט
ביכער אויסגאַבעס דורך דעם פאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ.
געדרוקט אין פופצן הונדערט עקזעמפּליאַרן.
געזעצט און געדרוקט אין דער דרוקעריי פון פאָזי־שאולזאָן,
19 וועסט 21טע גאַס, ניו־יאָרק, אין דעם יאָר ניינצן הונדערט
זעקס און דרייסיק. ניו־יאָרק, תרצ״ז.

Copyright 1936 by
SAMUEL CHARNEY, New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

234

S. NIGER — MENDELE MOICHER SFORIM
(SHOLEM YANKEV ABRAMOWITCH)
HIS LIFE, HIS SOCIAL and LITERARY ACHIEVEMENTS
YIDDISH CULTURE SOCIETY
L. M. STEIN, PUBLISHER, CHICAGO, ILL., 1936

— פאר איינציקע קאפיטלעך אינם דאזיקן בוך זיינען באנוצט געווארן ארבעטן, וואס זיינען געשריבן געווארן בא פארשיידענע געלעגנהייטן און אין פארשיידענע צייטן צווישן 1910 און 1936. אבער יענע אלע, קריטישע אדער ביאגראפישע, אפהאנדלונגען וועגן מענדעלע מוכר־ספרים זיינען שטארק געענדערט אדער גאר אינגאנצן איבערגעארבעט געווארן איידער זיי זיינען אריינגענומען געווארן אין דעם אדער יענעם קאפיטל פון דער דאזיקער מאנאגראפיע. איר ציל איז א טאפלטער: ערשטנס, צו פרואוון איבערגעבן דעם לעזער דאס בילד, וואס איר פארפאסער האט זיך געשאפן פון מענדעלעס לעבן, זיינע געזעלשאפטלעכע און ליטעראַרישע אויפטואונגען, ווי אויך פון דער שייכות, וואס איז דא צווישן זיין לעבנסגעשיכטע און זיין געזעלשאפטלעך־ליטעראַרישן שאפן און צווייטנס — אויפצודעקן די אומבאגרינדעטקייט פון דער, לעצטנס, פאפולער געווארענער אויפפאסונג, אז דעם *זיידנס* סאציאלער ראדיקאליזם פארט זיך ניט מיט זיין קולטורעלן טראדיציאנאליזם און אז זיי שטאמען פון צוויי גאר פארשיידענע פעריאדן אין דער געשיכטע פון זיין קינסטלערישער אנטוויקלונג. אין די געהעריקע שטעלן פונם בוך ווערט געוויזן, אז מענדעלע מוכר־ספרים האט אין משך פון זיין *גאנצן* ליטעראַרישן לעבן פאראייניקט אין זיך סאציאלע קעמפערישקייט מיט שעפערישער טרייהייט צו ירושה, נישט פילנדיק קיין סתירה צווישן זיי.

— אין עטלעכע פאלן, וואו עס ווערן ציטירט טעקסטן, וועלכע זיינען לכתחילה געשריבן געווארן ניט אויף יידיש, זיינען באנוצט געווארן איבערזעצונגען, וועלכע זיינען נישט געמאכט געווארן פונם פארפאסער, קאן ער נישט גאראנטירן ניט זייער פינקטלעכקייט, ניט זייער ליטעראַרישקייט.

דאס בילד פון מענדעלע מוכר ספרים אין דעם דאזיקן בוך, איז א רעפראדוקציע פון א קונסט־פארטרעט, וואס י. טעפער האט געמאלן א קורצע צייט פאר מענדעלעס טויט.

— די חברים פון דעם מיטל־מערב ראיאָן־קאמיטעט פון דער יידישער קולטור געזעלשאפט, וועלכע האבן גענומען אויף זיך די מי ארויסצוגעבן דאס בוך, ווי אויך ח׳ ליפע לעהרער, וועלכער איז מיר שטארק באהילפיק געווען אין דער קארעקטור — א הארציקן דאנק.



מענדעלע מוכר ספרים

א י נ ה אַ ל ט

צו מענדעלעס הונדערסטן געבורטסטאָג 13

עפענונג

קינדער־יאָרן 23

געבורטסשטאט, עלטערן, רביים, חברים.

נאָכן פאָטערס טויט 42

ישיבות.—וואנדער־יארן.—טינקאוויטש.—צוריק אין קאפוליע.—סלוצק.—ווילנע.—מעלניקי.

אַ נסיעה אין בויד 53

אברהמל דער קרומער.—פון שטאט צו שטאט.—שנארעריי.—וואגלעניש.—רעטונג.

אין קאַמענעץ־פאָדאָלסק 60

באקאנטשאפט מיט א. ב. גאטלאבער.—לערער־דיפלאם.—ליטעראַרישער דעביוט.—חתונה און גט.

ערשטע ליטעראַרישע טריט 65

„אַ בריוו וועגן דערציאונג".—אבראמאוויטשעס שייכות צו פעדאגאגיק.—ליבשאפט צו קינדער.—ליטעראַרישער דעביוט.

פון קאַמענעץ־פאָדאָלסק קיין בערדיטשעוו 72

קאַמענעצער „תפיסה־יארן.—פון קאמענעץ־פאדאלסק קיין בערדיטשעוו.—צווייטע פרוי.—ביים שווער אויף קעסט.—געזעלשאפטלעכע טעטיקייט.—פון קינדער־דערציאונג צו פאלקס־דערציאונג.—פון ארטיקע צו אלגעמיינע אויפגאבן.

פון מליצה צו רעאַליזם 78

„משפט־שלום".—פון מליצה צו רעאליזם.—א. צ. קאוונערס און ש. י. אבראמאוויטשעס רעאליזם.—ראדיקאל אין סאציאלע—און קאנסערוואַטיוו אין רעליגיעז־קולטורעלע פראגן.—דייטש אדער רוסיש?—„עין משפט".—„תולדות הטבע".—„האבות והבנים".

פון העברייאיש צו יידיש 88

יידיש און יידישיזם.—יידיש.—די שפראך פון די פאלקסמאסן, די שפראך פון לעבן.—די קינסטלערישע און די סאציאל־עטישע מאטיוון פון זיין איבערגיין צו יידיש.—זיין יידיש—אַ שפיגל פונם יידישן לעבן.—יידישע קלאנגען, יידישע תנועות.—יידיש אויף צוויי שפראכן.

די ערשטע יידישע דערציילונגען 101

"דאס קליינע מענטשעלע".—פון ש. י. אבראמאוויטש ווערט מענדעלע מוכער ספרים.—דער ערשטער נוסח.—די פאפולאריטעט פון דער ערשטער דערציילונג.—„דאס ווינטשפינגערל", ערשטע רעדאקציע.—מענדעלעס טעמע.—„לערנט, וועט איר גליקלעך זיין".—זיין מאטעריעלע לאגע.

„די טאַקסע" 107

עפנטלעכע ארויסטרעטונגען קעגן קהלשע רעדלפירער.—„די טאקסע אדער די באנדע שטאט־בעלי־טובות".—די בערדיטשעווער העלדן פון דער „טאקסע".—די טאקסע אין די ווערק פון י. ב. לעווענזאן און א. מ. דיק.—„א פיק טאן . . . עס זאל אויסרינען דער אייטער".—ארעם און רייך.—אַ קערעווע געטאן די השכלה אויף לינקס.—„פוילע סחירה".—פון משכילישער אויפקלערונג צו סאציאלן קאמף.—קאמף פאר די מאסן.—וועקער—אַ פארשפיגל, נישט קיין אפשפיגלונג פון לעבן.—דער איינדרוק פון „דער טאקסע".—מענדעלע מוז פארלאזן בערדיטשעוו.

„די קליאַטשע" 122

פון בערדיטשעוו קיין זשיטאָמיר.—די שיינע נאַטור.—„צו פרנסה קומט עס נישט".—מענדעלע וויל ווערן אַ ראַבינער.—אַ צו ראַדיקאַלע דרשה.—„די קליאַטשע".—פון דער מאַסע צו דער נאַציע.—פון רחמנות צו ליבע.—אינעווייניקסטע באַפרייאונג.—„די טאַקסע" און „די קליאַטשע".—אוניווערסאַלע מאָטיוון.—דער רושם פון „דער קליאַטשע".—מאַטעריעלע לאַגע.

„פישקע דער קרומער"—און ווי מענדעלע האָט געאַרבעט 139

אַ מעשה פון יידישע אַרעמעלייט.—דער ערשטער נוסח פון „פישקע דעם קרומען".—"איבער אַ ווערק באַדאַרף מען שוויצן".—די אַוזריות פון מעקן.—פיר נוסחאות פון „פישקע".—אַ פאַרגלייך.—וואָס מענדעלע האָט געטאָן מיט יידיש.—מענדעלע—און יידישע משכילים.—אַ סיסטעם פון קליינע אַזערעס.—דער טייל און דאָס גאַנצע.

מענדעלע אין פערזון 154

„יודל", „זמירות ישראל", „פרק שירה".—מענדעלע איז גלייכציימיק אי רעוואָלוציאָנער, אי טראַדיציאָנעל.—אַרכאַאיזירונג און אַרכאַאישקייט.—פערז־טראַדיציע אין דער יידישער ליטעראַטור.—מיט די געגראַמטע ווערק ווענדט זיך מענדעלע צו די פאַרצייטיקע יידן און יידענעס.—זייער באַדייטונג איז נישט קיין קינסטלערישע, נאָר אַ שפּראַך־ און קולטור־היסטאָרישע.

צווישן קאַמף און קונסט 161

שפּראַכלעכער און אַלגעמיינער קינסטלערישער וואוקס.—צוויי עפּאָכעס: קאַמף־עפּאָכע און עפּאָכע פון קונסט.—„די קליאַטשע" און „קיצור מסעות בנימין השלישי".—נישטאָ קיין שאַרפע גרעניץ־ליניע.—אַ צייט, ווען ר' יוחנן בן זכאי ווערט יוחנן פון גיש חלב.—די נאַטור ביי מענדעלען.—די קינדער.—די פאָלקס־מענטשן.—צווישן קאַמף און קונסט.

קיצור מסעות בנימין השלישי 172

אויפן גרעניץ צווישן צוויי תקופות.—אַ בוך איז—ווי מען לייענט עס.—„קיצור מסעות", ווי אַ סאַטירע; „קיצור מסעות", ווי אַ הומאָריסטיש ווערק.—הקדמה.—שטעלן, וואָס דערמאָנען אָן „דער טאַקסע" און „דער קליאַטשע".—מאָדעל און מאָטיוו פון בנימין השלישי.—נישט רב ישראל, נאָר כל ישראל.—אַ פּאַראַדיע אויפן גייסטיקן יידישן לעבן.—טראַפּנס הימאָר אין דער סאַטירע.—דאָס „מילד שטעכנדיקע געלעכטערל".—די טבע איבערצוקרימען מענטשן.—„ווי פון איין גוס".—בנימין—און דאָן קיכאָט.—בנימין און סענדערל—די פירערשאַפט און די מאַסע.

שטילשטאַנד אין מענדעלעס שאַפן 188

מענדעלע הערט־אויף צו שרייבן.—וואָס איז געשען?—פאַמיליען־אומשטענדן.—מענדל דער געלער פון „דער טאַקסע".—אַ משפחה זאַלבעזיבן.—פון זשיטאָמיר קיין אָדעס.—מאַטעריעלע זיכערקייט.—ניט־פאַרהיילטע וואונדן.—נייע באַמיאונגען צו קריגן אַ דערלויבניש אויף אַ צייטונג.—קאָרעספּאָנדענץ מיט פראָפ. בעזסאָנאָוו.—ס'איז נישט באַשערט געווען מענדעלען צו ווערן אַ זשורנאַליסט.—צוריק צו זיין קונסט.

צוריק צו ליטעראַטור 200

יובילעי פון 25 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט.—די ערשטע קריטישע אָפּשאַצונגען פון מענדעלעס שאַפונגען.—„דער פריזיוו".—די שטימונג נאָך די פּאָגראָמען פון די 80ער יאָרן.—צוריק צו די אַלטע פאַרשוינען.—פון „שטעכעדיקן" צום „מילדן" געלעכטערל.

„אַ סגולה צו די יידישע צרות" 205

דר. פינסקערס „אויטאָעמאַנסיפּאַציאָן".—איז מענדעלע געווען אויס־עהאַלטן?—זיין באַציאונג צו פּאַרטייען.—אַ ייד מיט אַ צוגעקלעפּטן צעטל" און „גלאַט אַ ייד".—אין דער השכלה־צייט און נאָך די פּאָגראָמען פון די 80ער יאָרן.—זיין באַציאונג צו חבת־ציון.—„אַ סגולה צו די יידישע צרות".

אויפבליצייט 218

צוריק צו העברייאיש.—נייער העברייאישער סטיל.—נייע דערציילונגען.—פאַרבינדונגס־רינג צווישן אונדזערע ביידע ליטעראַטורן.—צוריק קיין גלופּסק.—נייע וואַריאַנטן פון „פישקע דער קרומער" און „ווינטשפינגערל".—העכסטער שטאַפּל פון פּרוכטבאַרקייט.—ערשטע קריטישע אָפּשאַצונגען.—ש לדערער, נישט דערציילער.—היסטאָריקער.—אַקטועלע אָדער אַמאָליקע טעמעס?—„די קליאַטשע" און „דער פּרינץ".—נישט דער קאַבצאַנסקער, נאָר קאַבצאַנסק.—„די יידישע קאָמעדיע".—אַ יוסיפון.—אויפבליפּעריאָד.

אין קרייז פון זיינע פריינט 231

אויפגעוואַכטע ענערגיע.—אַ קרייז פון פריינט.—פאַרלעזונגען, געשפּרעכן, שפּאַצירן.—איינדרוקן פון זיינע פריינט און פאַרערער.—זיין פּערזענלעכקייט.—זיין פייאיקייט צו פאַרשטעלן זיך.—זיין ווירקונג.—שלום־עליכם רופט אים אָן „זיידע". — זיין אויסזען. — אינעווייניקסטע ראַנגלעניש.—„שלמה ר' חיימס".—כאַראַקטער און ווערט פון אויטאָביאָגראַפיע.

לעצטע יאָרן 240

פאַרוואָס איז „שלמה ר' חיימס" געבליבן נישט פאַרענדיקט.—ווינציק פרייע צייט.—אָדעסער פּאָגראָם.—רייזע קיין אויסלאַנד. — קאָנסטאַנטינאָפּאָל. — שווייץ. — באַרואיקונג. — באַגעגענישן מיט שרייבער.—פאַרלעזונגען אין די סטודענטישע קאָלאָניעס.—צוריק אין אָדעס.—אויסגאַבע פון אַלע ווערק אויף העברייאיש און אויף יידיש.—ניט־אויטאָריזירטע אַמעריקאַנער אויסגאַבע.—פּראָטעסטן.—הכנות צום 75טן געבורטסטאָג.—טריאומף־רייזע איבערן יידישן תחום.—75־יעריקער יוביליי.—פייערונגען אין אָדעס און אין דער גאַנצער וועלט.—די פייערלעכע באַגריסונגען און מענדעלעס ענטפער.—באַנייטע טעטיקייט.—שטילע פייערונג פון 80טן געבורטסטאָג.—קראַנקהייט.—אין שפּיטאָל.—לעצטע שמועסן.—לעצטע טעג.

פאָרגייערס און נאָכגייערס 257

אייראָפּייאיש־רוסישע איינפלוסן.—יידישע השפעות.—מענדעלעס פאָרגייערס אין דער השכלה־צייט: י. ב. לעווינסאָן, י. אַקסענפעלד, א. מ. דיק.—אַ גרויסער נעמער, נאָך אַ גרעסערער געבער.—מענדעלעס ווירקונג אויף ח. נ. ביאַליק, ז. שניאור, י. ד. בערקאָוויטש, עגנון, אליעזר שטיינבאַרג, ש. בן־ציון, שלום אַש, דוד בערגעלסאָן.—מענדעלע—און די איבעריקע צוויי קלאַסיקער.—אַנאַליז פון שייכותן צווישן מענדעלען און שלום־עליכמען, פון איין זייט, מענדעלען און פּרצן, פון דער צווייטער זייט.—שלום עליכמס זיידע, ווי אַ קינסטלער, פּרצעס,—ווי אַ דענקער.—שלום עליכם און פּרץ—אין איין פּערזאָן.—צווייגעשטאַלטיקייט.—שלום.

אָנמערקונגען 291

מענדעלע מוכר ספרים

1936—1836

צו מענדעלעס הונדערטסטן געבורטסטאָג

1936—1836

ע פ ע נ ו נ ג

ביי אידן איז דאָ אַן אַלטער מנהג:
לערנען צו יאָרצייט א פרק משניות און דערנאָך זאָגן קדיש — פאַר דער נשמה פון דעם געשטאָרבענעם. דאָס איז אַ שיינער מנהג. דאָס איז אַן אויסדרוק פון עפּעס אַ מין גייסטיקן זיך פאַראייניקן מיט דעם נאָענטן מענטשן נאָכן טויט. און עס וואָלט געווען גוט, ווען מיר זאָלן אויך אין מענדעלעס געדענק־יאָר, בעת דער פייערונג פון זיין הונדערטסטן געבורטסטאָג, לערנען, אויב נישט אַ פרק משניות, איז אַ פרק מענדעלע. קיין זאַך פּאַסט זיך נישט פאַר אים אַזוי גוט, ווי לערנען.

די, וואָס האָבן אים זוכה געווען צו קענען, דערציילן, אַז תמיד, ווען מען פלעגט קומען צו אים אַהיים, פלעגט מען אים דערוויסן לערנענדיק. (אגב, זיין ריידן, זיין שיחת־חולין איז אויך געווען אַ שטיק תורה). אַלטע ספרים אָדער נייע, פאַרצייטיקע געדאַנקען, אָדער היינטוועלטיקע — פאַר אים איז אַלץ געווען אַלט און אַלץ ניי. אַ גייסט, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט איינע פון די עלטסטע קולטורן אין דער וועלט און איז נישט געווען פרעמד דער היינטיקער קונסט און וויסנשאַפט, פילט נישט שאַרף דעם גרעניץ צווישן אַלט און ניי. אונטער זיין בליק הויבן אָן גרינען בלעטער, וואָס זעען אויס צו זיין פאַרוועלקט; אין דעם יינגסטן בלאַט שפּירט ער זאַפטן פון אַלטע וואָרצלען.

עס איז נישט געווען נאָך אַ שרייבער ביי אונדז אין דער לעצ־טער תקופה, וואָס זאָל אין אַזאַ פולער מאָס, ווי מענדעלע, האָבן פאַר־

אייניקט אין זיך דאָס גערירשנטע און דאָס מאָדערנע, דאָס אַנגענו־מענע און דאָס רעוואָלוציאָנערישע. ווען ער האָט באַזוכט ווילנע — אַזוי דערציילט מען — האָט מען אים אונטערגעטראָגן, פון איין זייט, אַ ספר־תורה און פון דער אַנדער זייט — אַ רויטע פאָן... האָבן אַנדערע אפשר געזען אין דעם אַ סתירה. פאַר אים אַליין איז דאָס שטיין העכער פון אַלט און ניי געווען נאַטירלעך. עס איז אין אים געווען פּלאַץ פאַרביידע זאַכן. דער קינסטלער אין אים האָט גערן אויפגענומען די עלעמענטן פון איינגעשטעלטן און איינ־געפונדעוועטן נוסח: דער דענקער — די פרישע און תמיד זיך באַנייענדיקע איינדרוקן פון לעבן. מיט דעם גרינעם זאַפט פון נייער לעבנס־דערפאַרונג האָט ער אָפּגעפרישט פאַרגליווערטע פאָרמען פון שפּראַך און סטיל; מיט דער הילף פון אַלטע איינגעשטעלטע פאָר־מען האָט ער צוגעגעבן פעסטקייט און שטאַנדהאַפטיקייט זיינע נייע דרייסטע אידייען. ער האָט באַקעמפט די פאַרגאַנגענהייט מיט דעם געווער פון איר אייגענער טראַדיציע. ער האָט באַנוצט דעם צע־מענט — דעם סטיל — פון עבר צו באַפעסטיקן די ציגל פון אַ נייעם בנין.

טוט דאָס אייגנטלעך יעדער עכטער שריפטשטעלער.

יעדער אמתער שאַפער איז פאַרוואָרצלט אין די טיפענישן פון אַמאָל, כאָטש אויבן איז ער אַ יונג־אויפגעבליטער צווייג. אין יעדן פּיאָנער לעבט אַ כוח, אַ ירושה פון דורות. יעדער רעפאָרמאַטאָר פאַרקערפּערט מיט זיך אַליין אַ טייל פון דער טראַדיציע, קעגן וועל־כער ער רעוואָלטירט... אָבער מענדעלע האָט גאָר אויף אַ באַזונ־דער שעפערישן אופן באַהעפט אין זיך די פאַרצייטיקייט מיט דעם גייסט פון זיין תקופה. מיט אַ דורשט אין האַרצן און אַ ברכה אויף די ליפּן האָט ער געטרונקען פון די אַלטע טיפע קוואַלן, פעט און פרוכטבאַר מאַכנדיק אונדזער נייע ליטעראַטור.

אין די בגדים פון אַן אַלטפרענקישן פאַקנטרעגער, אין אַ פאַר־צייטיקן וואָגן מיט אַ צעריסענער בויד, געשלעפּט פון אַן אַלטער קליאַטשע, — האָט ער זיך געלאָזט אויף נייע וועגן. ביי אים איז דער עיקר געווען די עכטקייט און דער טעם פון דעם פרישן גע־טראַנק. וואָס איז שייך צו דער כלי, האָט ער דוקא ליב געהאַט, אַז

זי זאָל זיין אַביסל אַ געניצטע... אפילו אַ נאָמען האָט ער זיך אויסגעקליבן אַן אַמאָליקן...

ש ל ו ם י ע ק ב אַ ב ר אַ מ אָ ו ו י ט ש — אין דעם „גויאישן" היטל מיט דער קאָקאַרדע פון א „קאַזיאָנעם" לערער — וואָלט געווען אַ צו פרעמדער און ניט־פּאַסיקער נאָמען פאַר איינעם, וואָס האָט געוואָלט ריידן צו זיין פאָלק, ווי אַן אייגענער מענטש, ווי אַן אַלטער גוטער פריינט. מיט דעם אויסזען פון א מ ע נ ד ע ל ע מ ו כ ר ס פ ר י ם איז אים לייכטער געווען צוצוקומען צום יידישן כלל. אין דער געשטאַלט פון מענדעלע מוכר ספרים איז פאַר אים נאַטירלעך געווען צו קוקן אויפן יידישן לעבן פון אינעווייניק — און דאָך אַביסל ווי אַ זייטיקער. איז דען דער פאַקנטרעגער, וואָס האָט זיך צעלייגט מיט זיינע ספרים, בענטשערלעך און תחינות אין שול אויפן לאַנגן טיש — נישט געווען אי אַן אורח, אי אַ היי־מישער? אַזוי איז אויך מענדעלע מוכר ספרים געבליבן אַן אינע־ווייניקסטער, שטייענדיק אַן א זייט.

ער האָט נישט געדאַרפט ווערן קיין מענדעלע מוכר ספרים, כל זמן ער האָט געשריבן העברייאיש. פאַר די לעזער פון „האָבות והבנים" אָדער „משפט שלום" האָט ער זיך געקאָנט ווייזן אַנגעטאָן „דייטש" און אפילו מיט א „קאָקאַרדע" אויפן היטל. זיי זיינען געווען אַזעלכע משכילים, ווי ער. זיי זיינען, אַזוי ווי ער, שוין געווען אביסל אָפּגעשיידט פון פאָלק. אבער דער נייער עולם, דער עולם וואָס אַבראַ־מאָוויטש האָט פאַר אים אָנגעהויבן שרייבן יידיש, — דאָס האָט גע־זאָלט זיין דאָס פאָלק אליין. קומען צו אים, ווי א „דייטש", האָט דער פאַרפאַסער פון „דאָס קליינע מענטשעלע" נישט געקאָנט. צום פאָלק האָט ער געוואָלט ריידן נישט בלויז אויף דער שפּראַך פונם פאָלקסמענטשן, — ער האָט געוואָלט ריידן צו אים מיט זיין שטים, מיט אַלע זיינע געניגלעך און פּאָסטעמפּקעס. ער האָט געוואָלט קומען צו אים, ווי דער וואַנדערנדיקער מוכר ספרים, וואָס כאָטש ער איז אויסגעווען אַ וועלט און ברענגט נייעס פון מרחקים און קען זיך אפילו מיט מחברים, איז ער דאָך אַ ייד ווי אַלע יידן, אַ ייד, וואָס טראָגט אַ באָרד מיט פאות, דאַוונט אין אַ טלית און תפילין.

און נאָך אַ זאַך איז געווען, וואָס צוליב איר האָט ש. י. אַב־ראַמאָוויטש זיך באַוויזן פאַר דעם יידיש־לעזער אין דער געשטאַלט פון אַ מענדעלע מוכר ספרים.

דער מוכר ספרים האָט געהאַט צו טאָן נישט נאָר מיט כל תפוצות ישראל, ער האָט געהאַט אַ שייכות צו אַלע ריכטונגען, צו אַלע שטרעבונגען פון דעם יידישן פאָלק. אין שול צום דאַוונען האָט ער איבערן גרויסן טיש טאַקע אויסגעשפּרייט נאָר גמרות, שאלות ותשובות, מוסר־און־דרוש־ספרים, סידורים און תחינות, — אָבער אונטן, טיף באַהאַלטן אין זאַק, האָט ער שוין אויך געהאַט עפּעס פאַר די זיידענע יונגע לייטלעך, די משכילים: ער האָט געהאַט פאַר זיי טריף־פּסולען. ער האָט געהאַט „סחורה" נישט פאַר איין סאָרט יידן, נאָר פאַר אלערליי יידן — היינטוועלטיקע אזוי גוט, ווי אַלטפרענקישע.

אַט פאַרוואָס דער פאַרפאַסער פון „דאָס קליינע מענטשעלע" האָט נישט געוואָלט זיין ד ע ר מ ש כ י ל ש. י. אַבראַמאָוויטש, ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש, נאָר דער מ ו כ ר ס פ ר י ם, וועלכער האָט אין זיינע „פּעק" אי השכלה, אי תורה, דער מוכר ספרים, וואָס נישט נאָר מיט זיין נאָמען און מיט זיין פּרנסה — אויך מיט זיין שטייגער ריידן, מיט זיין שטיין און גיין, מיט זיין גאַנצן הילוך איז ער אי אַן אייגענער, אַ היימישער, אי אַ גאַסט אין שטעטל, אַ גאַסט, וואָס אונטער זיינע אַלטמאָדישע, קליינ־שטעטלדיקע קליידער ברענגט ער נייעס און דערציילט חידושים פון דער גרויסער וועלט...

אַ גרויסע ר ע פ אָ ר ם, וואָס האָט געוואָלט מאַכן דעם איינדרוק פון טרייקייט צו ט ר אַ ד י צ י ע — דאָס איז געווען מענדעלעס שאַפן...

דאַרפן מיר זיך נישט שרעקן פאַר דער פאַרעלטערטקייט פון זיין נוסח. דאָס איז אַן אַלטקייט, וואָס ער האָט מיט אַ כיוון אויף זיך אַרויפגעצויגן...

אגב, איז א שטיל קערנדל, וואָס ליגט אויפן טונקעלן דעק פון אַן אַלטער כלי, אַמאָל אויך געשמאַקער, געווירצטער. און אויפן שטילן דעק פון מענדעלעס אַלטער כלי ליגן אַן א שיר זאַפטיקע קערנדלעך...

זיין אַלטגעבאַקן יידיש איז נאַרהאַפּטיק. עס איז געבויט פון ירושה־מאַטעריאַל, אָבער ס׳איז ניי־געבויט . . . לייענט (אין „ווינטש־פינגערל״): „. . . נאָר ווי זאָגט מען עפּעס ביי אונדז אידן: וואו צווייי איז אויך אַ דריטער, און מיט דעם דאָזיקן כלל שטעקט אַ ייד, נעבעך, אַריין דעם לעפל צו יענעם אין שיסל, שטופּט זיך אַריין, וואו ס׳איז ענג, קריכט אַריין מיט אַ פּוס צו יענעם אין ביטל, כאַפּט אַ קוק צו יענעם אין מחזור, שפּאַרט זיך צו ווי עס איז צו יענעם אויפן געלעגער, קוועטשט זיך אַריין אין אַ בויד צווישן פיל אָנגעזעצטע פּאַרשוינען און שטערכעט נעבעך, אַפּ אַזוי דאָס גאַנצע לעבן. עט, וואָס מאַכט עס אויס? אַבי איבערקומען, אַבי אָפּפּטרן, משטיינס געזאָגט, דאָס עסן, אַבי כאַפּן אַ דרעמל, אַ נאַכט איבערצולעבן, אַבי יוצא זיין און ווי ס׳איז דערהאַלטן די נשמה״ . . . זיינען עס נישט קיין פּאַרטיקע ציגל, אַרויסגענומען פון דעם אַלטן בנין פון דער יידישער פאָלקסשפּראַך, פון די יידישע גלייכווערטלעך? אָבער אין וואָס פאַר אַ נייער אָרדענונג ער האָט אָט די שוין לאַנג־אויסגעפּו־רעמטע און פאַרטריקנטע שטיקלעך ליים אויפגעשטעלט! מיט וואָס פאַר אַ נייעם צעמענט ער האָט זיי פון סניי באַהעפט איינס מיט דאָס אַנדערע! „צושפּאַרן זיך״, „כאַפּן אַ דרעמל״, „דערהאַלטן די נשמה״ — דאָס פאָלק זאָגט עס, נישט מענדעלע, אָבער ביים פאָלק זיינען עס בלויז שטיקלעך און ברעקלעך לעבנס־שטייגער, שפּראַך־שטייגער; ביי מענדעלען איז עס אַ גאַנצע פּסיכאָלאָגיע, אַ גאַנצע לעבנס־פילאָזאָפיע! אין פאָלקס־אוצר האָבן די ווערטלעך זיך געוואָלגערט און געהאַט נאָר אַ באַגרעניצטן זינען; מענדעלע האָט זיי אויפגעהויבן, אויפגעזאַמלט, אויסגעשייערט און געגעבן זיי אַ נייעם גלאַנץ, אַריינגעהויכט אין זיי אַ נייעם לעבנס־אָטעם, אַ נייע נשמה.

אַזוי איז מענדעלע זיך באַגאַנגען מיט יידיש, אַזוי האָט ער (שפּעטער) געטאָן אויך מיט העברייאיש. אויך דאָרט האָט ער אַלטע שטיקלעך מליצה, אַלטע מאמרים אָדער מדרשים ניי געטייטשט. אויך דאָרט האָט ער אָפּט אין אַלטע פּסוקים געפונען נייע תורה.

און נישט נאָר דאָס אַליין.

ער האָט גענומען די אַלטע יידישע שפּראַך און זי באַפרייט פון די אָנגעוואַקסענע ווילדקייטן. ער האָט דעם גאָרטן פון יידיש

אויסגעיעט, און די אַלטע פלאַנצונגען האָבן גענומען וואַקסן מיט אַ נייער קראַפט.

ער האָט, פאַרשטייט זיך, נישט ג ע ש אַ פ ן די געזעצן, די כללים פון אונדזער לשון; זיי האָבן געלעבט און זיך אַנטוויקלט אין דער שפּראַך גופא; אָבער ער האָט זיי אויסגעפונען, אויפגעדעקט, אַרויסגעבראַכט; האָבן זיי אָנגעהויבן ווירקן שטאַרקער און אויף אַ מער געלייטערטן אופן, ווי פריער, ווען זיי זיינען געווען פאַרשטעלט, פאַרבאָרגן און ווילד פאַרוואַקסן.

מענדעלע האָט אָפּגעווישט דעם שטויב, אָנגעשמירט מיט אויל און פעסטער געמאַכט די שרויפן אין דעם אַלטן מעכאַניזם פון יידיש, איז ער געוואָרן אַזוי ווי אַ נייער. צוליב דער נייקייט איז ער אַביסל צו־שטייף, צו אָנגעצויגן, אָבער דאָס איז געווען נויטיק כדי ביי־צוקומען די פריערדיקע אָפּגעלאָזנקייט...

מענדעלע האָט געמאַכט אַ הויכן צאָם אַרום דער יידישער שפּראַך. זי איז געווען אַ פעלד, וואָס יעדער האָט געטראָטן מיט די פיס, איז נויטיק געווען אַ צאָם, נישט נאָר אַן אַקער מיט זריעה, און דאָס איז געווען דער וויכטיקסטער אויפטו פון דעם נייעם גערטנער פאַר דעם אַלטן גאָרטן.

אָבער נישט נאָר דאָס אליין האָט מענדעלע געטאָן פאַר יידיש. ער האָט אויפגעזאַמלט די אוצרות פון אַלע דיאַלעקטן פון יידיש, — די אוצרות פון ליטוויש, וואָליניש, צום טייל פּויליש, אַזוי ווי ער האָט אין העברייאיש צונויפגענומען אַלע לעבנס־פּייאיקע עלע־מענטן פון די פאַרשיידענע היסטאָרישע תקופות (תנ״ך, משנה, אגדה א. אַז. וו.)

ער האָט געזוכט צו שאַפן אַ נייעם אַלגעמיין־ליטעראַרישן יידישן סטיל, אָבער ער האָט זיך דאָ אויך סומך געווען אויף אַן אַלטער טראַדיציע — דער טראַדיציע פון דער יידישער ליטעראַטור פאַר דער השכלה־צייט. יידיש האָט דאָן שוין געהאַט אַן אַלגעמיין־ליטע־ראַרישן נוסח, — דעם נוסח פון די מוסר־ספרים, פון דעם טייטש־חומש, פון די תחינות, פון די פאָלקס־מעשות. אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, אין אָנהויב פון דער השכלה־צייט, איז אָבער דער אַלטער עברי־טייטש־נוסח געווען שוין צו פאַרעל־

טערט. עס איז נויטיק געווען אַ נייער ליטעראַרישער סטיל אין יידיש. די ערשטע השכלה־שרייבער — אַזוינע, ווי עטינ־גער, אַשטייגער — זיינען נישט בכוח געווען אים צו שאַפן, אָדער זיי האָבן אים נישט געוואָלט שאַפן, מחמת יידיש איז געווען פאַר זיי נאָר אַ צייטווייליק קאַמפּס־מיטל, נישט קיין אידעלער אינסטרו־מענט פון קינסטלערישן געדאַנק. דער מייסטער פון דעם נייעם יידישן בוך־לשון איז געוואָרן מענדעלע. אויך דאָ האָט ער גע־טרונקען, ווי געזאָגט, פונם אַלטן קוואַל — דעם עברי־טייטש־נוסח. עס איז נישט סתם אַזוי אַ חנדל, וואָס ער געברויכט אָפט ווערטלעך און גאַנצע פסוקים פון אַמאָליקן יידיש. אויך איז עס נישט אַלע־מאָל אַ פּאַראָדיע — אָפט זיינען עס די מוסטערן, וועלכע האָבן אים געהאָלפן אויסשמידן דעם נייעם אָדער, ריכטיקער, באַנייטן יידיש.

ער האָט באַנייט יידיש און דעם רעספּעקט צו יידיש דורך אַלט־קייט — דורך דעם, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער נייער יידישער שפּראַך דעם גייסט פון ירושהדיקייט, פון איינגעפונדעוועט־קייט, פון פּסוקימדיקייט. אָבער נישט בלויז אין דער שפּראַך, אויך אין דעם תוך פון זיין שרייבן האָבן זיך געפּאָרט אַלט און ניי.

זיין טעמע — דער פאַרשאָלטענער פּרינץ, די קליאַטשע, די כנסת ישראל — איז די אַלטע און אייביקע טעמע פון אונדזער ליטעראַטור. ער האָט גענומען אָט די אלטע דור־דורותדיקע פּראַגע און זי באַלויכטן מיט דעם ליכט פון נייע אידייען, פון די אידייען, וועלכע ער האָט געהאָלפן אַריינברענגען אין אונדזער באַ־וואוסטזיין.

די אידייע פון יושר אינעווייניק אין דעם יידישן לעבן, ווי אויך די אידייע פון רעכט פאַר יידן, ווי א פאָדערונג פון דעם אויפגעוואַכטן מענטשלעכן שטאָלץ — איז פאַר אונדז איצט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אָבער דאַן, מיט אַ זעכציק־זיבעציק יאָר צוריק, איז עס געווען אַ נייעס. דערהויפּט איז געווען ניי דער אימפּעט, דער פּאַטאָס, מיט וועלכן אָט דער אַלטער נביאישער גייסט האָט ביי מענדעלען געפונען אַ נייעם אויסדרוק. ביי קיינעם פון די פריערדיקע השכלה־שרייבער איז, אשטייגער, די „טאַקסע״, וועל־

כע איז קריטיקירט געוואָרן אויך אין זייערע ווערק, נישט דער־הויבן ביז צו א סימבאָל פון דער גאַנצער אומאָרדנונג, וואָס הערשט אינעווייניק אין אונדזער לעבן. און וואָס איז שייך צו דער פּראָבלעם פון יידן צווישן די אומות איז זי ביז מענדעלען אוודאי נישט געשטעלט געוואָרן אין דער השכלה־ליטעראַטור אַזוי ברייט און פון אַזאַ אוניווערסאַלן שטאַנדפּונקט...

פאַר מענדעלען איז יידיש געווען די פאָלקס־שפּראַך, נישט די שפּראַך פון המון, און אויך דער אינהאַלט פון זיין שרייבן איז געווען פאַר די אויסדערוויילטע פון פאָלק, נישט פאַרן המון־עם. מענדעלע האָט אין זינען געהאַט די אינטעליגענץ, ווען ער האָט געשריבן, ער האָט אויפגעהערט צו נוצן די שפּראַך פון די לומדים און תלמידי־חכמים. ער האָט אָבער אָפּגעהיט זייער גייסט, דעם גייסט פון אַן אַלטער און רייכער קולטור־טראַדיציע. ער איז געווען דער ערשטער וואָגיקער און תלמיד־חכמדיקער שרייבער אין דער נייער פאָלקס־ליטעראַטור. ער האָט אין איר אריינגעשטעלט די בימה, דעם עמוד, שיר נישט דעם ארון־קודש, און זי האָט אויפ־געהערט צו זיין בלויז אַ ווייבערשע שול מיט זאָגערקעס. ער האָט אויפגעעפנט פאַר איר אַלע אַלטע קוואַלן און געלאָזט זי וואַקסן און אָטעמען מיט אַ נייער קראַפט...

דערמאָנט זיך אָן זיינע נאַטור־בילדער (מאָלנדיק די נאַטור איז ער געווען קינסטלעריש אפילו דאַן, ווען ער איז געווען נאָך מער פּובליציסט, ווי קינסטלער). זיינע פּייזאַזשן זיינען אין פלוג אַלט־מאָדיש, זיי דערמאָנען אונדז מער אָן „ברכי נפשי״, ווי אָן מאָדער־נער נאַטור־שילדערונג. אָבער נאָר פון אויבנאויף איז עס אַזוי. איינדערואמתן באַהאַלט זיך אויך דאָ אונטער דרויסנדיקער אַלט־פרענקישקייט אָן אינעווייניקסטע באַנייאונגס־קראַפט. מענדעלעס פאַריידישטע נאַטור איז נ אַ ט ו ר, ניט־יידישקייט. נאַטור מיט דער גאַנצער פרישקייט און פולער לעבעדיקייט פון איר וואַקסן און בליען. נאַטור מיט אירע אַלע פאַרבן און קלאַנגען.

די נאַטור איז, אַזוי ווי די קולטור, די קולטיווירונג מענדעלעס — געווען אַ נ י י ע זאַך אין דער יידישער ליטעראַטור. מענ־דעלע האָט אויך די דאָזיקע נייעס אַריינגעבראַכט אונטער דער

מאָסקע פון אַ מ אָ ל י ק י י ט. מענדעלע איז אויך דאָ געווען צוגלייך אי טראַדיציאָנעל, אי פיאָנעריש. אויך דאָ איז ער אויף אַלטע וועגן געגאַנגען צו נייע צילן. אויך דאָ איז ער געווען אַ שליח-ציבור, וועלכער האָט זיין אייגענע שטים...

יע, עס איז נישטאָ ביי אונדז נאָך אַ שריפטשטעלער, וואָס זייענדיק אַזאַ טיפּישער כלל-שילדערער, זאָל ער זיין אַזוי טיף אינדיווידועל, אַזוי ווינציק ענלעך אויף אַנדערע, פריערדיקע אָדער שפּעטערדיקע, שרייבער, ווי דאָס איז מענדעלע מוכר ספרים. עס איז נישטאָ ביי אונדז נאָך אַזאַ אייגנאַרטיקער דיכטער, ווי ער איז געווען, — און דער זעלטנסטער חן פון זיינן נייקייט איז, וואָס ער האָט זי געזוכט צו פאַרשטעלן...

דאַרף מען זי אויפדעקן.

און אויפדעקן קאָן מען זי דורך ל ע ר נ ע ן מענדעלען, נישט דורך ל י י ע נ ע ן אים.

לייענען אים, טראַכט דער היינטיקער לעזער, איז... אַ האַרבע לייעניש: ער זעט אויס צו זיין אַזוי אַרכאַאיש און אַזוי מאָדנע. אָבער זאָל דער לעזער זיך פאַרטיפן אין אים, זאָל ער זיך איינלעבן מיט אים, וועט ער זיך אויסלערנען צו שעצן און ליב צו האָבן זיין האַרטלעכע שאָלעכץ. ער וועט אונטער איר געפינען אַ געשמאַקן, ווען אפילו אַביסל אַ פאַרטריקנטן, יאָדער.

מענדעלע האָט געהאַט דעם גורל פון אַסך אַנדערע אָריגינעלע שריפטשטעלער: ווען ער האָט זיינע ווערק געשריבן, זיינען זיי געווען צו ניי, צו גוט פאַר דעם דעמאָלטדיקן דורכשניטלעכן לע-זער; איצט, זאָגט מען, זיינען זיי צו אַלט... מען זאָגט אַזוי, ווייל מען קאָן נישט גוט דעם „זיידען", ווייל דער היינטיקער יידי-שער לייענער, ווי דער היינטיקער יידישער שרייבער, פוילט זיך צו לערנען. יע, די פרעמדקייט צו מענדעלען, וואָס פילט זיך ביי דעם איצטיקן דור שרייבער און לעזער, איז, פריער ווי אַלץ, אַ פרעמד-קייט צו דער טראַדיציע פון לערנען. שלום-עליכמען לייענט מען און מען וועט לייענען, כאָטש דער שטייגער לעבן, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיינע ווערק, איז פונקט אַזוי „פאַרעלטערט" און „אָפּ-געלעבט", ווי דער שטייגער לעבן און שרייבן פון מענדעלעס ווערק.

שלום־עליכמען לייענט מען, ווייל עס איז „פריילעך“ און „לייכט“ אים צו לייענען. מענדעלען לייענען איז „שווער“. ער גיט זיך נישט פון זיך אליין. מען דאַרף זיך אַריינטאָן אין אים און די פּיאַיקייט אַריינצוטאָן זיך אין אַ ווערק האָט דער היינטיקער לע־זער אָנגעוואוירן. ער דאַרף זי צוריק געווינען. ער דאַרף זיך ווידער אויסלערנען צו גיין אין חדר. און דער בעסטער חדר איז — מענדעלע: ער האָט אַליין נישט אויפגעהערט לערנען, און אונדז אַלעמען לערנט ער — לערנען... איז לאָמיר איצט, לכבוד זיין הונדערטסטן געבורטסטאָג, ל ע ר נ ע ן א ַ ב ל א ָ ט מ ע נ ד ע ל ע מ ו כ ר ס פ ר י ם.

קינדער-יאָרן

געבורטשטאָט, עלטערן, רביים, חברים

מיר ווייסן אַקוראַט דעם טאָג, אפילו די שעה, ווען שלום יעקב אַבראַמאָוויטש (פריער ברוידע), איז נפטר געוואָרן: דאָס איז געווען שבת, אַרום פינף אזייגער פאַרנאַכט, כ״ג כסלו, תרע״ח — 8טן דעצעמבער, 1917, אין אָדעס. אָבער ווען איז ער געבוירן געוואָרן? זיין געבורטסטאָג איז אין ערגעץ נישט פאַרשריבן געוואָרן. „אַזעלכע זאַכן האָט מען אַמאָל ביי אונדז יידן נישט אין זינען געהאַט, בפרט נאָך אין די קליינע שטעטלעך״ — האָט מענדעלע אַליין דערציילט אין זיין ערשטער, העברייאישער, אויטאָביאָגראַפיע (1889). „אָבער ס'איז אָנגענומען, שרייבט ער טאַקע דאָרטן גופא, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אין דעם יאָר 1836 און אין מיין פאַמיליע האָט זיך דער 20טער דעצעמבער גערעכנט פאַר מיין געבורטסטאָג״...

„נאָר ביי אונדז אַלעמען, די אדעסער שרייבער, דערציילט ש. דובנאָוו אין זיינע זכרונות—איז געווען אַ גרויסער ספק אין דער ריכ־טיקייט פון דער רעכענונג: מען האָט דעם זיידען געהאַלטן פאַר עלטער אויף היפשע עטלעכע יאָר״1). „מען זאָגט״, האָט נאָך מענ־דעלעס טויט, ביים אָפענעם קבר, דערקלערט זיין זון מיכאַאיל אַב־ראַמאָוויטש, — „מען זאָגט, מענדעלע איז אַלט געווען 82 יאָר, אַנדערע זאָגן, אַז גאַנצע 93 2). ווער ווייסט עס?״

מיר ווייסן נישט, ווען מענדעלע איז געבוירן געוואָרן. דערפאַר אָבער ווייסן מיר דעם אָרט, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. דאָס איז קאַפוליע, אַן אָפּגעלעגן ווינקל אין

מינסקער גובערניע סלוצקער „אויעזד״ (ווייס־רוסלאַנד), אַן אָרעם, פֿאַרוואָרפן שטעטל, „ווייט פון טראַקט, מען זעט נישט קיין פּאָטשט, מען הערט נישט קיין גלעקער״, אָבער די נאַטור אַרום איז שיין: „גערטנער, פעלדער און וועלדלעך פון ניס, אויך גע־מויזעכצן, גרין באַוואַקסענע זומפּן מיט פלישניק (זשאַווער) און הושענות, צווישן וועלכע עס רינען קוואַלן וואַסער, עס שוויבלען און גריבלען כל מיני עופות... אויף יענער זייט טאָלן, ווייטער בערג, ווייטער פעלדער, וועלדלעך און וועלדער״ (שלמה ר׳ חיימס״).

נישט איינמאָל האָט מענדעלע שפּעטער באַנוצט די נאַטור־סביבה פון קאַפּוליע ווי אַ מאָדעל פאַר זיינע קינסטלערישע פּיי־זאַזשן. אַזוי, צום ביישפּיל, דערמאָנט ער אין „פישקע דער קרו־מער״ (קאַפּיטל כ״ה) דעם „גרינעם באַרג״ פון קאַפּוליע. „עפּעס, דערציילט ער, איז מיר דער גרינער באַרג אַזוי וואונדערשיין פירגעקומען אין מיין קינדערש קעפּל! עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער איז נישט גלאַט גראָב פון ערד, ווי די פּראָסטע בערגלעך אַרום מיין שטעטל. ניין, ער איז עפּעס, ווי זאָגט מען עס, גאָר כצפּיחית... ווי דער הר הזתים, דער באַרג לבנון, פון ארץ ישראל ערד״...

אָט דער „נישט פּראָסטער״ באַרג האָט געהייסן „שלאָס״. און שלום יעקב האָט זיך אָנגעהערט ייִנגל־ווייז מעשות און לידלעך וועגן דעם „שלאָס״, וואוהין ער פלעגט גיין מיט זיינע חברים, די חדר־ייִנגלעך, שפּילן אין ניס אָדער אין באַהעלטעניש שבת, יום־טוב און בין־הזמנים.

אויפן גרינעם באַרג, ווי אויך אין די פעלדער און וועלדער אַרום קאַפּוליע, האָט ער באַקומען זיינע ערשטע איינדרוקן פון דער נאַטור, וועלכע ער האָט שפּעטער אַזוי קונציק און מיט אַזאַ ליבשאַפט געמאָלן. אָבער נישט נאָר מיט דער נאַטור, אויך מיט קהל און קהלשע פירונגען, דער צווייטער גרויסער טעמע פון זיינע ווערק, האָט ער זיך באַקענט שוין אין די קינדער־יאָרן אין קאַפּוליע.

דאָס שטעטל האָט געהערט צו אַ פּריץ, און ייִדן האָבן אים געצאָלט צינז, אָבער ס׳איז געווען אַן איינגעפונדעוועטע ייִדישע

קהילה, מיט אַן אַלטן בית־עולם, מיט פּנקסן, מיט אַלע טיפּישע יידישע אַנשטאַלטן, ווי אַשטייגער אַ שולהויף מיט קלויזן און בתי־מדרשים, אַ תּלמוד־תּורה, אַ הקדש, אַ קהלס שטיבל און אַ באָד, להבדיל, און אַ טאַקסע מיט כּלי־קודש, מיט רופאים, באַנ־קעס־שטעלער, אָפּשפּרעכערינס, טאָטערן, בעלי־מופתים, א שטאָט־משוגענעם און אפילו אַ „מסור״...

ס'איז געווען אַ שטעטל פול מיט אַמאָליקע יידישע פאַראַנד־קעס, יידישע חנדלעך, יידישע פּרנסות, יידישן דלות:

„וואָס האָט באַדאַרפט האָבן דעמאָלט אַ קאַפּולער ייד? — אַ פּאָר קאַרטאָפל מיט ברויט. אין שיך און שטיוול איז קיינער נישט געגאַנגען. אין בית־מדרש האָט מען געזען הוילע לעכער און הילצערנע פּאַנטאָפל. עס איז געווען אין שטאָט אַזאַ מין אַרבעט: שאָבן בערוועס (דאָס געהילץ פלעגט מען פירן דורך פּעסאָטשנע צום ניעמאַן). פאַרן שאָבן פלעגט מען צאָלן: 3 פערטל קאָפּיקע אַ בערוונע. דער געזונטסטער פלעגט מאַכן 10—12 בערוועס אַ טאָג און פלעגט פאַרדינען אַ גריוונע. און דערפון האָט מען געלעבט. מענדעלס פאָטער איז געווען פּרנס־חודש, ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין גאַנצע הונדערט רובל און האָט דאָך גערעכנט זיך פאַר אַ גביר. און דער אמתער שטאָט־גביר, בנימין, האָט, פאַר־מאָגט ביז פינף הונדערט רובל״... — אַזוי האָט דערציילט דאָ ניט־לאַנג אַ קאַפּוליער זקן(3) און אָט איז מענדעלעס אייגענע שילדערונג פון דאַלפּוינעווקער (קאַפּוליער) עשירות: „... א הע־רינג מיט אַביסל ליאַק דערצו איינצוטונקען דערינען אַ שטיקל ברויט — דאָס זיינען צוויי שפּייזן אַזוינע, מיט וועלכע מען האָט געוויינטלעך זייער שיין יוצא געווען דעם מיטאָג. אַ קרופּניק, נעמלעך: אַ מין געקעכטס פון וואַסער מיט אַביסל גרויפּן, פאַר־ווייסט לפנים מיט א קאַפּעלע מילך, אָדער עטלעכע געקאָכטע קאַרטאָפל — אַזוינס האָט שוין געהייסן עפּעס נאָר עולם הזה״... („די אַנטדעקונג פון וואָלין״). און אָט דאָס איז „דאָס עולם הזה״, וואָס שלום יעקב האָט זיך אָנגעזען אין די קינדער־יאָרן. דאָס איז אים שטאַרק צוניץ־געקומען שפּעטער... און וואָס איז אים נישט צוניץ־געקומען?

קאַפּוליע האָט געהערט צו אַ פּריץ, זיינען געווען מעשות וועגן פּריץ; זיינען געווען יידן מקורבים צום פּריץ, איינגייער אין „הויף"... אַ פּריץ מאַכט גזירות אויף יידן, טוט חסדים מיט יידן... אין די באַנעמונגען פון שטעטל צום „הויף" שפּיגלען זיך אָפּ, אין מיניאַטור, די באַנעמונגען פונם געטאָ צו דער דרויסנדיקער וועלט. אויפן קאַפּוליער תושב ווירקט נישט נאָר דער צוציאונגס־כוח פון „קהל", נאָר אויך די אָפּשטויסונגס־קראַפט פון „הויף", פון דער פרעמדער וועלט... הינטער קאַפּוליע לאָזט זיך דער הימל אַראָפּ אויף דער ערד... אויב נישט דער הימל, לאָזט זיך אַראָפּ אַ שלייער אַ געדיכטער, און מען זעט דורך אים נעפּלדיקע פאַנטאַסטישע געשטאַלטן: די הרי־חושך, די מדבריות פול שלאַנגען און עקדישן, דעם סמבטיון מיט די רויטע יידעלעך...

ליטעראַטור, וואָס איר מקור זיינען זכרונות פון קאַפּוליע, דאַרף האָבן — און זי האָט טאַקע ביי מענדעלען — אַן אייגנאַרטיקע, נישט גאָר קיין געוויינלעכע פאַרב. מענטשן, וואָס קומען פון דער גרויסער וועלט, פון „איראָפּע" קאָן זי אַמאָל אויסקומען מאָדנע פרעמד. אָבער אַזאַ ייד, ווי מענדעלע זוכט נישט קיין כבוד ביי דער „וועלט"...

אַ סברה, אַז אין קאַפּוליע אויפן באַרג זיינען אַמאָל, גאָר פאַרצייטן, געזעסן פירשטן, האָבן געלעבט אַ פירשטלעך־לעבן, און זיי איז אוודאי אויפן זינען גאָרנישט אַרויף, אַז ווען עס איז וועלן יידישע קינדער, חדר־ייִנגלעך, קונדסים מיט פאַרשמירטע פּנימלעך, זיך שפּילן דאָ אין ניס שבת און יום־טוב און בין־הזמנים. און אַלטע יידן און יידענעס וועלן האָבן, וואָס צו דערציילן אויף די פריזבעס זומער און אין די לאַנגע, אומעטיקע, ווינטערדיקע אָוונטן לעבן גרויסן אויוון,ביים „לוטשניק" און אונטערן אויוון אין שול און אויף דער אויבערשטער באַנק אין באָד, להבדיל, האָט מען טאַקע נישט געשוויגן: שלום יעקב האָט זיך אָנגעהערט בערג מיט מעשות. מעשות פון דוקסן און פון מכשפים און פון גלחים און פון משומדים און פון „בערלינער" און פון נאַפּאָלעאָנען און פון תוגר און פון ניט־גוטע און פון שפּרעכערס און פון טאָטערס... די טאָטערס האָבן געוואוינט טאַקע אין קאַפּוליע גופא, אין דער גויאישער גאַס.

פאַרשטייט זיך — ע ר ל י ם ; פאַר אייגענע האָט זיי קיינער נישט געהאַלטן. אין זייער גאַס, אַז מען פלעגט גיין, פלעגט מען נעמען אַ שטעקן, און מיט אַ שטעקן איז מען אויך ניט געווען זיכער. דאָך פלעגט דער קליינער שלום־יעקב זיי זען אי ביי זיך אינדערהיים שבת, ווען דער ערל פלעגט די לייכטער אַראָפּנעמען און די ערלטע — די ציג אויסמעלקן ; אי אין שול, וואו דער שבת־גוי פלעגט לעשן די ליכט ; אי אין מאַרק בעת אַ יאַריד, אי אויפן וועג, וואָס פירט אין וואַלד, וואוהין דער היציקער אומרואיקער שלום יעקב פלעגט זיך אַמאָל פאַרקלייבן... און די אַלע שטעטישע אָדער דאָרפישע ג אַ ו ו ר י ל ע ס און מ י ק י ט ע ס, וואָס זיינען צעזייט איבער מענדעלעס ווערק און זיינען געמאָלן אַזוי וואָרהאַפטיק און מיט אַזאַ הומאָר, אָט די אַלע שבת־גוים און אַזוי גוים, שפּרע־כערס און שפּרעכערינס, סיי די, וואָס זיינען מבין, סיי די, וואָס זיינען נישט מבין בלשון, — זיי אַלע האָבן נישט איינמאָל זיך געקוויקט מיט קאַפּוליער חלה און פאַרביסן ביי א קאַפּוליער שענקער אָן אַ פּאַטענט... גלייך פון שטעטל אָדער פון דאָרף, פרישע, לעבעדיקע, ווילדע און גוטמוטיקע, אַזוינע פרעמדע און דאָך נאָענטע — האָט זיי מענדעלע אין דער יידישער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט...

קאַפּוליע האָט מענדעלען נאָכמער שטאָף געגעבן פאַר זיינע י י ד י ש ע פאַרשוינען, פאַר זיינע קהלס־לייט, זיינע קבצנים, קאָכלעפלעך, טעלערלעקער, בטלנים, שדכנים, מלמדים, מקובלים, קליינע מענטשעלעך ; פאַר זיינע יידענעס און „קליינע יידעלעך", — כל הקהל הקדוש הזה, די גאַנצע הייליקע, אָרעמע, געליבטע און געהאַסטע עדה...

ווי אָרעם קאַפּוליע איז געווען אין „סחורה", אַזוי רייך איז זי געווען אין תורה : „צו זיין אַ שיינער יוסטער באַלעבאָס איז אין ק. (קאַפּוליע), ווי מענדעלע דערציילט — גענוג געווען צו האָבן אַ שטוב, אַ קו און עפּעס אַ שטיקל פרנסה דערצו, אָבער צו זיין אַ פּאַרנעם, געאַכט, געליבט, איז קאַרג אַ רייכקייט, אפילו אַסך אַ גרעסערער דערפון. אין דער ליטע אַמאָל, היינט אפשר שוין נישט אַזוי, האָט מען געלייגט כבוד נישט אַזוי אויף געלט, ווי אויף תורה", און קאַפּוליע איז געווען „אַן אָרט פון תורה פון אייביקע יאָרן, וואו

די אײנוואױנער זײנען כמעט אַלע לומדים, וואו דער בית־המדרש, די קלויז איז פול מיט באַלעבאַטים און באַלעבעסלעך, וואָס זיצן און לערנען, אויך מיט ישיבה־בחורים, פּרושים פון דער פּרעמד, וואָס פאַרלאָזן װײב־און־קינד, קנײטשען די גמרא און עסן טעג; וואו אַלע פאַרנאַכט בין מנחה למעריב, פאַרקלײבן זיך אַרום באַזונדערע טישן בעלי־מלאכות און נאָך אַנדערע פונם עולם, צו הערן אַ גוט וואָרט פון די פּירזאָגער דאָרט; בײ אײן טיש — מדרש, בײם צווײטן — „עין יעקב, בײם דריטן — פּסוק, בײם פערטן — חובת הלבבות, וכדומה, אזעלכע חקירה־ און מוסר־ספרים; וואו שבת און יום־טוב ווערן פון באַלעמער לעבן ארון־קודש געזאָגט פלאַמענדיקע דרשות, וואָס צינדן אָן דאָס האַרץ פון די כנסת ישראל מיט ווערטער פון די נביאים, מיט משלים, קלוגע, שאַרפע, גלײכווערטלעך פון די חכמים, מיט אַ קול, מיט אַ ניגון, וואָס דערקוויקט, צעגײט זיך אין אַלע אברים"... אין אײנער פון די דאָזיקע שולן האָט געלערנט ײנגלווײז אויך שלום יעקב. דאָ, אינם „בית־היוצר לנשמת האומה", אינם ווערקשטאַט פון דער פאָלקס נ ש מ ה, ווי ביאַליק האָט זיך אויסגעדריקט, האָט שלום יעקב אַרײנגעזויגן אין זיך דעם פאָלקס גײסט, דאָ האָט ער געזען די ק ל י אַ ט ש ע, די כנסת ישראל, אין דער געשטאַלט פון אַ פּרינץ און געלעבט אַ לעבן פול מיט רוחניות... בעת ער איז אַרײנגעטאָן געווען אין חומש, איז ער אַרומגערינגלט געווען מיט „װײנגערטנער, טײטלען, פײגן, מילגרוימען און אײלבירטן, פּימסנהאָלץ און ביקסנבוימער". פון לעבעדיקע מיני באַשעפענישן האָט ער געוואוסט: „אַ װיזל־טיר, אַ לינדוואָרם און אַ פײפערנאַטער, אַ לעמפערט ,אַ אינד, וואָס טוט טאָן גלוסטן אויף קוואַלן וואַסער, אַ שור הבר און אַ טירקל־טויב". ער איז אויסגעוועזן אין ארם נהרים, אין כנען, אין מצרים, אין פּרס ומדי, אין שושן הבירה דאָרט און נאָך אין מדינות, פון הודו ביז כוש, אויך אין דער וויסטעניש און מדבריות, און אָנגעזען און אָנגעהערט זיך דאָרט זײער פיל וואונדערלעכע זאַכן. דער תלמוד, דער פאַרצײטיקער ריז, „דער עוג מלך הבשן פון דער וועלט־ליטעראַטור", ווי מענדעלע רופט אים אָן אין זײן אויטאָביאָגראַפיע, — דער תלמוד אין אין זײנע אויגן געווען עפּעס אַ יאַריד אויפן הימל, עפּעס קויפט מען און מען פאַרקויפט און מען

בייט, און מען שרייט און מען דין־תורהט זיך... דער תנא־קמא און אַנדערע וואונדערלעכע אומבאַקאַנטע נעמען האָבן אָפּגעלעבט אין זיין פאַנטאַזיע, געקראָגן פלייש און בלוט... מיטפאַרגעניגן און אַנטציקונג האָט ער אַרומגעשפּאַצירט אינם „ברייטן און ווילדן פעלד" פון די אגדתות, וואו דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד און די ערד ווערט פאַרהימלט... די אגדה האָט געשפּייזט זיין פאַנטאַזיע, דער פּילפּול — זיין מוח. ווי עס ווייזט אויס, האָט דער מוח נאָך מער פעולה געהאַט ווי די פאַנטאַזיע, און דער שפּעטערדיקער „יידישסטער ייד" („יהודי היהודים") איז, ווי אַלע זיינע חברים, יינגלווייז שוין „אַ קליין ידעלע" געווען: אויף דער גאַס שפּילט ער זיך, שטיפט, בטבע איז ער אַ קאָכיקער, אַ הייס־בלוטיקער, „אַ יינגל מיט ביינער" אָבער אין חדר צי אין קלויז ביי דער גמרא, — דאָ ווייזט זיך זיין זיס אַרויס די רואיקייט און מיושבדיקייט פון שפּעטערדיקן תלמיד־חכם: „לערנט ער, איז געלערנט, ער איז מיט דעם גאַנצן קאָפּ אַריינגעטאָן אין לערנען"... פיר אַזייגער פאַרטאָג ווינטער — אַלע שלאָפן נאָך — וועקט אים דער טאַטע גיין אין שול אַריין לערנען אַ בלאַט גמרא... דער פאָטער, ווי די גאַנצע סביבה, האָט אים צוגעהאָלפן ווערן, וואָס ער איז שפּעטער געוואָרן.

זיין פאָטער, ר' חיים משה ברווידע4), איז געווען זייער אַ חשובער באַלעבאָס אין זיין חשובער קהילה, און „אין אַזאַ שטעטל אַז מען איז זוכה צו זיין אַ פאַרנעם, מסתמא איז עס נישט אומזיסט, מסתמא איז מען גוט, פרום און געלערנט, מיט אַלע מעלות". ר' חיים משה, ווי זיין זון אַליין דערציילט, האָט געהאַט די אַלע מעלות. ער „איז געווען, ווי מען זאָגט, אי צו גאָט, אי צו לייט. זיין צייט איז געווען אָפּגעגעבן צו פרנסה, צו תורה און אויך צו שטאָטישע זאַכן. יאָרן־לאַנג אָוועקגעווען אַ קאַזיאָנער רב דאָרט, נישט באַלוינט צו ווערן דערפאַר. פלעגט אויך זאָגן אומזיסט אַ שיעור גמרא מיט פּוסקים פאַר יונגעלייט. זיין הויז איז געווען תמיד פול, דער — אַריין, דער — אַרויס. קיין זאַך האָט זיך נישט געטאָן אָן אים. וואו ערגעץ אַ שפּאַרעניש, אַ לאָדעניש, איז ער געווען דער פאַרמיטלער. בשעת עפּעס אַ נויט אין כלל־זאַכן, פלעגט מען אַנקומען צו זיינס אָן עצה און וועגן אַלצדינג מיט אים זיך מישב

זיין". אין אים איז געווען עפּעס פון ר' בנימינען, וועלכן מענדעלע האָט מיט יאָרן שפּעטער אויסגעמאָלן, אפשר טאָקע לויט דעם מוסטער פון זיין פאָטער, אין „אַן אַלטע מעשה".

ר' חיים משה האָט אַ צייט לאַנג געהאַלטן די קאָראָבקע אין שטעטל, און דער קינפּטיקער מחבר פון „טאָקסע" האָט זיך געקאָנט אַביסל באַקענען מיט איר שוין אין דער קינדהייט, אין זיין פאָטערס הויז.

אויף די אסיפות, וואָס פלעגן פאָרקומען ביי זיי אין הויז, האָט מענדעלע געקאָנט זען נישט איינעם פון די פאַרשוינען, פון וועלכע ער האָט שפּעטער אַזוי אָנגעקוואָלן — און חוזק געמאַכט — אין זיינע מעשות. זייער הויז איז תמיד געווען פול — „דער אַריין, יענער אַרויס" — האָט ער זיך געקאָנט צוקוקן צו די אַלע יידן און יידענעס, צו די אַלע באַלעבאַטים און קבצנים, לומדים און פּראָסטע מענטשן — און ער האָט געקאָנט זען זייער הולך, זייער תנועה'ס, זייערע העוויה'ס, געקאָנט הערן זייערע רייד, זייערע ווערטלעך, זייערע המצאות, זייערע קרעכצן און זיפצענישן.

צו זיין פאָטער איז מען געקומען נישט נאָר זיך האַלטן אַן עצה, שמועסן וועגן מסחר־זאַכן און אַרומריידן קהלשע ענינים. מען פלעגט אָנקומען צו אים אויך „בשעת, נישט־דאָ־געדאַכט, עפּעס אַ קראַנקהייט. קיין דאָקטאָר אין שטעטל איז נישט געווען, חוץ אַ רופא, וואָס האָט מער נישט געוואוסט ווי שלאָגן צו דער אָדער, שטעלן פּיאַווקעס, באַנקעס — — — — פלעגט מען קומען מיט אַ געבעט צו ר' חיימען ער זאָל מוחל זיין גיין דעם חולה „צו באַ־טראַכטן", און ר' חיים, וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, איז געגאַנגען באַטראַכטן. ביים עולם איז איינגערעדט געווען, אַז ר' חיים איז אַ מעטער, אַגרויסער מבין אין דאָקטאָריע. ער אַליין ווידער האָט זיך געהאַלטן טאָקע דרינען פאַר אַ שטיקל מבין"...

קאָן מען זיך פאָרשטעלן, וויפל מענדעלע האָט זיך אָנגעזען און אָנגעהערט אין אַזאַ הויז. אַן אויג צו זען און אַן אויער צו הערן האָט ער געהאַט שוין יינגלוויז. „ס'איז אין אים געלעגן בטבע", זאָגט ער וועגן שלמה ר' חיימס, ד. ה. וועגן זיך אַליין, — „ס'איז

אים געלעגן בטבע עפּעס אַזוינס אויפצוכאַפּן באַלד ביים ערשטן בליק יענעמס אַ מינע, אַ וואָרט, וואָס איז עפּעס נישט אַזוי משונה ווי ביי אַנדערע. ער פלעגט וואונדער־שיין נאָכמאַכן אַבי וועמען מיט אַלע פּאַסטעמקעס — ווי יענער רעדט, ווי יענער שטייט און גייט, אַזוי, אַז מען פלעגט זיך האַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער, זעענדיק און הערנדיק אים". (אָט די פיאיקייט נאָכצומאַכן און נאָכצוקרימען האָט מענדעלע אַרויסגעוויזן אויך שפּעטער, ווי אין לעבן, אַזוי אויך אין זיין שאַפן, וואו ער האָט ליב געהאַט צו פּאַ־ראָדירן דעם נוסח פון אַלטע ספרים, פון תחינות, פון מלמדישע טייטשן).

נאָך מער פון זיין פאָטערס הויז, איז זיין פאָטער אַליין געווען וויכטיק פאַר זיין דערציאונג. ר׳ משה חיים האָט אַזוי ווי געפילט, אַז אין זיין זון שלום יעקב ליגן באַהאַלטן עפּעס גאָר באַזונדערע מעלות, ער האָט אַזוי ווי פאָראויסגעזען אַז זיין זון וועט אויסוואַקסן אַ גדול בישראל, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט אים מער ווי מיט אַלע איבעריקע קינדער.

שלום יעקב „האָט פון קינדהייט אָן זיך געוויזן פאַר אַ וואוילס, אַ לעבעדיקס, מיט אַ שאַרף קעפּל צום לערנען. אין איין יאָר האָט ער זיך אויסגעלערנט ביי משה שלייען גוט עברי, געלייענט גיך ווי אַ וואַסער און אָנגעהויבן חומש, ווי דער שטייגער איז, פון „ויקרא", וואָס אַנדערע קינדער באַדאַרפן דערויף אָוועקזיצן אַ צוויי־דריי יאָר". האָט דער פאָטער אויף אים געלייגט גאָר גרויסע האָפענונ־גען, און ער האָט געזוכט פאַר אים גאָר אַ באַזונדער סאָרט מלמד. „ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ביי אַ געהעריקן סדר לערנען אַלצ־דינג, וואָס מען באַדאַרף, און ביי אַ רעכטן מלמד אין די הענט, קאָן פון אַזאַ קינד, מיט דער צייט, ווערן אַ לייט". אָבער וואָס הייסט „אַ געהעריקער סדר לערנען?" פון וועלטלעכע לימודים האָט מען נישט געוואוסט אין אַזאַ שטעטל, ווי קאַפּוליע, מען האָט געלערנט גמרא און פּוסקים. אפילו תנ״ך, אַחוץ דעם אָנהויב פון איטלעכער סדרה, האָט מען נישט געלערנט. „מען האָט זיך עפּעס געשייעט, עס האָט עפּעס געשמעקט מיט אפיקורסות". אָבער פאַר זיין שלום יעקבן האָט ר׳ חיים משה געוואָלט מאַכן אַן אויסנאַם.

ער איז, אגב, אַליין נישט געווען ענלעך אויף אַנדערע פרומע יידן. ער איז געווען, ווי מיר האָבן געזען, אַ מין קאַזיאָנער ראַבינער, האָט געפירט די ביכער מיט די מעטריקעס און געהאַט אַ שטיקל ידיעה אין חכמת הרפואה. אָבער אין אַנדערע זאַכן איז ער אויך געווען אַ שטיקל מושלם. ער האָט געקאָנט תנ״ך און געשריבן מליצה, אפילו שירים. „פון זיינע בריוולעך פלעגט מען לעקן די פינגער. ער האָט געהייסן צווישן זיינע אַלע באַקאַנטע אַ בעל־לשון״. אַזוי דערציילט מענדעלע אין „שלמה ר׳ חיימס״; אין זיין העברייאישער אויטאָביאָגראַפיע האָט ער אָנגעגעבן נאָך עטלעכע פּרטים: „דער אויבערשטער האָט מיין פאָטער מזכה געווען מיט אַ כוח הדיבור און ער פלעגט צייטנווייז האַלטן שיינע דרשות און איז געווען אַ שטיק בעל־מליצה אויף לשון קודש. זיינע דרשות און בריוו געפינען זיך נאָך ביז היינטיקן טאָג ביי די איבערגעבליבענע פון זיינע פאַרערער״. ער וואָלט אפשר אַליין געווען אַ שרייבער ביי יידן, ווען ער זאָל האָבן געלעבט אין אַ שפּעטערדיקער צייט. אַליין איז ער קיין שרייבער נישט געוואָרן, אָבער ער האָט געזען, אַז פון זיין זון זאָל אַרויסקומען עפּעס רעכטס. ער האָט אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ קענער פון תנ״ך, פאַר אַ בעל־לשון. אָבער ווי מאַכט מען עס? אַליין האָט ער קיין צייט נישט געהאַט מיט אים צו לערנען אַ גאַנצן טאָג, און קיין רעכטע מלמדים, וואָס זאָלן גוט קאָנען דיקדוק און תנ״ך, זיינען נישט געווען. האָט ער גענומען אַ יידן פון שטעטל, איינעם אַ יאָשע ראובנס (אָדער ליפּאַ ראובנס, ווי ער רופט אים אָן אין „שלמה ר׳ חיימס״), און אים איינגערעדט ער זאָל ווערן אַ מלמד, מחמת ער האָט, לויט דער מיינונג פון שלום יעקבס פאָטער, געהאַט דערצו אַלע נויטיקע קענטענישן און פיאיקייטן. ער איז געווען „איינער פון יענע מענטשן, אין וועלכע גאָט האָט אַריינגעלייגט אַלע גוטע מתנות: גייסט, האַרץ און געפילן, נאָר פאַרגעסן אָבער זיי צו געבן אין קלייניקייט — מזל״. ער איז געווען „אַ שטילער, אַ גוטער און זייער באַליבט ביי איטלעכן אין דעם שטעטל. זיין כאַראַקטער, זיין וואוינונג, זיין שטייגער לעבן, זיין טאָן און אַלץ מיט אַן אַנדער האָט באַשיינפּערלעך געוויזן, אַז אין אים איז דאָ דאָס פּינטעלע, דער ברען פון אַ קינסטלער. ער האָט געהאַט אַ האַנט צו שניצן, צו מאָלן, צו שרייבן

און צו קריצן אויף קופּער און אויף שטיינער, נישט צו מאַכן דערויס אַ פּרנסה, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל דאָס איז געווען זיין בעסטער פאַרגעניגן, ווייל עס האָט אים דערצו עפּעס געטריבן און ער האָט באַדאַרפט, געמוזט מייסטערן". ביי אָט דעם מלמד מיט דער קינסטלערישער נשמה האָט שלום יעקב געלערנט תנ"ך און דערנאָך גמרא. „בשעת דעם לערנען ביים טיש, פלעגט דער רבי זיצן אויף זיין אָרט מיט עפּעס אַן אַרבעט — מאָלן אָדער שטעכן אַ חתימהלע. נאָר דאָס האָט אָבער נישט געשאַדט צום גאַנג פונם לערנען. ער האָט נישקשה זיך גוט צוגעהערט. פאַרקערט, דאָס לערנען איז געגאַנגען נאָך פיל בעסער. די אַרבעט איז פאַר אים געווען דאָס אייגענע, וואָס אַ פּראָסטן בעל־מלאכה אַ גוטער טרונק־בראַנפן. זי האָט אים באַגייסטערט, באַלעבט, געמאַכט באַריידעוודיק. ערשט דענסטמאָל האָט ער דערקלערט אַלצדינג שאַרף, קלאָר, פונם מויל האָבן זיך אים געשאָטן פּערל, אין די אויגן האָט געפינקלט אַ הייליק פייערל, ער האָט געקוקט מיט ליבשאַפט עפּעס אַזוי גוט, אַזוי גוט... און דעם תלמיד פלעגט עס געבן אַ נעם, אַ ברען, אונטערגעבן אים אַ חשק, ער האָט געשלונגען איטלעכס וואָרט, אויפשטעלנדיק די אויערלעך. דאָס לערנען איז נישט געווען, ווי ביי יענע, ערגעץ אַנדערש, אַשטייגער, אַ שווערע משא, אַ ריין אָפּקומעניש — — — ניין, דאָס איז געווען נאָר עפּעס אַ שמועס צווישן צוויי פריינט, אין וועלכן איין האַרץ פילט דאָס אַנדערע — אַ שמועס, וואָס מאַכט פאַרגעניגן אי דעם, וואָס רעדט, אי יענעם, וואָס עהרט.ביידע פאַרשטייען זיך זייער גוט, און עס ווילט זיך צוברענגען אַזוי די צייט נאָך און נאָך"... ביז טיף אין דער עלטער האָט מענדעלע געדענקט אָט דעם רבין זיינעם. איז דאָך אין אים אַליין געווען עפּעס פון יאָשע ראובנס פייאיקייט צו „קנעלן" מאָלנדיק דערביי, צו לערנען מיט די לעזער און גלייכצייטיק שאַפן קינסטלערישע געשטאַלטן. איז ער דאָך אַליין, אַזוי ווי יאָשע ראובנס, געווען אַ קינסלטער־דערציער! און ער האָט ביי זיין רבין טאַקע געהאַט אַ גרויסע פּעולה. צו ניין יאָר האָט ער שוין געקאָנט גאַנץ תנ"ך מיט תרגום אונקלוס5).

אַז ער איז אַלט געוואָרן צען יאָר6) האָט זיך די תורה פאַר אים ביי יאָשע ראובנס אויסגעלאָזן, און ער איז איבערגעגאַנגען

„אויף דעם טאַטנס הענט לערנען אונטער זיין השגחה״. „דער שטייגער לערנען זיינער איז געווען אַזוי: אַלע פרימאָרגן, באַלד נאָכן דאַווענען, פלעגט דער טאַטע זיצנדיק אויף זיין שטאָט אויבנאָן אין קלויז לערנען מיט אים אַ פרק אָדער צוויי פרקים משניות כסדר. נאָך דעם אָנבייסן פלעגט ער בלייבן אינדערהיים, צוגרייטן אין אַלקערל דאָרט דאָס לייענען, וואָס דער טאַטע האָט אים אין דער גמרא פאַרגעבן מיט תוספות און מהרש״א. ער האָט עס באַדאַרפט דערנאָך איבערזאָגן, אינדערהיים טאָקע, אַמאָל בייטאָג, אַמאָל בײ־נאַכט, ווי דעם טאַטן איז אויסגעקומען, און גאָר אַמאָל פלעגט דער טאַטע אויפוועקן שלמהלען (שלום יעקבן) פאַרטאָג אויך און אַוועקגיין מיט אים לערנען אין קלויז״. בייטאָג איז ער אַליין געזעסן אין קלויז איבער דער גמרא. ער האָט דאַן נאָך פון קיין זאַך נישט געוואוסט, אַחוץ די ד׳ אמות פון הלכה. די נייע העברייאישע לי־טעראַטור איז אים געווען נאָך אינגאַנצן פרעמד. פרעמד איז אים געווען די גאַנצע גרויסע און ווייטע וועלט. אַזיווי זיין שפּעטער־דיקער העלד בנימין השלישי, האָט ער געמיינט, אַז „די גאַנצע וועלט איז דאָ פאַר מיר און ווייטער פון קאַפּוליע איז אַ וויסטע מדבר: דאָרט געפינען זיך שוין די הרי חושך און דער סמבטיון מיט מאָדנע משונהדיקע באַשעפעניש״. (אויטאָביאָגראַפיע).

ער האָט אויך נישט געוואוסט, וואָס הייסט „אויסגיסן דאָס האַרץ״ אויפן פּאַפּיר, און „אַז דאָס געטלעכע געפיל האָט זיך אין מיר דערוועקט, דערציילט ער אין זיין העברייאישער אויטאָביאָ־גראַפיע, האָב איך דאָס נישט אויסגעגאָסן אין מליצה אויפן פּאַפּיר, נאָר בין געבליבן זיצן שווייגנדיק7). געברומט און געשטורעמט האָבן אין מיר די געפילס־כוואַליעס און אין דער שטיל האָט מיין האַרץ געוויינט אויף דעם: וואָרים איך האָב גערעכנט, אַז דאָס איז מעשה שטן, דער יצר הרע פירט דאָס אָן מיט מיר, און מיט די זינדיקע טראַכטונגען איז ער מיך מבטל פון תורה לערנען. און כדי ניצול ווערן פון אים, האָב איך נישט געפונען קיין אַנדער עצה ווי דאַווענען און בעטן צו גאָט״. און אַז די תפילות האָבן אויך נישט געהאָלפן, איז, ער געגאַנגען אין „די פרייע גרינע פעל־דער, אין די געדיכטע איינגעצוויגטע וועלדער״, געקראָכן אויף

די בערגלעך אַרום שטעטל. אין דער שטילקייט פון דער נאַטור האָט ער געזוכט צו באַרואיקן די שטאַרקע, שטורעמדיקע געפילן פון זיין אויפוואַכנדיקער פאַנטאַזיע, פון זיין „אויפגעוואַכטן פרילינג״. ער איז געגאַנגען צו דער נאַטור „ווי אַ חתן אַנטקעגן דער כלה״... „די כלה וויטעט זיך, לאָזט זיך אים הערן שטיל אויף אַ שושקענדיקן קולכל פון צווישן שאַקלענדיקע זאַנגען ווייץ און קאָרן; ווינקט אים דורך זשוואָווע־רירנדיקע צווייגן פון הויך געוואַקסענע בוימער; שמייכלט, מאַכט חן דורך אַ שיינענדיקן זייל שטראַלן, דורכברעכנדיק זיך צווישן דעם גרינעם ים בלעטער. זי ווייזט אים איר שיינע רייכע גאַרדעראָבע, מאַכט אים א חשק אויסציען זיך אויף גרינע מיט קוויטן־בלומען געשטיקטע קאָווילאָרן א. אַז. וו. א. אַז. וו.״ (שלמה ר׳ חיימס). ער האָט שוין נישט געקאָנט מער פאַרברענגען דעם גאַנצן טאָג אין בית־המדרש ביי דער גמרא. עס האָט אים געצויגן אויף דער גאַס, צו מענטשן, ווען ער איז נישט געגאַנגען אַנטקעגן „דער כלה״ — דער נאַטור. ער האָט זיך אויסגעזוכט חברים, ייִנגערע און אויך עלטערע פון אים, זיין גלייכן און נישט זיין גלייכן, איז אומגעגאַנגען מיט זיי און „האָט זיך אַביסל טאַקע פאַרגעסן, פלעגט פאַרפאַלן ווערן אַמאָל און פאַרשפּעטיקן אַהיים צו מיטאָג״. ער איז שוין נישט געווען אַזאַ „וואויל״, תמימותדיק ייִנגל, ווי אַמאָל. עס האָט אין אים עפּעס געקאָכט, געיאוירט, געראַנגלט זיך מיט זיך אַליין, נישט געלאָזט אים רוען. דאָס איז געווען די צייט, ווען אין אַ קינד הויבן אָן צו וועקן זיך נייע כוחות, נייע פאַרלאַנגען, נייע שטומע בענקענישן. און שלום יעקבן האָט אָנגעהויבן צו ציען נישט נאָר צו פעלד און וואַלד און פויגל־געזאַנג און נייע חברים... „פאַרפאַלן! איז אין אַ מענטש דאָ געשמאַק, געפיל, באַהיט זאָל מען ווערן, לאָזט זיך עס נישט אַזוי גרינג מיט דער האַנט אָוועקמאַכן. איז אים געפעלן, מעשה־שטן, די מגושמשיינע ווערק גאַטס, פשוט, אין דער פאָרמע, אין דער געשטאַלט, ווי זיי זיינען, וועט קיין מוסר־ספר נישט קאָנען עס אים פאַרמיאוסן, מאַכנדיק דערפון אַש, עפר ואפר... עס וועט אים, נישט פאַר ייִדישע קינדער געדאַכט, עפּעס גאָר ווי אַ מאַגנעט, ציען, ציען, ציען... שיינע צורות, גוטע זאַכן, זינדיקע מענטשן דערמיט צו פאַרפירן, זיינען פאַר דעם יצר־הרע אויף דער וועלט דאָ גענוג,

איבערגעגנונג — ווילסט נישט דאָס, נאַ־זשע דיר, נשמהניו, יענעס, דאָס כלומרשט איז פע, נאַ־זשע דיר, שלמהלע, א פראַדל, א שיינס, אַ פיינס, מלא חן!״ („שלמה ר׳ חיימס״). איז עס געווען אַ ליבע? נישט ער און נישט פראַדל, וועלכע איז געווען מיט אים אין איינע יאָרן, נאָך גאָר אַ קינד, הייסט עס, האָט נישט געוואוסט, ווי מען רופט עס און וואָס דאָס מיינט. פראַדל איז געווען גאָט די נשמה שולדיק, און ער — ער האָט נאָר געוואוסט, אַז ווען ער זעט זי (און זי פלעגט אָפט קומען צו זיי אין הויז שפּילן זיך מיט די קינ־דער) — „גיט אים עפּעס אַ צי, אַ טיאָך דאָס הערצעלע, עפּעס לויפט אים ווי אַ הייסער שטראָם דורך די אַלע גלידער, רויט און בלייך ווערט ער אויף איינמאָל! עס ציט אים, עס גלוסט זיך אים אויף איר צו קוקן, קוקן, נאָר, געוואַלד, רבונו של עולם, וואָס טוט מען מיט דיר? ס׳איז דאָך אַ גרויסע עברה!״

אָט אַזוי האָט ער זיך געראַנגלט מיט זיינע ערשטע ליבע־געפילן, און — „עס פאַרשטעטיי זיך, האָט ער שפּעטער דערציילט, אַז שלמהלעס (שלום יעקבס) ליבע איז, אַזוי גוט ווי פאַר אַנדערע, אויך פאַר פראַדלען געווען אַ סוד״. און — געבליבן אַ סוד. איר גאַנצע פאַמילע האָט זיך אינגיכן אַרויסגעקליבן פון קאַפּוליע.

אין יענעם פעריאָד פון זיין קינדהייט האָט שלום יעקב גע־שלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט די בעל־מלאכה׳ס פון שטעטל, דערהויפּט מיט אייזיק דעם שמיד און הערצל קיילעס דעם סטאָליער. אין אַ נאַסן קאַלטן טאָג, ווען עס איז אים געווען אומעטיקלעך אויפן האַרצן, פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן צו אייזיקן אין קוזניע, זיצן און צוהערן זיך, ווי עס פאַכט הייזעריקלעך דער געלאַטעטער בלאָז־זאַק, זיצן און קוקן, ווי די פונקען „שפּרינגען, טאַנצן, ווי די רוחות״. אָדער ער פלעגט אַריין צו הערצל קיילעס, פאַר וועמען די סטאָ־לערײַ איז געווען „נישט אַזוי וועגן דער פּרנסה, ווי צוליב דעם פאַרגעניגן, וואָס ער האָט דרינען געהאַט — צו מאַכן אַ כלי״. שלום יעקבן זיינען זייער נאָענט געווען אָט די פאָלקס־מענטשן, וואָס ביי אַנדערע אומשטענדן וואָלטן זיי געוואָרן קינסטלער, און ער האָט פאַרבראַכט מיט זיי, ווי מיט זיין גלייכן. „נאָך דער גרויסער מרה־שחורה, וואָס דערוואַקסענע יידן, באַווייבטע, מאַכן־אָן מיט זייע־

רע ערנסט־פּינצטערע פּנימער, מיט זייער זאָרגן אָך־און־ווי און ביטער־זויערן מוסר־זאָגן תּמיד" — האָבן די געזונטע און פריילעכע בעל־מלאכות אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי יינגלעך־שטיפער. אין זייער געזעלשאַפט האָט ער געפונען דאָס, וואָס איז נישט געווען אין דער באַלעבאַטישער סביבה פון זיינע עלטערן — שפּילעוודי־קייט, לעבנס־פרייד, פאָלקס־מעשׂות און פאָלקס־לידלעך. צווישן זיי זייענדיקע האָט ער זיך נישט געדאַרפט שעמען מיט זיינע יינגלשע און פּאָעטישע חפצים, זיי זיינען אַליין געווען האַלב־יינגליש, האַלב־פּאָעטיש. אין די קאַפּיטלעך, וואו ער האָט דערציילט וועגן זיי אין „שלמה ר' חיימס", געהערן צו די פּרעכטיקסטע קאַפּיטלעך פון זיין פּרעכטיקער אויטאָביאָגראַפיע... „דאָס יידישע קינד, וואָס קוים שטעלט זיך עס אויף די פיסלעך, האָט ער דאָרט געשריבן, יידלט מען עס שוין, מאַכנדיק אויס אים אַ קליין יידל, וואָס זיין יוגנט פאַרשווינדט גיך ווי אַ חלום און ווערט, אַז אָך און ווי צו אים, פאַראומערט, געעלטערט פאַר דער צייט — אָט אַזעלכעס, נעבעך, פילט זיך ווי ביי געבוירן אין דער געזעלשאַפט פון אַ מענטשן, וואָס איז צו אים צוגעלאָזט, ווייזט אים א גוטע מינע, וואָס איז אַליין אויך נאָך גאָר אַ קינד, וואָס רעדט מיט אים איין לשון, און גייט אים אַריין אין דער נשמה מיט זיינע מעשׂות. דאָס קינד לעכצט נאָך אַזעלכן, נאָך זיינס אַ וואָרט, ווי אַ דאַר גרעזעלע בשעת די גרויסע היצן נאָך אַ טראָפּן וואַסער, און ווערט צו אים צוגעזאָטן מיט לייב און לעבן. נאָר אַזעלכע יונג־אַלטע מענטשן אָבער איז זייער שווער ביי אונדז צו געפינען — — — אייזיק דער שמיד, איינער, און הערצל קיילעס דער סטאָליער, דער צווייטער,ביידע האָבן געווירקט אויף שלמהס (שלום יעקבֿס) גייסט, דערהאַלטן אין אים דאָס יונגע פייערל, ביידע זיינען אים געווען זייער טייער און צו ביידע האָט אים דאָס האַרץ שטרק געצויגן".

ביידע האָבן געוועקט און גענערט אין אים יענע ליבע צום פאָלקס־מענטשן און צום פאָלקס־שאַפן, וועלכע האָט זיך שפּעטער אַזוי וואונדערלעך פאַנאַנדערגעבליט און אַזעלכע טייערע פּרוכטן געגעבן אין זיינע ווערק!

די קינסטלער בעלי־מלאכה'ס, די קינדער בעלי־מלאכה'ס, אייזיק און הערצל, האָבן אַזוי ווי זיין רבי, יאָשע ראובנס, וועלכער איז

אויך געווען אַ קינסטלער־נאַטור — געהאַט אַ חלק אין דעם זייער וויכטיקן פאַקט, וואָס מענדעלע איז נישט אַוועק פון דעם פּרום־פּאַרצייטיקן יידישן לעבן מיט אַזאַ האַס און אַזאַ פאַרביטערטקייט, ווי אייניקע אַנדערע משכּילים פון זיין דור. מענדעלע האָט פיינט געהאַט די קהלס־לייט און די קהלשע פּירונגען, ער איז געווען פול מיט צאָרן אויף די יידישע פּרנסות, אָבער ער האָט (אפילו אין די ערשטע, ריין־משכּילישע, ווערק זיינע) געהאַט מער געדולד, ווי אייניקע אַנדערע השכּלה־שרייבער, צו די פאַרשטייער פון דעם אַלטן דור.

און אַט דעם פרייערן ברייטערן קוק אויפן פאַרצייטיק יידישן לעבן האָבן אים געהאָלפן שאַפן נישט נאָר אַזעלכע פּאַטעטישע נשמות, ווי עס זיינען געווען אייזיק דער שמיד, הערצל דער סטאָליער, זיינע פריינט, און יאָשע ראובנס, זיין רבי. אויך זיין פאָטער האָט דאָ געשפּילט אַ ראָליע. שלום יעקב האָט נישט געדאַרפט מלחמה האַלטן מיט זיין פאָטער. זיין פאָטער האָט תמיד געוועקט אין אים געפילן פון אַכטונג און ליבע, כאָטש ער איז געווען „אַן ערנסטער מענטש, אַ פאַרטראַכטער, אָפּגעזונדערט מייסטנס פאַר זיך, זעלטן מיט אימיצן אין דער היים גערעדט אַ וואָרט". ער האָט זיין זון צוגעגרייט אין אַ געוויסער מאָס צו דער השכּלה. ער האָט אים אָפּגעגעבן, ווי מיר האָבן געזען, צו אַ מלמד, וועלכער האָט געלערנט מיט אים תנ"ך, דיקדוק און געהאָלפן אים ווערן א בעל־לשון, אַזוי, אַז די השכּלה איז פאַר אים שפּעטער געווען נישט גאָר אַ נייע, אַן אומגעריכטע זאַך, נישט קיין דורכויס פאַרבאָטענע פרוכט, וואָס האָט אין זיך גאָר אַ באַזונדער חן . . . איז ער נישט אַזוי שטאַרק נתפּעל געוואָרן פון דער השכּלה, דער „הימלשער טאָכטער", ווי אַנדערע משכּילים.

עס איז נישט געווען קיין ראָמאַנטיק אין זיין פאַרבינדונג מיט איר, ווייל ס'איז אים נישט שווער אָנגעקומען צו ווערן אַ משכּיל. אין די קינדער־יאָרן האָט זיין פאָטער אַליין געוואָלט, אַז ער זאָל קענען תנ"ך, דיקדוק, מליצה, און אויך שפּעטער האָט ער נישט גע־דאַרפט ליידן פאַר זיין שטרעבן צו ווערן אַ געבילדעטער. מיט א. ב. גאָטלאָבערן, דעם „אַפּיקורס", זיין ערשטן עכטן השכּלה־לע־

רער, איז ער (שפּעטער, אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק) באַקאַנט געוואָרן דורך אַ פרומען יידן, און אַוועקגעפירט צום משכיל אַהיים האָט אים דער שמש פון דער שול, וואו ער האָט געלערנט...

איז אַבראַמאָוויטש אַוועק פון שול, פון די ד׳ אמות של הלכה נישט קיין פאַרביטערטער. די פרומע יידן זיינען אים נישט געווען קיין פּערזענלעכע שונאים, און ער האָט געזען אין זיי נישט „פאַנאַטיקער“, נאָר מענטשן, און ער האָט זיי נישט איינגעטיילט, ווי אַנדערע שרייבער פון זיין צייט, אין „פינצטערע“ (חשוכים, מורדי־אור) און „אויפגעקלערטע“ (משכילים, נאורים), נאָר אין אונטערדריקער און אונטערדריקטע, אין ערלעכע און ניט־ערלעכע.

שוין אין זיין ערשטער יידישער דערציילונג אין „דאָס קליינמענטשעלע“, וואו עס זיינען פאַראַן נאָך אַ היפש ביסל שפּורן פון דער נאַאיווער השכלה, — שוין דאָרט ווערט דר. שטיינהערץ, וועלכער האָט אַ שטיינערן האַרץ, צוגערעכנט צו די איסר וואַרגעס, צו די קליינמענטשעלעך, כאָטש ער איז אַ געבילדעטער, אַ משכיל. פאַרקערט, אַ רב איז פאַראַן דאָרט דווקא אַ סימפּאַטישער (הגם קינסטלעריש איז ער אַ שאָטן, אָן בלוט און פלייש), און יצחק אברהם תקיף פאַרלאָזט זיך אויף אים, אַז ער וועט פירן די תלמוד־תורה איינינעם מיט דעם משכיל, גוטמאַן, און עס וועט נישט זיין צווישן זיי קיין מחלוקת. גוטמאַן איז אַביסל פאַרצוקערט, און אויך וועקער אין דער „טאַקסע“ איז אידעאַליזירט, אָבער זייער מעלה איז נישט דאָס, וואָס זיי זיינען משכילים, נאָר דאָס, וואָס זיי זיינען ערלעכע לייט, אידעאַליסטן. דאָס אייגענע איז מיט דעם משכיל ר פאל (אין „ווינטשפינגערל“). ער איז פריער ווי אַלץ אַן ערלעכער און א געניטער מענטש. אָבער אַזוינע ערלעכע לייט, איידעלע נאַטורן, אידעאַליסטן ווייזט אונדז מענדעלע אויך צווישן די פרומע. וואו האָבן מיר ביי שרייבער־משכילים געהאַט אַ ר׳ בנימין („אַן אלטע מעשה“), א ר׳ אברהם („ווינטשפינגערל“)? מענדעלע מוסרט אַמאָל די פרומע, אָבער נישט פאַר זייער פרומקייט, אפילו נישט פאר זייערע נאַרישע אָבערגלויבנס, נאָר דערפאַר, וואָס די

פרומקייט און דער אַבערגלויבן ווערן אויסגעגוצט פון די תקיפים, די קהלסלייט, אין זייערע שמד־שטיק קעגן „שטאָט״, קעגן די אָרי־מע . . .

מענדעלע איז געווען פאַרקאַכט אין סאָציאַלע, נישט אין רע־ליגיעזע, רעפאָרמעס. און איינע פון די אורזאַכן האָט געמוזט זיין דאָס, וואָס די קהלשע פאַראַנדקעס האָבן אין די קינדער־יאָרן גע־מאַכט אויף אים אַ שווערערן איינדרוק, ווי די רעליגעזע פירונגען.

און אַז מיר האַלטן שוין ביי דער ווירקונג, וואָס עס האָט אויף מענדעלען געהאַט די סביבה פון זיין קינדהייט, מוזן מיר, אַחוץ זיין פאָטער, זיינע תלמידים און חברים, דערמאָנען אויך זיין מוטער, שרה־נעשע. זי האָט, גלויב איך, אַ שייכות צו דעם רחמנות־געפיל, צו דער סענטימענטאַלער האַרציקייט, צו דער ליריק, וואָס איז דאָ אין מענדעלעס שאַפן.

מיט אַ שטילער צערטלעכער ליבשאַפט האָט מענדעלע זי גע־מאָלן אין „שלמה ר׳ חיימס״. ער פאַרגלייכט זי מיט אַן אַנדער פרוי פון אַן אַנדער פאַמיליע און מאַכט דורך דעם נאָך קענטיקער די איידלקייט פון דער נשמה, וועלכע האָט וויכער, וואָרימער גע־מאַכט זיין אייגענע — און זיין פאָטערס — שטרענגקייט: „ס׳איז, זאָגט ער, אַ גרויסער חילוק צווישן טויבע־סאָסיען, חנאס וויב, און דער מאַמען זיינער (שלום יעקבס). טויבע־סאָסיע איז אַ ברייט־ביינערדיקע, אַ יאַדערדיקע. אירע הענט, איר פּנים זיינען עפּעס מגושם א. אַז. וו. אַנטקעגן־זשע, שרה, די מאַמע זיינע, איז אַן איי־דעלע, אַ שוואַכע, האָט קליינע ווייסע הענט, מיט דינע בלויע אָדער־לעך, אַ פאַרפרומט בלייך פּנים, מיט דינע ליפּן — אינגאַנצן עפּעס אַ רוחניות, און אַז זי גייט, דוכט זיך, זי שוועבט. זי איז אַ וואויל־קענעוודיקע, קאָן אַלע תחינות פון ארץ ישראל, א. אַז. וו. לייענט דעם צאינה וראינה, דעם מנורת המאור און נאָך אַזעלכע ספרים, ווייזט ווייבער אין שול צו דאַווענען, וואָס צו זאָגן, ווען צו שפּרינגען קדוש, לייענט זיי אויך פאָר״... „איר לייענען איז געווען פול מיט געפיל, איר ניגונדל דערביי האָט גערירט, געצופּט ביי דער נשמה, אַ שטיין אפילו וואָלט פון אירע טרערן אויף צעגאָסן גע־

וואָרן״... זי האָט, אַזויוױ דער פּאָטער, געהאַט וואָס איבערצו־
לאָזן אין איר זונס נשמה, וואָס איבערצוגעבן אים ברושה...
זי האָט אים איבערגעגעבן איר סענסיטיוויטעט.

נאָכן פאָטערס טויט

ישיבה׳ס. — וואַנדער־יאָרן. — טינקאָוויטש. — צוריק אין קאַפּוליע. — סלוצק. — ווילנע. — מעלניקי.

אָבער שלום יעקבן איז נישט באַשערט געווען צו בלייבן לאַנג אין דעם הויז פון זיינע עלטערן. די געשעפטן אין שטעטל האָבן גענומען גיין שלעכט. עס איז געוואָרן אַ דוחק אין פרנסה. האָט דער עולם אויפגעהערט קויפן פלייש, און ר׳ חיים משה, דער בעל־טאַקסע, איז פאַראָרעמט געוואָרן. דערצו נאָך האָט ער געהאַט צרות פון זיין יונגן איידעם, וועלכער איז געווען ביי אים אויף קעסט: זיין טאָכטער לאה האָט זיך געמוזט גטן מיט איר מאַן. אַלץ אינאיינעם האָט ר׳ חיים משהן פאַראומערט דאָס לעבן, אים גרוי געמאַכט פאַר דער צייט. ער איז קראַנק געוואָרן און אינגיכן געשטאָרבן. ער איז אינגאַנצן אַלט געווען אַ יאָר צוויי־דריי אין פערציק. שלום יעקב איז געווען אַ בר־מצוה־בחורל. די מוטער, אַן אָרעמע אַלמנה מיט קליינע קינדער, האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן די גאַנצע פאַמיליע. איז געבליבן, אַז שלום יעקב זאָל אַוועקפאָרן ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט לערנען און עסן „טעג״.

אָט אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן זיינע וואַנדער־יאָרן, — יאָרן, ווען ער האָט אַסך געליטן, נאָך מער אָבער געלערנט.

דאָס ערשטע פרעמדע שטעטל, וואו ער האָט געלעבט, ווען ער האָט פאַרלאָזן זיין געבורטס־אָרט, איז געווען טינקעוויטש, אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון קאַפּוליע. קיין ישיבה איז דאָרט נישט געווען, און דאָס פרעמדע בחורל, דער יתום, איז אַליין נעבעך געזעסן אין דעם ליידיקן בית־המדרש און געשאָקלט זיך איבער דער גמרא. ס׳איז אים געווען שלעכט אויפן האַרצן און ער האָט קיין

הנאה נישט געהאַט פון לערנען: „ווי אַ פינצטערער וואָלקן", דער־
ציילט ער אין „שלמה ר' חיימס" „ליגט דער יתום אויף שלמהלען.
ליגט אויף אים און אין אים אינגאַנצן"... „אים איז אָפּגעשטאָרבן
אי דער פּאָטער, אי די וועלט מיט אים אינײנעם" ד י ו ו ע ל ט
שלום יעקבס — דאָס איז געווען גאָטס וועלט, די נאַטור, וועלכע
ער האָט שפּעטער אַזוי ליב געהאַט צו באַשרייבן: „אינגאַנצן די נאַ־
טור מיט איר ערד און הימל, מיט פעלדער און וועלדער, מיט זון,
לבנה און שטערן — איז פאַר אים טויט". און ער איז אַליין אָפּט
געווען האַלב־טויט, זיצנדיק אויף דער האַרטער בית־המדרש באַנק,
„פאַרגליווערט, אויסשטעלנדיק אַ פּאָר אויגן, קיין ריר זיך נישט
צו טאָן"... נאָך גוט וואָס ער האָט זיך דאָרט אויסגעלערנט צו
דאַוונען געשמאַק. דאָס איז געווען זיין טרייסט. דאָס איז, ווי ער
אַליין זאָגט: „געווען אַ ליכטיקער שטראַל, וואָס האָט, דורכשלאָגנ־
דיק זיך דורך די וואָלקנס מרה־שחורה, אַ שיין געטאָן אין זיין פאַר־
פינצטערטער, פאַריתומטער נשמה"...

ער האָט זיך אויסגעלערנט דאַוונען מיט אַ ברען, מיט התלהבות,
— אויפן חסידישן שטייגער. און דאָס איז געווען פאַר אים אַ נייע
איבערלעבונג. דאָס איז געווען דער גוטער רעזולטאַט פון זיין פאַר־
וואָגלט ווערן אין טינקעוויטש. ביי זיך אין דער היים האָט ער נישט
געהאַט קיין געלעגנהייט צו באַקענען זיך נעענטער מיט חסידות.
קאַפּוליע איז געווען אַ מתנגדיש שטעטל. חסידים האָט מען דאָרט
פיינט געהאַט, גערודפט. מען האָט זיי נישט געלאָזט האָבן קיין אייגן
„שטיבל" צום דאַוונען, אפילו נישט קיין „מנין". „פושעי ישראל,
ווילדע ברואים, מיני בהמות" — אָט דאָס זיינען זיי געווען אין די
אויגן און אין די מיילער פון די קאַפּוליער יידן. שלום יעקב, דער
שפּעטערדיקער מענדעלע מוכר ספרים, וואָלט אַסך פאַרלוירן —
און די יידישע ליטעראַטור וואָלט פאַרלוירן אַסך — ווען ער זאָל
האָבן געבליבן ביי דער ק אַ פּ ו ל י ע ר אָ נ צ ו ה ע ר ע נ י ש
אויף חסידים און חסידות. ער וואָלט געוואוסט נאָר, וואָס זיי פעלט;
וואָס זיי פאַרמאָגן, וואָלט אים געבליבן פרעמד... וואָלט מענדעלע
געווען אַ משכיל, ווי אַלע אַנדערע משכילים, וואָלט עס נישט אַזוי
שטאַרק אויסגעמאַכט: די משכילים האָבן סיי־ווי געזוכט נאָר פעּ־
לערן ביי יידן. מענדעלע האָט אָבער געוואָלט וויסן די מעלות אויך,

דערהויפּט די מעלות פונם גייסטיקן יידישן לעבן. זיין סאַטירע, ווי עס איז פריער דערמאָנט געוואָרן, איז געווען געווענדעט דער־הויפּט קעגן די קהלשע פּאַראַנדקעס און די קהלשע בעל־טובות; זי האָט געצילט אין די נגידים, נישט אין די רבנים. די ט אַ ק ס ע, נישט די ח ו מ ר א, איז געווען מענדעלעס הויפּט־שונא... וואָלט באמת געווען אַ שאָד, ווען ער זאָל אין זיין יוגנט האָבן אַרויסגע־טראָגן וועגן חסידות און חסידים אַן איינזייטיקן איינדרוק. און דאָס וואָלט געשען, ווען נישט זיין „ערשטער אַרויספאָר" — קיין טינ־קעוויטש. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט אַזאַ חסידות, פון וועלכער ער האָט פריער נישט געוואוסט. דאָרט האָט ער געזען דאָס ליכט, נישט נאָר די שאָטנס פון דער — דאַן נאָך יונגער — רעליגיעזער באַוועגונג. ער האָט גראָד געדאַוונט אין אַ חסידישן שטיבל — „און די גאַנצע הנהגה דאָרט, ווי דאָס דאַוונען, איז אים געווען צום האַרצן". און דאָס „האָט דעם ערשטן שטויס געגעבן דעם שכל זיינעם אין דעם ענין פונם באַטראַכטן דאָס יידישקייט". דאָס האָט אים געוויזן, אַז חסידים האָבן אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך אין דעם פּרט פון אויפוועקן און רייכער מאַכן דאָס געפילס־לעבן: „אין אַ מתנגד — האָט ער שפּעטער געשריבן — שטעקט אַ פאַר־פרוירענע נשמה. ביי אים איז נאָר קאָפּ, האַרץ — אייז־קאַלט... אַנטקעגן־זשע דער חסיד איז הייס"...

דאָס איז געווען די וויכטיקסטע לעקציע, וואָס מענדעלע האָט געלערנט אין טינקעוויטש. ער האָט אָבער געלערנט דאָרט נאָך עפּעס אויך. ער האָט זיך אַביסל בעסער באַקענט מיט מענטשן און מיט זייערע חפציות. אים איז אפילו אויסגעקומען צו פירן מיט זיי אַ שטיקל מלחמה. ס'איז געווען אַזאַ מעשה: דער באַלעבאָס, וואו ער האָט געגעסן, האָט געהאַט אַ טאָכטער, וואָס איז געווען בלינד אויף איין אויג. און דעם קאַפּוליער יינגל האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אַז אַ „פּעטע רויטע באַק מיט אַ פאַרמאַכט בלינד אויג, טראָגט זיך, שוועבנדיק אין דער לופט, צו אים אַנטקעגן"... „די דאָזיקע מיט דעם אויג", האָט מענדעלע אַליין דערציילט, „איז געווען אַ גע־זונטע, אַ דיקע, אַ באַלייבטע, ברייטביינערדיקע בתולה". און אים „וואָלט די בתולה, ווי זי איז אינגאַנצן, לחלוטין נישט אַנגעגאַנגען. מילא, איז זי אויף איין אויג אַ בלינדע, וואָס מאַכט עס אויס? די

צרה איז אָבער אָט וואָס — מען וויל, ווי ער האָט זיך דערוואוסט, זי זאָל זיין פאַר אים אַ כלה, און דאָס האָט אים שוין טאַקע גוט גע־אַרט״. אים איז געקומען אויפן געדאַנק פ ר אַ ד ל, און ער האָט געטראַכט: „אַ פאַרגלייך אַביסל — אַזאַ בוגרות — און פראַדל!״ עס האָט זיך אים געבענקט אַהיים. אמת פראַדל איז שוין נישט געווען דאָרט, אָבער עס איז געווען די מאַמע און עס זיינען געווען די ברידער מיט די שוועסטער מיט די חברים. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פאָרן צוריק אַהיים. אַ פּאָר מאָל איז ער אפילו אַרויס פון בית־המדרש און געלאָזט זיך גיין אויפן וועג, וואָס פירט קיין קאַפּוליע, אָבער יעדעס מאָל איז אים געקומען אויפן גע־דאַנק די אָרעמקייט פון דער היים, און — „ער שטעלט זיך פּלוצלינג אָפּ, באַוואַשט זיך מיט טרערן און קערט זיך אום פאַמעלעך, אַראָפּ־לאָזנדיק דעם קאָפּ, צוריק אין בית־המדרש אַריין״. אָבער איינמאָל, סליחות־צייט, איז אים באַפאַלן גאָר אַ באַזונדערס שטאַרקער אומעט, — „איז ער אַ צעקאָכטער אַרויסגעשפּרונגען פון בית־המדרש״ און „די פיס זיינען ווי פון זיך אַליין געלאָפן מיט אימפּעט אויפן וועג, וואָס פירט אהיים״. דאָס מאָל האָט ער זיך נישט אומגעקערט צוריק, און ער איז געקומען „אהיים, צו דער מאַמען, פאַרשוויצט, פאַר־סאָפּעט, אין איין אָטעם״.

אָבער לאַנג איז ער אין דער היים נישט געבליבן. ער האָט זיך שוין איצט געפילט אין קאַפּוליע אַזוי עלנט, ווי ווען ער איז געווען אין דער פרעמד. זייער הויז איז שוין, אגב, נישט געווען, וואָס אַמאָל: „דאָס הויז, וואו עס האָט אַמאָל אים זיך גוט געלעבט, האָט אויסגעזען פאַרוואָרלאָזט, וויסט. דאָרט, וואו עס האָטביים פאָטערס לעבן געקאָכט, גערוישט פון מענטשן, וואו עס פלעגן פאָרקומען פאַרזאַמלונגען, אסיפות וועגן שטאָט־זאַכן, וואו אַ שבת, אַ יום־טוב האָט געלויכטן, געזונגען אין איטליכס ווינקעלע, וואו עס האָט זיך געהערט דברי תורה, געטלעך־יידישע, האַרץ־רירנדיקע זמירות — איז היינט שטיל, אומעטיק ווי אויף אַ בית־עולם. עס טרויערן די ווענט, עס וויינט איטליכס ווינקעלע, אַלצדינג דאָרט זעט אויס עלנט״...

שלום יעקב פאַרלאָזט ווידער זיין היימיש שטעטל, און „האַלב־גייענדיק צופוס, האַלב אונטערפאָרנדיק״, קומט ער אָן קיין סלוצק,

וואו עס איז געווען אַ גרויסע ישיבה. „מיט זיך האָט ער נישט מער געהאַט ווי די תפילין, אַ שטיק ברויט און אַ קאַפּאָטע צום לייב״... ער קריגט שנעל „טעג״, וואָרים דאָרט זיינען געווען אַסך יידן, וואָס האָבן גוט געקאָנט און געשעצט זיין פאָטער, ר׳ חיים משהן, און ער זיצט דאָרט אין דער ישיבה אַ פּאָר יאָר צייט. אכסניה איז ער ביי איינער אַ יידענע שרה, וועלכע איז געווען אַ ב אָ ב ע (אַ הייבאַם). זי האָט אים פאַרגעלייגט אַ ווינקל אין איר הויז בתנאי, אַז ער זאָל זי באַגלייטן ביינאַכט מיט א לאַמטערנע צו די קימפּעטאָרינס. דאָס האָט אים באַלד דערעסן, און ער האָט זיך אָפּגעזוכט אַן אַנדער אכסניה...

אין דער סלוצקער ישיבה האָט ער זיך אין אָנהויב געפילט פרעמדלעך. אים האָט נישט צופרידנגעשטעלט נישט דער סדר לערנען, נישט די ראש־ישיבות, נישט די תלמידים; ביסלעכווייז אָבער לעבט ער זיך איין מיט זיי, און זיין „לעבעדיקע נאַטור, נאָך פריינטשאַפט לעכנצנדיקע נשמה, לאָזט זיך וואָס ווייטער־ווייטער אַריינציען פונם יצר־הערע און חברה. ער פילט זיך שוין נישט עלנט צווישן זיינע נייע חברים און ווערט, ווי זיי, אַן עכטער פאָטראָן!״ ער קאָכט זיך נישט אַזוי אין לערנען און דאַוונען, אין תורה און מצוות, ווי אין נאָכגעבן דעם ישיבה־בחורשען יצר־הרע... „הייסט עס, הפנים — האָט ער שפּעטער געשריבן — אַז דער יצר־הרע האָט שלמהלען (שלום יעקבן) אַראָפּגעפירט פונם וועג, פונם תכלית זיינעם. ער האָט אים אָנגערעדט צום שלעכטן, צו פאַרברענגען פאַר גרויס פריינטשאַפט די צייט מיט גאָרנישט — מיט חברים און חברטעס, די און יענע... צו גלוסטן און עסן פונם קאָרב די ליבלעכע, גלוסטיקע נאַשערייען!״

עס האָט, אגב, ווידער געהאַלטן דערביי, אַז אונדזער שלום יעקב זאָל ווערן אַ חתן — און דווקא פאַר אַ נגידס אַ טאָכטער. דער נגיד איז געווען ר׳ יונה סלוצקער. ער האָט געהאַט אַן איי־גענעם „הויף״ מיט אַן אייגענער שול צום דאַוונען. האָט אָט דער רב יונה איינמאָל פאַרבעטן דעם קאַפּוליער אָרעם־בחור צו זיך אויף שבת. דער גביר האָט אים געוואָלט גוט אָנקוקן, זען, צי ער פּאַסט זיך פאַר אים — און פאַר זיין טאָכטער. די חברים האָבן שוין

געקוקט אויף אים, ווי ער אַליין האָט שפּעטער דערציילט שלום־עליכמען, — „ווי אויף אַ פּרינץ, ווי אויף ר׳ יונה סלוצקערס טאָכטערס חתן״. די טאָכטער האָט געהאַט „קליינע אויגעלעך״, אָבער דער פאָטער איז געווען א גרויסער נגיד, און דער ארעם־בחור וואָלט איינגעגאַנגען אויפן שידוך. האָט אָבער פּאַסירט עפּעס, וואָס איז מער ענלעך אויף אַן אַנעקדאָט, ווי אויף אַן אמת. מענדעלע האָט עס אָבער אַליין דערציילט, — און אָט ווי ער האָט עס דערציילט: ער איז געזעסן ביים טיש פּונקט אַנטקעגן ר׳ יונה דעם גביר און אַנטקעגן זיין טאָכטער מיט די קליינע אויגעלעך. דער גביר האָט אַלע ווילע געקוקט אויף אים, די „קליינע אויגעלעך״ האָבן געקוקט צו זיך אין טעלער אַריין. דער ישיבה־בחור איז געזעסן א צעמישטער. ער איז נישט געוואוינט געווען צו זיצן ביי אַזאַ רייכן טיש. דערביי האָט מען נאָך געדאַרפט היטן שטאַט, אָפּהיטן עטיקעט. און — איר ווייסט דאָך — וואָס מער מען היט זיך, אַלץ ערגער איז עס... „פּלוצים — אַז מיין פערטל עוף הויבט זיך נישט אויף פונם טעלער, ווי עס וואָלט ביי דעם אויסגעוואָקסן פליגל, און טוט נישט אַ פלי איבערן גאַנצן טיש — און גלייך דעם גביר אין פּנים אַריין, און פונם פּנים גלייך אויף זיינע ריינע, שיינע, רייכע, שבתדיקע בגדים״ (זע שלום־עליכם: „פיר זיינען מיר געזעסן״). פונם שידוך איז גאָרניט נישט געוואָרן.

שלום יעקב איז געבליבן אַ בחור, — אַ ישיבה־בחור, ווי פריער. ער איז פון דער סלוצקער ישיבה געפאָרן אין אַנדערע ישיבות. ער האָט זיך אומגעוואַלגערט אין פאַרשיידענע שטעטלעך, ביז ער איז אָנגעקומען קיין ווילנע, וואו ער האָט געהאַט רייכע קרובים. דאָרט האָט ער געלערנט אין גאונס קלויז, אין ראַמיילעס ישיבה. און ער האָט זיך נאָך בעסער באַקענט מיט די פאַרשווינען און אַנגעזאַפּט זיך מיט די איינדרוקן, וועלכע ער האָט דערנאָך באַשריבן אין זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען.

אָבער דאָס לעבן פון אַן אָרעם־בחור איז אים נישט איינגעגאַנגען, — און ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אַהיים. ער איז אַלט געווען אַ יאָר פופצן — „אַ בחור מיט שווארצע, געקרייזלטע האָר, א הויכן שטערן און ברענענדיקע אויגן״.

ער האָט געפונען אין דער היים גרויסע ענדערונגען. זיין מו־טער האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן מאַן — און זי האָט געלעבט אינאיינעם מיט די קלענערע קינדער אין מעלניקי, אַ דאָרף נישט ווייט פון קאַפוליע. איר מאַן האָט געהאַלטן אַ מיל אין אַרענדע. און ער האָט פאַרבעטן אַהין אויך שלום יעקבן, זיין שטיפזון. שלום יעקב איז געוואָרן דער רבי פון זיינע קינדער. ער האָט זיך, הייסט עס, אָנגעהויבן לערנען די מלאכה אָדער די קונסט, מיט וועלכער ער האָט זיך אָפּגעגעבן דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן, — די מלאכה אָדער די קונסט פון לערעריי.

אָבער דאָס לעבן אין מעלניקי האָט אים נישט צופרידנגע־שטעלט.

די איינציקע שיינע זאַך, וואָס איז דאָרט געווען, איז געווען — די נאַטור. דאָס דערפל איז געווען אַרומגערינגלט מיט גרויסע וועלדער, צווישן וועלכע עס פלייצט אַ היפּשער, שיינער טייך... „און ווען מענטשן זיינען דאָ זעלטן, עס רעשט נישט, עס קאָכט נישט, ווי אין שטעט, דערפאַר שוויבלט און גריבלט דאָ אין די וועלדער, אין די זומפּן און פעלדער אַלערליי באַשעפענישן, חיות און עופות; דערפאַר לאָזט זיך דאָ הערן אלערליי קולות; אַ געזאַנג פון פויגל, אַ קראַקען, אַ קוואַקען, אַ שמוצערן, אַ גרילצן, אַ זשומען, אַ וואָיען, אַ היילן פון הונגעריקע וועלף ווינטער, און אַ מאָל אַ ברו־מען פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן בער אויך — און אין דעם דאָזיקן קאָנ־צערט פאַרטראָגט זיך אַ רוישן פונם וואַסער ביים אַראָפּפאַלן אויף די רעדער, אַ קלאַפּן, אַ מאָלן פון דער מיל״... און אָט דאָ, אין דער איינזאַמקייט פון דעם ווילדן, פאַרוואָרפענעם ווינקל, האָט זיך באַוויזן צו אים „די מוזע״... יינגלוויז, נאָך זייענדיק אין שטעטל, האָט ער אָפט געפילט אין זיך עפּעס „אַזוינס, וואָס לאָזט זיך נישט דערקלערן, אַ מין ציטעניש אַזעלכע, וואָס אָן אַ נאָמען״. אין אַזוינע מינוטן פלעגט דאָס „קליין ידעלע״ אויסטאָן זיך פון שפּאָן, נאָכ־געבן דעם יצר־הרע און אַוועקגיין אין פעלד אָדער אין וואַלד אַריין שפּאַצירן. אַן אַנדערס מאָל פלעגט ער זיך „צעגיסן אין אַ טרעלע־לייקן — אין אַ ניגונדל פון זמירות און אַ וויינענדיקס צו אַ באַ־דעקנס אָדער געזאָגט ברכי נפשי הויך אויפן קול, צעקייענדיק איט־

לעכס וואָרט און געפילט דערביי עפּעס גאָר אַ באַזונדער טעם"...
(„שלמה ר' חיימס".) אז מען קאָן שרייבן, אויסגיסן דאָס האַרץ אין שיר, אין מליצה, — האָט ער נישט געוואוסט. ערשט אין מ ע ל־נ י ק י הויבט ער אָן שרייבן. „דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל", האָט ער דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, „וואָס איך האָב גענומען אַ פּען אין האַנט אַריין אויף אויסצוגיסן מיין האַרץ". און ער איז געוואָרן עפּעס גאָר אַן אַנדער מענטש. ער פלעגט אָפּט אַרומבלאָנקען זיך אין די וועלדער, צווישן די פעלדער. זיין על־טערע שוועסטער, וואָס איז געקומען אַמאָל צו־גאַסט קיין מעלניקי, האָט געפרעגט די מוטער: „וואוהין ווערט ער עס אַזוי אָפּט עפּעס ווי פאַרפאַלן?" — „זאָל איך אַזוי וויסן בייז", האָט זי געענטפערט. „דעם היינטיקן ווינטער, וואָס ער איז דאָ ביי מיר, האָט ער פאַר־בראַכט אין לערנען. פלעגט אויפשטיין פאַרטאָג לערנען גמרא פאַר זיך און בייטאָג — מיט די קינדער". די מאַמע האָט גאָר אָנ־געקוואָלן פון אַזאַ זון. „דאָס האַרץ האָט מיר זיך געפרייט, קוקנדיק אויף אים. די לעצטע צייט אָבער איז ער עפּעס ווי איבערגעביטן געוואָרן. די גמרא אין דער זייט, תמיד פאַרטראַכט, שרייבט, טינטלט — איך זאָל אַזוי וויסן פון צער, וואָס ער טינטלט אַזוינס!"

ער האָט „געטינטלט" העברייאישע שירים. ער האָט באַזונגען אויפן שטייגער פון „ברכי נפשי", די וואונדער פון דער נאַטור...
„דער טייך פלעגט אים צופליעסקען, דאָס וואַלד־עכאָ — אָפּענט־פערן". אַחוץ דעם טייך און דעם וואַלד האָט זיינע שירים קיינער נישט געהערט. ער איז געווען איינזאַם, די נאַטור אַרום — ווילד. דאָס דערפל איז אַרומגערינגלט מיט וועלדער, עס „ליגט פאַרבאָרגן אין אַ ווינקל, אָפּגעריסן פון דער וועלט, ווייט פון מענטשן און פונם טראַקט, נאָר קליינע שמאָלע וועגעלעך שלענגלען זיך דורך דעם וואַלד, דורך טאָלן און בערגלעך, און פירן צו דערפער, וואָס ליגן צעזייט ארום און אַרום." איך ברענג מיט אַ כיוון די ציטאַטן, מיר זאָלן זען, ווי מענדעלע מאָלט די נאַטור, מיט וואָס פאַר אַ זיכער־קייט און מיט וואָס פאַר אַ קלאָרקייט. ער איז קאַרג אויף ווערטער, אַלץ איז ביי אים געמאָסטן און געוואויגן, אָבער ביסלעכווייז, ביס־לעכווייז מאָלט זיך אויס פאַר אונדז דאָס בילד ביזן לעצטן שטרי־

בעלע, ביזן לעצטן פינטעלע. דאָס רוב גיט זיך אים איין אין סוף מיט איין וואָרט צונויפגיסן די אַלע פּרטים אין איין גאַנצקייט...

און די אַלע — אָפט פאַריידישטע און אַנטראָפּאָמאָרפירטע, אָבער תמיד רעאַליסטישע און וואונדערלעך־קלאָרע — נאַטור־שיל־דערונגען, וואָס זיינען צעשפּרייט איבער מענדעלעס ווערק — האָבן מיר צו פאַרדאַנקען נישט נאָר די רייזעס, וואָס ער האָט געמאַכט איבער וואָלין, אוקראַינע און פּאָדאָליע, נאָר אויך זיין לעבן ייִנגל־וויַיז אין קאַפּוליע און אינם דערפל מ ע ל נ י ק י. דאָרט האָט ער ליב געקראָגן אַלץ, וואָס וואַקסט און לעבט... פון מענטשן האָלט ער נישט שטאַרק: ער איז צו־גוט מיט זיי באַקאַנט; אין חיות און עופות אָבער איז ער פאַרליבט, דאָס לעבן וואָלט ער פאַר זיי אָפּגעגעבן. און ער טוט און עסק׳ט זיך מיט זיי. זיי דינען אים פאַר ביישפּילן, און זיינע בעלעטריסטישע ווערק זיינען אַזוי ווי דער המשך פון דער נאַטור־געשיכטע (תולדות הטבע), וואָס ער האָט פאַרפאַסט...

אין דער אייגענער צייט, ווען ער באַזינגט די נאַטור אין לי־דער, שרייבט ער עפּעס אַ סאַטיריש־אַלעגאָרישע דראַמע לויטן נוסח פון ר׳ משה חיים לוצאַטאָס „לישרים תהלה״. „כהאָב אפילו נישט געוואוסט — שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — וואָס ס׳איז אַזוינס אַ דראַמע און האָב נאָך קיינמאָל נישט געלייענט קיין ביכער פון דעם מין״. זיין טאַלאַנט איז נאָך נישט געווען רייף, און זיין שרייבן איז געווען נאָר אַן אויסדרוק פון זיין אינעווייניקסטער אומ־רואיקייט און זיין נאַטירלעכער באַדערפעניש „אויסצוגיסן דאָס האַרץ אויפן פּאַפּיר.״

אָבער ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס שוין אין די ערשטע שוואַ־כע פּראָבעס פון זיין פען האָבן זיך אַרויסגעוויזן צוויי וויכטיקע שטריכן פון זיין גאַנצן שפּעטערדיקן שאַפן: די ליבע צו נאַטור־שילדערונגען און דאָס גענייגט־זיין צו סאַטירע... „זי (די נאַטור) האָט זיך צו מיר אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער פּראַכט און האָט מיך איבערגערעדט מיטן חן פון אירע לעפצן צו גיין נאָך איר אין וואַלד אַריין אונטער אַ פרישן בוים״, א. אַז. וו. דאָס האָט ער שפּעטער געשריבן וועגן זיינע ערשטע נאַטור־געזאַנגען, און וועגן זיין סאַ־

טירישער דראַמע האָט ער געזאָגט: „ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן, און די ערשטע זאַך אויפגעשריבן, איז צו מיר געקומען דער שטן. דאָס איז דער אָפּשפּעטער, וואָס געוועלטיקט איצט אי־בער מיר אין געשטאַלט פון מענדעלע מוכר ספרים, און האָט מיך אָנגערעדט אָפּצושפּעטן פון מענטשן און אַראָפּרייסן די מאַסקע פון זיי״...

ער איז, פאַרשטייט זיך, נאָך זייער ווייט פון דעם שפּעטער־דיקן מענדעלען; ער איז געווען נאָך גאָר אַ יינגל, אָבער ער איז געווען שוין פול מיט פראַגן און מיט ספקות וועגן דעם אָרעמיקן לעבן און וועגן זיך אַליין. ער האָט געזוכט און נישט געקאָנט גע־פינען קיין וועג. לערנען ווייטער אין די ישיבות האָט זיך אים נישט געגלוסט. „לאָז מיך צורו — האָט ער געזאָגט צו זיין מוטער — מיט דיינע ישיבות, מיט דיינע תכליתים! גענוג געשוואַרצט דאָס פּנים, געגעסן טעג, גענוג געקוועטשט די באַנק, געריבן זיך. רייבן זיך ווייטער דאָרט, ביז איך וועל זיך אויסרייבן און ווערן אַ שמאַטע — פע! גענוג אויסגעריבענע שמאַטעס ביי אונדז אָן מיר אויך!״

דער לעצטער אויסדרוק שטאַמט מסתמא פון אַ שפּע־טערדיקער צייט, פון יענער צייט, ווען מענדעלע האָט עס פאַר־שריבן, אָבער עס איז קלאָר, אַז אין אים האָט זיך אָנגעהויבן יענער אינעווייניקסטער קריזיס, וועלכער האָט אים נישט געלאָזט בלייבן ביי דער גמרא.

און ווען ער איז געקומען צוריק אין שטעטל אַריין פון מעל־ניקי, האָט ער זיך מער טאַקע נישט באַנוגנט מיט ש״ס און פּוסקים. ער האָט שוין אַריינגעקוקט אין חקירה־ספרים — געבלעטערט דעם „חובת הלבבות״, זיך פאַרטיפט אין „מורה נבוכים, אין „כוזרי״. ער האָט געזוכט אַן ענטפער אויף די אייביקע פראַגן. עס איז אָבער געשטאַנען פאַר אים זיין אייגענע, פּערזענלעכע פראַגע, די פראַ־גע: „וואָס טוט מען? צו וואָס נעמט מען זיך?״ אין די חקירה־ספרים האָט ער קיין ענטפער אויף דער פראַגע נישט געפונען. און ווער ווייסט, צי וואָלט ער נישט געוואָרן צוריק אַ ישיבה־בחור, צי וואָלט ער נישט געבליבן אין דער וועלט פון די כלי־קודש. — ווער ווייסט, צי וואָלטן די ערשטע ליטעראַרישע טריט זיינע

נישט געווען אויך די לעצטע, צי וואָלט ער נישט געוואָרן אַ קאַפּוליער איידעם אויף קעסט, און צו די יאָשע ראובנס, הערצל קיילעס און אַנדערע מושלמים, וואָס זיינען געבליבן מלמדים, וואָלט צוגעקומען נאָך איינער, שלום יעקב חיים משהס, — ווען נישט אַן אומגליקלעכע — ניין, אַ גליקלעכע! — פּאַסירונג, וואָס, נאָך לאַנגע וואָגלענישן, האָט זי געעפנט פאַר אים אַ נייעם וועג...

אַ נסיעה אין בויד

אברהמל דער קרומער. — פון שטאָט צו שטאָט. — שנאָרעריי. — וואָגלעניש. — רעטונג.

די פּאַסירונג איז געווען אי אַ געװײנטלעכע, אי נישט קיין געוויינטלעכע — און באַשטאַנען איז זי אָט אין וואָס:

אין ווייסרוסלאַנד און אין דער ליטע איז אָנגעשטאַנען אַ מוראדיקער יקרות, און עס איז נישט געווען קיין פּרנסה. ווי תמיד אין אַזעלכע צייטן, זיינען יידן געשטאַנען אויפן וועג, מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס, מיטן וואַנדערשטעקן אין האַנט, גרייט צו לאָזן זיך וואוהין די אויגן וועלן טראָגן... געטומלט האָט זיך וועגן כערסאָנער גובערניע און בכלל וועגן דרום־רוסלאַנד: דאָרט, האָט מען געגלויבט, איז אַ גן־עדן...

האָט איר געהערט דאָס לאַנד כערסאָן,
נישט ווייט פונם פעטער ישמאעל?
פון פויגלמילך איז דאָרט פאַראַן —
פאַר יידן — ארץ ישראל...

אַזוי האָט מען געזונגען.

און גראָד איז פון „לאַנד כערסאָן" אָנגעקומען אַ יידל מיטן נאָמען אברהמל דער קרומער (ווער ווייסט — אפשר דער פּראַטאָטיפּ פון פ י ש ק ע ד ע ם ק ר ו מ ע ן?). ער איז געווען פריער אַ שטעטלדיקער, אַ קאַפּוליער, דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין דער וייטער וועלט אַריין — און איצט איז ער געקומען

צוריק און דערציילט ניסים ונפלאות, ער קאָן זיך גאָרנישט אָפּלויבן, פון יענע מקומות. „וואָלין", זאָגט ער, ווי שפּעטער איינער פון מענדעלעס פאַרשוינען, — „וואָלין איז אַ געבענטשט אָרט מיט אַלעם גוטן. קוילעטשן עסט מען דאָרט גאָר אינמיטן דער וואָך, וויין טרינקט מען דאָרט, ווי וואַסער — היינט זייער ראָסלפלייש, קנאָבל, „פּראַסקעס", „פּאַליאַרטשיקעס", איז אַ מאכל־מלכים א. אַז. וו." „נאָר די מענטשן, די דאָרטיקע, הערט ער נישט אויף צו דערציילן נייעס, זיינען גראָב, פאַרשטאָפּטע קעפּ, יידן פונם היגן ווינקל קאָנען זיי אין זאַק אַריינגנאַרן און מאַכן גוטע געשעפטן, מלמדים פון אונדזער קאַנט האָבן דאָרט די בעסטע קנעלונגען א. אַז. וו." („די אַנטדעקונג פון וואָלין"). נו, אונדזער שלום יעקבן, וואָס אים האָט שוין לאַנג דערעסן קאַפּוליע און וואָס ער האָט ניט געהאַט וואו אַהין צו טאָן זיך פון עלנטקייט, און דערצו נאָך איז אַ סברה, אַז ער איז נישט געווען פאַרשריבן אין דער קאַפּוליער „סקאַזקע", אין דער רשימה, וואו עס ווערט פאַרצייכנט יעדעס ניי־געבוירן קינד — האָבן אים די דאָזיקע אַלע מעשות ווי פאַרכישופט. און אַז אברהמל האָט אים נאָך דערצו גענומען צוזאָן, אַז ער וועט אים נעמען מיט זיך אין זיין בויד אויף זיין קליאַטשע און אַז ער וועט אים ברענגען בשלום אין יענער גליקלעכער געגנט, וואו ער וועט זיך איה"ש דערשלאָגן צו אַ תכלית, — האָט ער זיך נישט לאַנג געלאָזן בעטן און איז געוואָרן אברהמל דעם הינקענדיקנס אַ פּאַסאַזשיר.

אברהמל האָט געהאַט ביי זיך אין בויד נאָך אַ פאַרשוין. דאָס איז געווען שלום יעקבס אַ מומע, אַן עגונה, מיט אַ קליין קינד אויף די הענט. אברהמל האָט איר איינגערעדט, אַז ער וועט איר העלפן געפינען איר מאַן אין יענע מקומות.

נאָך פּסח האָט מען זיך געלאָזן אין וועג.

די צדה לדרך, וואָס אונדזער יונגער וואַנדערער האָט גענומען מיט זיך, איז געווען אַ האַלבער לעבל קאָרנע ברויט און פופצן קאָפּיקעס מזומן. דאָס האָט אים זיין עלטערע שוועסטער אַזוי אויסגעריכט אין וייטן וועג אריין. אָבער ער האָט זיך נישט געהאַט וואָס צו זאָרגן. אברהמל האָט שוין געהאַט אַלעמען אין זינען. אין יעדן שטעטל, אין יעדן ישוב, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און מיט דעם כתב פון דער עגונה אין האַנט און מיט אַ רויטער פאַטשיילקע

איז ער פשוט אומגעגאַנגען איבער די הייזער און געקליבן נדבות. דאָס ווייבל מיטן קינד פלעגן בלייבן אין בויד. דאָס בחורל פלעגט פאַרברענגען די צייט אין אָרטיקן בית־המדרש. וואָס אברהמל טוט דאָרט אין שטעטל, מיט וואָס ער עסק׳ט זיך, — האָבן זיי אפשר גאָר אַליין נישט געוואוסט. זיי זיינען געווען צופרידן צו קאָנען זיך אָפּרוען אַביסל פונם שווערן וועג.

פאַר אונדזער בחורל איז דאָס שלעפּן זיך אין אברהמלס וועגעלע געווען גאָר אַ באַזונדער אָפּקומעניש. ער האָט אָפט איניינעם מיט דעם בעל־עגלה געמוזט אַרויסקריכן פון וואָגן און העלפן דעם מאָגערן פערדל אַרויסקאַראַבקען זיך פון דער געדיכטער בלאָטע.

אַרום ערב שבועות זיינען זיי, שלעפּנדיק זיך אַזוי, אָנגעקומען קיין לוצק. אין שול האָבן די ישיבה־בחורים גראָד געהאַלטן ביי מאַכן עפּעס אַ חברה. האָבן זיי דעם נייעם אורח, שלום יעקבן, מכבד געווען מיט אָנשרייבן די תקנות פון דער נייער חברה. דער ליטוואַק האָט עס געמאַכט זייער פלינק, מיט אַ שיינעם כתב און נאָך שענערער מליצה. האָט ער באַלד געקראָגן אַ שם פאַר אַ מושלם. און אברהמל מיט זיין גרויסן חוש פאַר שנאָרעריי און פרנסה האָט דערשמעקט אַ גוטע געלעגנהייט צו כאַפּן אַ כשר פאַרדינסטל — שדכנות־געלט. ער איז געווען זיכער אַז אים וועט געלינגען אויסצופירן אַ שידוך צווישן זיין יונגן בן־עיר און דער טאָכטער פון אַ לוצקער נגיד. ביי איין צד, דער כלהס צד, האָט ער שוין געפּועלט. מער, האָט ער גערעכנט, דאַרף ער גאָרנישט. אים איז נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס בחורל, דער יתום, האָט אויך עפּעס אַ דעה. און ווי אַזוי האָט ער עס טאַקע געקאָנט גאָר טראַכטן, אַז דער אָרעם־בחור וועט נישט חשק האָבן צו ווערן אַן איידעם אויף קעסט ביי אַזאַ נגיד אין הויז? אָבער דער יונגער שלומקע — אַ געבראָטענער ליטוואַק — האָט זיך איינגעשפּאַרט און געטענהט, אַז ער וויל נישט חתונה האָבן. ער האָט געהאַט גאָר אַנדערע פּלענער אין קאָפּ, ער איז דאָך שוין געווען אביסל אָנגעשמעקט מיט השכלה. אברהמל האָט געמוזט נעבעך איינשפּאַנען דאָס פערדל און פאָרן ווייטער.

מען איז געפאָרן טעג, וואָכן.

אויפן וועג האָט מען באַגעגנט אַנדערע נוסעים און צווישן זיי נישט איינעם פון יענע קבצנים, וועלכע מענדעלע האָט פאַראייביקט אין „פישקע דער קרומער״.

מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אין שטעט, אין שטעטלעך, און דער קינפּטיקער מענדעלע מוכר ספרים האָט „אָנגעקוקט מיני יידן, שיינע צורות, פיינע בריות, מאָדנע פאַרשוינען, אַלערליי נפשות, געקרימטע רוקנס, פאַרריסענע נעזער, לאַנגהענטיקע, ליפּקע־פינגער־דיקע, אַזוינע און אַזוינע, פונם אַלטן און נייעם שניט״ — און ער האָט שפּעטער „געהאַט פון זיי צו דערציילן מעשות, צו זינגען און צו זאָגן״.

מען האָט גענעכטיקט אין הקדשים, געוואַלגערט זיך אין קרעטשמעס, אין בתי־מדרשים. שלום יעקב האָט זיך גענוג אָנגעליטן. ער האָט נישט געהונגערט, אָבער דאָס ברויט, וואָס ער האָט געגעסן, איז געווען בעטל־ברויט, און ער האָט זיך געפילט דערשלאָגן, דערנידעריקט. „אַ קאַפּיטל פון וואָגלעניש, נסיונות און גרויסע ליידן״ — האָט ער שפּעטער אָנגערופן אָט די עלנטע טעג פון זיין לעבן.

זיי זיינען אָבער נישט פאַרלוירן געגאַנגען. זיי זיינען מענדעלען — זיי זיינען דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור צונוץ געקומען. אַ דאַנק זיי האָט דער קינסטלער אַריינגעקוקט אין דעם ספר הקבצנים, אין דער טאַרבע, אין יענער „גרויסער יידישער טאַרבע״, וועלכע איז פון דאַן אָן געשטאַנען תמיד פאַר זיינע אויגן („וואוהין איך זאָל מיך נישט קערן און ווענדן, האָט ער שפּעטער געשריבן, זע איך פאַר מיר די טאַרבע, וואָס איך זאָל נישט וועלן עפּעס דערציילן אָדער זאָגן, קומט מיר אָפּיר די טאַרבע״).

אין יענע ביטערע און פינצטערע טעג, טעג פון נע־ונד זיין, האָט דער שפּעטערדיקער מענדעלע מוכר ספרים איינגעזאַפּט אין זיך אַסך פון די איינדרוקן, וועלכע ער האָט אַזוי וואונדערלעך באַשריבן אומפאַרדנדיק כלומרשט אין זיין באַרימטער בויד מיט ספרים...

„ווירקן אויף אַ פאָלק־מענטשן, האָט ער געזאָגט, קאָן נאָר אַזעלכער, וואָס איז ביין פון זייער ביין, פלייש פון זייער פלייש,

וואָס האָט געליטן איינע צרות, געפילט איינע ווייטיקן מיט זיי״, — און אין אָט דער צייט פון זיין לעבן איז ער מער ווי אַלעמאָל געווען ביין פון ביין און פלייש פון פלייש פון זיין פאָלק־מענטשן. ער האָט, אַזוי ווי זיי, אָפּגעריכט גלות, געווען נע־ונד. ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון יידישע פרנסות, ער האָט ממש מיט די הענט אָנגעטאַפּט דעם יידישן דלות. ער האָט זיך, אגב, באַקענט מיט אַנדערע יידישע קהילות, אַחוץ די ליטווישע, די היימישע, און ער האָט איינגעזען, אַז זיי זיינען אין תוך אַלע גלייך, ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיי האָבן אַלע איין נאָמען: ק אַ ב צ אַ נ ס ק און אַז פון ק אַ ב צ אַ נ ס ק פירט דער וועג גלייך קיין ג ל ו פּ ס ק... ער האָט געזען די ק ל י אַ ט ש ע , די כנסת ישראל, אין אַלע מעגלעכע צושטאַנדן: אי דאַן, ווען מען שלאָגט זי דערפאַר, וואָס זי פּיטערט זיך אויף פרעמדע פעלדער, — אי דאַן, ווען זי ליגט אין קאַבצאַנסק אויפן שולהויף, וואַרעמט זיך אויף דער זון און מעלה גרהט, אי דאַן, ווען עס עפנט זיך איר פלוצלונג דאָס מויל, זי הויבט אָן ריידן, להבדיל, ווי אַ מענטש, און דערמאָנט זיך, אַז אַמאָל, גאָר אַמאָל, איז זי אַ פּ ר י נ ץ געווען... אין אַלע צושטאַנדן האָט מענדעלע אויף זיין וואַנדער־וועג דאָס וואַנדער־פאָלק געזען און ער האָט זיך צוגעקוקט צו אַלע זיינע גענג, צו אַלע זיינע אָנשטעלן און תנועות, צו זיין גאַנצן הילוך, איינגעזויגן אין זיך די צרות, געפילט זיינע ווייטיקן, — און שפּעטער, אַז ער האָט זיך געווען אָפּגעטיילט פון פאָלק, געשטעלט זיך אויף אַ העכערער מדרגה פון קולטור און געוואָלט זיך צוריק צום פאָלק אומקערן, האָט ער גענומען ביי אים אַ נאָמען פאַר זיך, אַ מין פּ אָ ל ק ס ־ פּ אַ ס פּ אָ ר ט , און גערעדט מיט אים אויף זיין לשון: אמר מענדעלע מוכר ספרים, זאָגט מענדעלע מוכר ספרים...

אַ געווינס זיינען געווען די ליידן, וואָס מענדעלע האָט זיך דאַן אָנגעליטן. אָבער ס׳איז געווען אַ שווערע, אפשר די שווערסטע צייט אין זיין לעבן... גוט, וואָס זי האָט זיך נישט פאַרצויגן... נאָך וואָכן אַרומשלעפּעניש און וואָגלעניש איז אברהמל דעם קרומענס ביידל מיט דער עגונה מיט איר קליין קינד, מיט דעם יונגן בחורל, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט פאַרנאַרן אין דעם „שמאַלץ־גרוב״ אין לוצק — געבליבן שטיין אינמיטן וועג ביי עפּעס אַ חורבה

אָן טיר און פענצטער, נישט ווייט פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. אברהמל האָט „אַ שמעק געטאָן" די שטאָט, און מיט זיין חוש פון אַן אמתן שנאָרער דערפילט, אַז ס'איז „סדום", „נישט קיין יידישע שטאָט". האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין כעס, און עס איז געבליבן ביי אים צו לאָזן זיך גלייך אויף מאָרגן אין אַן אַנדער שטאָט און דאָרט זען מאַכן עפּעס אַ טאָלק מיטן איינגעשפּאַרטן בחור — אָדער אים חתונה מאַכן און פאַרדינען שדכנות־געלט, אָדער — אויב ער וועט בלייבן אַן עקשן, מאָנען ביי אים פור־געלט פאַר דער גאַנצער נסיעה...

שלום יעקב איז די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. ער האָט אַלץ געטראַכט, וואָס וועט זיין, אַז ער וועט בלייבן איינער אַליין. פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט (אַזוי דערציילט זיין שפּעטערדיקער אינטימער פריינט, י. ח. ראַבניצקי) אַז אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק געפינט זיך זיינער אַ קרוב פון קאַפּוליע, „ברוך קינסטלער". ער איז געוועזן אַ משורר ביים קאַמענעצער חזן. איז שלום יעקב פאַרטאָג אַוועק אין שטאָט זוכן זיין קרוב. האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער חזן מיט אַלע זיינע משוררים זיינען ערגעץ אין וועג, און אַז זיי וועלן קומען צוריק ערשט אויף ימים נוראים. אַן אומעטיקער און אַ פאַרצווייפל־טער האָט ער זיך אומגעקערט צוריק צו דער חורבה, צו אברהמלס וואָגן. עס האָט אָבער באַלד פּאַסירט אַ צופאַל, וועלכער האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון דעם זומפּ, אין וועלכן ער איז שיר נישט איינ־געזונקען געוואָרן. ווען אברהמל האָט זיך געלאָזן אין וועג אַריין מיט זייןביידל און איז אָפּגעפאָרן אַ קורצע שטרעקע, האָט ער באַמערקט, אַז זיין פערד פעלט אַ פּאָדקאָווע. האָט ער געהייסן שלום יעקבן אומקערן זיך צוריק און אויפזוכן אויפן וועג ערגעץ די פאַרלאָרענע פּאָדקאָווע. דאָס בחורל לאָזט זיך אַוועק זוכן די אבדה, און ווי ער בלאָנדזשעט אַזוי אַרום אויפן בלאָטיקן וועג און זוכט, און נישטערט, דערהערט ער מיטאַמאָל אַ שטים: „שלומקע!" ער קוקט זיך אום — ערשט אַ יונגערמאַן קריכט אַרויס פון אַ קאַ־רעטע, וועלכע האָט זיך נאָר־וואָס אָפּגעשטעלט, — און כאַפּט זיך מיט אים קושן. און דאָס איז, ווי מען שרייבט אין די „העכסט אינ־טערעסאַנטע" ראָמאַנען, געוועזן נישט קיין אַנדערער, ווי שלום יעקבס קרוב, אויף וועלכן דער העלד פון אונדזער געשיכטע האָט

אויסגעקוקט די אויגן און וועלכער איז גראָד איצט אָנגעפאָרן איניי־
נעם מיטן חזן און זיינע משוררים. שלום יעקב האָט דערציילט
אין וואָס פאַר אַ לאַגע ער געפינט זיך. דער חזן האָט אויף אים
רחמנות געקראָגן, אים אויסגעלייזט פון דעם שנאָרערס הענט און
געבראַכט אים מיט זיך קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק...

דאָס איז געווען אין דעם יאָר 1852 8).

און אָט אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזן „דאָס קאַפּיטל פון וואָגלע־
נישן, נסיונות און גרויסעליידן" — דאָס פינצטערסטע און ראָמאַנ־
טישסטע קאַפּיטל אין מענדעלעס לעבנסגעשיכטע.

אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק

באַקאַנטשאַפט מיט א. ב. גאָטלאָבער. — לערער־דיפּלאָם. — ליטע־ראַרישער דעביוט. — חתונה און גט.

אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק האָט זיך שלום יעקב געווען אומגעקערט צוריק צום בית־המדרש. דאָרט, אין „באַשע דער רויטערס קלויז", איז ער געזעסן און געלערנט. דאָרט האָט ער אויך גענעכטיקט. ער איז צוריק געוואָרן אַן אָרעם־בחור. אָבער ער האָט שוין געבענקט נאָך השכלה, „געדורשט נאָך וויסנשאַפט". קיין לערער האָט ער נישט געהאַט, האָט ער געוואָלט פון ביכלעך עפּעס לערנען, אַ חוץ ש"ס און פּוסקים. אָבער וואו נעמט מען ביכלעך? האָט זיך ווידער אַריינגעמישט אַ צופאַל. אין דעם בית־המדרש, וואו ער האָט געלערנט, פלעגט אַריינקומען איי־נער אַן עלטערער ייד. ער איז — ווי מענדעלע האָט אים, דעם מאָדעל פון זיין ר' אברהם, כאַראַקטעריזירט אין „ווינטשפינגערל" — געווען „פון די געהויבענע מקבלים, וואָס רעכענען זיך ביי יידן צום קאַפּיטל כלי־קודש און שטייען אויף דער צווייטער שטופע נאָך די דיינים. דער נאָמען זיירער איז געוויינטלעך: שיינע יידן. אָבער אָט דער ר' אברהם, ווי מיר וועלן אים רופן, איז געווען נישט סתם אַזוי אַ שיינער ייד. ער איז „אין זיין גראַד געווען, ווי רופט מען עס עפּעס, אַ פּאָעט. עס האָט אים געצויגן צו די אַגדתות, צו די וואונדערלעכע שיינע זאַכן אין דעם זוהר" — און עס איז אַזויווי פון זיך אַליין פאָרגעקומען עפּעס אַ דערנענטערונג צווישן אים און דעם יונגן ליטוואַק, וועלכער איז דאָך א ו י ך געווען אַ פּאָעט.

— הערסטו, שגץ, — האָט אברהמל איינמאָל געזאָגט מיט א שמייכל צו זיין יונגן פריינט,—ביסט דאָך עפּעס א בעל תנ"ך, קאָנסט דיקדוק, וואָלסטו זיך אפשר אַמאָל שטילערהייט אַריינגעכאַפּט צום

ג ל ו ח ? נישקשה, דאַרפסט נישט מורא האָבן, ער וועט דיך פון וועג נישט אַראָפּפירן, דו וויסט, וואָס צו ענטפערן אַן אפיקורס, אָבער כאַפּן אַ שמועס מיט אים וועגן ענינים פון דיקדוק וכדומה — וועט דיר נישט שאַטן...

ר' אברהם האָט געמוזט שוין האָבן דערטאַפּט עפּעס כ ת ב י ם ביים בחור, און אַזוי ווי ער האָט אים ליב געהאַט, און אַזוי ווי אליין איז ער אויך אפשר געווען אַביסל געכאַפּט אין דער מעשה פון לשון ומליצה, האָט ער געוואָלט אַז דער יונגערמאַן זאָל זיך באַקענען מיטן משכיל פון שטאָט.

דער משכיל — דאָס איז געווען אברהם בער גאָטלאָבער, אַ העברייאישער און אַ יידישער שרייבער, וועלכער איז אין יענער צייט געווען שוין באַרימט ווי אַ וויכטיקער פאָרשטייער פון דער השכלה־ליטעראַטור.

אבראַמאָוויטשן איז דאַן נאָך אפילו נישט איינגעפאַלן, אַז ער וועט זיין אַ „סופר בישראל" (ווען אימיצער זאָל מיר דעמאָלט געווען זאָגן, האָט ער געשריבן אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז איך וועל ווערן אַ מחבר ביי יידן, וואָלט איך געמיינט, אַז דאָס לאַכט ער פון מיר. איך פלעג דאָך נאַאיוו מיינען, אַז די שרייבער זיינען אַלע געטלעכע מענטשן און ווער בין איך, אַז איך זאָל דערגרייכן אַזאַ מדרגה ?") פונדעסטוועגן האָט ער געגומען מיט זיך זיין פּעקל כתבים, ווען ער איז איינמאָל אין אַ שטילן טונקעלן אָוונט אַוועק צו גאָטלאָבערן. אַזוי האָט זיך שוין דעמאָלט געפירט — אַז אַ יונגערמאַן פלעגט קומען צו אַ משכיל, און בפרט נאָך צו אַ שרייבער, וועלכער איז געווען מפורסם, פלעגט ער אַרויסנעמען פון קעשענע צעקנייטשטע, פול מיט מליצה פאַרשריבענע, בלעטלעך פּאַפּיר — דאָס איז געווען אַ מין רעקאָמענדאַציע אָדער אַן אַריינפיר צום געשפּרעך. דער יונגער אַבראַמאָוויטש האָט גאָטלאָבערן געוויזן זיינע העברייאישע שירים מיט דער „דראַמע". גאָטלאָבער האָט, ווי דער שטייגער איז, געהייסן אים לערנען זיך און צוגעזאָגט אים העלפן „זיך בילדן". און ער האָט אים טאַקע געהאָלפן. ערשטנס, האָט ער אים אויסגעליען ביכער פון זיין ביבליאָטעק ; צווייטנס, האָט ער געבעטן זיין טאָכטער, אַז זי זאָל לערנען דעם פּייאיקן אָרעם־בחור וועלט־זאַכן — רוסיש, דייטש, חשבונען.

שלום יעקב איז, ווי פריער, געזעסן אין בית־המדרש, אָבער זיין קאָפּ איז שוין געלעגן איצט נישט אַזוי אין די אַלטע הייליקע ספרים, ווי אין די נייע וועלטלעכע לימודים. דער בית־המדרש־עולם, אַחוץ דעם אַלטן ר׳ אברהמען, האָט נישט געוואוסט דערפון, און דער יונגער מושלם האָט געקראָגן אַלץ אַ גרעסערן שם אין שטאָט. מען האָט אים גענומען ריידן שידוכים מיט די שענסטע באַלעבאַטים. איינער פון די שידוכים איז אים געפעלן געוואָרן, און ער האָט חתונה געהאַט. ער איז געוואָרן אַן אײדעם אויף קעסט ביי אַ רייכן שווער. אָבער דאָס ווייב איז מיט אים נישט געווען קיין פּאָר9), זיי האָבן נישט געהאַט קיין גוט לעבן. און נאָכדעם ווי זיי האָבן דריי יאָר אָפּגעלעבט איינעם און געהאַט צוויי קינדער, וועלכע זיינען געשטאָרבן, האָבן זיי זיך געגט. דערווייל האָט אַב־ראַמאָוויטש זיך צוגעגרייט צו עקזאַמענעס, געקראָגן אַ לערער־דיפּלאָם און אַ שטעלע פון אַ לערער אין דער קאַמענעצער רעגי־רונגס־שול. דריי יאָר האָט ער געהאַט די דאָזיקע שטעלע.

מיט אַ „קאָקאַרדע" אויפן היטל איז ער שוין געווען מער ענלעך אויף אַ רעגירונגס־באַאַמטן, ווי אויף אַ יידענעם יונגערמאַנטשיק, און ער איז אויסערלעך אַוועק אויף דעם אופן פון דער אַלטער יידישער וועלט, מיט וועלכער ער אז אין האַרצן נאָך געווען שטאַרק פאַרבונדן.

וועגן ווערן אַ שרייבער האָט ער נאָך אַלץ נישט געוואַגט צו טראַכטן, אָבער צו דער פען האָט אים געצויגן, און אין איינער אַ ווינטערדיקער נאַכט, ווען ער איז געזעסן און געענטפערט אויף אַ בריוו פון זיין עלטערן ברודער, הירש אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז געווען אַ מלמד ערגעץ אין אַ קליין שטעטל, — האָט ער זיך אַזוי צעשריבן, אַז עס איז ביי אים אַרויסגעקומען אַ גאַנצער טראַקטאַט וועגן פּראָבלעמען פון דערציאונג בכלל און יידישער דערציאונג בפרט. פון דעם גרויסן בויגן פּאַפּיר, וואָס ער האָט פאַרשריבן פון ביידע זייטן, האָט ער אויף מאָרגן איבערגעשריבן אַ טייל און אַוועקגעשיקט צו זיין ברודער. דעם אָריגינאַל האָט ער געלאָזן ליגן און שפּעטער האָט ער זיך אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם. ערשט איינמאָל ברענגט אים דער בריווטרעגער אַ פאַרמאַכטן פּאַקעט פון אויסלאַנד. ער איז, פאַרשטייט זיך, געווען זייער נייגעריק צו וויסן,

ווער עס שרייבט דאָס אים פון אַ פרעמד לאַנד. מיט גרויס אומגעדולד האָט ער געעפנט דעם בריוו. ערשט — „פּאַר מיינע אויגן (ווי ער האָט שפּעטער דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע) איז דער נומער 31 פון דער צייטונג „המגיד", ערשטער יאָרגאַנג, און עפּעס ווי באַקאַנטע ווערטער שיינען מיר אַרויס פון די שורות פון לייט־אַרטיקל אונטערן נאָמען „מכתב על דבר החינוך", („אַ בריוו וועגן דערציאונג"), וואָס איז געדרוקט מיט גרויסע אותיות". די „באַקאַנטע ווערטער" זיינען געווען פון יענעם בויגן פּאַפּיר, וועלכן ער האָט אַמאָל פאַרשריבן ענטפערנדיק זיין ברודער. דאָס האָט זיך אַזוי לאַנג געוואַלגערט ביי אים אין הויז, ביז איינער פון זיינע פריינט, אויך אַ משכיל, האָט זיך דערמיט פאַראינטערעסירט און עס אַוועקגעשיקט צו אברהם בער גאָטלאָבער, וועלכער האָט שוין דאַן געוואוינט אין אַלט־קאָנסטאַנטין. גאָטלאָבערן איז עס שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער איז, פאַרשטייט זיך, געווען זייער צופרידן, וואָס זיין געוועזענער תלמיד שניידט זיך אויף אַ לייט. האָט ער גענומען דעם מאַנוסקריפּט און אים אַוועקגעשיקט קיין ליק (פּריסן) צו אליעזר זילבערמאַן, דעם רעדאַקטאָר פון דער ערשטער העברייאישער צייטונג „המגיד", וועלכע האָט דאַן ערשט (1857) אָנגעהויבן אַרויסצוגיין. „המגיד" האָט עס גלייך אָפּגעדרוקט (אין נומער 31, כ"ג תמוז, תרי"ז) און נאָך צוגעגעבן דערצו די הסכמה פון גאָטלאָבערן, וועלכער האָט געשריבן, אַז דער מאמר פון דעם יונגן מחבר איז אַזוי וויכטיק, אַז מען דאַרף אים איבערזעצן און פאַרעפנטלעכן אויף דער לאַנדשפּראַך. אינאיינעם מיט דעם אָפּגעדרוקטן מאמר האָט אַבראַמאָוויטש באַקומען אַ בריוו פון דעם רעדאַקטאָר פון „המגיד" מיט אַן איינלאַדונג צו שרייבן אויך ווייטער. און אַט אַזוי איז ש"י אַבראַמאָוויטש (ער האָט זיך דאַן נאָך נישט אונטערגעשריבן „מענדעלע מוכר ספרים") — געוואָרן אַ העברייאישער שרייבער.

ער האָט גלייך פאַרנומען אַן אָרט אויבנאָן אין דער — דאַן זייער אָרעמער — העברייאישער זשורנאַליסטיק. עס האָט זיך, אגב, פאַראינטערעסירט מיט אים און מיט זיין צוקונפט דער באַרימטער השכלה־טוער און געלערנטער, ל. מאַנדעלשטאַם, און ווען יענער איז, אינאיינעם מיט דעם רוסישן בילדונגס־מיניסטער דורכ־

געפּאָרן קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, האָט ער געראָטן דעם יונגן אַבראַ־מאָוויטשן לאָזן די לערער־שטעלע און פאָרן קיין פּאַדואַ, איטאַליע, שטודירן אויף ראַבינער. ער האָט אים צוגעזאָגט משתדל זיין זיך פאַר דער רעגירונג, וועלכע האָט דאַן געזוכט צו פאַרשפּרייטן כלומרשט בילדונג צווישן יידן, אַז זי זאָל אים באַשטימען אַ סוב־סידיע פאַר דער צייט, וואָס ער וועט זיך לערנען. אָבער דערפון איז גאָרניט נישט געוואָרן און ער איז געבליבן אין קאַמענעץ. ער האָט געלעבט דאָרט ביז דעם יאָר 1858, ווען ער האָט זיך איבער־געקליבן קיין בערדיטשעוו.

וואָס האָט ער אויפגעטאָן אין משך פון די זעקס יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק? ער האָט אין דעם דאָזיקן פּעריאָד, ווי מיר האָבן געזען, איבערגעלעבט עטלעכע זייער וויכטיקע מאָמענטן: איבערגעגאַנגען פון דער בית־המדרש־וועלט צו דער וועלט פון השכלה; געוואָרן אַ לערער פון אַ רוסיש־יידי־שער רעגירונגס־שול; חתונה געהאַט און — געגט זיך... אָבער די וויכטיקסטע געשעעניש פון דעם דאָזיקן קורצן צייטאָפּשניט איז זיכער דאָס, וואָס ער איז געוואָרן אַ שרייבער.

ערשטע ליטעראַרישע טריט

„אַ בריוו וועגן דערציאונג". — אַבראַמאָוויטשעס שייכות צו פּעדאַ-
גאָגיק. — ליבשאַפט צו קינדער. — ליטעראַרישער דעביוט.

ש. י. אַבראַמאָוויטש האָט דעביו-
טירט אין דער העברייאישער פּרעסע, ווי מיר האָבן געזעען, מיט „אַ בריוו וועגן דערציאונג". דער „בריוו" איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אָן זיין וויסן, דאָך וואָלט געווען פֿאַלש צו טראַכטן, אַז צופֿעליק איז זיין ליטעראַרישער דעביוט געווען פֿאַרבונדן מיט פֿראַגן פֿון דער-ציאונג. ניין, נישט קיין צופֿאַל איז עס געווען. פּעדאַגאָגיק האָט פֿאַרנומען אין זיין לעבן א גרויסן אָרט. זיין ערשטער פּרוּוו צו פֿאַרדינען זיין שטיקל ברויט איז געווען לערעריי: ער האָט גע-קנעלט מיט זיין שטיפּפּאָטערס קינדער אין מעלניקי, לעבן קאַמפּע-ליע, ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ יינגל. זיין שפּעטערדיקע פֿאָרמעלע בילדונג איז — ווידעראַמאָל — געווען פֿאַרבונדן מיט פּעדאַגאָגיק. ער האָט אָפּגעגעבן עקזאַמען אויף לערער אין יאָר 1855 און איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר אַ לערער אין דער קאַמע-נעץ-פּאָדאָלסקער רעגירונגס-שול.

ווען ער האָט זיך איבערגעקליבן אין עטלעכע יאָר אַרום קיין בערדיטשעוו (און דערנאָך קיין זשיטאָמיר), האָט ער זיך געווען אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, און אין משך פֿון צוויי צענדליק יאָר האָט ער קיין לערער-שטעלע נישט גע-האַט. אָבער זינט דעם יאָר 1881, ווען ער באַזעצט זיך אין אָדעס, ביז דעם לעצטן יאָר פֿון זיין לעבן האָט ער ווידער אַ דירעקטע שייכות צו פּעדאַגאָגישער טעטיקייט, זייענדיק דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער אָדעסער תּלמוד-תּורה.

עס איז, אַלזאָ, נישט קיין צופאַל, וואָס זיין ערשטער שריט אין דער ליטעראַטור האָט געהאַט צו טאָן מיט דערציאונג. און דער ערשטער שריט איז נישט געווען דער לעצטער. אַבראַמאָוויטש האָט שפּעטער געשריבן נאָך „אַ בריוו וועגן דערציאונג“, אַ בריוו, וואָס איז איינינעם מיט דעם ערשטן איבערגעדרוקט געוואָרן אין זיין (העברייאישן) בוך „משפט שלום“. (ווילנע, 1860). די דערציאונגס־פראַגע פאַרנעמט אַ גרויסן אָרט אין „דאָס קליינע מענטשעלע“ — זיין ערשטער יידישער דערציילונג.

מיט די צוויי בריוו וועגן חינוך, ווי אויך מיט אַ פּאָר אַנדערע פּעדאַגאָגישע ארבעטן זיינע אויף העברייאיש, — ווי א שטייגער זיין איבערזעצונג פון אַן אַרטיקל פון דעם באַרימטן רוסישן פּעדאַגאָג פּיראָגאָוו (אין דער דערמאָנטער זאַמלונג „משפט שלום“) — איז אַבראַמאָוויטש געוואָרן דער אָנזאָגער און דער פּיאָנער פון מאָדערנער פּראָגרעסיווער פּעדאַגאָגיק ביי יידן.

ער האָט געשריבן נאָך אַן אַלט־מאָדיש־מליצהדיקן העברייאיש, אָבער זיינע אידייען זיינען געווען ניי, פריש, — און אייניקע פון זיי האָבן נאָך איצט אויך אַ ווערט.

אין זיין „מכתב על דבר החינוך“ האָט אַבראַמאָוויטש (אפשר צום ערשטן מאָל אין אונדזער ליטעראַטור) אָנגעוויזן, אַז מען קאָן נישט לערנען מיט קינדער, סיידן מקאָן גוט זייער נשמה, זייער פּסיכאָלאָגיע („תכונות נפש הנער“) — (זע משפט שלום, ז. 47). מען מוז זיך רעכענען,האָט ער געשריבן, מיט דעם קינדס געמיטצושטאַנד, ווי אויך מיט זיינע איינגעבאָרענע פייאיקייטן, אויב מען וויל, אַז עס זאָל האָבן אַ פּעולה... און ווייטער: דער לערער, נישט דער תלמיד, האָט ער געשריבן, איז שולדיק, אויב דאָס לערנען גיט נישט קיין גוטע רעזולטאַטן.

אַבראַמאָוויטשעס ברודער, דער מלמד, צו וועמען ער האָט געהאַט געשריבן דעם „בריוו“, האָט זיך פאר אים געקלאָגט אויף זיין ביטערער מערכה. די תלמידים פאָלגן אים נישט. ער שרייט אויף זיי, ער כעסט זיך, ער ווערט אָן די כוחות — און זאָל עס זיי אָרן! האָט אים אַבראַמאָוויטש געענטפערט, אַז דאָס איז זיין אייגענע שולד. ער ווייסט נישט, ווי מען דאַרף לערנען מיט קינדער. עס פעלן אים די נויטיקע קענטעניש, דערהויפּט פאַרשטייט ער

נישט, אַז יעדעס קינד האָט זיין אייגענעם כאַראַקטער, זיין אינדיווי־דואַליטעט, און אַז מען אַדרף זיך אָפּגעבן מיט יעדן יינגל באַזונדער („כרצון וטבע נער ונער". דאָרט, ז. 48).

אַ קינד ווייסט נאָך נישט, וואָס גוט איז און וואָס שלעכט, האָט ער געשריבן אין זיין בריוו. אַ קינד האָט נאָך נישט קיין עטישן באַוואוסטזיין — און מען קאָן ניט קומען צו דעם מיט די זעלביקע מאָראַלישע פאָדערונגען, מיט וועלכע מען ווענדט זיך צו דערוואַק־סענע (ז. 49)... דעם קינדס כאַראַקטער דאַרף ערשט פאָרמירט ווערן, און דער לערער, וועלכער העלפט אים פאָרמירן זיך, מוז פילן די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ער נעמט אויף זיך (ז. 50). דער דערציער מוז זיך אַליין, פריער ווי אַלץ, דערציען... און צווישן די אַלע מעלות, וואָס דער לערער מוז האָבן, רעכנט אַבראַמאָוויטש אויס: א) גוטסקייט; ב) אַבסאָלוטע איבערגעבנ־קייט צו זיין אַרבעט; ג) גערולד; ד) געלאַסנקייט (ז. 52).

צום סוף פון זיין בריוו זאָגט ער צו זיין ברודער און פאַר־זאָגט אים: „זיי נישט אין כעס!... שלאָג נישט די קינדער... דערנידעריק זיי נישט!... פאַרלאַנג פון זיי נישט צופיל!..." (ז. 54).

דאָס האָט אַבראַמאָוויטש געפאָדערט פון אַ לערער אין 1857, ווען ער האָט דעביוטירט אין דער העברייאישער ליטעראַטור, — און אַזוי האָט ער זיך אויסגעמאָלן דעם אידעאַל פון אַ לע־רער, דעם מוסטער פון אַ פּעדאַגאָגישער באַציאונג צום תלמיד — שפּעטער, שיר ניט אין אַ האַלבן יאָרהונדערט אַרום, ווען ער האָט געהאַלטן אין שרייבן זיין לעצט ווערק — „שלמה ר' חיימס".

אין „שלמה ר' חיימס" דערציילט אונדז מענדעלע וועגן זיי־נעם אַ רבין, וואָס איז געווען אַ לערער „פון גאָטסגענאָד". דאָס איז געווען דער פריער־דערמאָנטער ליפּאַ ראובנס, איינער פון שלום יעקבס רביים: „דער רבי און דער תלמיד האָבן זיך איינער דעם אַנדערן, זאָגט ער, זייער גוט געפּאַסט". און דאָס איז אין זיינע אויגן געווען דער עיקר. דער לערער און זיין תלמיד מוזן האָבן צווישן זיך עפּעס אַן אינעווייניקסטע קרובהשאַפט אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך אויפן נאַטירלעכסטן אופן ח ב ר ן.

אַזאַ נאַטירלעכע חברשאַפט איז געווען צווישן ליפאַ ראובנס און שלמהלען. ליפאַ ראובנס האָט „געקנעלט געטריי״, כאַטש (אָדער ווייל) „בשעת דעם לערנען ביים טיש פלעגט דער רבי זיצן אויף זיין אָרט מיט עפּעס אַן אַרבעט — מאָלען אָדער שטעכן אַ חתימה־לע. די אַרבעט האָט אים נישט געשטערט, פאַרקערט, דאָס לערנען, זאָגט מענדעלע, איז געגאַנגען פיל בעסער. די אַרבעט איז פאַר אים געווען דאָס אייגענע וואָס פאַר א פּראָסטן בעל־מלאכה א גור־טער טרונק בראַנפן. זי האָט אים באַגייסטערט, באַלעבט, געמאַכט באַרעדעוודיק. (ער האָט, הייסט עס, געהאַט די אַלע מעלות, וועלכע אַבראַמאָוויטש האָט פאַרלאַנגט פון אַ לערער אין זיין „מכתב על דבר החינוך״ — ש. נ.) ערשט דענסטמאָל (ווען ער האָט געטאָן זיין קונסט־אַרבעט — ש. נ.), האָט ער דערקלערט אַלצדינג שאַרף, קלאָר, פונם מויל האָבן זיך געשאָטן פּערל, אין די אויגן האָט גע־פינקלט אַ הייליק פייערל, ער האָט געקוקט מיט ליבשאַפט, עפּעס אַזוי גוט, אַזוי גוט״... און אַז דער רבי איז געווען אַזוי גוט, אַזוי באַלעבט, אַזוי באַגייסטערט, איז דער תלמיד אויך נישט געבליבן קאַלט: „דעם תלמיד פלעגט עס געבן אַ נעם, אַ ברען, אונטערגעבן אים חשק. ער האָט געשלונגען איטלעכס וואָרט, אויפשטעלנדיק די אויערלעך״. שלמהלע איז געווען פול מיט ליבשאַפט צו דעם רבין, האָט ער אויך זיין תורה ליב געהאַט: „דאָס לערנען איז נישט געווען ווי ב י י ע נ ע, ערגעץ אַנדערש, אַשטייגער, אַ שווער משא, אַ ריין אָפּקומעניש, וואו דער רבי מיט דעם תלמיד ליידן נעבעך ביידע גלייך: איינער שלאָגט אין קאָפּ אַריין מיט געוואַלד, איז דערביי אויפגעבראַכט, היצט זיך, אַ שרעק, און דער אַנדערער, וואָס זאָל ער נעבעך טאָן, מאַכט זיך כלומרשט ווי אים איז עס אין קאָפּ אַריין, ציטערט, פּלאָטערט, — און ביידע ווינטשן איינער פונם אַנדערן פּטור צו ווערן... נייַן, דאָס איז געווען גאָר עפּעס ווי אַ שמועס צווישן צוויי פריינט, אין וועלכן איין האַרץ פילט דאָס אַנדערע, — אַ שמועס, וואָס מאַכט פאַרגעניגן אי דעם, וואָס רעדט, אי יענעם, וואָס הערט. ביידע פאַרשטייען זיך זייער גוט און עס ווילט זיך צוברענגען אַזוי די צייט נאָך און נאָך״...

אָט דעם מוסטער פון אַ לערער האָט אַבראַמאָוויטש אַרויס־געשטעלט שוין אין יאָר 1857, ווען ער האָט געשריבן זיין „מכתב

על דבר החינוך". פון וואַנען האָט זיך גענומען ביי אים אָט דער אידעאַל פון אַ דערציער? ער איז באַקאַנט געווען מיט די ווערק פון פּיראָגאָוו, דעם באַרימטן רוסישן פּעדאַגאָג. אָבער אין זיינע אַרבעטן ציטירט ער זיי נישט. ער דערמאָנט אויך נישט די נעמען פון רוסאָ, פּעסטאַלאָצי, פרעבעל אָדער הערבאַרט. ער ברענגט, אַנ־שטאָט דעם, פּסוקים פון משלי, מאמרים פון תלמוד... איך גלויב, אַז זיינע געזונטע — און מער אינטואיטיווע, ווי אויסגעשטודירטע — מיינונגען וועגן דערציאונג האָבן געשטאַמט דערהויפּט פון זיין טיפן אינטערעס און זיין גרויסער ליבשאַפט צו קינדער. פון זיינע ווערק זעט מען, אַז ער האָט זיי שטאַרק ליב געהאַט און גוט געקענט. ער האָט אַזוי, ווי זיין „איניקל" שלום־עליכם, נישט דורכ־געלאָזט קיין געלעגנהייט צו שרייבן וועגן חברה קליינוואַרג. אַלע זיינע ווערק פון „דאָס קליינע מענטשעלע" ביז „שלמה ר' חיימס" — זיינען פול מיט שילדערונגען פון קינדהייט און יוגנט. זיי גע־הערן צו די קינסטלערישסטע שילדערונגען זיינע. און דאָס איז, רעכן איך, דערפאַר, ווייל ער האָט דאָס קינדערשע לעבן געמאָלן מיט דער זעלביקער ליבשאַפט און מיט דער זעלביקער הנאה, מיט וועלכער ער האָט אונדז איבערגעגעבן זיינע נאַטור־איינדרוקן. די סביבה פון די דערוואַקסענע איז אָפט געווען אַזאַ טרויעריקע, אַזאַ פינצטערע: האָט ער געזוכט טרייסט און ליכט אין דעם שויס פון דער נאַטור און אין דער נאַעטקייט פון קינדער. אים האָט קיין זאַך נישט פאַרדראָסן אַזוי שטאַרק, ווי דאָס, וואָס — „אין גלופּסק איז נישטאָ קיין קינדער. גלופּסקער יינגלעך זיינען קליינע יידעלעך מיט אַלע פאַסטעמקעס: מיטן ריידן, מיטן אָנטאָן, מיטן היטן זיך, מיט דעם פּחד און דעם טרויער און די דאגות, וואָס זיינען אָנגע־שריבן אויף זייערע פּנימער. דער חילוק איז נאָר, וואָס זיי זיינען קליינע, זיי האָבן נישט קיין בערד און קיין ווייבער. גלופּסקער מיידלעך זיינען אַלטע ווייבער אי מיט זייער לשון, אי מיט זייערע גענג, זייערע תנועות, זייער הכנעה, זייער שטילקייט און אַראָפּ־געפאַלנקייט, אי אפילו מיט זייער חכמה. נאָר וואָס דען? זיי זיי־נען קליינע און קינדלען נישט". („צוריק אהיים" — „בסתר רעם"). דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ גוזמא. לויט מענדעלעס אייגענע שיל־דערונגען זיינען יידישע יינגלעך געווען קינדער נישט נאָר אין דעם

זינען, וואָס זיי האָבן „נישט געהאַט קיין בערד״, און קליינע יידישע מיידלעך האָבן זיך אויסגעצייכנט אויך מיט אַן אַנדער קינדישקייט, אַחוץ זייער „ניט־קינדלען״. לייענט, וואָס מענדעלע אַליין דער־ציילט וועגן הערשעלעס שפּילן זיך אין „ווינטשפּינגערל״ און וועגן זיינע אייגענע „שקצישע שטיק״ — אין „שלמה ר׳ חיימס״. אָבער עס איז אמת, אַז די עלטערן און די עלטערע יידן בכלל זיינען גע־ווען קעגן קינדערשע שטיפעריייען — און דאָס איז געווען די אור־זאַך, פאַרוואָס הערשעלס יוגנט איז פאַרגאַנגען געשווינד, אָפּגע־לעבט גיך, און ער איז קינדווייז נאָך געווען אַ קליין יידל: דער־שלאָגן, פאַרטראַכט, מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים און אַלע פאָסטעמקעס פון אַ גרויסן באַווייבטן יידן — עס האָט אים נאָר געפעלט אַ בערדל״ (ווינטשפּינגערל). הערשעלע האָט נישט פול אויסגעלעבט די פרייד פון זיינע קינדער־יאָרן, — און אויך שלמהלע האָט זי נישט אינגאַנצן אויסגעלעבט. אויך זיין יוגנט „איז פאַרשוואונדן גיך, „ווי אַ חלום״. האָט ער געוואָלט אויפהאַלטן דעם ליכטיקן חלום, — אויפהאַלטן אים וואָס לענגער: האָט ער זיך געחברט מיט אייזיק דעם שמיד, מיט הערצל קיילעס דעם סטאָליער און מיט אַנדערע פון זייער מין, וואָרים „אַט אזעלכער נעבעך פילט זיך עפּעס, ווי ניי געבאָרן אין דער געזעלשאַפט פון אַ מענטשן, וואָס איז צו אים צוגעלאָזט, ווייזט אים אַ גוטע מינע, וואָס איז אַליין אויך נאָך גאָר אַ קינד, וואָס רעדט מיט אים איין לשון און גייט אים אַריין אין דער נשמה מיט זיינע מעשות״...

שלמהלע, ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ קינד, האָט געבענקט נאָך קינדער, נאָך קליינע און דערוואַקסענע („יונג־אַלטע״) קינדער — און אויך שפּעטער ווען ער איז אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן מענדעלע מוכר ספרים האָט ער געבענקט נאָך זיי. „קינדער, דער־ציילן זיינע טעכטער, האָט דער זיידע בכלל ליב געהאַט, און אין שפּיל מיט זיי פלעגט ער זיך אליין פאַרוואַנדלען אין א קינד; באַזונדערס אינטערעסירט האָבן אים קינדער אין דער סטאַדיע פון אַרויספּיקן זייער אייגענעם איך.״10) האָט ער געוואָלט, אז קינדער זאָלן האָבן אזעלכע חברים, ווי שלמהלע האָט געהאַט, און אויך אזוינע לערער, ווי זיינע — לערער, וואָס זאָלן „דער־האַלטן אין זיי דאָס יונגע פּייערל״, לערער, וואָס דאָס קינד

„זאָל לעכצן נאָך זיינס אַ וואָרט, ווי אַ דאַר גרעזעלע בשעת די גרויסע היצן — נאָך אַ טראָפּן וואַסער, און ווערט צו זיי צוגעזאָטן מיט לייב און לעבן”...

מענדעלעס ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט איז, ווי זיין גאַנץ שאַפן, געווען טיף פאַרוואָרצלט אין זיינע פּערזענלעכע איבערלע־בונגען, און צו זיי קערן מיר זיך אום צוריק נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך באַקענט מיט זיין ליטעראַרישן דעביוט.

פון קאַמענעץ-פּאָדאָלסק קיין בערדיטשעוו

קאַמענעצער „תפיסה־יאָרן". — פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק קיין בער־דיטשעוו. — צווייטע פרוי. — ביים שווער אויף קעסט. — גזעל־שאַפטלעכע טעטיקייט. — פון קינדער־דערציאונג צו פאָלקס־דער־ציאונג. — פון אָרטיקע צו אַלגעמיינע אויפגאַבן.

אַבראַמאָוויטש האָט אין קאַמענעץ נישט געוואָלט בלייבן, כאָטש ער האָט געהאַט דאָרט אַ געזיכערטע לערער־שטעלע. ער האָט די יאָרן, וואָס ער האָט דאָרט פאַרבראַכט, אָנגערופן „תפיסה־יאָרן". אַזוי האָט ער זיך אויסגע־דריקט אין אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן (אויף רוסיש) צו פעסיע לעווין, זיין צווייטער פרוי. ער האָט עס געשריבן חתנ׳ווייז, ווען ער איז געווען נאָך אין קאַמענעץ. ער האָט אויסגעדריקט זיין טיפע צופרידנקייט, וואָס ער וועט זיך באַלד זען מיט זיין כלה — אין בערדיטשעוו וואוהין ער האָט זיך געקליבן פאָרן אויף פסח. „אַז מיר וועלן פראַווען, האָט ער איר געשריבן, דעם סדר און דערציילן, ווי עס פירט זיך, זכרונות וועגן די ניסים, וואָס גאָט האָט געטאָן אונדזערע עלטערן, ווען ער האָט זיי אויסגעלייזט פונם יאָך פון מצרים, און וועגן זייער שמחה דעמאָלט, — דאַן, מיין טייערע, וועל איך דיר אויך דערציילן מיין האַרציקע פרייד, וואָס איך ווער פּטור פון מיין זעקסיאָריקער תפיסה אין קאַמענעץ. דאַן וועל איך דיר איבערגעבן באריכות מיינע אַלע גע־דאַנקען און אַנגענעמע געפילן בעת איך ווער דערלייזט פון די נאַרישע קאַמענעצער פּאַקטוירים"... 11).

ער איז „דערלייזט געוואָרן" אין יאָר 1858, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין בערדיטשעוו, וואו ער האָט חתונה געהאַט מיט דער

דערמאָנטער פּעסיע, דער טאָכטער פון דעם בערדיטשעווער נאָטאַ־ריוס זלמן לעווין.

אין בערדיטשעוו האָט ער זיך די ערשטע עטלעכע יאָר זייער גוט געפילט. עס האָט אים באמת גאָרנישט ניט געפעלט. ער איז געזעסן אויף קעסט ביי זיין רייכן היינטוועלטיקן שווער און האָט אָפּ־געגעבן די גאַנצע צייט אויף שטודירן און שרייבן: „אויפן האַרצן איז מיר גוט, לייענען מיר אין זיינעם אַ קאַפּיטל זכרונות. דער קאָפּ איז מיר פריי פון דאגות. איך זיץ מיט מיין ווייב, אַ בת־יחידה, אויף קעסט. יונג בין איך, כוח האָב איך, לערנען באַגער איך, ספרים שרייב איך, שירים אַמאָל מאַך איך — האָב איך ליב די נאַטור, גיי־אויס נאָך איר... אין די ווייטע פעלדער, אין די גע־דיכטע וועלדער — שפּאַצירן איז מיין לעבן. אין שטאָט גופא איז נישטאָ קיין שיינקייט, די שטאָט איז שמוציק, אָבער אַביסל אין דער זייט, האָט זיך מיר אַנטפּלעקט די גלופּסקער (בערדיטשע־ווער) יפהפה — די פּיאַטאָגנילאָווקע, אַנמאַכנדיק מיר אַ חשק זיך „געגענען" צו איר. גאָרנישט געוועזן זי צו דערקענען — אַזוי שיין איז זי. אין שטאָט זעט זי אויס ווי אַ שוואַרציאַר, פאַרראָסט, פאַרדריפּעט, מחילה, דער גאַנצער שמוץ פון די הייזער ליגט אויף איר, אַזוי אַז ס'איז פשוט נישטאָ ביי איר אַזויפיל וואַסער אויף אָפּ־וואַשן זיך, און דאָ איז זי אינגאַנצן עפּעס ווי איבערגעביטן גע־וואָרן. זי איז אָפּגעוואַשן — וואַסער גענוג וויפיל מען וויל. אָנ־צושפּיגלען זיך אין איר פּנים, אַזוי קלאָר־לויטער איז עס! אויס־געפּוצט, ווי אַ פּריצטע, אין אַ זומערדיק־הימלבלויען מאַנטל, באַגילט מיט גילדענע פליטערלעך. שפּילנדיק אין אַלערליי קאָלירן אַנטקעגן דער זון, גייט זי זיך געלאַסן, נישט געיאָגט, אינם שיי־נעם טאָל צווישן גרין־באַוואַקסענע בערג, וואָס טראָגן איר אונטער אויפן וועג בוקעטן פון שמעקעדיקע בלומען. בוימער פון דער־ווייטנס באַגריסן זי, שאָקלענדיק מיט די קעפּ, און פון צווישן צווייגן הערט זיך, איר לכבוד, אויף די העלדזער אָפּשפּילן אַ וויוואַט גאָר פויגלדיק!"

איז אַבראַמאָוויטש אָפט געגאַנגען אָנקוקן אָט די „יפהפה". אָבער צופיל צייט האָט ער נישט אָפּגעגעבן אויף שפּאַצירן און „ליידיק־גיין". ער איז געווען אַ מענטש פון אַרבעט. און אין דער

צייט, וועגן וועלכער מיר ריידן, איז ער גאָר באַזונדערס שטאַרק געווען אַריינגעטאָן אין לערנען און אין פאָרשן. עס האָט זיך אומגעקערט צוריק צו אים די אַלטע התמדה. אפילו בריוו שרייבן צו פריינט האָט ער זיך נישט פאַרגונען צו אָפט. „ווייסט דאָך", האָט ער געשריבן דאַן (שבט, תרי"ט) צו אַ חבר אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, וועלכער האָט געבעטן ער זאָל אים שרייבן וועכנטלעכע בריוו, — „ווייסט דאָך, אַז איך בין נישט קיין לײדיק־גייער און אַז איך בין אַריינגעטאָן אין מיין הייליקער אַרבעט. מיינע טעג און מינוטן זיינען אָפּגעגעבן צו גאָט און צו זיין תורה און ס'איז איצט נישט קיין צייט אַריינצולאָזן זיך אין ליבע־בריוולעך צו חברים און שרייבן דברים בטלים, וואָרים וואָס קאָן איך דיר טאַקע שרייבן? אַז מיין גאַנץ לעבן אין בערדיטשעוו איז ווי איין לאַנגער טאָג אָן קיין שום ענדערונגען... היינט בין איך אויפגעשטאַנען אינדערפרי און געלערנט, געגעסן און געלערנט, געטרונקען און געלערנט ביז האַלבער נאַכט. און אַזוי וועט אויך זיין מאָרגן"12).

ער האָט דאָך אָבער געפונען צייט פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, דערהויפּט נאָכדעם ווי ער איז שוין אָפּגעזעסן עטלעכע יאָר אויף קעסט און האָט שוין באַוויזן אַ היפּש ביסל אויפצוטאָן אויפן ליטעראַרישן געביט. ער פלעגט אָפט אַרומגיין איבער די וואוינונגען פון די אָרעמעלייט און צוקוקן זיך צו זייער לעבן. ער האָט ליב געהאַט צו פירן געשפּרעכן מיט בעטלער, קאַליקעס, און אָפט פלעגט ער זיך אפילו אַריינמישן אין זייערע קריגערייען און מאַכן שלום צווישן זיי13).

די עקאָנאָמישע לאַגע איז אין בערדיטשעוו קיינמאָל נישט געווען גוט, דאַן אָבער איז געווען גאָר אַ באַזונדער שווערע צייט פאַר דער „יידישער הויפּט־שטאָט", ווי עס האָט געהייסן בערדיטשעוו. עס איז געווען אַן עקאָנאָמישער קריזיס, און „צו די שטענדיקע אָרעמעלייט זיינען צוגעקומען אַסך אויסגעוואָרענע נגידים און סתם מענטשן, וואָס האָבן פריער געהאַט ווי עס איז חיונה און זיינען אַצינד געבראָכן געוואָרן פונם ברויט"14). האָט זיך אַבראַמאָוויטש גענומען גרינדן אַ חברה פאַר ביליקן קרעדיט מיטן נאָמען „משכיל אל דל". ער האָט צוגעצויגן צו דער אַרבעט

אַ גרופּע אָרטיקע משכילים, האָט פאַרפאַסט די תקנות פון דער חברה, און אין דעצעמבער, 1863, האָט די אָרגאַניזאַציע אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן... אין אַ בריוו, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט אַליין אָפּגעדרוקט וועגן דעם ענין אין „קול מבשר" (16טן יאַנואַר, 1865), האָט ער געשריבן, אַז נישט בלויז „די אומבאַהאָלפענע אָרעמקייט" אַליין האָט ער זיך גענומען צום האַרצן, נאָר אויך דאָס, וואָס „בשעת די אָרעמקייט הויבט זיך אָן צו ווייזן ערגעץ אין אַן אָרט, ברענגט זי דאָס רוב מיט זיך נאָך אַסך אַנדערע צרות: די מענטשן ווערן אַביסל האַרטהערציקער, מען פאַרבויגט אַביסל דעם יושר, איינער איז מסיג־גבול דעם אַנדערן, מען זוכט אַלץ אַרויסצוכאַפּן ביי יענעם, נעבעך זיין ביסן: וואָס איז, זאָגט מען, עס איז שוין, כלעבן, פאַר אים געגנוג. מיר זיינען אויך מענטשן, מיר ווילן אויך עסן; וואָס ווערט דערפון? מען שלאָגט זיך, מען קריגט זיך און מען רייסט זיך איבער אַ ביין! — עפּעס אַ קאַטאָוועס רבונו של עולם! — דאָס אַלץ איז מיר איבערגעגאַנגען אויף מיין כוח המדמה, ביז גאָט ברוך הוא האָט מיר אַריינגעגעבן די המצאה: צו גרינדן די חברה „משכיל אל דל", וואָס איר צוועק איז אַ טאָפּלטער: 1) העלפן בכבוד אָפּגעקומענע אויף אַזוי אַן אָרט, אַז דורך דעם זאָלן זיי זיך קאָנען אַרויפכאַפּן אויף אַ שטיקל שטייגער פּרנסה, אָבער נישט געבן אָבי אַט אַ נדבה צו פאַרמערן נאָך מקבלים ליידיק־גייערס (טוניעיאַדצעס); 2) צו אונטערשטיצן אָרענטלעכע מענטשן און אָנווענדן אַלע מעגלעכע, רעכטע מיטלען, אַז זיי זאָלן, חלילה, נישט געקריוודעט ווערן, און זיי פאַרהיטן פון אַל־דאָס בייז. צו דעם צוועק האָט מען מתקן געווען גוטע תקנות...

דער קאָמיטעט קומט זיך צונויף איין מאָל אין דער וואָך. דער סעקרעטאַר (ש. י. אַבראַמאָוויטש) לייגט פאַר אַ צעטל, וועלכע מענטשן עס פאָדערן הילף. הן מיט געלט, הן מיט אַ גוט וואָרט און גלאַט אַזוי אַ טובה. בכלל האָט מען היינטיקס יאָר זייער אַסך מענטשן געשטעלט אויף די פיס. אונטער זיי זיינען פאַראַן פיל אַלמנות מיט יתומים, וואָס מען האָט זיי געגעבן אַ פּרנסה אין די הענט: די איז אַ בעקערן, די איז אַ קרעמערן, די אַ מילך־טרעגערן וכדומה. עס האָט שוין אפילו דאַנקען גאָט געטראָפן דער פאַל, אַז איינער, וואָס די חברה האָט אים בסוד געשטיצט, איז אויפגע־

ריכט געוואָרן און האָט מיט דאַנק אָפּגעשיקט דער חברה צוריק איר אונטערשטיצונג!״15)

מיט דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע פאַר עקאָנאָמישער הילף אַליין האָט זיך אַבראַמאָוויטש נישט באַנוגנט. ער זאָרגט אויך פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון בילדונג צווישן יידן. ער העלפט די יונגעלייט אָנקומען אין זשיטאָמירער ראַבינער־סעמינאַר און אין אַנדערע לערן־אַנשטאַלטן . . . „מיין הויז״, האָט ער שפּעטער געשריבן אין אַ העברייאישן בריוו צו אפרים דיינארדן, — „מיין הויז איז געווען אַ מין קלוב פאַר אינטעליגענטן און אונטעליגענטער יוגנט. אַסך פון דער דאָזיקער יוגנט זיינען פון מיר און מיין געזעלשאַפט סטימולירט געוואָרן צו זוכן בילדונג אין פאַרשיידענע לערן־אַנשטאַלטן, און עס זיינען איצט דאָ צווישן זיי אַסך גרויסע געלערנטע, ראַבינער, דאָקטוירים, וועלכע זיינען מיר זייער איבערגעגעבן״16). און נישט נאָר יחידים שטיצט ער אינם פרט פון בילדונג. ער העלפט בויען אַנשטאַלטן. ער געפינט זיך צווישן די גרינדער פון אַ פּאַנסיאָן פאַר יידישע קינדער. ער איז צווישן די איניציאַטאָרן פון אַן עפנטלעכער ביבליאָטעק, פון אַ קאָר־שול... הכלל, ער איז איינער פון די אָנגעזעענסטע טוער און משכילים אין שטאָט. ער גייט־איבער פון קינדער־דערציאונג צו פאָלקס־דערציאונג און פון אָרטיקע צו אַלגעמיינע אויפגאַבן.

ער האָט שוין איצט א ברייטערן קוק און צופיל ענערגיע, ער זאָל זיך קאָנען צופרידנשטעלן מיט ריין אָרטיקע טעטיקייטן. ער וויל עפּעס אויפטאָן פאַר אַלע רוסישע יידן, פאַרן גאַנצן פאָלק, נישט נאָר פאַר זיין שטאָט. און ער פאַרשטאַרקט זיין ליטעראַריש־פּובליציסטישע אַרבעט. ער שרייבט אַרטיקלען אין „המגיד״, אין „המליץ״. ער זוכט אויסצובעסערן דעם מצב פון דער יידישער דערציאונג. אים לאָזט נישט רוען דער צושטאַנד פון דער העברייאישער ליטעראַטור. זי האָט געזאָלט זיין דאָס וויכטיקסטע אויפקלערונגס־מיטל און איז אַ „פוסטער גאָרטן״, ווי ער האָט שפּעטער געשריבן. „אַ פאַרלאָזענער גאָרטן אין הערבסט־צייט, נישטאָ קיין פּרוכט, נישטאָ קיין שמעקעדיקע בלומען און קיין שיינע פלאַנצונגען, די בלעטער זיינען פאַרוויאַנעט און די בוימער שטייען נאַקעטע״ . . . די מחברים האָבן געלויבט איינע די אַנדערע, קיין קריטיק איז

נישט געווען, „און די ליטעראַטור, וואָס האָט נישט קיין קריטיקער און יעדעס בוך און זיין קדושה איז אַ צווילינג, — אַזאַ ליטעראַטור איז אַ גאָרטן אָן אַ באַלעבאָס“... אַבראַמאָוויטש האָט געפילט שוין איצט אין זיך די פייאיקייט צו ווערן אַ ב אַ ל ע ב אָ ס, אַן אויפזעער אין דעם פאַרוואָרלאָזטן גאָרטן פון דער העברייאישער ליטעראַטור.

אין יאָר 1860 דרוקט ער אין ווילנע אַ זאַמלונג קריטישע און פובליציסטישע אַרטיקלען מיטן נאָמען „משפט שלום“. ער טרעט שאַרף אַרויס קעגן איניקע זייער אָנגעזעענע שריפטשטעלער פון יענער צייט, ספּעציעל קעגן אליעזר צבי הכהן צווייפעל. דאָס בוך איז, לויט זיינע אייגענעם אויסדרוק, „געקומען ווי אַ קויל אין דער מחנה רואיקע שרייבער, וואָס זיינען זיך געזעסן ווי וויין אויף זיין הייוען, און איך בין ביי זיי געווען אַ מענטש, וואָס איז געקומען שטערן זייער רו, שענדן זייער כבוד און רום, און ס'איז געוואָרן אַ גרויס געשריי אין דער עדה“.

פון מליצה צו רעאַליזם

„משפט שלום". — פון מליצה צו רעאַליזם. — א. צ. קאָוונערס און ש. י. אַבראַמאָוויטשעס רעאַליזם. — ראַדיקאַל אין סאָציאַלע — און קאָנסערוואַטיוו אין רעליגיעז־קולטורעלע פראַגן. — דייטש אָדער רוסיש? — „עין משפט". — „תולדות הטבע". — „האבות והבנים".

אין „משפט שלום", ווי אויך אין אַנדערע אַרבעטן פון יענער צייט, האָט אַבראַמאָוויטש שוין אַרויס־געוויזן יענע נטיה צו ר ע אַ ל י ס ט י ש ק י י ט אין שרייבן און אין דענקען, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גאַנצן שפּעטערדיקן שאַפן.

ער איז נישט אַבסטראַקט־רעאַליסטיש, ווי עס איז גע־ווען זיין קעגנער, „דער העברייאישער פּיסאַרעוו", אורי צבי קאָוו־נער. יענער האָט זיין ראַדיקאַלן פּאָזיטיוויזם איבערגעזעצט פון רוסיש. ער האָט זיך נישט גערעכנט מיט די קאָנקרעטע באַדינ־גונגען פונם יידישן לעבן. ער האָט אינגאַנצן פאַרלייקנט די יידישע קולטור־טראַדיציע. דער קוואַל פון זיין אינספּיראַציע איז געווען נישט די יידישע ווירקלעכקייט, נאָר די רוסישע ליטעראַטור פון די זעכציקער יאָרן, — די ליטעראַטור, צו וועלכער ער איז אינגיכן טאַקע איבערגעגאַנגען. אַבראַמאָוויטש איז אויך געווען באַאייַנ־פלוסט פון דער רוסישער ליטעראַרישער קריטיק, דערהויפּט פון איר שטאַרקן אינטערעס צו נאַטורוויסנשאַפט. טיעפער אָבער, ווי קאָוונער, איז ער געווען פאַרוואָרצלט אין דער יידישער סביבה. איז זיין פאָדערונג פון נאָענטקייט צום לעבן געווען אַן אמת־רעאַ־ליסטישע, נישט קיין אַבסטראַקטע פאָדערונג. ער האָט זיך גע־

שטיצט אויף די אינעווייניקסטע באַדערפעניש און די דור־דורת־דיקע באַגריפן פונם יידישן פאָלק.

ער איז געווען ראַדיקאַל אין זאַכן פון „בין אדם לחברו", אין עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אָנגעלעגנהייטן, אין ענינים, וואָס זיינען שייך צום טאָג־טעגלעכן לעבנס־שטייגער. ער איז אָבער געווען איינגעהאַלטן און אָפּגעהיט, ווען עס זיינען אָנגערירט געוואָרן פונדאַמענטאַלע באַגריפן פון דער יידישער קולטור, גרונט־מאָטיוון פון דעם פאָלקס גייסטיקער ירושה. „כבודם במקומם מונח", האָט ער געשריבן אין „עין משפט (1867). זיי זיינען הייליק, און מיר קריטיקירן נאָר די טראַדיציע פון טאָג־טעגלעכן לעבן" (ז. 11). פון איר האָט ער זיך פאַרגונען צו לאַכן, אָבער נישט פון די עיקרים פון דער רעליגיע. ער וואָלט שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן, ווען ער זאָל לייענען, וואָס עס שרייבט איינער פון די נייע קריטיקער, אַז „ווייזנדיק דעם רעליגיעזן שטייגער אין זיין גאַנצער פאַרקריפּלדיקער העסלעכקייט", האָט ער, מענדעלע, „ממילא אָנגעגריפן די רעליגיע אויך אין תוך.17) די „רעליגיע אין תוך" האָט ער נישט נאָר ניט אָנגעגריפן; ער איז פון איר קיינמאָל נישט אוועק אינגאַנצן. אים זיינען געווען דערווידער די משכילים, וואָס זיינען אינגאַנצן אוועק פונם פאָלקס־לעבן. ער האָט געהאַסט די „פּוסטע פראַנטן" פון דער השכלה. ער האָט קלאָר עס אַרויסגעוויזן שוין אין יאָר 1859, אין איינעם פון זיינע בריוו. ער שרייבט צו זיינעם אַ פריינט פון קאָמענעץ־פּאָדאָלסק, אַז ער איז פאַרטאָן אין מענדעלסאָנס ווערק („אטה לחכמת מענדעלסאָן אזני ולתבונת חכמי אשכנז המצוינים אקשיבה"); אָבער ער ווייסט שוין, אַז צווישן די משכילים זיינען דאָ מענטשן, וואָס זיינען נישט מער ווי פּוסטע באַרימער, און ער וואָרנט זיין פריינט, ער זאָל נישט גיין אין די וועגן פון די „נייע דייטשן", וואָס לערנען אויס נאָר די הקדמה פון יעדן ספר און זייער גאַנצע חכמה באַשטייט אין דעם, וואָס זיי קאָנען זאָגן גוט־מאָרגן אויף אַלע „שבעים לשון"...18).

ער דערמאָנט אָפט אין זיין דעמאָלטדיקער (און שפּעטערדיקער) קאָרעספּאָנדענץ גאָט און די תורה, אַזוי ווי ער זאָל נישט זיין דער פאַרפאַסער פון „תולדות הטבע", נאָר עפּעס אַ פאַרצייטיקער

ייד, אַן אַלטמאָדישער מחבר. ענלעך צו איינעם פון זיינע פּאָרגייער, יצחק בער לעווינזאָן, באַמיט ער זיך צו ווייזן, אַז צווישן אמתער השכלה און געלייטערטער אמונה איז נישטאָ קיין ווידערשפּרוך („משפט שלום", ז. 12).

עס איז לחלוטין נישט אמת, אַז ערשט שפּעטער, אין דעם צווייטן פּעריאָד פון זיין שאַפן, איז מענדעלע געוואָרן „אַפּאָלאָגע־טיש" בנוגע צום רעליגיעזן יידישן לעבנסשטייגער. ער איז עס געוועזן שוין אין די 60ער און אין די 70ער יאָרן. ער איז עס געוועזן אַלעמאָל. מען זעט עס פון זיינע פּאָררעדעס צו „תולדות הטבע", אויך פון „האבות והבנים", וואו ער מאָלט מיט ליבשאַפט בילדער פון שבת און יום־טוב. ער איז תמיד געווען איינגעפלאָכטן, איינ־געשמידט אין דער קייט פון ד י אַ ל ט ע. „די קליאַטשע", האָט ער צוגעגעבן, איז געשריבן אויף א הויכן גאַנג, אויף דעם „גאַנג, ווי ד י אַ ל ט ע ה אָ ב ן ג ע ש ר י ב ן". ער איז געווען יונג גענוג נישט צו שרעקן זיך פאַר די אַ ל ט ע. און מיט אַ קורצער צייט פריער, איידער ער האָט פאָרעפנטלעכט זיין „קיצור מסעות בנימין השלישי" (1878), אָט דאָס בוך, וואו ער זאָל זיך האָבן באַוויזן „אַלס דער שאַרפער באַקעמפער פונם היסטאָרישן יידנטום"(19 — דרוקט ער אַזעלכע „קלעריקאַלע" ווערק, ווי „פרק שירה" (1875) אָדער „זמירות ישראל" (1875). „די טאַקסע", וועלכע ער האָט נאָר־וואָס געהאַט פאָרעפנטלעכט און וועלכע איז אזוי שאַרף ראַדיקאַל אין סאָציאַלן זינען, האָט אים נישט געשטערט צו שטרעבן דערצו, אַז „פרק שירה" זאָל ווערן א פאָלקס־ספרל, אַ מין „קן הישר" אָדער אַ „שבט מוסר". ער האָט עס „ פ אַ ר ד י י ט ש ט אין שירים און גוט דערקלערט, בכדי איט־לעכער י י ד ב אַ ז ו נ ד ע ר זאָל גוט פאַרשטיין זיין טייערן ווערט, ווי שיין עס איז גאָר, אַ גאָטס וואונדער". ער האָט געמאַכט אויף דעם אַ פירוש אויף לשון־קודש — „טוב־טעם" — „הנותן טעם לשבח ומפרש על פי חכמת הטבע ודברי חז"ל א. א. וו." און אין סוף האָט ער אויפגעשריבן: „תם ונשלם הפרק שירה, בעזרת הבוחר בשירי זמרה", — יידישלעך, אַזוי ווי דאָס וואָלט געטאָן יע־דער כשרער מחבר... זאָל אַ ייד זיך טאַקע נישט באַנוגענען מיטן „ספר הברית", זאָל ער וויסן, וואָס די חוקרים, די „טבעיים" זאָגן,

אָבער זאָל ער, האָט ער געטראַכט, פאַרשטיין אויך דעם פשט פון אַ מדרש, פון אַ מאמר חז״ל... איין זאַך שליסט נישט אויס די אַנדערע; פאַרקערט, זיי ווערן נאָך מער באַ׳טעמ׳ט איינינעם...

וועגן די „זמירות ישראל״ האָט ער אין זיין העברייאישער אויטאָביאָגראַפיע (אין „ספר הזכרון״, 1889) דערציילט, אַז — „די סיבה, וואָס האָט מיך געבראַכט איבערצוזעצן די זמירות איז אַזעלכע: ווארים איך האָב געזען די תפילות אין סידור „קרבן מנחה״ פאַר יידישע טעכטער און די איבערזעצונג איז אָן אַ טעם און אָן אַ ריח, מען קאָן עס אין מויל נישט נעמען, דעריבער האָב איך זיך באַשלאָסן אַז ס׳איז געקומען די צייט צו טאָן פאַר אונדזערע שוועסטער די יידישע טעכטער און פראָסטע מענטשן אונדזערע און זיי אונטערטראָגן אַ מתנה אויף אַ ריינער שפּראַך. ווארים אויך זיי האָבן אַ האַרץ ווי מיר, וואָס לעכצט נאָך גאָטס זיסע ווערטער און מיר קאָנען זיי נישט פטרן פון דעם און זיי פאַרמיידן פון גוטס, פון וויסן און מוסר און דאָס אַלץ באַהאַלטן נאָר פאַר אַ קליין ביסל יחידי־סגולה. און אויך אונדזערע היייליקע אבות האָבן איבערזעצט די תורה אויף דער שפּראַך פון פאָלק, און אונדזערע תנאים האָבן פאַר זיי באַשטימט טאָלמאַטשעס, כדי דעם המון פון פאָלק צו געבן צו פאַרשטיין גאָטס רייד, פאַר וואָס־זשע זאָלן אויך מיר נישט גיין אין זייערע וועגן צו געבן חכמה און מוסר צו זייערע קינדער פון הייליקן פאָלק אויף דער שפּראַך, וואָס זיי פאַרשטייען, און פאַרוואָס זאָלן אויך מיר נישט זאָרגן פאַר אונדזערע טעכטער און פאַרן גאַנצן המון און פון זיי פאַרמיידן די גוטע מתנות און שיינע אוצרות, וואָס געפינען זיך אין אונדזערע תפילות און זיי לאָזן אַרומבלאָנקען אויף די פינצטערע וועגן, זיך צו פאַרנעמען מיט נאַרישקייטן און פוסטע מעשות וואָס פאַרנאַרישן און מיר זאָלן נאָר אין זינען האָבן נאָר אַ קליינעם טייל פון אונדזער פאָלק?! צי זיינען דען נישט אַלע יידן הייליק און צווישן זיי רוט גאָט? מיט די זמירות האָב איך אָנגעהויבן די הייליקע אַרבעט פאַר אַ פּראָבע, דערנאָך האָב איך איבערזעצט דעם ספר תהילים אין שירים און ער געפינט זיך ביי מיר אין מאַנוסקריפּט״.

אין דער זעלביקער צייט האָט ער געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט ראָמס דרוקעריי אין ווילנע וועגן אַרויסגעבן זיינע א נייע אי־

בערזעצונג פון „קרבן מנחה", אַט דעם ווייבערשן סידור... אין אַ בריוו, וואָס ער האָט אין יענער זייט געשריבן (אויף העברייאיש) צו לינעצקין און גאָלדפאַדענען, אין אַ בריוו, וואָס איז דאַטירט „דער 28טער אָקטאָבער, 1875" — לייענען מיר: מיין צוועק איז מיט דעם דאָזיקן בוך („זמירות ישראל") און מיט אַנדערע ביכער פון דעם מין, וואָס וועלן מיט דער צייט געדרוקט זיין, — צו רייניקן די יידישע תפילות פון דער מיאוסקייט פון צעדרייטע איבערזעצונ־גען, וואָס מען האָט געמאַכט ביז איצט פון זיי אויף עברי־טייטש, וואָרים די דאָזיקע איצערזעצונגען האָבן שלעכט פאַרדאָרבן איר געשמאַק און געלערנט יעדן צו פּישטשען ווי די פויגעלעך און אַרויסצוברענגען פון זייער מויל משונהדיקע און אומפאַרשטענד־לעכע ווערטער. און צום אַלעם ערשטן דאַרף מען פאַרבעסערן דעם געשמאַק ביי אַ פאָלק, אַזוי־ווי איך האָב דאָס געוויזן אויספירלעך אין אַסך ערטער" („שריפטן", 1, קיעוו, 1928, ז. 241). הייסט דאָס „באַקעמפן דאָס היסטאָרישע יידנטום"? ניין, דאָס הייסט זאָרגן זיך פאַרן „היסטאָרישן יידנטום". דאָס הייסט זען, אַז יידן זאָלן זיין אַ פאָלק, וואָס איז אי צו גאָט („פּרק שירה", „זמירות), אי צו לייט („טאָקסע", „קליאַטשע", „מסעות בנימין השלישי"). דאָס הייסט זאָרגן דערפאַר, אַז אי עס זאָל אויפגעהיט ווערן און עס זאָל האָבן אַ פּנים אַלץ, וואָס האָט אַ ווערט, אינם גייסטיקן לעבן, אי עס זאָל אויסגעוואָרצלט ווערן אַלץ, וואָס איז שלעכט, אינם סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן.

און נישט נאָר אין די זיבעציקער יאָרן, אויך פריער, אין די זעכציקער יאָרן, אין דעם אַנטוויקלונגס־פּעריאָד, וועלכן אונדזערע „לינקע", אַט די נעאָ־משכילים נעמען אונטער זייער ספּעציעלן שוץ, — האָט מענדעלע אַטאַקירט ניט די רעליגיעזע, נאָר די סאָציאַלע פעסטונגען פון דער אַלטער יידישקייט... גוטמאַן, דער משכיל פון „דאָס קליינע מענטשעלע", קומט קיין גלופּסק אויספירן יצחק אברהם תקיפס צוואה. דאַרף ער, לויט דער דאָזיקער צוואה, מאַכן פאַר זיין (יצחק אברהמס) געלט גוטע פּאַראַנדקעס, פאַרבעסערן די תלמוד־תורה, מאַכן לייט פון יתומים, אָרעמע קינ־דערלעך, אויסלערנען זיי גוטע מלאכות (אַריינפיר צו „ווינטשפינ־גערל", אויסגאַבע 1865). ער איז, הייסט עס, נישט קעגן דער

תלמוד־תורה, ער וויל זי נאָר „אויסבעסערן". און נישט אַליין, אויף זיין אייגענער אחריות, וויל ער זי „אויסבעסערן", נאָר — איניינעם מיטן רב. (דער רב איז אין „דאָס קליינע מענטשעלע" אגב, אַ סימפּאַטישע פּערזאָן)...

אַבראַמאָוויטש איז אין די זעכציקער יאָרן געווען קעגן יענע „דייטשלעך", וועגן וועלכע ער זאָגט אין „יידל", אַז דער חילוק צווישן זיי און די פאַנאַטיקער פון אַלטן דור איז: — „איר פרומע גלויבט אין אַלטע זאַכן אָן אונטערשייד, זיי (די „דייטשלעך") כאַפּן ווי הייסע לאָקשן נייע רייד. די לייט מיינען, וואָס אַלט איז נאַריש און שלעכט, וואָס ניי איז קלוג און רעכט". אזוי מיינען זיי, אָבער — נישט מענדעלע. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן, אַז אַ ל ץ, וואָס ניי, איז גוט, און אַז אַ ל ץ, וואָס אַלט, איז שלעכט.

ער האָט אַסך אַלטע זאַכן געוואָלט אויפהיטן, און אפילו דאַן, ווען ער האָט זיי געזוכט צו פאַרבייטן מיט נייע, איז ער געווען זייער פאָרזיכטיק. ער איז געווען אַ ן א י נ ע ו ו י י נ י ק ־ ס ט ע ר מענטש אין דער יידישער וועלט, און ער האָט געהאַלטן, אַז אַלץ, אויך די אויפקלערונג, די רעפאָרמירונג דאַרף געפירט ווערן „אין דעם גייסט פון די יידן און זייער אייגנאַרטיקייט, אין דעם גייסט פון זייער רעליגיע און זייערע השגות — און מיט אינווייניקסטע מיטלען" („עין משפט", ז. 27).

איז ער געווען אַ רעאַקציאָנער? אַ, ניין, ער האָט געהאַט דעם מוט אַרויסצוטרעטן מיט דער שאַרפסטער קריטיק קעגן איינ־געפונדעוועטע אינסטיטוציעס, אָבער ווען? ווען עס האָט זיך גע־רעדט וועגן וואָכעדיקע זאַכן, וועגן טאָג־טעגלעכן לעבנסשטייגער, וועגן פראַגן פון עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן. בנוגע צו זיי איז ער געווען ראַדיקאַל און אַגרעסיוו. אַז ס'איז געקומען אָבער צו וויכטיקע רעליגיעז־רוחניותדיקע ענינים, האָט ער זיך געהיט נישט צו פאַרשוועכן קיין הייליקייטן. און ווען א. צ. קאָוונער האָט חוזק געמאַכט פון גמרא, האָט ש. י. אַבראַמאָוויטש אין „המליץ" (1866, נומער 8) געשריבן: „היט זיך אָנצורירן דעם תלמוד, מחמת מ י ט א י ם אָ ט ע מ ע ן ד י י י ד ן, ער איז די נשמה פון זייער גלויבן, פאַר אים האָבן זיי איינגעשטעלט זייער לעבן, צו שטאַרבן אויף קידוש־השם אויף שייטערהויפנס...

און ווי וועט איר זיי קאָנען אויפקלערן זייער אינעווייניקסטן צו־שטאַנד, אויב איר ווילט אָנרירן אָט די נשמה זייערע?20). און אַבראַמאָוויטש האָט דעם כבוד פון תלמוד און פון דער גאַנצער אַלטער יידישער קולטור נישט אָנגערירט. אַבראַמאָוויטש איז בנוגע וויכטיקע רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן געווען פונקט אזוי אָפּגעהיט, אויסגערעכנט און רעאַליסטיש, ווי בנוגע צו געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען און פראַגן פון דערציאונג.21).

מיט זיין אַלגעמיינעם קוק אויף דער פּראָבלעם פון דערציאונג האָבן מיר זיך שוין באַקאַנט (זע פריער—„ערשטע ליטעראַרישע טריט"). אין פאַרבינדונג מיט זיין רעאַליזם, איז כדאַי צו דערמאָנען עטלעכע פונקטן פון זיין ספּעציעל־י י ד י ש ע ר דערציאונגס־פּראָגראַם. זי האָט געזוכט צו פאַראייניקן תורה מיט חכמה, און חכמה— מיט מלאכה. דאָס איז אָבער נישט געווען קיין נייעס ביי די משכילים. אָ שטיקל נייעס איז געווען אַבראַמאָוויטשעס איינשטעלן זיך פאַר רוסיש קעגן טייטש. אין דער השכלה־פּראָגראַם האָט דייטש פאַרנומען זייער א גרויסן אָרט. אפילו „חיי אדם" האָט מען געלערנט אין די משכילישע שולן אויף דער שפּראַך פון געטע און שילער, שוין נישט גערעדט וועגן תנ"ך. איז געקומען אַבראַמאָוויטש און האָט אויסגעלאַכט די טייטשמערישע, אַזויווי די העברייאישע מליצה. אויב שוין יע, האָט ער געזאָגט, לערנען די קינדער אָ פרעמד לשון, זאָל עס זיין רוסיש, די שפּראַך פון לאַנד.

אין זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט חברים־משכילים האָט ער שוין אין סוף פּופציקער יאָרן אַרויסגעוויזן אינטערעס צו רוסיש22). אין די אַרטיקלען, וואָס ער האָט דאַן און שפּעטער געשריבן, האָט ער אָנגעגעבן די מאָטיוון פון זיין איינשטעלן זיך פאַר דער שפּראַך פון לאַנד. צוליב וואָס, האָט ער געפרעגט, זאָל מען איבערזעצן תנ"ך אָדער „חיים אדם" פון איין שפּראַך, וואָס דאָס קינד פאַרשטייט נישט, אויף אָ צווייטן לשון, וואָס איז אים נישט פאַרשטענדלעך? זאָל מען זיך אויפהערן שפּילן מיט דייטש און לערנען מיט יידישע קינדער אויף יידיש און (שפּעטער) אויף רוסיש.22א).

אַבראַמאָוויטש איז געווען פאַר רוסיש נישט ווייל ער איז, ווי אייניקע אַנדערע משכילים, געווען אַן אַסימילאַטאָר, נאָר ווייל, אין פאַרגלייך מיט טייטש, איז רוסיש דאָך געווען אָ מער נאַטירלעכער

און מער „רעאַליסטישער״ לימוד. די אויפקלערער פון דעם פריער־דיקן דור האָבן פון דער „קאַזיאָנער״ שול, מיט וועלכער זיי האָבן שטאַלצירט, געוואָלט מאַכן עפּעס אַ מין פאַבריק פון יונגע משכּילים־לעך, און היות ווי אָן דייטש איז אַ משׂכּיל קיין משׂכּיל נישט געווען, האָבן אָרעמע יידישע קינדערלעך, קינפּטיקע שניידער, שוסטער און קאַראַבעלניקעס, געמוזט זיך לערנען חומש און חיי־אדם אויף טייטש. אַבראַמאָוויטש איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן דערפילט די אומנאַטירלעכקייט פונם משׂכּילישן דייטש. ער האָט, אַזוי גוט, ווי אַנדערע משׂכּילים, געוואוסט, אַז דייטש איז וויכ־טיקער פאַר אמתער בילדונג און אויפקלערונג ווי רוסיש. „ליגן דען אין רוסיש באַהאַלטן די פּערל פון חכמה און וויסן?״ האָט ער געפרעגט אין אַ בריוו צו זיינעם אַ פריינט אין יאָר 23.1859) אָבער דעם זעלביקן פריינט האָט ער פונדעסטוועגן געראָטן לערנען רו־סיש23א) ער האָט געפילט, אַז השׂכּלה אין רוסלאַנד הערט אויף צו זיין אַ „בת השמים״, „אַ טאָכטער פון הימל״, אַ שטיק ראָמאַנטיק. ער האָט געשפּירט, אַז זי קריגט ביסלעכוויז אַ פּראַקטישע באַדיי־טונג, אַ לעבנס־ווערט, צוליב וועלכן עס איז נויטיק די שפּראַך פון לאַנד. עס האָבן זיך דאָן גענומען וויזן די גרויסע יידישע „פּאָד־ריאַדטשיקעס״, און „אָטקופּשטשיקעס״, וועלכע ער האָט באַשריבן שפּעטער אין „ווינטשפינגערל״, — און אַרום אָט די גבירים האָבן געלעבט אַסך יידן, וועלכע האָבן שוין געמוזט קענען רוסיש צוליב די געשעפטן, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט רעגירונגס־באַאמטע. ביל־דונג איז געוואָרן אַ פּרנסה־זאַך. מען האָט שוין נישט געקאָנט מער באַנוגענען זיך נישט מיט דער שפּראַך פון די נביאים און אויך נישט מיט דעם לשון פון געטע און שילער. עס איז אָנגעקומען די עפּאָ־כע פון די 60ער יאָרן, די עפּאָכע, ווען עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט און עס איז איניינעם מיט איר געוואַקסן די יידישע בורזשואַזיע אין איר נייגונג צו קולטורעלער אַסימילאַציע. צו גלייכער צייט איז דאָס געווען די ערא פון פּאָזיטי־וויזם און נאַטורוויסנשאַפט, פון פּיסאַרעוו (אין רוסיש) און קאָוונער (אין העברייאיש). איז פאַרשטענדלעך אַבראַמאָוויטשעס אַרויסטרעטן קעגן דער ראָמאַנטיק פון שיינע רייד, קעגן דער מליצה־ראָמאַנטיק, ער אליין האָט נאָך געליטן פון איר, דערהויפּט אין זיינע העבריי־

אישע שירים. דאָך איז ער געווען איינער פון די ערשטע אָנזאָגער פון דער רעאַליסטישער ריכטונג אין העברייאיש.

די יידישע ליטעראַטור, ווי ווייט זי האָט עקזיסטירט, איז פון אָנהויב־אָן געווען לעבנסטריי, אָבער משכילישער לשון־קודש איז געווען פול מיט יענעם סאָרט מליצה, וועגן וועלכן אַלטער יכנה"ז זאָגט אין „פישקע דעם קרומען": „פוילע סחורה! שמאַכטעס פון עפּעס פאַרשימלטע באַנקוועטשערס, אָרעמע בעל־עבירות! ווייס איך וואָס זיי האָבן דאָרט עפּעס אָנגעמאַכט! פאַר וועמען? קיינער פון עולם פאַרשטייט דאָרט נישט אפילו קיין וואָרט. עפּעס טערקיש, מישטיינס געזאָגט, לשון!" אַבראַמאָוויטש איז געווען פול מיט פּראָטעסט קעגן אָט דער „פוילער סחורה".

זיין קרעדאָ האָט ער שפּעטער אַזוי פאָרמולירט: „איך האָב געוואָלט מיטן גאַנצן הארצן, אַז אונזערע מליצים און דיכטער זאָלן נישט ריידן קיין הויכע פראַזן (לא ישיתו בשמים פיהם לדבר גבוהה, גבוהה), זאָלן נישט נעמען פאַר שטראָף צו זייער שרייבן די „בנות לוט", „אשת פוטיפרע" וכדומה פאַרשוינען א. אַ. וו., נאָר די זאָלן זיך אָפּגעבן מיט ממשותדיקע זאַכן (לשונם תהלך בארץ), זיי זאָלן זיך צוקוקן צום לעבן פון פאָלק און צו אַלץ, וואָס טוט זיך ביי אים אין דערהיים און אין קהל, און זאָלן עס אים אַלץ אָפּמאָלן; זיי זאָלן זען אויסבעסערן זיין געשמאַק מיט אַ ריינער, אַ שיינער און אַ לאָגישער שפּראַך, אויך זאָלן זיי אים גוטע קלוגע לעקציעס געבן, עס זאָל פאַרשטענדיקער ווערן". (זע זיין ערשטע, העברייאישע, אויטאָביאָגראַפיע).

אַלזאָ, דריי זאַכן: רעאַליזם פונם אינהאַלט; אַ שיינע, אַ ריינע, אַ לאָגישע שפּראַך; קלוגע לעקציעס.

דאָס האָט אַבראַמאָוויטש געפאָדערט פון אַנדערע — און אויך פון זיך. דאָס איז געווען זיין פּראָגראַם. זיין ווייטערדיקע אַרבעט איז די אויספירונג פון דער פּראָגראַם.

אין 1862 הויבט ער אָן אַרויסצוגעבן „תולדות הטבע", אַ פרייע באַאַרבעטונג פון אַ דייטשער נאַטור־געשיכטע. ער מאַכט רייכער מיט זיין ווערק די העברייאישע שפּראַך, הויבט אָן אין איר שאַפן אַ מאָדערנע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע טערמינאָלאָגיע. זיין עיקר כוונה אָבער איז געווען באַקאַנט צו מאַכן דעם יידישן לעזער מיט

די „פּאָזיטיווע“ וויסנשאַפטן, ער זאָל זיך אָפּגעוואוינען פון אומקלאָ־רע, אָפּט פּוסטע, מליצהדיקע פראַזן פון דער „הימלישער טאָכ־טער“.24).

אין דער אייגענער צייט שרייבט ער אויף העברייאיש אַ דער־ציילונג פון לעבן, „למדו היטב“ — אַ דערציילונג, וועלכע איז שפּעטער פון אים פאַרגרעסערט געוואָרן און איז אויסגעוואַקסן אין דעם ראָמאַן „האבות והבנים“, (אָדעס, 1868). דער ראָמאַן איז פון מאַנוסקריפּט איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש דורך זיין פריינט ל. בינשטאָק25). „האבות והבנים“ האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט די רוסישע און די העברייאישע קריטיק, אָבער אין תוך איז עס געווען אַ שוואַך־טענדענציעז ווערק מיט אַ נאַאיוו־פאַרפּלאָנטערטן סיפּור־המעשה, און עס האָט געהאַט מער אַ געזעלשאַפטלעכע, ווי א קינסט־לערישע באַדייטונג. 26).

צו זיינע האַלב־פּובליציסטישע, האַלב־קריטישע העברייאישע אַרבעטן פון יענער צייט געהערן די — שוין פריער דערמאָנטע — קליינע זאַמלונגען „משפט שלום“ (1860) און „עין משפט“ (1867), זאַמלונגען פון אַרטיקלען (און אויך שירים), וואָס זיינען צום טייל שוין פריער געדרוקט געווען אין „המגיד“ אָדער „המליץ“. פון דער זעלביקער תקופה שטאַמט אויך דער אָנהויב פון זיין העברייאישער איבערזעצונג פון אילאָווייסקיס רוסישער געשיכטע. ער האָט זיך גענומען פאַר דער דאָזיקער אַרבעט לויט דעם אויפטראָג פון דער חברה מפיצי השכלה, אָבער זי איז אינמיטן איבערגעריסן געוואָרן. אַבראַמאָוויטש האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם רעאַקציאָנערן גייסט פון דעם מאָנאַרכיסטיש־פּאַטריאָטישן היסטאָריקער, האָט ער זיך דערלויבט אַלערליי ענדערונגען, איז דאָס דעם עמאָלטידיקן קאָמיטעט פון מפיצי השכלה נישט געפעלן געוואָרן 27).

אָבער די וויכטיקסטע פּאַסירונג אין אַבראַמאָוויטשעס לעבן און שאַפן אין די 60ער יאָרן איז — ז י י ן א י ב ע ר ג י י ן פ ו ן ה ע ב ר י י א י ש צ ו י י ד י ש.

פון העברייאיש צו יידיש

יידיש אָן יידישיזם. — יידיש — די שפּראַך פון די פאָלקסמאַסן. די שפּראַך פון לעבן. — די קינסטלערישע און די סאָציאַל־עטישע מאָטיוון פון זיין איבערגיין צו יידיש. — זיין יידיש — אַ שפּיגל פונם יידישן לעבן. — יידישע קלאַנגען, יידישע תנועות. — יידיש אויף צוויי שפּראַכן.

ש. י. אַבראַמאָוויטשעס אינטערעס צו יידיש וויַיזט זיך אַרויס נאָך פאַר דעם יאָר 1864, ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט „דאָס קליינע מענטשעלע", זיין ערשטע יידישע דערציילונג. ער איז געווען צווישן די, וואָס האָבן צוגערעדט אַלעקסאַנדער צעדערבוימען, דעם רעדאַקטאָר פון „המליץ", אַרויסצוגעבן אַ יידישע ביילאַגע, דעם „קול מבשר", — און דאָס איז געווען אין יאָר 1862, אויב נישט נאָך פריער.28). ש. י. אַבראַמאָוויטש איז נישט געווען אַזאַ הייסער יידישיסט, ווי זיין בערדיטשעווער פריינט, יהושע ליפשיץ, וועלכער האָט געהאַט אויף אים אַ ווירקונג אין אַסך פּרטים און אויך אינם פּרט פון יידיש. אַבראַמאָוויטש איז בכלל נישט געווען קיין יידישיסט אינם אָנגענומענעם זינען פונם וואָרט. אין „עין משפט" (1867) שטעלט ער זיך איין פאַרן העברייאיזם, נישט נאָר פאַר העברייאיש. ער האַלט, אַז העברייאיש פּאַסט זיך גאַנץ גוט צו זיין אַן אויפקלערונגס־מיטל — און ער שרייבט זיין „תולדות הטבע". לויבנדיק צעדערבוימען פאַר זיין יידישן „קול מבשר", האַלט ער פאַר נויטיק צו דערקלערן, אַז „זיין ציל איז נ י ש ט אויסצובעסערן דעם געמישטן יידיש־טייטש (יהודית אשכנזית הבלולה), נאָר צו ריידן צו דער גאַנצער יידישער מאַסע, וועלכע פאַרשטייט נאָך דערווייל נישט קיין אַנדער לשון" („עין משפט", אנמערקונג צו ז. 36). דאָס זיינען נישט קיין יידישיסטישע רייד. דאָך איז אַבראַמאָוויטש גע־

ווען שטאַרק צופרידן דערפון, וואָס צעדערבוים האָט זיך צוגעהערט צו זיין און ליפשיצעס עצה און אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ יידיש בלאַט. ער איז, פאַרקערט, געווען נישט צופרידן דערמיט, וואָס די לערער אין די רעגירונגס־שולן האָבן געמאַכט טייטשמערישע אָנ־שטעלן און נישט גענוצט די איינציקע שפּראַך, וועלכע די קינדער פאַרשטייען, — יידיש. אין „ווינטשפינגערל״, 1865, מאַכט ער חוזק פונעם „דייטשל״, וואָס אים „איז נישט געפעלן פאַרוואָס גוטמאַן קען יידיש און (וואָס) פלעגט אים נאָכקרימען ווי אַ גוי — אַ יידן״...

אין יאָר 1869 האָט ער געשריבן אין אַ בריוו צו א. י. פּאַפּער־נאָ: „באַלד וועל איך צושיקן מיין ספר „די טאַקסע״... כאָטש דער ספר איז געשריבן פּראָסט יידיש, דאָך איז ער ווערט, אַז מען זאָל אים צורעכענען לספרות ישראל, ווייל נאָך מיין מיי־נונג, געהערט צו ספרות ישראל אַלץ, וואָס איז אַרויס פון יידישן קוואַל, — אַלץ איינס צי איז דאָס געקליידט אין הייליקע צי אין וואָכעדיקע קליידער״. 29).

אַבראַמאָוויטש איז געווען דאַן (און אויך שפּעטער) נעענטער צו די „הייליקע״, ווי צו די „וואָכעדיקע״ קליידער פון דער יידישער ליטעראַטור, אָבער ער האָט געפילט און געוואוסט די באַדייטונג פון מאַמע־לשון. ער האָט געזען זיין באַדייטונג אין צוויי וויכטיקע זאַכן: א) אין דעם, וואָס יידיש איז די שפּראַך פון די פאָלקסמאַסן און ב) אין דעם, וואָס ס׳איז די שפּראַך פון טאָג־טעגלעכן לעבן, נישט נאָר פון ספרים.

די פאָלקסמאַסן, זייער לעבן און זייערעליידן זיינען אים תמיד געלעגן אין זינען, — אויך דאַן, ווען ער האָט געשריבן העברייאיש. ער האָט געוואָלט, ווי ער דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז די העברייאישע שרייבער „זאָלן זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד, זיך צוקוקן צום לעבן פון פאָלק און וואָס עס טוט זיך ביי אים אין הויז און אין קהלשן לעבן — און דאָס אַלץ אים באַווייזן״. ער האָט גע־טענהט, אַז „אַ ליטעראַטור, וואָס גיט זיך נישט אָפּ מיטן פאָלק און זיינע באַדערפענישן און וואָס ווערט נישט באַווירקט פון אים, קאָן אויך נישט ווירקן אויף אים. דאָס פאָלק האָט מיט איר נישט צו טאָן, און זי איז אַן איבעריקע אויף דער וועלט״. און ווייטער: „ס׳וואָלט געווען אַ רחמנות אויף אַן אָנגעזעענעם שרייבער, וואָס

האָט פאַרפאַסט אָן אַ שיר ביכער ווען עס זאָל אים אָפּשטעלן אַ מענטש פון דער מאַסע און אים פרעגן בתמימות, וואָס וויל ער מיט זיין שרייבן („עין משפט", ז. 25). ש. י. אַבראַמאָוויטש האָט גע־קוקט קרום אויף יענע שרייבער, וועלכע ווערן נישט באַווירקט פון פאָלק. און ער האָט געהאַט געשריבן העברייאישע דערציילונגען פונם פאָלקס־לעבן. ער האָט זיך אָבער, סוף־כל־סוף, געמוזט אָרומ־זען, אַז אויב מען וויל שרייבן פאַרן פאָלק און פון זיין לעבן, מוז מען אָנקומען צו זיין שפּראַך. נישט באַנוצן זי, נישט אַריינגעמען זי אין דער ליטעראַטור אַריין, הייסט האָבן פאַר זיך אַ שטיק פאָלקס־לעבן און פאָלקס־שאַפן און עס נישט אָפּשפּיגלען. און דאָס איז דאָך נישט קיין געוויינלעכער טייל פונם פאָלקס־לעבן און פאָלקס־שאַפן; ס'איז אַ טייל, אין וועלכן אַלע איבעריקע טיילן געפינען זייער אויס־דרוק, אַ טייל, אָן וועלכן זיי זיינען שטום... ווען געבן אַ בילד פונם פאָלקס־לעבן אָן דער פאָלקס־שפּראַך, הייסט, לויטן תלמודישן פאַרגלייך, ווען אויפהיטן דעם וויין, צעברעכנדיק דאָס פאַס. אַב־ראַמאָוויטש האָט עס (ווען אפילו אומבאַוואוסט) געפילט. ער האָט געפילט, אַז דאָס באַהעפט־זיין פונם פאָלק מיט זיין שפּראַך איז נאָך אינטימער, ווי דאָס באַהעפט־זיין פונם וויין מיטן פאַס: דאָס איז די אינעווייניקסטע פאַרוועבונג פון שאַפער און שאַפונג, אינהאַלט און פאָרם. ער האָט עס געפילט באַזונדערס טיף דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ קינסטלער אַ רעאַליסט. קאָן מען רעאַליסטיש־קינסט־לעריש איבערגעבן דעם ריטם פונם פאָלקס־לעבן אָן דעם ריטם פון זיין שפּראַך?

ש. י. אַבראַמאָוויטש האָט אין אַ פאָר צענדליק יאָר אַרום אויס־געלערנט זיך (און אויך אַנדערע) איבערצוטראָגן מיט גרויס מי און קונסט דעם שטייגער פון יידיש אין דער — העברייאישער שפּראַך, וועלכע ער האָט באַרייכערט און פאַרפיינערט... ער האָט זיך אויסגעלערנט צו געבן אין העברייאיש אַ ווידערקלאַנג פון יידיש. ער האָט געשריבן יידיש שרייבנדיק העברייאיש. ער האָט צו־געפאַסט די בוך־שפּראַך צו דער פאָלקס־שפּראַך; מאַכן זי אַליין פאַר אַ פאָלקס־שפּראַך — האָט ער נישט געקאָנט: צו אַ פאָלקס־שפּראַך מוז מען האָבן אַ פאָלק... אין דער צייט, ווען וועלכער מיר ריידן, אין דער צייט, ווען אַבראַמאָוויטש האָט אָנגעהויבן שרייבן,

— איז העברייאיש נאָך אפילו נישט צ ו ג ע פ א ס ט געווען צו דעם איינפאַכן, פרישן, קרעפטיקן אידיאָם פון פאָלק, און אין „האבות והבנים" — וואו עס ווערט, אגב, איבערגעחזרט עטלעכע מאָל די נויטיקייט, צו שרייבן פונם רעאַלן לעבן, פונם פאָלקס־לעבן — אין „האבות והבנים" האָט אַבראַמאָוויטש עטלעכע מאָל זיך געפילט געצוואונגען צו געבן אונטן, אין די אַנמערקונגען, די אויס־דרוקן, וועלכע ער האָט געהאַט אין זינען—אויף יידיש. ער האָט עס געמוזט טאָן. אנדערש האָט ער נישט געקאָנט אַרויסברענגען אויף אַ רעאַליסטישן אופן דאָס כאַראַקטעריסטישע אינם געשפּרעך פון זיינע העלדן. ער האָט, הייסט עס, געמוזט אָנקומען אָדער צו יידיש אָדער צו אַן איבערזעצונג פון יידיש:—איז דאָך שוין גלייכער געווען צו שרייבן לכתחילה יידיש. און דאָס איז, ווי עס ווייזט, גלייכער געווען פאַר אים אויך שפּעטער, ווען ער האָט שוין געהאַט אָפּגעפרישט און לע־בעדיקער און רירעוודיקער געמאַכט דעם סטיל אין העברייאיש, אויך דאַן איז אים נאָך אַלץ געווען לייכטער צו שילדערן דאָס לעבן פון פאָלק אויף דעם לשון פון פאָלק. „ביז וואַנען מענדעלע" — אַזוי דערציילט אין זיינע דערינערונגען ש. דובנאָוו — „ביז וואַנען מענדעלע האָט געהאַט פאַר זיינע אויגן דעם געדרוקטן י י ד י ש ן אָריגינאַל פון די ערשטע טיילן „ווינטשפינגערל", האָט ער געמאַכט די העברייאישע איבערזעצונג אָדער, ריכטיקער, איבעראַרבעטונג — מייסטערהאַפט און אָן שום שוועריקייטן, אָבער ווען עס איז געקומען צו שרייבן ווייטער, אָן דעם יידישן אָריגינאַל, האָט ער דערפילט, אַז עס וועט נישט גיין גלאַט".30). און „אַז עס האָט זיך געענדיקט דער יידישער טעקסט און ער האָט באַדאַרפט שרייבן די ווייטערדיקע קאַפּיטלען גלייך אויף העברייאיש, האָט מענדעלע אויף אַזאַ אופן פאַרגרינגערט זיך די אַרבעט: ע ר האָט פריער געשריבן די קאַפּיטלען אין יידיש און דערנאָך אַליין זיי איבערזעצט אויף העברייאיש. „אַזוי איז מיר גרינגער, האָט ער געזאָגט: שאַפן דעם אינהאַלט, די לעבנס־בילדער אויף דער שפּראַך פון דעם לעבן, און דערנאָך ערשט אָנקליידן די בילדער אין די קלאַסישע נאַציאָנאַלע קליידער". 31). אַזוי איז אים „גרינגער" געווען צו שרייבן אין דער תקופה פון די 80ער און די 90ער יאָרן, היינט וואָס אז שוין צו ריידן וועגן די 60ער יאָרן, ווען מען איז נאָך

געוואוינט געווען צו שרייבן העברייאיש מיט האַלבע פּסוקים און גאַנצע מליצות? דאַן איז געוויס געווען זייער שווער צו שילדערן אויף העברייאיש דאָס טאָג־טעגלעכע פאָלקס־לעבן. איז דאָס טאַקע געווען די הויפּט־אורזאַך, פאַרוואָס אַבראַמאָוויטש איז איבערגעגאַנגען פון דער שפּראַך פון די נביאים און די מליצים צום לשון פון פאָלק. דאָס איז געווען אַ ריין קינסטלערישע אורזאַך. זי האָט געווירקט אפשר מער אומבאַוואוסטזיניק, ווי באַוואוסטזיניק. די באַוואוסטזיניקע דערקלערונג איז, ווי ביי אַסך אַנדערע העברייאישע משכילים, וועלכע האָבן גענומען שרייבן יידיש, געווען אַ סאָציאַל־עטישע. מענדעלע אַליין האָט זי פאָרמולירט אין זיין ערשטער (העברייאישער) אויטאָביאָגראַפיע:

„איך קוק זיך צו, האָט ער געשריבן, צום לעבן פון מיין פאָלק און איך וויל אים געבן סיפּורים פון יידישן קוואַל אויף דער הייליקער שפּראַך. דער רוב אָבער פאַרשטייט דאָך נישט די דאָזיקע שפּראַך, און זייריידן עברי־טייטש, און וואָס קומט אַרויס דעם שרייבער פון זיין גאַנצער אַרבעט און פון זיין דענקען, אויב ער ברענגט דערמיט נישט קיין נוצן זיין פאָלק? די דאָזיקע פראַגע: פאַר וועמען אַרבעט איך? האָט מיך נישט געלאָזט רוען און האָט מיך געבראַכט אין גרויס פאַרלעגנהייט; וואָרים די יידישע שפּראַך אין מיין צייט איז דאָך געווען אַ פּוסטע כלי, נישט געווען אין איר קיין שום גוטע, שיינע זאַך אַחוץ שפּעטעריי, נאַרישקייטן און פּלאַפּלערייען, די אַרבעט פון נאַרישע לייט, וואָס האָבן נישט געקאָנט ריידן ווי מענטשן און האָבן קיין שום נאָמען נישט געהאַט. און די ווייבער און די פּראָסטאַקעס האָבן דאָס געלייענט און נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי לייענען. און די איבעריקע פון פאָלק — כאָטש זיי האָבן נישט געקאָנט קיין אַנדער שפּראַך, האָבן זיך שטאַרק געשעמט צו לייענען זי, כדי נישט אַרויסצואווייזן זייער אָפּגעשטאַנענקייט. און אויב איינער האָט נישט געקאָנט ביישטיין דעם יצר־הרע און עפּעס געלייענט אויף יידיש, האָט ער אַליין געלאַכט און זיך פאַרענטפערט: אָט קוק איך אַריין אין די „ווייבערשע ביכלעך וואָס עס לייענען די נאַרישע נקבות, אָט מאַך איך מיר אַ שפּאַס". און אונדזערע שרייבער, די בעלי־לשון, די האָבן נאָר אין זינען געהאַט די הייליקע שפּראַך און זיך נישט אינטערעסירט מיטן פאָלק —

האָבן געקוקט אויף יידיש פון אויבן אַראָפּ און מיט גרויס שפּאָט. און אויב איינער פון צען האָט זיך אַמאָל דערמאָנט אָן דער „פּאַר־שאַלטענער" און האָט עפּעס וואָס אָנגעשריבן, האָבן זיי דאָס באַהאַלטן אונטער זיבן שלעסער, האָבן דאָס באַהאַלטן אונטער זייער הייליקן טלית, כדי זייער שאַנד זאָל נישט אַנטפּלעקט ווערן און עס זאָל נישט שאַדטן זייער גוטן נאָמען. און ווי גרויס איז דעריבער געוואָרן מיין פאַרלעגנהייט, ווען איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אויב איך וועל מיך אַריינלאָזן אין דער „אומווירדיקער", וועט מיין כבוד זיך באַדעקן מיט שאַנד. איך האָב אויך אויסגעהערט די שטראָף־רייד פון מיינע פאַרערער, די „חובבי הלשון העברית", אויף דעם וואָס איך וויל פאַרשוועכן מיין נאָמען און כבוד צווישן יידן אָפּגעבנ־דיק מיינע כוחות דער דאָזיקער פרעמדער. אָבער די ליבשאַפט צום נוצלעכן האָט אין מיר מנצח געווען דעם פּוסטן כבוד און איך האָב זיך באַשלאָסן: זאָל זיין וואָס עס וויל זיך, איך וועל זיך דער־באַרמען אויף יידיש, די פאַרשטויסענע טאָכטער, און ס'איז צייט צו טאָן פאַרן פאָלק. אויך איינער פון מיינע נייע פריינט (יהושע מרדכי ליפשיץ) איז צו מיר צוגעשטאַנען און ביי אונדז ביידן איז געבליבן צו אַגיטירן און איבעררעדן דעם בעל „המליץ" ער זאָל אַרויסגעבן אַ צייטונג אויף דער פאָלקס־שפּראַך. זאָל עס אים, דעם „בעל המליץ", גאָט געדענקען צום גוטן, וואָס ער איז געקומען צו הילף זיין פאָלק מיט זיין צייטונג „קול מבשר" און האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. און איך בין געוואָרן באַגייסטערט און האָב אָנגעשריבן מיין ערשטע דערציילונג".

דאָס איז געווען „דאָס קליינע מענטשעלע אָדער אַ לעבנס־באַשרייבונג פון יצחק אברהם תקיף".

דאָס איז געווען זיין ערשטע דערציילונג אויף יידיש. אָבער דאָס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט אַרויס־געוויזן אַ אינטערעס צו דער פאָלקס־שפּראַך. ווי מיר ווייסן, האָט ער נאָך פריער צוגערעדט צעדערבוימען אַרויסצוגעבן דעם „קול מבשר", וואו „דאָס קליינע מענטשעלע" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן. אָבער אויך דאָס איז נישט געווען זיין ע ר ש ט ע ר שריט אויפן וועג צו יידיש. נאָך פריער, איידער ער האָט זיך באַזעצט אין בער־דיטשעוו און באַקאַנט זיך מיט יהושע ליפשיצן, דעם יידישיסט

פון יענער צייט, איז יידיש געווען שוין אַן אָביעקט פון אַבראַמאָ־וויטשעס נייגיריקייט און פאָרשונג. מען זעט עס פון דעם האַנט־שריפטלעכן העפט, וואָס איז געפונען געוואָרן אינם אַרכיוו פון דער שול אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, וואו אַבראַמאָוויטש איז געווען לע־רער. אינם דאָזיקן העפט איז (אונטערן נאָמען „היינו דאמרי אנשי") פאַרצייכנט געווען אַ צאָל יידישע ווערטלעך מיט פאַרשיידענע וואַר־יאַנטן.32). דאָס ווייזט, אַז שוין אין די פופציקער יאָרן איז אַב־ראַמאָוויטש געווען ווייט פון צו זיין אינדיפערענט צום פאָלקס־שאַפן און פאָלקס־לשון.

ווי האָט ער טאַקע אינדעראמתן געקאָנט זיין גלייכגילטיק דערצו? איז עס דאָך די שפּראַך פון די זעלביקע פאָלקס־מענטשן, צו וועלכע ער איז געווען אַזוי צוגעבונדן, ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ יינגל. ווי האָט ער געקאָנט זיין קאַלט צו דער שפּראַך פון די בעלי־מלאכות־קינסטלער, בעלי־מלאכות־פּאָעטן, מיט וועלכע ער האָט זיך געחברט, ווען ער איז געווען שלומהקע ר' חיימס און פאַר וועלכע ער האָט זיך אַזוי געזאָרגט, ווען ער איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן ש. י. אַבראַמאָוויטש?

אין זיינע אויגן איז „ד ע ר ריכטיקער ציל, צו וועלכן שרייבער דאַרפן שטרעבן", שטענדיק געווען: „לערנען דאָס פאָלק געשמאַק און וויסנשאַפט, אַריינשרייבן דאָס פאָלקס־לעבן אין דער ליטעראַטור, כדי זי דערמיט באַלעבט צו מאַכן ביים פאָלק, כדי זי צו אַנטוויקלען און כדי צו ברענגען נוצן" (העברייאישע אויטאָביאָגראַפיע) — היינט ווי וואָלט ער זיך געקאָנט באַגיין אָן מאַמע־לשון? אויך אָן דער ווירקונג פון יהושע ליפשיץ און אויך אָן דעם ביישפּיל פון זיין השכלה־רבין, א. ב. גאָטלאָבערן, וואָלט ער זיך גענומען פאַר יידיש.

יידיש איז געווען פאַר אים מער ווי אַ מיטל אויפצוקלערן די מאַסן. ער האָט זיך אליין געגויטיקט אין יידיש. ווען יידיש זאָל האָבן געווען פאַר אים נאָר אַ מין גייסטיקע צדקה־זאַך, ווי ביי אַנדערע משכילים, וועלכע זיינען מיט זייער יידיש שרייבן אויסן געווען נאָר אַ טובה צו טאָן דער השכלה, — ווען יידיש זאָל נישט זיין פאַר אים אַ אינטים־שעפערישע אָנגעלעגנהייט, — וואָלט ער נישט געלאַכט אַזוי ביטער פון די בעל־לשונס, די בעל־גאווהניקעס,

וואָס שעמען זיך מיט יידיש און האַלטן עס פאַר אַ ווייבערשע, אַן עם־האַרצישע זאַך; וואָלט ער נישט געזאָרגט אַזוי פאַר יידיש: מען זאָרגט זיך נישט פאַר אַ זאַך, וואָס טויג נאָר אַ מיטל צו זיין; מען מאַכט נישט קיין ווען פון דעם, וואָס היינט איז עס פאַראַן און מאָרגן — אויס. די שרייבער־משכילים, וואָס פאַר זיי איז יידיש געווען טאַקע נאָר אַ זאַך פון היינט — זיינען דער בעסטער באַווייז. זעלטן ווער פון זיי האָט זיך געמיט זיין יידיש זאָל זיין ריין, שיין; מען האָט געשריבן אַבי ווי, אַבי וואָס. אין העברייאיש זיינען זיי געווען אָפּגעהיט, געזוכט עס זאָל זיין „על טהרת השפה״. אויף יידיש האָבן זיי גערעדט „שיחות חולין״, גראָם־שטראָם, האַלב־דייטשיש, פּאָלאָווינאַ־רוסיש. יידיש איז די שפּראַך פון מאַרק, פון קיך; נישטאָ מיט וועמען צו פּראַווען איידלקייט! נישקשה, זיי וועלן פאַרדייען, די שניידער־יונגען און די דינסטמוידן, זיי וועלן לעקן די פינגער, זיי פאַרשטייען זיך דען אויף בעסערס? מיט יידיש איז מען זיך באַגאַנגען נישט ווי מיט אַ „דינסטמויד״, נאָר ווי מיט אַ שטיפקינד, וואָס מהאלט פאַר נויטיק אים געבן צו פילן, אַז עס איז אַ שטיפקינד... אַבּראַמאָוויטש האָט, פאַרקערט, אונדז געגעבן צו פילן, אַז מאַמע־לשון איז נישט קיין פרעמדס, נאָר אַן אייגנס, טאַקע אַן אייגנס, אַ פאַרמעגן, אַ ירושה פון דורות. ער האָט, אגב, געפילט אַז יידיש ווערט די שפּראַך פון זיין אייגענעם רייכן שאַפן, און ער האָט זיך פאַרהאַלטן צו איר, ווי אַ מייסטער צו זיין אינסטרומענט.

ער האָט זי אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, אַז ער האָט געוואָלט זי זאָל קלינגען שיין און ריין אינם פאָלקס־מויל, נישט נאָר אין זיינע ווערק. אים האָט, אַשטייגער, פאַרדראָסן, וואָס די פאַרעלטערטע עברי־טייטש־איבערזעצונגען פון תפילות און זמירות „פאַרדאַרבן דעם געשמאַק פון דער מאַסע״. און בעת אַנדערע משכילים האָבן געזוכט אויסצובעסערן איר געשמאַק מיט דער הילף פון טייטשמעריש, האָט ער עס געטאָן מיט זיין רייניקן און לייטערן יידיש. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז יידיש מוז ווערן אַ קולטור־שפּראַך, אויב מען וויל, אַז יידן זאָלן זיין קולטור־מענטשן. ער האָט געזוכט נישט דרויסנדיקע, נאָר „אינעווייניקסטע מיטלען״ פאַר די צילן און אויפגאַבן פון השכלה.

ער האָט דאָס אַלץ געזאָגט בפירוש, ווען ער האָט פאָרמולירט זיין באַציאונג צו יידיש, ס׳איז אָבער נישט נויטיק צו הערן, וואָס ער האָט גערעדט וועגן יידיש, — עס איז גענוג צו זען, וואָס ער האָט געטאָן פאַר דער פאָלקס־שפּראַך, איינצוזען, אַז זי איז געווען פאַר אים נישט בלויז אַ קאָמפּס־מיטל, נאָר אַ וויכטיקער אויסדרוק פונם פאָלקס אינעווייניקסטן לעבן, אַ שטיק ירושה, אַ טייערער אוצר...

אגב, זיינע רייד זיינען אויך געווען פול מיט ליבשאַפט: „הבת לא רוחמה״ (די פאַרוואָרלאָזטע טאָכטער) האָט ער גערופן יידיש, — די האַרציקייט פונם דאָזיקן וואָרט איז שווער איבערצוגעבן אויף אַן אַנדער שפּראַך. „יהי מה״, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, זאָל זיין וואָס עס וועט זיין, „ארחם את היהודית״, איך וועל זי נעמען אונטער מיין שוץ, און כאָטש ער רעדט בלשון רחמנות — „דער יצר־הרע פון רחמנות״ ווי מענדעלע האָט זיך אויסגעדריקט, איז גרויס, — קוקט דאָך אַרויס פון אָט דעם אָפענעם רחמנות־אויס־דרוק מענדעלעס פאַרבאָרגענע ליבע צו יידיש.

די ליבע האָט געלעבט אין אים אויך פריער, איידער ער איז געוואָרן אַ יידישער שרייבער, אָבער פריער איז עס געווען אַ שטומע ליבע. ווען ער האָט אָנגעשריבן „דאָס קליינע מענטשעלע״ און איבערגעלעבט די ערשטע פרייד פון פרייען, ניט־געצוואונגע־נעם און ניט־געקינצלטן שאַפן, דעם תענוג פון שרייבן אויף דער אייגענער שפּראַך, איז צו זיין ליבע־געפיל צוגעקומען דאָס געפיל פון דאַנקבאַרקייט און ער רעדט שוין מער נישט בלשון רחמנות: „חשקה נפשי ביהודית״, מיין זעל, זאָגט ער, האָט זיך באַהעפט צו דער יידישקע, „וארשתיה לי לעולם״, און איך האָב זי מיר פאַר־קנסט אויף אייביק... ער האָט ליב געהאַט די שפּראַך, האָט ער אין איר געשאַפן; ער האָט אין איר געשאַפן, האָט ער זי נאָך מער ליב געהאַט. און נישט נאָר האָט ער געשאַפן אין און דורך איר. זי איז ביי אים אַליין אַ שאַפונג. זי, אָט די אין טרערן און גאַל אויסגעווייקטע, פאַרווייינטע און אָפּשפּעטנדיקע, אָרעמע אין פאַרבן און רייכע אין „פינטעלעך״, אָפט נישט דערזאָלצענע און שטענדיק פאַרפעפערטע, ווילדע און פיקחותדיקע יידישע שפּראַך — איז דער רייכער אוצר, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט געפונען אין פאָלק, און די

שיינע מתנה, וואָס ער האָט דעם פאָלק צוריקגעגעבן. ער האָט גענומען טיילן און טיילעכלעך; אומגעקערט צוריק האָט ער אַ גאַנצע זאַך. ער האָט גענומען שטיקלעך שפּיגל־גלאָז, וואו דאָס פאָלק זעט זיך אברים־ווייז; אומגעקערט צוריק האָט ער אַ שפּיגל, אין וועלכן עס זעט זיך אינגאַנצן, ווי עס שטייט און גייט...

יע, מענדעלעס יידישע שפּראַך איז אַ שפּיגל פונם יידישן לעבן. מען דאַרף גאָרנישט זען, ווי זיינע פאַרשוינען פירן זיך אויף, וואָס זיי טוען; עס איז גענוג זיך צוצוהערן צו זייער ריידן, כדי צו האָבן אַ באַגריף פון זייער דענקען און פילן. מענדעלעס, אַזוי ווי זיין „אייניקל" שלום־עליכמ׳ס, שאַפן איז אַ מין באַשטעטיקונג פון דער „לינגוויסטישער" קונסט־טעאָריע. דאָס איז אַ טעאָריע, וואָס זאָגט, אַז די קונסט פון פּאָעזיע און פון פּראָזע איז אַרויסגעוואָקסן פון דער שפּראַך, וועלכע איז דער שורש פון יעדן וואָרטשאַפן... דיכטונג איז, לויט דער דאָזיקער שיטה, נישט מער ווי אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די בילדער, פון די געשטאַלטן, פון די אַלע אוצרות, וועלכע ליגן באַהאַלטן טיף אין אַ פאָלקס שפּראַך . . . אויב דאָס איז נישט אינגאַנצן ריכטיק בנוגע צו יעדן סאָרט דיכטונג, איז עס אָן קיין שום ספק אמת וועגן מענדעלעס שאַפן. ער איז צו דער קונסט פון שילדערן דאָס פאָלקס־לעבן געקומען פון דעם פאָלקס־שפּראַך. ער האָט, אַזוי ווי דער רוסישער שפּראַך־פאָרשער פּאָטעבניא און אַנד., געקאָנט די גרויסע ראָלע, וואָס שפּראַך שפּילט אינם פּראָצעס פון דענקען: „די געדאַנקען", האָט ער געשריבן אין זיין אַריינפיר צו „שלמה ר׳ חיימס", — „די געדאַנקען ווערן נישט רעכטפאַרטיק קלאָר, ווי עס געהערט צו זיין, סיידן נאָר דורך דער שפּראַך. מיט איר הילף נעמען זיי אויף זיך לייב, באַקומען זייער געהעריקע צורה". זיין איבערגיין צו יידיש האָט באַטייט זיין איבערגיין צום פולן און פרייען קינסטלערישן דענקען. נישט נאָר איז די יידישע שפּראַך פאַר אים געווען דאָס איינציק־פּאַסיקע מיטל צו מאָלן דאָס לעבן פון פאָלק; זי איז געווען פאַר אים אָפּט שוין דאָס מאָלן גופא...

אַשטייגער: „בע" איז ביי אונדז יידן אַ טייער וואָרט, וואָס האָט זייער פיל טייטשן און איז אַ תירוץ אויף אַלע קשיות. „בע" קאָן

מען געברויכן אַלע צייטן אין אַשמועס און עס זאָל תמיד פּאַסן. אַ ייד קאָן מיט „בע" זיך תמיד אויסדרייען, ווען ער איז נעבעך אין דער קלעם און שטייט שמאָל. מיט „בע" סילוקט אַ שווינדלער, אַן אַנזעצער, אַז די בעלי־חובות טרעטן־צו מיט שטאַרקע טענות. „בע" שטייט אַ יידן ביי אין דער נויט, ווען ס'באַווייזט זיך, אַז ער איז נעבעך אַ ליגנער. מיט „בע" קאָן מען אָפּענטפערן יענעם, וואָס דולט אַ קאָפּ צוויי שעה, נישט צו הערן, נישט צו פאַרשטיין אפילו איין וואָרט פונם גאַנצן שמועס. מיט „בע" קומט אָפּ אַ שיינער, צעבראָכענער ייד, ווען ער דערלאַנגט שטילערהייט אַ ביס ; אַ שייַע־מורנו, ווען ער טוט אָפּ אַ מיאוסע מעשה ; הכלל, „בע" האָט אַלערליי טעמים, משונה־ווילדע פּירושים, ווי אַשטייגער : רוף מיך קנאַקניסל, לאָד מיך צום ונתנה־תוקף, מהיכא־תיתי, קוממיות, געשמאַיע דיר פאַרפול, און נאָך טייטשן אָן אַ צאָל. דאָס יידישע קעפּל שטויסט זיך תמיד אָן, וואוהין דאָס וואָרט „בע" צילט, און פאַרשטייט דעם רעכטן פּשט דערפון, ווי ס'פּאַסט צום ענין". (פישקע דער קרומער").

מיט איין וואָרט, ניין, מיט איין קלאַנג האָט מענדעלע אָפּגעמאָלן עטלעכע לעבנס־סיטואַציעס און גאַנצע שטיקער מענטשלעכע אָדער, ווי ער רופט עס אָן, יידישע פּסיכאָלאָגיע. בעת אַנדערע גייען פונם לעבן צום וואָרט, גייט ער, פאַרקערט, פון וואָרט צום לעבן. שפּראַך איז דער שליסל, מיט וועלכן ער קומט־צו צו די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון דעם פאָלקס נשמה. שפּראַך נעמט אין זיך אַריין, אַחוץ קלאַנגען און ווערטער, אויך תנועות, העוויות, מימיק, — אַ מאַך מיט דער האַנט, אַ קרים מיט דער נאָז, אַ קנייטש מיטן שטערן : „ווען מען רעדט, למשל, פון יידישע פּרנסות, איז דאָס מויל גאָר נישט ביכולת מסביר צו זיין אַלצדינג אַזוי פאַרשטענדלעך, ווי די נאָז. איין קרום, איין שמאָרע מיט אַ משונהדיקן בייקול — און מ'זעט שוין בחוש : אַ נעבעכטיקער טאָג, אַ זאַך, וואָס ניט־געשטויגן, ניט־געפלויגן, עט, אַ פּוסטער, נאַרישער חלום". („בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה").

די יידישע שפּראַך איז מענדעלען געווען אַזוי ליב, אַזוי טייער, אַז ער האָט זי נישט נאָר געריייניקט, געלייטערט, געפיילט און געשליפן — ער האָט זיך אָפּט מיט איר געשפּילט (און זיך פאַר־

שפּילט). ער האָט עס געטאָן אפילו אין זיין קאָרעספּאָנדענץ: „אין אייער בריוו, וועלכן איך האָב ערשט טאַקע דערהאַלטן (שרייבט ער צו שלום־עלכימען, דעם 14טן יוני, 18888), איז דאָ עפּעס איין „אָדער“ ראשון, איין „אָדער“ שני און אויך—גאָר אַ נייס!—איין „אָדער“ שלישי“... („שריפטן“, 1, קיעוו, 1928, ז. 151). אין אַן אַנדער בריוו זאָגט ער וועגן אַ קאַפּיטל אין „ווינטשפינגערל“, וואָס שלום־עליכם, וועלכער האָט עס געדרוקט אין זיין „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“, האָט געוואָלט אַרויסוואַרפן: — „דאָ באַקומט עס דעם אָנהויב, ווי דאָס קינד אין בויך, דערנאָך באַקומט עס כסדר גלידער מיט אַ פּנים, ווי עס געהער צו זיין. היינט אויב איר ווילט ר׳ שמעלקען מ פ י ל ז י י ן, וועט דאָך דאָס „ווינטשפינגערל“ אויסרינען נאָך גאָר אין בויך“... (דאָרט, ז. 253). אָפטער נאָך האָט ער זיך פאַרגונען וואָרט־שפּילערייען אין זיינע ווערק: „די מלאכה“, שרייבט ער אין „דעם קליינעם מענטשעלע“,—„די מלאכה הויבט זיך געוויינלעך אָן מיט כל עבודת פּרך: פּאָמאָניצעס ט ר אָ ג ן, וואַסער אָ נ ט ראָ ג ן, מיט דעם באַלעבאָס קינדער־לעך זיך אַ ר ו מ ט ר אָ ג ן, דער באַלעבאָסטעביים אָנקויפן אַלצדינג צ ו ־ ט ר אָ ג ן, שטיקלעך אַרבעט אַהין־אַהער אָ פּ ־ ט ר אָ ג ן, מיט באַלעבאַטישקייט שטענדיק זיין פ אַ ר ט ר אָ ג ן, און איטליכנס קאַפּריז, קלעפּ און באַליידיקונג א י ב ע ר ־ ט ר אָ ג ן“.

ער מאַכט קונצן מיטן וואָרט „טראָגן“: וואַרפט עס אהער, וואַרפט עס אַהין, ווי אַ מעסער־וואַרפער — זיינע מעסערס, און טרעפט אין פּינטל. און אָט שפּילט ער זיך, ווי מיט אַ פּילקע, מיט די ווערבן: „דינען“, „קאָכן“, „טראַכטן“:

„ביי מיר איז געבליבן צו גיין אין דער פרעמד, ד י נ ע ן, פ אַ ר ד י נ ע ן און אָ פּ ד י נ ע ן די ליבע עלטערן אין דער נויט“ („ווינטשפינגערל“).

עס ק אָ כ ט ז י ך, ק אָ כ ט, זי (חנצע) ווערט צ ע ק אָ כ ט און צו אים צ ו ג ע ק אָ כ ט“ (דאָרט).

„און ליגנדיק אַזוי, האָב איך אומעטום געקוקט, אַלצדינג ב אַ ט ר אַ כ ט, אַביסל אויך ג ע ט ר אַ כט און זיך פ אַ ר ־ ט ר אַ כ ט“. („די קליאַטשע“).

אַן אַנדערס מאָל דריקט זיך אויס דאָס וואָרט־שפּיל דעריין,
וואָס אויף אַלטע ווערטער און ווערטלעך מאַכט ער אַ נייעם פּשט,
לייגט אַריין אין זיי אַ נייע כוונה. צום ביישפּיל, ריידנדיק וועגן בין־
הזמנים, זאָגט ער: „די מלמדים ל ו י פ ן דענסטמאָל, ג י י־
ע ן צ ו ק י נ ד", ד. ה. גייען זוכן קינדער, תּלמידים. באַ־
זונדערס אָפט זאָגט ער נייע טייטשן אויף אַלטע ווערטער אין זיינע
העברייאישע באַאַרבעטונגען פון די יידישע ווערק, אָבער דער, וואָס
פאַרשטייט נישט קיין יידיש, וועט אָפט נישט כאַפּן דעם פאַרפאַ־
סערס מיין, נישט דערטאַפּן דעם שפּיץ, דעם פעפער פון די ווערט־
לעך. אַזוי, אַשטייגער, וועט דער העברייאישער לעזער, וועלכער
קאָן נישט קיין יידיש, קווטשן מיט די פּלייצעס, ווען ער וועט (אין
דעם אַריינפאָר צו „פישקע דעם קרומען") לייענען: „לפני עיני
מרחף התרמיל תמיד, התרמיל היהודי העתיק והנקוב תלוי לי מנגד,
כ ה ר י א ה ו ה כ ב ד בחוטמו של אותו בעל מרה שחורה"
(„ווי יענעם מרה־שחורהניק אַ לונג און לעבער אויף דער נאָז").
וואָס פאַר אַ „ריאה", וועט דער, וועלכער קאָן נישט קיין יידיש,
פרעגן, און וואָס פאַר אַ „כבד"? מען מוז קענען יידיש, כדי צו
פאַרשטיין דעם העברייאישן מענדעלען, ווייל יידיש איז נישט נאָר
די שפּראַך פון זיינע ווערק, יידיש איז די אַטמאָספערע פון זיין שאַפן
און — מער נאָך — יידיש איז אַליין אַ שטיק פון דעם לעבן, וואָס
ער מאָלט. יידיש איז אי די כלי, אויף וועלכער ער שפּילט, אי דער
ניגון, וואָס ער שפּילט־אויס... האָט ער אַנדערש נישט געקאָנט
זיך אומקערן צוריק צו העברייאיש, וואו ער האָט עס נישט פאַר־
יידישט. ער האָט פריער געשריבן יידיש באַזונדער און העברייאיש
באַזונדער, דערנאָך האָט ער גענומען שרייבן יידיש — אויף ביידע
שפּראַכן.

די ערשטע יידישע דערציילונגען

„דאָס קליינע מענטשעלע". — פון ש. י. אַבראַמאָוויטש ווערט מענ־דעלע מוכר ספרים — דער ערשטער נוסח. — די פּאָפּולאַריטעט פון דער ערשטער דערציילונג. — „דאָס ווינטשפינגערל", ערשטע רעדאַקציע. — מענדעלעס טעמע. — „לערנט, וועט איר גליקלעך זיין". — זיין מאַטעריעלע לאַגע.

זיין ערשטע יידישע דערציילונג איז, ווי מיר וויסן, געווען „דאָס קליינע מענטשעלע אָדער אַ לעבנס־באַשרייבונג פון יצחק אברהם תקיף", צום ערשטן מאָל געדרוקט אין „קול מבשר" (1864). עס איז דאָרט געדרוקט געוואָרן אַנאָ־נים. 33). אין דעם אַריינפיר פיגורירט שוין אָבער מ ע נ ד ע ל ע מ ו כ ר ס פ ר י ם (ווי ש. י. אַבראַמאָוויטשעס פּ ס ע ו ו ד אָ־נ י ם, וויזט זיך „מענדעלע מוכר ספרים" ערשט אין יאָר 1869 — אויפן שערבלאַט פון „פישקע דער קרומער"). דער אַריינפיר הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אַליין בין איך אַ געבוירענער פון צביאַטשיק, איך הייס מענדעלע מוכר ספרים".34) — אַזוי האָט ער זיך פאָרגעשטעלט פאַרן יידישן לעזער. ווי געזאָגט, האָט ער זיך נישט געוואָלט וויזן פאַר אים, ווי ש. י. אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז, לויט זיין אויסזען, לויט זיין אויפפירונג און לויט זיין גאַנצן הולך, שוין גע־ווען אַביסל אָפּגעזונדערט פון דער יידישער פאָלקסמאַסע. ער האָט געוואָלט זיין אין דער יידישער ליטעראַטור אַן אייגענער מענטש, אַזאַ היימישער ייד, ווי עס איז געווען דער פאַרצייטיקער פאַקנ־טרעגער (זע ע פ ע נ ו נ ג). און ער האָט אין זיין נייער געשטאַלט, אין דער געשטאַלט פון מענדעלע מוכר ספרים, געפונען חן אין די אויגן פון די לעזער. מען זעט עס פון דעם אַנאָנס, וואָס איז גע־דרוקט געוואָרן אין „קול מבשר", 1865, נומער 11: „אַזויווי דעם

עולם, לייענען מיר אין דעם אַנאַנס, איז זייער געפעלן די מעשה („דאָס קליינע מענטשעלע") און פילע האָבן געווינטשט זיי זאָלן עס האָבן אין אַ באַזונדער ביכל, נישט דערציילט אויף שטיקלעך אין „קול מבשר", האָבן מיר אַביסל אָפּגעדרוקט באַזונדערע ביכלעך".35).
די אָפּגעדרוקטע עקזעמפּליאַרן זיינען שנעל פאַרקויפט געוואָרן, און עס איז נויטיק געוואָרן אַ צווייטע אויסגאַבע. דאָס איז נישט געווען נאָך אָבער „דאָס קליינע מענטשעלע", וואָס מיר קענען איצטער. אין איר ענדגילטיקער פאָרם איז די דערציילונג פאַרטיק געוואָרן ערשט שפּעטער, אין 1907. צום ערשטן מאָל איז זי „גאָר אינגאַנצן אויף דאָס ניי איבערגעמאַכט" געוואָרן אין 1879. אין 1864, ווען עס איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן, איז עס געווען זייער אַ קורצע דערציילונג; עטלעכע צענדליק זייטלעך. זי איז אויפגעשריבן געוואָרן, ווי מענדעלע האָט אַליין דערציילט, „אין פאַרלויף פון דריי טעג", און זי האָט שוין אין איר ערשטער, רויער, פאָרם אויסגענומען ביים עולם און איז געוואָרן פּאָפּולער. „ד אָ ס קליינע מענטשעלע" איז געוואָרן אַ שם דבר, אַ טיפּ, אַזוי ווי פריער מיט עטלעכע יאָר א. מ. דיקס „חייציקל אַליין" און שפּעטער שלום-עליכמס „מנחם מענדל". „ווען אַ קליינשטעטלדיקער קאָרעספּאָנדענט, שרייבט דר. וויינרייך, וויל דערלאַנגען אין „קול מבשר" זיינע קעגנער דעם אמתן שטאָך, שרייבט ער אויף זיי: „די קינדער קענען פון דעם תלמוד-תורה רבין אַזויפיל ווי דאָס קליינע מענטשעלע פון זיין רבין ויאמר למך לנשיו"... „דער לעזער, דערציילט ש. ל. ציטראָן, האָט דערפילט, אז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ קינסטלער פון גאָטס גענאָד, און פון אַלע זייטן האָט מען באַשאָטן צעדערבוימען מיט דאַנקען פאַר דער שיינער מתנה".36).

„פון דעמאָלט אָן, זאָגט מענדעלע אין זיין (העברייאישער) אויטאָביאָגראַפיע, האָב איך ליב באַקומען יידיש און האָב זיך מיט דער שפּראַך פאַרקנסט אויף אייביק און האָב איר געגעבן די בשמים און קרייטעכצער, וואָס איר קומט, און זי איז געוואָרן אַ שיינע, באַחנטע פריצטע און האָט מיר געוואונען אסך זין".

באַלד נאָך „דאָס קליינע מענטשעלע" האָט מענדעלע אָפּגעדרוקט דעם ערשטן נוסח פון „ווינטשפינגערל (וואַרשע, 1865).

דאָס איז ווידעראַמאָל געווען אַ קליין ביכעלע, סך־הכל 42 זייטלעך, פון וועלכן עס איז שפּעטער (אַרום 1888) געוואָרן דאָס גרויסע צווייבענדיקע בוך אונטער דעם זעלביקן נאָמען — מענדעלעס גרעסט ווערק.37).

דאָס שערבלאַט פון דער ערשטער „ווינטשפינגערל״־אויסגאַבע איז זייער כאַראַקטעריסטיש. עס האָט זיך געלייענט אַזוי: „ד אָ ס ו ו י נ ט ש פ י נ ג ע ר ל, וואָס מיט דעם קאָן איטלעכער מענטש דערגרייכן אַלץ וואָס זיין האַרץ ווינטשט און באַגערט און קאָן דורך דעם ניצלעך זיין זיך און דער וועלט. דעם ספר האָט געשריבן אין דער דייטשער שפּראַכע הירש ראָטמאַן פון רוסלאַנד און איז צום ערשטן מאָל געדרוקט אין לייפּציג ביי בראָקהויז 1864. היינט איז ער איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש דייטש און אַרויסגעגעבן גע־וואָרן לטובת הכלל פון מענדעלע מוכר ספרים, מאת א י ש, דעם מחבר פון דעם „ק ל י י נ ע ם מ ע נ ט ש ע ל ע״, בדפוס החדש של ר׳ יוסף לעבנזאָן (וואַרשע, 1865). דאָ זעען מיר, פון איין זייט, דעם נוסח פון אַלטע יידישע מעשה־און מוסר־ביכלעך, און פון דער אַנדער זייט — מענדעלעס אייגענע אָנשטעלן (דאָס ביכל זאָל האָבן געווען אַן איבערזעצונג פון דער „דייטשער שפּראַ־כע״ א. ד. ג.) 38).

אויפן סיפור־המעשה פון „ווינטשפינגערל״ איז נישט נויטיק זיך אָפּצושטעלן, אַזויווי עס איז נישט וויכטיק צו ריידן וועגן דער פאַבולע פון „דעם קליינעם מענטשעלע״. אין די דאָזיקע, ווי אין אַלע אַנדערע, דערציילונגען פון מענדעלע מוכר ספרים איז דער עיקר נישט די מעשה, וואָס ווערט דערציילט. די מעשה אַליין פאַר זיך איז, אגב, נישט אינטערעסאַנט. מענדעלע איז נישט געווען קיין דערציילער פון מעשות. ער האָט נישט געהאַט דערצו נישט קיין חשק, נישט קיין באַזונדערן טאַלאַנט. (און די, וואָס מעסטן אים און זיינע ווערק מיט דער מאָס פון דערציילערישקייט, מעסטן אים מיט אַ פרעמדער און ממילא אַ פאַלשער מאָס). מענדעלע האָט בכלל נישט געהאַט קיין ספּעציעלן שטאָף און קיין ספּעציעלע טעמע אין איטלעכן ווערק באַזונדער. ער האָט גענוצט איין סאָרט מאַטעריאַל און געשטעלט זיך איין אויפגאַבע אין אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן. דער מאַטעריאַל — דאָס איז דער יידישער לעבנס־שטייגער, די

אויפגאַבע איז — אים אויסצובעסערן. וועגן דעם האָט ער געשריבן און דאָס האָט ער באַלויכטן, — אַ מאָל מיט בייזקייט, סאַטיריש, און אַמאָל מיט ליבשאַפט און הומאָר, — אין אַלע זיינע ווערק, און אויך אין דעם ערשטן נוסח פון „דעם קליינעם מענטשעלע" און פון דעם „ווינטשפינגערל".

אים איז נאָך געווען נאָענט די פּראָגראַם פון דער השכלה, ווען ער האָט געשאַפן דעם ערשטן וואַריאַנט פון די דאָזיקע צוויי ביכלעך. אים איז שוין דאַן, אמת, נישט געפעלן געווען אַ געוויסער טיפּ משכיל — אַשטייגער, דאָס „דייטשל" פון „ווינטשפינגערל", וואָס איז נישט קיין גוי און נישט קיין ייד — נישט קיין גוי, „וואָרים ער קאָן נישט קיין גויאיש, כאָטשע בשעת ריידן בלאָזט ער אָן די פּיסקעס" און נישט קיין ייד, „וואָרים ער איז לא עליכם שטומפּיק אויף דער עברי"... אָבער די עצם־אידייע פון אויפקלערונג און בילדונג איז אים געווען נאָך שטאַרק צום האַרצן, און ער האָט נאָך געלייגט אויף איר גרויסע האָפענונגען. אים האָט זיך געדוכט, אַז דורך איר „קאָן איטלעכער מענטש זוכה זיין צו דעם אמת נאַטירלעכן ווינטשפינגערל", און ער האָט געפּרידיקט: „לערנט זשע, יידן, לערנט, וועט איר גליקלעך זיין".

ער פערזענלעך האָט פון „לערנען" נישט געכאַפּט קיין גרויסע „גליקן". די ערשטע עטלעכע יאָר נאָך זיין איבערקלייבן זיך קיין בערדיטשעוו, ווען ער איז געווען נאָך אַן אײדעם אויף קעסט, איז „דער קאָפּ אים געווען פריי פון דאגות", און ער איז זיך געזעסן און האָט געלערנט און זיך אָפּגעגעבען מיט ליטעראַרישער אָדער געזעל־שאַפטלעכער טעטיקייט. אָבער — „ס'איז געקומען די צייט", האָט ער צו זיין פריינט ל. בינשטאָק געשריבן (העברייאיש) אין יאָר 1864, — „ס'איז געקומען די צייט, ווען איך מוז עפּעס טאָן פאַר מיין הויזגעזינד און איך ווייס נישט וואָס צו אונטערנעמען. ביז איצט בין איך געווען אינגאַנצן פאַרטאָן אין ליבע צו אונדזער היי־ליקער שפּראַך. איך פלעג טאָג ווי נאַכט האָרעווען כדי אויסצו־העלפן מיט מיין ביסל קענטעניש מיינע מיטברידער, פאַרגעסנדיק, אַז איך האָב אַ ווייב מיט קינדער. איך האָב געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן דעם נ ו צ ן פון מיין פאָלק און איך האָב פאַר־געסן צו זאָרגן וועגן מיינע קליינע קינדער, און איצט, ווען עס

שטייט פאַר מיר קלאָר מיין גרויסע פליכט קעגן מיין הויזגעזינד ווער איך פאַרציטערט דערזעענדיק, אַז נאָך אַלע מ י י נ ע מי און האָרעוואַניע קומט מיר קיינער נישט צו הילף״.39).

זיין שווער האָט אים נאָך אַלץ געשטיצט. „בקום נאָך אַלץ אָן צו מיין שווערס הילף״, האָט ער געשריבן אין אַ בריוו צו ביג־שטאָקן אַזוי שפּעט, ווי אין יאָר 1868, 40), אָבער דאָס איז אים נישט געווען לרצון, ער האָט געליטן דערפון, דערצו זיינען דעם שווערס געשעפטן אפשר נישט געגאַנגען אַזוי גוט, ווי פריער, און ער האָט זיך געמאַטערט מיט אַלע כוחות צו ווערן עקאָנאָמיש זעלבסטשטענ־דיק. ער האָט געזוכט אַ לערער־שטעלע, אָבער — אומזיסט, ער האָט נישט געקראָגן קיין שטעלע.41). איז זיין איינציקער מקור פון פרנסה געווען — די העברייאישע ספרים, וואָס ער האָט גע־שריבן. ער פלעגט זיי שיקן צו זיינע באַקאַנטע (צום ביישפּיל, צו אברהם גאָלדפאַדענען אין זשיטאָמיר), אַז זיי זאָלן זיי פאַרקויפן צו פריינט און צו סתם אַזוי יידן משכילים. אַמאָל פלעגט ער אַליין אַריינפאָרן אין דער אָדער יענער שטאָט מיט דעם צוועק צו פאַר־קויפן זיינע געדרוקטע ווערק, אָבער די הכנסה איז געווען אַ ניש־טיקע. סרוב פלעגט ער זיין צופרידן, אַז ער פלעגט אויסשלאָגן די הוצאות פון דרוק. איז זיין מאַטעריעלע לאַגע געווען זייער אַ געדריקטע.

אין 1864 האָט ח. ז. סלאָנימסקי אים געהאַט איינגעלאַדן צו ווערן דער רעדאַקטאָר פון „הצפירה״, אָבער די רוסישע מאַכט האָט זיך אַריינגעמישט, און פון דעם פּלאַן איז גאָרנישט־ניט געוואָרן. אין יאָר 1867 פּראָיעקטירט ער אַליין אַרויסצוגעבן אַ העברייאישע ציַיטונג. אויך דערפון קומט גאָרנישט־ניט אַרויס. מיט אַ פּאָר יאָר פריער האָט ער זיך געווענדט נאָך אַ הלוואה צום פּעטערבורגער קאָמיטעט פון חברה מפיצי השכלה. אין די פּראָטאָקאָלן פון קאָ־מיטעט, דאַטירט דעם 29טן מאַי, 1865, געפינען מיר אַ באַשלוס צו „לייען אַבראַמאָוויטשן צוויייהונדערט רובל (ער האָט געבעטן 300) אויף אויסצוצאָלן אין משך פון צוויי יאָר, אויב ער וועט צושטעלן ערבות״. דער זעלביקער קאָמיטעט האָט אין יאָר 1867 געמאַכט ביי אַבראַמאָוויטשן אַ ליטעראַרישע באַשטעלונג — איבערצוזעצן אויף העברייאיש אילאָוואַיסקיס רוסישע געשיכטע פאַר דעם האָנאָ־

ראַר פון צען רובל אַ דרוקבויגן. האָט זיך אַבראַמאָוויטש דערלויבט אָבער, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, גע־וויסע ענדערונגען אינם טעקסט פונם מאַנאַרכיסטיש־רעאַקציאָנערן היסטאָריקער, — און ער האָט פאַרלוירן די אַרבעט.

זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען אַזוי שלעכט, אַז אַ פריינט זיינער האָט אָפן געשריבן וועגן דעם אין „המליץ"42). דאָס האָט אָבער ווינציק וואָס געהאָלפן. מענדעלס זאָרג פאַרן שטיקל ברויט איז נישט קלענער געוואָרן. אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט פאַר־שלינגען פון פערזענלעכע דאגות. ער האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם גורל פון די יידישע מאַסן. ער האָט זיך מוטיק איינגעשטעלט פאַר זיי אין זיין אָרטיקער געזעלשאַפטלעכער טע־טיקייט און נאָך מער — אין זיינע ווערק.

„די טאַקסע“

עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען קעגן קהלשע רעדלפירער. — „די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָט־בעלי־טובות“. — די בערדיטשעווער העלדן פון דער „טאַקסע“. — די טאַקסע אין די ווערק פון י. ב. לעווינזאָן און א. מ. דיק. — „אַ פּיק טאָן... עס זאָל אויסרינען דער אייטער“. — אָרעם און רייך. — אַ קערעווע געטאָן די השכלה אויף לינקס. — „פּוילע סחורה“. — פון משכילישער אויפקלערונג צו סאָציאַלן קאַמף. — קאַמף פאַר די מאַסן. — ו ו ע ק ע ר — אַ פאַרשפּיגל, נישט קיין אָפּשפּיגלונג פון לעבן. — דער איינדרוק פון „דער טאַקסע“. — מענדעלע מוז פאַרלאָזן בערדיטשעוו.

אין מענדעלעס געזעלשאַפטלע־כער טעטיקייט האָט אַלץ מער און מער אָרט פאַרנומען די זאָרג פאַר „די באַליידיקטע און נויטבאַדערפטיקע“, נישט נאָר דער ענין פון בילדונג פאַר ישיבה־בחורים און זיידענע יונגעלייט. מענדעלע טרעט אָפט אַרויס אויף קהלשע אסיפות. ער רעדט קלאָרע און שאַרפע דיבורים. ער פאַרלאַנגט, אַזויווי גוטמאַן אין „דאָס קליינע מענטשעלע“, מען זאָל „אָפּוואַשן די בלאָטע“ פון קהלס־שטיבל. חסידים און גבירים איז עס, פאַרשטייט זיך, נישט אָנגעשטאַנען: „סטייטש, סטייטש, מען זאָל אָפּוואַשן די בלאָטע, וואָס אונדזערע אבות אבותינו האָבן אָנגעמאַכט! אַזעלכעס טוט טאַקע נאָר אַ גוי, אָבער אַ ייד, דער, וואָס האָט אַ פינטעלע ייד... סטייטש, ווי שיקט זיך עס!“ („ווינטשפינגערל“, ערשטער נוסח). אַזוי האָבן זיי גע־טענהט. אָבער ער, אַזויווי זיין העלד גוטמאַן, האָט זיך נישט דער־שראָקן פאַר זייערע טענות. ער האָט נישט אויפגעהערט אויסצוזאָגן פון חדר, ד. ה. צו זאָגן דעם אמת. ער איז בכלל געווען אַ מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט—און האָט דעם מוט געהאַט—צו זאָגן יענעם

דעם אמת אין די אויגן. „ער איז בטבע נישט פון די שטאַרק ווייכע און זיסע מענטשן״, דערציילט וועגן אים בן־עמי: „ניין, ער איז אַמאָל זייער האַרט און קאָן אַזוי אויפנעמען אַ פּנים חדשות, אַז יענער זאָל פאַרזאָגן אַ צענטן. ער האָט פיינט בתכלית שנאה אָט די זיסע מענטשן, וואָס ער רופט זיי „פּעטערס״ און וואָס זיינען תמיד צוקער מיט לאַקריץ״. (פּנקס, ווילנע, 1913, ז. 169). ווען ער איז געווען נאָך גאָר יונג, האָט ער שוין ליב געהאַט צו זאָגן זיינע פריינט און באַקאַנטע, וואָס ער טראַכט וועגן זיי. ווען ער האָט באַמערקט בא איינעם פון זיי עפּעס א פעלער, האָט ער עס אים גלייך געזאָגט. מען זעט עס פון זיינע יוגנט־בריוו.42א). נאָך קלערער ווערט אָט די אייגנשאַפט זיינע, ווען מען באַקאַנט זיך מיט זיין שפּעטערדיקער קאָרעספּאָנדענץ... „וואָס טויג מיר דאָ דאָס דרייע־נישן?״ שרייבט ער אין א בריוו צו שלום־עליכמען. „איך האָב ליב תמיד „ריין און גלייך״. און אויך מיט די בערדיטשעווער קהלסלייט האָט ער ליב געהאַט צו רידן „ריין און גלייך״. דאָס האָט ארייגגע־בראַכט זיינע קעגנער אין גרימצאָרן. אָט ווי איינער פון זיי, י. י. לערנער, וועלכער איז אָפט ארויסגעטראָטן קעגן מענדעלען אין דער פּרעסע, האָט באַשריבן (אין „המליץ״) א קהלשע אסיפה, אין וועלכער אַבראַמאָוויטש האָט אָנטייל גענומען. אויף דער אסיפה האָט זיך שטאַרק געטומלט, „ווייל דער הויפּט־גרינדער ר׳ אַבראַמאָוויטש איז נישט געווען אָפּגעהיט אין זיינע רייד. נישט נאָר וואָס ער האָט זיך נישט געפלייסט איבערצייגן דעם המון מיט ווייכע רייד, איז ער נאָך צעקאָכט געוואָרן און האָט געצערנט און געשאָלטן — — — איך אליין בין געווען דערביי, בשעת אַבראַמאָוויטש איז אַרויפגע־פאַלן אויף איינעם פון די גבירים א. אז. וו.43).

אַבראַמאָוויטש האָט געטראָגן אַ האַרץ אויף די נגידים, כאָטש (אָדער ווייל) ער איז געווען אָפט אין זייער געזעלשאפט. „עס טרעפט זיך ביי מיר״, שרייבט ער אין אַ העברייאישן בריוו צו ל. בינשטאָקן, אין אַ בריוו, וואָס איז דאַטירט „בערדיטשעוו, 15טן דעצעמבער, 1864״, — „עס טרעפט זיך ביי מיר, אַז איך בין מוראדיק אויפגע־בראַכט (קוצף קצף גדול) אויף די געלט־זעק, און דאַן איז בעסער — דערמאָן מיר נישט דעם נאָמען פון אַ גביר, וואָרים איך צינד זיך אָן, ווי אַ וואולקאַן, און ברען פון כעס, ווי אַ פייער, און איך

רייד נישט, נאָר איך שריי און מאַך גוואַלדן... איצט איז ביי מיר אַזאַ צייט. דעריבער, זאָלסטו זיך, מיין טייערער, נישט וואונ־דערן, וואָס איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין שמועס מיטן עושר".44).
אַזוי האָט ער געשריבן אין 1864. אין אַ בריוו (צו דעם זעלביקן בינשטאָקן) פון 1880 געפינען מיר אַזאַ שטעלע: „...אויב אונדז יידן איז באַשערט צו זיין ערב איינע פאַר די אַנדערע, וועסטו דאָך צוגעבן, מיין טייערער, אַז ס'איז בעסער צו פילן זיך פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר פּראָפעסאָר באַקשטן, איידער צו טראָגן אויף זיך אחריות פאַר פּאָליאַקאָוון, מלכיאלן א. ד. ג. יידישע מיליאָ־נערן(". 45).

ער האָט זיי גוט געקאַנט. וועגן די גרויסע פּאָליאַקאָווס האָט ער געקראָגן אַ שטיקל ידיעה אין פּעטערבורג, וואו ער איז געווען צוליב ליטעראַרישע ענינים; וועגן די קליינע — האָט ער זיך גענוג אָנגעהערט און אָנגעזען אין בערדיטשעוו. און אָט דאָס גוט קאָנען זיי איז אים שטאַרק צונוץ געקומען פאַר דער „לעבנס־באַשרייבונג פון יצחק אברהם תקיף" און נאָך מער — פאַר „דער טאַקסע אָדער דער באַנדע שטאָט־בעלי־טובות" (זשיטאָמיר, 1869), וועלכע איז שפּעטער, אגב, איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש דורך י. מ. פּעטריקאָווסקי (ביעלאָצערקאָוו, 1884) 46.)

די שינדערס, די פּיאַווקינס, די ספּאָדעקס, די קנעכטבאָרגס, און די איבעריקע פיינע בריות פון „דער טאַקסע" האָבן געהערט צו די בערדיטשעווער טובי־העיר. און אויך וועקער, וואָס מיט זיין מויל רעדט מענדעלע אַליין, איז געווען אַ באַקאַנטער בער־דיטשעווער משכיל.47).

באַקאַנט איז, פאַרשטייט זיך, געווען אויך די ראַליע, וואָס די טאַקסע האָט געשפּילט אינם רוסיש־יידישן לעבן פון 19טן יאָרהונדערט. מענדעלע איז נישט געווען דער ערשטער אָנצורירן די דאָזיקע אייטערדיקע וואונד. יצחק בער לעווינזאָן, אין זיין „הפקר וועלט", האָט שוין אָנגעוויזן אויף איר: „עס פאַרשטייט זיך, זאָגט ר' זרח, מעל פירט ער (דער עושר) זיך אריין אָן טאַקסע, זאַלץ און איטליכס פיצל... נאָר דער אביון צאָלט". און אַז ר' פּייטל זאָגט: „פאַרגעסט נישט, אַז דער עושר האָט טאַקע אַליין אַ חלק אין די דאָזיקע טאַקסעס", איז ר' זרח מוסיף: „ווער קאָן

אויסדערציילן, וויפל שמדשטיק דאָ שטעקט נאָך ביי דעם פאַרדינגען און ביי דעם דינגען (די טאַקסע)? עס ווערט אַלץ געמאַכט מיט אַזוינע ממזר־שטיקלעך, מיט אַזוינע זאַביעגעס, מיט אַזוינע גנבות, וואָס די האָר גייען קאַפּויר". נאָך י. ב. לעווענזאָנען האָט יצחק ערטער אין אַ קאַפּיטל פון זיין העברייאישער סאַטירע „הצופה לבית ישראל" (1862) אַ פּיק געטאָן דעם בעל־טאַקסע, און א. מ. דיק האָט דאָס דאָזיקע קאַפּיטל („גילגולי נפש") איבערגעאַרבעט אויף יידיש אונטערן נאָמען „דער גילגול" (וואַרשע, 1867). פריער נאָך האָט דער זעלביקער דיק, מענדעלעס וויכטיקסטער פאַרגייער, דערמאָנט — נישט צום גוטן — די טאַקסע אין זיין דערציילונג „זפרונה" (העברייאיש). זי איז אַרויס מיט אַ יאָר פריער פאַר מענדעלעס סאַטירע. אויך אַנדערע האָבן געשריבן וועגן דער „קאָ־ראָבקע", — אַט דעם קוואַל פון סאָציאַלער אומגערעכטיקייט און עקאָנאָמישער אונטערדריקונג ביי יידן. אָבער קיינער האָט זיך נישט אַרויסגעזאָגט וועגן איר און אירע קעסטקינדער אַזוי ביטער און אַזוי דרייסט, ווי דער פאַרפאַסער פון „דעם קליינעם מענטשע־לע"...

מענדעלע האָט אַמאָל געזאָגט וועגן שרייבער: — „מיר זיינען דער האַמער, און דאָס פאָלק — די קאָוואַדלע: לאָמיר קלאַפּן, ביז דאָס פאָלק וועט זיך אויפכאַפּן"48). אין „דער טאַקסע" האָט דער מענדעלע־האַמער געגעבן איינעם פון זיינע שטאַרקסטע קלעפּ. מענדעלע האָט קיינמאָל נישט מורא געהאַט אָנצורופן זאַכן מיט זייערע אמתע נעמען. ער האָט עס אַלעמאָל געטאָן. ער האָט עס געטאָן אויך דאַן, ווען עס האָט זיך געדוכט, אז ער רעדט פאַר־שטעלט. „איך האָב מיר געטאָן מיינס", האָט ער געשריבן אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען, — „איך האָב מיר געטאָן מיינס — גע־שריבן דאָס, וואָס מען באַדאַרף, וואָס דער אמת איז, ווי דער שטייגער מיינער איז, אַרויסצושטעלן פאַרבאַרגענע מכות, אַ פּיק טאָן, טרעפן אין קאַרב, עס זאָל אויסרינען דער אייטער. אַ פּיק טוט טאַקע וויי, נאָר, נישקשה, דערפאַר היילט זיך די מכה אויס גיכער און בעסער ווי (ווען) מען וואָלט זיך מיט איר געשטיקט, זיך ניט־וויסנדיק גע־מאַכט. פאַרשטייט איר מיך, פון שפּרעכער (פון גלאַט אזוי מאמרים) האַלט איך נישט. איך וויס מיר נישט מער ווי מיין קלאַפּערגעצייג

און טו וואָס מען באַדאַרף. און אויב איר זייט אַ בעל־פּחדן, האָט מורא פאַר אַ פּיק — האַלט־זשע זיך געזונטערהייט מיט מכות און האָט אייך צו טאָן מיט שפּרעכער, מיט אונדזערע טאַ־טערס"...49) אזוי האָט ער געשריבן אין יאָר 1890, — אין יענער צייט, ווען, לויט דער מיינונג פון אונדזערע לינקע ליטעראַטור־היס־טאָריקער, זאָל ער שוין האָבן געווען באַאיינפלוסט פון דער „נאַ־ציאָנאַליסטישער רעאַקציע". היינט ווער רעדט שוין אין די 60ער יאָרן — דאַן האָט ער זיך אודאי נישט געשראָקן „אַ פּיק טאָן, טרעפן אין קאַרב, עס זאָל אויסרינען דער אייטער". ער האָט אין „דעם קליינעם מענטשעלע" שוין אַ היפּש ביסל „געפּיקט" אין די „פאַרבאַרגענע מכות" פון אונדזער לעבן. ער האָט אונדז דער־ציילט, ווי מען ווערט אַ תקיף ביי יידן — און וואָס מיינט זיין אַ תקיף. ער האָט שוין דאַן געצויגן אַ שאַרפע ליניע, אַ גרעניץ־ליניע צווישן אָרעם און רייך. ער האָט שוין דאַן אָנגע־הויבן ווייטער און דרייסטער צו שפּינען דעם אַלטן פאָדעם פון דער יידיש־ליטעראַטור, וועלכע איז אַלעמאָל געווען די ליטעראַטור פון דערנידעריקטע און באַליידיקטע. די שטים פון סאָציאַלן גע־וויסן.

האָט דאָך שוין דער דערמאָנטער לעווינזאָן מיטן מויל פון ר' פייטל‚איינעם פון די פאַרשוינען אין „הפקר־וועלט", געטענהט: „ווער ס'איז נעבעך אַן ערלעכער מאַן, ליגט אין דער אדמה. וויפל, מיינט איר, זיינען דען גאָר דאָ אָט די, וואָס בלישטשען אין שטאָט? דרייסיק אָדער פערציק פאַרשוינען. דאָס איז דער פער. דער כלל: ווער עס קאָן זיין עפּעס אַ טוער אין שטאָט, דער לעבט דערפון. דער איבעריקער עולם האָרעווען, רייסן קריעה, פאַרדינען נעבעך מיט דעם ביטערן שווייס זייער גראָשן. וואָס העלפט עס? זיי מוזן האָרעווען אויף פרעמדע ווייב און קינדער. זייער גאַנץ דאָבריע מזל, נעבעך, גייט אריין אין די פאַרשמאָדערטע נגידים: זיי זויגן זיי אויס טאָג און נאַכט מיט נתינות, מיט די טאַקסעלעך, מיט רע־קרוטן־געלט, מיט אקסן־געלט — השי"ת זאָל זייער רחמנות פאַר זיך נעמען"... ביי י. ב. לעווינזאָנען איז געווען שוין אַן אָפענער פּראָטעסט קעגן די „אויסזויגער", אָבער לעווינזאָן האָט נאָך אַלץ גערעדט בלשון נעבעך. אַ גאַנץ אַנדער לשון האָט גערעדט

מענדעלע אין „דער טאַקסע״. נישט אומזיסט איז איר מאָטאָ געווען דער פלאַמפייערדיקער פסוק: משוד עניים, מאנקת אביונים עתה אָקום...

מיט „דער טאַקסע״ האָט מענדעלע די גאַנצע השכלה־ליטעראַטור אַ קערעווע געטאָן שאַרף אויף לינקס. אין „דער טאַקסע״ האָט ער אומדירעקט, אָבער קלאָר, געזאָגט, וואָס ער האָט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אויף אַ מער דירעקטן אופן אויסגעדריקט אין „דער קליאַטשע״, דעם צווייטן טייל פון „דער טאַקסע״, — און נעמלעך, אַז „קיין טאַנץ גייט נישט פאַרן עסן״, וואָס דאָס מיינט, אַז די יידישע פראַגע איז אַ פראַגע פון ברויט, אַ פראַגע פון יושר און פרייהייט, א סאָציאַלע פראַגע, נישט בלויז אַן ענין פון אויפקלערונג.

טיפער, ווי אַלע פריערדיקע משכילים, איז ער אַריינגעדרונגען אינם תוך פונם יידישן עלנט. אַחוץ איניקע אויסנאַמען — אַזעלכע, ווי א. מ. דיק, אַשטייגער — האָבן זיי אַלע געגלויבט, אַז די ישועה וועט קומען פון בילדונג. זאָלן יידן זיך באַפרייען פון זייער אומוויסנהייט, פון זייערע אָבערגלויבנס, וועלן זיי אויסגעלייזט ווערן פון אַלע **צרות...** איצט זעט עס אויס צו זיין אומגלויבלעך, אָבער אַזוי איז עס געווען. מען וואָלט געקאָנט ברענגען אַן אַ שיר ביישפּילן. כוועל ציטירן נאָר, וואָס שלמה מיימון דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע וועגן די בערלינער משכילים. זיי האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל איבערזעצן אויף העברייאיש א בוך וועגן יידישער געשיכטע, האָבן זיי אים געזאָגט, אַז זיי וועלן אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך, — טרעפט, פאַרוואָס? — כדי יעדן זאָל קלאָר ווערן, „אַז בלויז זייער אומוויסנהייט און פאַרעקשנטע התנגדות קעגן אַלע פאַרנינפטיקע אינסטיטוציעס זיינען שולדיק אין אַלע אומגליקן און קאַטאַסטראָפעס, וואָס האָבן מיט זיי פּאַסירט״.(50. זיי זיינען געווען, הייסט עס, זיכער, אַז אויב יידן האָבן נישט קיין רעכט גלייך מיט אַלע בירגער פון לאַנד, נעמט זיך עס נאָר דערפון, וואָס יידן זיינען נישט „לייטן־גלייך״, נישט געבילדעט. און נישט געבילדעט זיינען זיי דערפאַר, וואָס עס זיינען דאָ צווישן זיי „פינצטערלינגען״, „מורדי אור״, „פלעדערמייז״, וועלכע האָבן מורא פאַר דער זון. זאָל די „זון פון השכלה״ אַ שיין טאָן אויף דער יידישער גאַס, וועט זיין אַ סוף צו אַלע אומגליקן...

מענדעלע האָט נישט אין ערגעץ טיפֿער אַריינגעקוקט אינעם מקור פֿון ידישע צרות. ער האָט בכלל געהאַט אַ טיפֿערן קוק אויף זאַכן און טאַקע דערפֿאַר, ווייל ער איז נישט געווען אויבנאויפיק, האָט ער נישט געקאָנט טאָן, וואָס אַ אורי צבי קאָוונער האָט געטאָן — אויסלאַכן מיט אַ לייכטן האַרצן אַלע טראַדיציאָנעלע לעבנס־פֿאָרמען, אַלע ווערטן פֿון דער ידישער קולטור־ירושה. און ער איז שוין אין דעם ערשטן נוסח פֿון „ווינטשפינגערל" אָנגעשטויסן געווען אויף אַ געוויסן מין משכילים, וואָס שעמען זיך מיט ידיש און „בלאָזן זיך אָן די פּיסקעס", ווען זיי ריידן גויאיש, כאָטש זיי קאָנען נישט קיין גויאיש. ער האָט נאָך אָבער דאָן געלייגט געוויסע האָפֿענונגען אויף „לערנען", אויף בילדונג. אַנדערש איז געווען בעת ער האָט זיך געזעצט שרייבן „די טאַקסע". עס זיינען אינגאַנצן אַריבער נאָר עטלעכע יאָר זינט נאָכן „ווינטשפינגערל", ער האָט שוין אָבער געוואוסט, אַז די טאַקסע, — דער „שוד עניים", דאָס באַראַבעווען די אָרעמעלייט, — איז אַסך אָן ערגערע זאַך, ווי אָבערגלויבן און אומוויסנהייט. ער האָט אַזויווי געזאָגט דאָן צו זיך אַליין, וואָס דער אשמדאי (אין „דער קליאַטשע") זאָגט צו ישראליקן: „באַטראַכט זיך אדרבא אַליין, אויב דו ביסט נישט ריין משוגע. פֿאַר דיר שטייט אַ פּאַרמאַטערטע, אַ הונגעריקע קליאַטשע, וואָס זי באַדאַרף נויטיק אין לעבן אַריין כאָטש אַביסל מנוחה, אַ מעסטל האָבער, אַ בינטל היי, ווילסטו איר גאָר באַווייזן אַ היי אין סידור און אַלץ אויסדרינגען, ווי גוט, ווי שיין עס איז זיך אויסצולערנען עפּעס קונצן". ער האָט אַזויווי געוואוסט שוין, וואָס דער אומבאַקאַנטער דערקלערט אין דעם שפּעטערדיקן נוסח פֿון „ווינטשפינגערל" און אַלטער יכנה"ז — אין „פּישקע דעם קרומען", לעצטע אויסגאַבע. דער אומבאַקאַנטער זאָגט: „היגע ידן, נעבעך, באַדאַרפֿן ברויט, נישט קיין ספֿרים", און אַז מענדעלען פֿאַרדריסט כלומרשט, וואָס ער „צעשטערכעט אים זיין קרעמל", זאָגט ער אים: „חלילה, נישט אייערע דאָזיקע ספֿרים, מיין איך; יענע מיין איך, יענע, וואָס אַלץ מיט שטראָף־ווערטער, מיט עצות און אַ געפּילדער: פֿע, הבלים, פֿע, אָפּגעלאָזטקייט! גוואַלד, בילדונג!" יענע, די השכלה־ספֿרים,

מיינט ער, און ער ענדיקט: „געגוג, כ׳לעבן, סליחות!" און כמעט דאָס אייגענע זאָגט א ל ט ע ר י כ נ ה "ז אין „פּישקע דעם קרומען": „פוילע סחורה, זאָגט אַלטער, פאַרקרימענדיק זיך: שטאַמט פון עפּעס פאַרשימלטע באַנק־קוועטשערס, אָרעמע בעל־עבירות! ווייס איך וואָס זיי האָבן דאָרט עפּעס אָנגעמאַכט. פאַר וועמען? קיינער פונם עולם פאַרשטייט דאָרט נישט אפילו קיין וואָרט. עפּעס טערקיש, מישטיינס געזאָגט, ל ש ו ן!... פּע, כלעבן, גיט אהער, ר׳ אידעלע, עפּעס רעכטס!"

אין „דער טאַקסע" האָט ר׳ מענדעלע — פון אַ סאָציאַל־רעפאָר־מאַטאָרישן, אויב נישט פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט — געגעבן „עפּעס רעכטס". אין „דער טאַקסע" האָט ער צום ערשטן מאָל אויס־געמאָלן אַ בילד פון דער סאָציאַלער דיפערענצירטקייט און פון די עקאָנאָמישע קאָנפליקטן אין דער יידישער קהילה, געוויזן לעבעדיקע סצענעס פון גרויזלשאַפטלעכער רויבעריי, פון געזעלשאַפטלעכער דערשלאָגנקייט און פון (פּ אַ ר ו י ס ג ע ז ע ע נ ע ם) געזעל־שאַפטלעכן פּראָטעסט. אין „דער טאַקסע" האָט ער אַרויסגעבראַכט און באַלויכטן די ט י פ ע ר ע אורזאַכן, וועלכע שאַפן די לאַגע פון ק אָ ב צ אַ נ ס ק אָדער ג ל ו פּ ס ק — און דאָס זיינען: די דרויסנדיקע אומגערעכטיקייט בנוגע צו יידן, פון איין זייט, און די אינעווייניקסטע (סאָציאַלע) אומגערעכטיקייטן, פון דער אַנדערער זייט...

„וואָס העלפט עס", זאָגט פיקהאָלץ, האָבנדיק אין זינען די ד ר ו י ס נ ד י ק ע וועלט, — און די דעמאָלטדיקע רוסישע צענזור — „וואָס העלפט עס, אַז זיי האָבן, נעבעך, נישט קיין מזל, אַז זיי זיינען, נעבעך, אומגליקלעך און פון כ מ ה ש נ י ם ש ט י ק ט מ ע ן ז י י צ ו נ ו י ף א י נ י י נ ע ם א י ן א י י ן אָ ר ט ו ו י ד י ש אָ ף, אַ ז ז י י ז ע ע ן פ אַ ר ז י ך נ י ש ט ק י י ן ו ו ע ל ט א ו ן ק אָ נ ע ן נ י ש ט ע ט ע מ ע ן ק י י ן פ ר י י ע ל ו פ ט"... פיקהאָלץ איז, חלילה, נישט געשטאַנען אין אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג: אדרבה אין דער רוסישער רעגירונג, וועלכע האָט דאַן, אין די 60ער יאָרן, געמאַכט אַ מינע פון אַ רעפאָרמאַטאָר — האָבן די משכילים, און מענדעלע בתוכם, געגלויבט, געוואָרט אויף ישועות ונחמות...

האָט מען דערפאַר טאַקע אויסגעגאָסן דעם גאַנצן כעס אויף דער אינעווייניקסטער, דער ידישער, „רעגירונג“ — אויף די בעל־טאַקסעס, די קהלס־לייט, דער באַנדע שטאָט־בעלי־טובות...

„אין טוניעיאַדעווקע, זאָגט מענדעלע, איז דאָ אַ ווערטל: פון וואָס מען זאָל נישט שמועסן, מוז מען אַרויסקומען אויפן טויט, און פון וואָס מען זאָל נישט ריידן אויף אַן אסיפה, מוז מען אויסלאָזן מיט דער טאַקסע אויף פלייש“. און נישט נאָר אויף אַן אסיפה, אויך אין דער ליטעראַטור האָט די טאַקסע, ווי מיר האָבן געזען, פאַרנומען אַ גרויסן אָרט. דאָס, וואָס די ח ו מ ר א איז געווען אין די העברייאישע השכלה־ביכלעך, איז געווען די ט אַ ק ס ע אין דער יידישער ליטעראַטור. אָבער מענדעלע האָט די פּראָבלעם פון דער טאַקסע פאַרשטאַנען און אויסגעטייטשט ברייטער, ווי אַנדערע. אַזוי ווי די ט אָ ר ב ע אין „פישקע דעם קרומען“ איז נישט גלאַט אַ טאָרבע, — אַ לעכערדיקער, שמוציקער זאַק, מיט וועלכן מען גייט איבער די הייזער, — נאָר אַ סימבאָל, אַ פאַרקערפערונג פון דעם יידישן דלות, פון דעם יידישן לעבן־פון־ווינט, פון די „יידישע פרנסות“, אַזוי איז אויך די ט אַ קס ע ביי אים אַן אויסדרוק פון אַלע אינעווייניקסטע אומגערעכטיקייטן, וואָס פאַרביטערן און פאַרפינצטערן דאָס יידישע לעבן, אַ רעזולטאַט פון די קהלשע „פאַראַנדקעס“, אַן אינסטרומענט פון דער כנופיה בעל־טובות, בעל־עצות, כלל־פאַרזאָרגער, שתדלנים, קאָכלעפל, טעלערלעקער.

די סאַטירע, וועלכע איז אָרעם אין קינסטלערישע געשטאַלטן, אָבער רייך אין געדאַנקען און אין פּאַטאָס, רופט זיך נישט אומזיסט „די טאַקסע אָדער ד י ב אַ נ ד ע ש ט אָ ט ־ ב ע ל ־ ט ו ב ו ת“: דער עיקר איז דאָ נישט דער בעל־טאַקסע (אַ בעל־טאַקסע באַגעגענען מיר שפּעטער אין „פריזיוו“ דווקא אַ סימפּאַטישן מענטשן, איינעם וואָס ליידט אליין פון די בעל־טובות). דאָ ווערט צום שאַנד־סלופּ ארויסגעשטעלט די ב אַ נ ד ע, דער גאַנצער הערשנדיקער קלאַס פון יענער צייט, אָנגעהויבן פון ר׳ א י צ י ק ו ו אָ ל ף ס פּ אַ ד י ק, דעם פרומען צבועק, און ר׳ י ו ד ע ל ע ש ט אַ נ ד ה אַ פּ ט, דעם משכילישן צבועק, און אויסגעלאָזן מיט ר׳ א ה ר ן ק נ ע כ ט ב אַ ר ג, דעם קאָכלעפל, ר׳

מ ע נ ד ע ל ע דעם געלן, דעם שטאָט־שייגעץ, דעם בילער, וואָס דינט ביי די בעל־טובות און פאַלט אָן, אויף וועמען מען הייסט אים, און די דיינים, וואָס זיינען אויך, געבעך, אין די הענט פון די בעל־טובות, און מוזן זיי אונטערבאַמקען...

„די טאַקסע" איז געווען ניי און איבערראַשנדיק דערמיט, וואָס זי האָט קלאָר געמאַכט, אַז משכילישע בילדונג אַליין איז נישט גענוג אויף צו רעפאָרמירן די יידישע געזעלשאַפט: עס איז נויטיק קאַמף, סאָציאַלער קאַמף.

קאַמף פ ו ן די יידישע פאָלקסמאַסן? ניין, קאַמף פ אַ ר זיי. זיי אַליין זיינען נישט געווען נאָך גרייט פאַר אַקטיוון געזעלשאַפטלעכן פּראָטעסט. זייער פאָרשטייער אין דער דראַמע — א י י ז י ק ז אַ א י ק ע — איז געווען אַ זאַאיקע, אַ שטאַמלער. ער האָט נישט געהאַט קיין לשון, אויך נישט דעם נויטיקן סאָציאַלן באַוואוסטזיין. ער איז געווען אַ קרבן נישט פון זיין קאַמף, נאָר פון זיין נאַאיווער, פאַנאַטישער ערלעכקייט. ער האָט געקאָנט נאָר זיפצן: „אַז אָך און וויי איז אונדז"...

ניין, קיין קאַמף פ ו ן דעם המון איז נישטאָ אין „דער טאַקסע", עס פירט זיך אַ קאַמף פ אַ ר אים. זיין פאָנענטרעגער איז שלמה ו ו ע ק ע ר, אַ פאָרשטייער פון דער אינטעליגענץ. וועקער זיפצט נישט, וועקער קרעכצט נישט; וועקער שרייט, וועקער מאַכט גערוואַלדן, קערט וועלטן: „ניין, שרייט ער, די גאַל ווערט צעזעצט, מען קאָן זיך שוין נישט מער איינהאַלטן! פאַרפלוכט זאָל זיין דער, וואָס זעט אזעלכע עוולות און שוויגט! פאַרפלוכט זאָל זיין אַ טרוס (אַ פחדן), וואָס האָט מורא צו זאָגן דעם אמת! פאַרפלוכט זאָל זיין דער, וואָס פאַרשטאָפּט די אויערן נישט צו הערן די יללות און די קרעכצן פון די אומגליקלעכע, פון באַליידיקטע און נויטבאַדערפטיקע; פאַרפלוכט, פאַרשאָלטן אַלע, וואָס פאַרקויפן זייער געוויסן, אַלע, וואָס זיינען אימשטאַנד צו העלפן מיט אַ וואָרט, מיט דער פען און שטייען פון וויטן, טאָמער וועט זיי חלילה עפּעס דאָס מינדסטע שאַדטן!... וואָס זאָל איך מיך באַהאַלטן? א. אַ. וו. איך קאָן נישט שווייגן! איך מוז גיין אַרויסזאָגן דעם אמת גאַנץ פריי, זאָל כאָטש די וועלט וויסן!"

און ער גייט און האַלט דרשות פאַרן פאָלק. אין לעבעדיקע בילדער שילדערט ער די נויט, די אָרעמקייט, דעם עלנט פון דער מאַסע. אין זייער העפטיקע, כאַטש אומקלאָרע, אויסדרוקן, פּראָטעסטירט ער קעגן די „פיינע בריות"!...

וועקער איז דער ערשטער פייערדיקער פּראָטעסטאַנט, ד ע ר ע ר ש ט ע ר ס אָ צ י אַ ל ע ר אַ ג י ט אַ ט אָ ר אין דער יידישער ליטעראַטור.

ער איז דער (ליטעראַרישער) פאָרגייער פון אהרן ליבערמאַנען, פון מאָריס ווינטשעווסקין און פון אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע קעמפער פון די 70ער יאָרן. אין די 60קער יאָרן זיינען געווען נאָך זייער ווינציק אַזעלכע, ווי שלמה וועקער. און ער איז טאַקע נישט אַזאַ טרייע אָפּשפּיגלונג פון לעבן, ווי עס זיינען די, קעגן וועמען ער האָט אַזוי העפטיק פּראָטעסטירט. ער איז מער אַ פאַרשפּיגל, ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכקייט. אַ פאַרשפּיגל — און אַ פאַרשפּיל. דאָס „שפּיל" האָט זיך שפּעטער אַנגעהויבן... מענדעלע, מיט זיין „טאַקסע", האָט די רעוואָלוציאָנערע „שפּיל" פאַראויסגעזען און צוגעגרייט...

מענדעלע האָט, אַזוי ווי זיין העלד וועקער, נישט געהאַט קיין באַשטימטע סאָציאַלע פּראָגראַם: זיינע פאָדערונגען זיינען געווען מער נעגאַטיווע, ווי פּאָזיטיווע... ע ס איז געווען אַן איבערגאַנגסצייט. אין אַזאַ עפּאָכע מוז מען צעשטערן געוויסע זאַכן, איידער מען הויבט אָן בויען. און פריער ווי אַלץ מוז מען ו ו ע ק ן דעם עולם, אויפוועקן אים. און אָט דאָס האָט געטאָן מענדעלע. ער איז געווען אַ ו ו ע ק ע ר. ער האָט געקלאַפּט מיט זיין ה אַ מ ע ר איבער דער ק אָ ו ו אַ ד ל ע, וואָס הייסט פאָלק, און געוואָרט, עס זאָל זיך אויפכאַפּן.

אין עטלעכע יאָר אַרום האָט איינער פון די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען שפּעטער איבערגעגאַנגען צו חיבת ציון, — דר. י. קאַמינער — פאַרעפנטלעכט אַ סאַטירע אויף העברייאיש מיטן נאָמען „סדר כפרות לבעל טקסי" (וואַרשע, 1877) — און פון דער דאָזיקער סאַטירע, וועלכע איז, אגב, געווידמעט מענדעלען, זעט מען, אַז „די טאַקסע" האָט באַאיינפלוסט די גאַנצע ליטעראַטור פון יענער צייט — און נישט נאָר די יידישע, אויך די העבריי-

אישע ליטעראַטור. אין אַ בריוו, מיט וועלכן דר. קאַמינער האָט זיך אין יאָר 1878 געווענדט צו מענדעלען, האָט ער — דער ערש־טער — אָנגעוויזן אויף דעם פאַקט, וואָס „די צענטראַלע פיגור פון זיינע באַשרייבונגען איז נישט מער דער פרומאַק, דער צבועק, וואָס גייט צו כל נדרי מיט אַ געבראָטן הינדל באַהאַלטן אונטער דעם קיטל. וואָס וועט שוין זיין, ווען די יידן וועלן שוין אויפהערן שלאָגן כפרות ?—פרעגט קאַמינער—איך קאָן אַסך יידן, וואָס שלאָגן נישט קיין כפרות מיט העגער נאָר מיט זייערע אייגענע ברידער, און נישט נאָר ערב יום־כפור, נאָר אַ גאַנץ יאָר. זאָל אונדז קלאָר ווערן, וואָס מיר האָבן צו טאָן פאַר דעם וואויל פון אונדזער פאָלק. מען זאָגט אונדז, אַז די רעטונג פון פאָלק ישראל הענגט אָפּ פון דער רעטונג פון דער גאַנצער וועלט. אלישה הנביא האָט שוין אויסגעזאָגט דעם סוד : „גיט זיי ברויט, זאָלן זיי האָבן וואָס צו עסן״. אויב מיר ווילן העלפן די יידן, דאַן זאָלן מיר זיי אָנהויבן צו לערנען, וואָס עס הייסט טריפה שפּייזן, אַז אַ ייד טאָר נישט עסן דעם אַנ־דערן יידנס פלייש. דו, גרויסער שרייבער, מיט דיין „טאַקסע״, מיט „דער קליאַטשע״ און מיט דעם „קליין מענטשעלע״ האָסט זיך שוין פאַרטיפט אין די דאָזיקע דינים און אַזוי ווי דו פּסקנסט, אַזוי זאָל עס בלייבן. זאָלן זיך צווישן די יידישע שרייבערס פאַרמערן אַזוינע ווי דו״.51).

דער פּראָטעסט, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין „דער טאַקסע״, האָט אָפּגעהילכט אין דער גאַנצער יידישער וועלט. מענ־דעלעס שאַרפע אויסדרוקן זיינען געוואָרן פאָלקסווערטלעך.

דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט „די טאַקסע״ געמאַכט א י ן ב ע ר ד י ט ש ע ו ו. די בערדיטשעווער רעדלפירער האָבן איינגעזען, אַז די ס פּ אַ ד ע ק ס, ד י ש י נ ד ע ר ס, די פּ י אַ ו ו ק י נ ס און די איבעריקע שטאָט־בעל־טובות פון „דער טאַקסע״ —זיינען זיי אַליין. און נישט נאָר זיי, — גאַנץ שטאָט ד־האָט עס איינגעזען. און זיי האָבן נישט געהאַט וואו אַהינצוטאָן זיך פון שאַנד, פון כעס. מען האָט געטייט אויף זיי מיט די פינגער. מען האָט זיי אָנגערופן מיט די נעמען, וואָס עס טראָגן די פיינע בריות פון „דער טאַקסע״ :

— איר זעט, — האָט מען געזאָגט מיט אַ געלעכטערל, —

אַט יענעם שיינעם יידן? דאָס איז ר׳ איציק וואָלף ספּאָדיק! — און אַט דעם־אָ קאָנט איר? דאָס איז ר׳ יאָסעלע שינדער!

מיט די נעמען אַליין האָט מען זיך נישט באַנוגנט. מען האָט געברויכט די אַלע שאַרפע ווערטלעך, די אַלע מורנוס, וואָס מענ־דעלע (אָדער שלמה וועקער) איז מיט זיי מכבד די כנופיא אין „דער טאַקסע“.

— איר ווייסט, ווער דאָס איז? — האָט מען געזאָגט, אַשטיי־גער, אויף איינעם: דאָס איז ר׳ מענדל דער געלער, „סלוזשעט ביי די בעל־טובות און פּאַלט־אָן אויף וועמען מען הייסט“...

אייניקע פון דער „באַנדע שטאָט־בעל־טובות“ האָבן מאַטעריעל, נישט נאָר מאָראַליש, געליטן דערפון, וואָס מענדעלע האָט זיי צוגע־נאָגלט צום שאַנדסלופּ. אַזוי, צום ביישפּיל, דערציילט פּראָפ. לעאָ ווינער, „אַז משה יוסף קאַדרעוווער, וואָס אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר דעם פּראָטאָטיפּ פון דעם מנוול ר׳ איציק וואָלף ספּאָדיק און וואָס איז געווען אַן אָנגעזעענער און רייכער סוחר, — האָט באַלד געמוזט באַנקראָטירן, ווייל די אויפגעבראַכטע באַפעלקערונג האָט מער נישט געוואָלט האָבן מיט אים קיין מגע ומשא. דאָס איז געווען, שרייבט פּראָפ. ווינער, דאָס ערשטע מאָל, אַז אַ ליטעראַריש ווערק, געשריבן אויף יידיש, זאָל מאַכן אַזאַ רושם אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן.“ 51א.)

די קהלשע קאָכלעפל זיינען געווען אש להבה. זיי האָבן אַב־ראַמאָוויטשן גוט געקענט פון די קהלשע אסיפות. ער פלעגט זיי נישט שאַנעווען. ער איז זיי גוט אַריינגעקראָכן אין די ביינער. אָבער אַז ער זאָל אַרויס עפּנטלעך אין דרוק, און מאַכן, ווי ער זאָגט אין דער פאָררעדע, „אַ באַזונדער צעטל פון די אַלע פּערזאָנען, וואָס קומען פאָר אין דער מעשה, כדי זיי זאָלן אַלע שטיין פאַר די אויגן און מען זאָל זיי געדענקען“ — אויף דעם האָבן זיי זיך נישט געריכט.

ווי זיין זון, מאיר אַבראַמאָוויטש, דערציילט, האָבן זיי זיך נאַריש געמאַכט, געפּרוווט אים אונטערצוקויפן אויף אַלערליי אופנים, אַבי ער זאָל שוויגן.52). דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ לעכערלעכער פּרווו. האָבן זיי אים גענומען אָנטאָן צרות, נוקם זיין זיך אין אים, עוקר זיין אים מן השורש... „עס האָבן זיך פאַר־

שפּריט קלאַנגען, דערציילן זיינע טעכטער אין זייערע דערינערונגען, אַז זיי האָבן באַשלאָסן נישט אָפּצושטעלן זיך פאַר קיין זאַך, אפילו פאַר מאָרד״.53) דאָס זיינען געווען אפשר גוזמאדיקע קלאַנגען, אָבער אינגאַנצן אויסגעטראַכט זיינען זיי זיכער נישט געווען. מענדעלע איז אין בערדיטשעוו, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעדרוקט „די טאַקסע״, נישט געווען זיכער מיט זיין לעבן, — מיט זיין פריהייט געוויס נישט. מען האָט געשיקט אויף אים מסירהלעך צו דער מאַכט, מען האָט אים נישט געלאָזט דורכגיין אַ גאַס, מען האָט אים אָנגעטאָן נגשיורת.

גאָר אינגאנצן איינזאַם איז ער, אמת, נישט געווען. ער האָט געהאַט פריינט, און זיי האָבן מיט אים מיטגעפילט, זיי האָבן אים געהאָלפן פירן זיין שווערן קאַמף. עס האָבן זיך אפילו געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן — דער „באַנדע ״אויף צו להכעיס — געוואָלט מאַכן אַ ספּעקטאַקל פון מענדעלעס סאַטירע. „איינמאָל״, דערציילט זיין זון, — „איך בין געווען נאָך דאַן אַ יינגל, — איך גיי אַרויס אין בערדיטשעוו אין גאַס, דערזע איך גרויסע אַפישן: מען גייט שפּילן יידיש טעאַטער, און מען פירט אויף מיין פאָטערס „די טאַקסע, אָדער די באַנדע שטאָט-בעל-טובות״... פון וואַנען האָט זיך דאַן, מיט אַ יאָר זעכציק צוריק, גענומען יידיש טעאַטער? עס איז נאָך געווען אַסך פריער, איידער עס האָבן זיך באַוויזן יידישע טרופּעס, יידישע אַקטיאָרן. איך וואונדער זיך ביז איצט, איך מיין, אַז עס האָט זיך ספּעציעל געשאַפן אַ טרופּע צוליב „דער טאַקסע״. און אפשר איז גאָר אינגאַנצן קיין טרופּע נישט געווען, נאָר אַן אַפיש״...54).

מען האָט „די טאַקסע״ נ י ש ט געשפּילט... מענדעלעס שונאים זיינען געווען שטאַרקער, ווי זיינע פריינט, און נישט נאָר איז געווען אוממעגלעך אויפצופירן מענדעלעס ביטערע סאַטירע, אים אַליין איז נישט מעגלעך געווען צו בלייבן אין דער שטאָט, וואו ער האָט פאַרבראַכט קיילעכדיקע צען יאָר. ער האָט זי געמוזט פאַרלאָזן.

ער האָט איינגעפּאַקט זיינע מטלטלין, אַריינגעזעצט זיין פאַמיליע אין אַ בויד — און אָוועקגעלאָזט זיך אין דער נאָענטער שטאָט — זשיטאָמיר... „איך געדענק נאָך ווי איצט די רייזע, דערציילט

זיין זון מאיר: מיר זיינען געפאָרן אין אַ בויד. דעם אמת געזאָגט — בין איך מיט מיין פאָטער מער געגאַנגען, ווי געפאָרן. אונדזער גאַנצע משפחה האָט זיך געשלעפּט מיט דער בויד... איר קאָנט אוודאי דאָס דאָזיקע בילד פון מיין פאָטערס ווערק... און נאָך איין זאַך געדענק איך: אויפן גאַנצן וועג האָט מיין פאָטער נישט איינגערוט. עס האָט געקאָכט און געברויזט אין אים. אַ חסיד זיינער איז מיטגעפאָרן מיט אונדז פון בערדיטשעוו. און איך געדענק, אַז מיין פאָטער האָט אויף דעם גאַנצן וועג געהאַלטן מיט אים אין איין איינטעהנען וועגן קהלס זאַכן, וועגן די מעשים נוראים פון די „בעל־טובות".55). אזוי האָבן זיי זיך געשלעפּט מיט דער בויד — ביז זיי זיינען אָנגעקומען קיין זשיטאָמיר.

„די קליאַטשע״

פון בערדיטשעוו קיין זשיטאָמיר. — די שיינע נאַטור. — „צו פרנסה קומט עס נישט״. — מענדעלע וויל ווערן אַ ראַבינער. — אַ צו ראַדיקאַלע דרשה. — „די קליאַטשע״. — פון דער מאַסע צו דער נאַציע. — פון רחמנות צו ליבע. — אינעווייניקסטע באַפרייאונג. — „די טאַקסע״ און „די קליאַטשע״. אוניווערסאַלע מאָטיוון. — דער רושם פון „דער קליאַטשע״. — מאַטעריעלע לאַגע.

זשיטאָמיר געפינט זיך אין זייער אַ שיינער געגנט, און מענדעלע האָט אפּטער ווי אין בערדיטשעוו, געהאַט דאָ אַ מעגלעכקייט צו טרעפן זיך מיט דער „יפיפה״ — דער נאַטור... „שיין איז די שטאָט זש.„ די הויפּטשטאָט פון וואָלין (לייענען מיר אין צווייטן טייל „ווינטשפינגערל״. נישט קיין פּאַלאַצן האָט זי, נישט קיין הויכע טורעמס, נישט קיין טייערע פּאַרצירטע געביידעס — און איז דאָך מלא חן, ארומגערינגלט מיט בערג איז זי, מיט וועלדער, מיט פלייצנדיקע טייכן און טאָלן. ס׳איז אין איר דאָ אויך גערטנער, בולוואַרן — און אָט דאָס איז איר צירונג, איר שיינקייט. אַריינפאַרנדיק אין איר דורך דער גלופּסקער גאַס, אין אַ העלער זומערנאַכט, ווען פון צווישן בוימער זעען זיך אַרויס נעטע הייזער מיט צוגעמאַכטע לאָדן, און אומעטום הערשט אַ שטילע רו — קאָן מען זיך זאַט נישט אָנקוקן אויף איר, אַזוי שיין איז זי, טאַקע ווי א פאַרצויבערנדיקע שלאָפעדיקע בת־מלכה אין די מעשה־ביכלעך. די נאַכט דעקט זי איבער מיט אַ טונקל־בלויען שאַל, געשפּרינקלט מיט גאָלדענע שטערן, און די לבנה, אַ מייס־טערן אין ליבעס, פאַרקוקט זיך אויף איר מיט אַ זיס־שיינענדיקער צורה. בליענדיקע אַקאַציעס, שמעקענדיקע קרייטעכצער טראָגן איר

אונטער ריחות פון בשמים. אַ קריסטאַלקלאָר וואַסערל, רינענדיק ערגעץ פון אַ סקאַלע, ברומט איר אונטער פונדערווייטנס, דער סאָלאָוויי שפּילט־צו אַ ליבעסלידל — און זי שלאָפט און טרוימט"...

מענדעלע מיט זיין פאַמיליע האָט זיך באַזעצט הינטער דער שטאָט, אויף דער צוועגטאַרנער גאַס, נאָענט צום טייך, לעבן וואַלד. זיי האָבן געוואוינט אין אַ קליין הייזל, וואָס האָט געהאַט אַרום זיך אַ גאָרטן און א סאַד... מענדעלע איז געווען צופרידן, וואָס ער איז איצט „נעענטער צו דער נאַטור"56). אָבער — צו פּרנסה קומט עס נישט. מענדעלע האָט נאָך אַלץ נישט פון וואַנען צו לעבן. ער מאַטערט זיך (אין אָנהויב יאָר 1871 און שפּעטער) צו קריגן אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג אין זשיטאָמיר; זיינע פּעטערבורגער פריינט העלפן אים; אָבער עס קומט דערפון גאָרנישט נישט אַרויס.57) עס ווערן צווישן אים און אלעקסאַנדער צעדערבוימען געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן דעם, אַז ער זאָל איבערנעמען די פירערשאַפט פון „קול מבשר", אָבער ער גייט נישט איין אויף צעדערבוימס באַדינגונגען, און דער פּלאַן ווערט בטל.58). עס ווערט אים שפּעטער געמאַכט אַ פאָרשלאַג אָנטיילצונעמען אין ראַדקינסאָנס „קול לעם", אָבער קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן האָט עס נישט.59). ער גרייט זיך צו די עקזאַמענס אין זשיטאָמירער ראַבינער־סעמינאַר, האַלט זיי אויס (אין יאָר 1872), קריגט אַ ראַבינער־דיפּלאָם60), אָבער קיין שטעלע פון אַ ראַבינער גיט מען אים נישט. שולדיק איז — ווידעראַמאָל — ד י ט אַ ק ס ע. צוליב איר האָט מענדעלע געמוזט אַנטלויפן פון בערדיטשעוו, צוליב איר איז געפּסלט געוואָרן זיין ראַבינערײַ. און אָט ווי דאָס איז געשען. נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אין דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, האָט ער שבת נאָכן לייענען די תורה געדאַרפט האַלטן, ווי דער מנהג איז געווען, אַ דרשה מענינא דיומא, כדי צו ווייזן, אַז ער טויג זיך צו זיין אַ „קאַזיאָנער רב". דערביי האָבן געדאַרפט זיין די לערער, דער אינספּעקטאָר און דער (רוסישער) דירעקטאָר פון דער ראַבינער־שול. מענדעלע האָט די „דרשה" געהאַלטן, און עס איז געווען „שוין איינמאָל אַ דרשה", אָבער דעם דירעקטאָר איז זי נישט געפעלן געווען. און עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס זי איז אים נישט געווען צום האַרצן. צאַרישע

בילדונגס־דירעקטאָרן זיינען נישט געוואוינט געווען צו הערן אַזוינע דרשות — דערהויפּט פון אַ קאַנדידאַט אויף אַ „קאַזיאָנעם רב“, וואָס איינע פון זיינע אָפיציעלע פונקציעס האָט געדאַרפט זיין צו מאַכן יידן פאַר „טרייע אונטערטאַנען“... אָט ווי ש. ל. ציטראָן (אין נאָמען פון אליעזר צבי הכהן צוויפל, וועלכער איז געווען איינער פון די לערער אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול) גיט־איבער דעם אינהאַלט פון מענדעלעס רעדע: „גראָד (דערציילט ער) האָט מען יענעם שבת געלייענט די סדרה „ב ה ע ל ו ת ך“, און אין זיין רעדע האָט זיך אַבראַמאָוויטש אָפּגעשטעלט אויפן פּסוק: „מי יאכילנו בשר?“ אָבער אין דער אונטערשטעטער שורה איז אויסגעקומען, אַז דאָס איז געווען נישט קיין דרשה אין געוויינלעכן זין פון וואָרט, נאָר אַ שאַרפע אָנקלאַגסרעדע קעגן די שייקעס תקיפים און רעדל־פירער, די בעל־קאָראָבקעס, וואָס שינדן אַראָפּ פון אָרעמאַן די הויט, און אָנשטאָט פליש גיבן זיי אים ביינער. מיט פיל טעמפּעראַמענט האָט אַבראַמאָוויטש גערעדט וועגן די גרויסע יידישע מאַסן, וואָס לעבן אין נויט און אין דחקות, און ווערן עקספּלואַטירט פון די רייכערע קלאַסן, וועגן די אומאָרדענונגען, וואָס הערשן אין די חדרים און תלמוד־תורות און אין די פאַרשיידענע צדקה־חברות, וועלכע ווערן אָנגעפירט דורך אַ כנופיא גבירים, מיוחסים — מענטשן פינצטערע און האַרט־האַרציקע א. אַז. וו. א. אַז. וו.61).

דער סוף איז געווען, אַז אַבראַמאָוויטש האָט נישט באַקומען קיין דערלויבעניש צו ווערן א ראַבינער. און ס'איז אפשר גוט אַזוי! ס'איז שלעכט, וואָס ער איז געבליבן אָן פּרנסה, אָבער פונם שטאַנד־פּונקט פון דער יידישער ליטעראַטור איז עס געווען אַ געווינס. ווער ווייסט, צי וואָלט מענדעלע געקאָנט פאַרעפנטלעכן דאָס נייע גרויסע ווערק — „די קליאַטשע“ — וואָס ער האָט אָנגעשריבן באַלד נאָך „דער טאַקסע“, ווען ער זאָל האָבן געוואָרן אַ ראַבינער?

„די קליאַטשע אָדער צער בעלי־חיים“ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1873, אין וואַרשע. אָנגעשריבן געוואָרן איז עס פריער מיט אַ פּאָר יאָר.62) עס איז געשריבן אויף אַ האַלב־דער־ציילערישן, האַלב־ליריש־פּובליציסטישן אופן, נישט אין דער דראַ־מאַטישער פאָרם, אין וועלכער מענדעלע האָט געשריבן זיין ע ר־ש ט ע סאַטירע אויף דער „באַנדע שטאָט־בעל־טובות“, אָבער

געמיינט געוואָרן איז עס ווי אַ המשך פון „דער טאַקע", ווי איר ווייטערדיקע אַנטוויקלונג.

„די קליאַטשע", לייענען מיר ביי מענדעלען אַליין, „איז געשריבן אויף אַ הויכן גאַנג, אויף דעם גאַנג, ווי די אַלטע האָבן געשריבן. איטלעכער וועט זי פאַרשטיין כפי זיין פאַרשטאַנד און זיין מדרגה. פאַר מענטשעלעך פון אַ קליינער מדרגה וועט זי זיין אַ וואונדער־שיינע מעשה. זיי וועט געפעלן דער פּראָסטער פשט. די דאָזיקע אָבער פון אַ גרעסערער מדרגה וועלן שוין אין איר געפינען עפּעס אַ וואונק, אַ רמז אַנטקעגן אונדז, זינדיקע מענטשן. איך, אַשטייגער, אין מיין מדרגה, האָב אין איר געפונען כמעט אַלע יידישע נשמות, אַלע אונדזערע נפשות און דעם סוד, וואָס זיי טוען דאָ אויף דער וועלט. איך בין ביי מיר גאַנץ זיכער, אַז בשעת לייענען וועלן אַסך פון אייך, רבותים, איטלעכער אין זיין גראַד, זיך נישט קאָנען איינהאַלטען, איינער וועט מיט פייער אַ געשריי טאָן: אַי, דאָס איז אָן אָנצוהערעניש אַנטקעגן אונדזער רב יוסיין! נאָך איינער: אַי, דאָס מיינט מען נתן רב־חייקעס! זלמן יעקעלע ר' מאָטלס! הערשקע ר' אַבעלעס! אַ דריטער: אַיי, אַיי, איך האָב געפונען דעם סוד פון אונדזערע טאַקסעס, פון אונדזערע בעל־טובות און פון אונדזערע אַלע פירונגען וכדומה"...

און ווייטער:

„איך האָב געפרעגט א שאלה ביי די גלופּסקער דיינים און ביי אַלע דאָרטיקע פיינע בריות פון דער גוטער כנופיא: „אַזוי ווי איך האָב דעם עולם צוגעזאָגט אַרויסגעבן אַ צווייטן טייל פון „דער טאַקסע" און האָב דערביי נישט געזאָגט „בלי נדר", בכן איז דאָך מיין וואָרט שוין גלייך טאַקע ווי א נדר, היינט, ווי איז דער דין, רבותים, האָב איך זיי געפרעגט, אַז איך גיב אַצינד אַרויס מיין „קליאַטשע", גיב איך קאָן מיט איר יוצא זיין מיין נדר?" זיי האָבן געקלערט, געקלערט, זיך נעבעך געקראַצט, געקראַצט און האָבן צום

סוף אַזוי געזאָגט: „יאָ, רב מענדעלע, אַזוי ווי מיר האָבן דאָ דערשמעקט אַ ריח, אַ תמצית פון „דער טאַקסע“, זיינען מיר אייך, דעריבער, מתיר נדר: „הקליאַטשע הזו, די דאָזיקע קליאַטשע, חשובה לכם, איז אייך גערעכנט כאילו קיימתם, גלייך ווי איר וואָלט געהאַלטן וואָרט און אַרויסגעגעבן החלק השני — דעם צווייטן טייל מהטאַקסע בכל פרטיו, מיט אַלע פיטשעווקעס. נישקשה, מען קאָן מיט איר זייער גוט יוצא זיין לכל־הדעות!...“

יע, מען האָט געקאָנט מיט איר יוצא זיין לכל־הדעות. עטלעכע קאַפּיטלעך — אַשטייגער, די קאַפּיטלעך, וואו עס רעדט זיך וועגן די ביטערע יסורים, וואָס ד י ק ל י אַ ט ש ע, די כנסת ישראל, האָט נעבעך אויסצושטיין ביי זיך אין דער היים פון אירע אייגענע, היימישע „בעל־טובות“ — זיינען אַזויווי אַרויסגענומען פון „דער טאַקסע“. מענדעלע האָט אַזויווי מיט אַ כיוון געוואָלט ווייזן די בערדיטשעווער קהלסלייט, אַז ער האָט קיין ברעקל מורא נישט פאַר זייערע סטראַשונקעס. זיי אויף צעפּיקעניש שרייבט ער נאָך אמאָל אַ ווערק, וואָס בעת מוועט עס לייענען, וועט נישט איינער „מיט פייער אַ געשריי טאָן“: „איי, דאָס איז אָן אַנצוהערעניש אויף אונד־זער ר׳ יאָשען!“ „איי, דאָס מיינט מען נתן ר׳ חייקעס!“ און ער האָט טאָקע זיי געמיינט. ער האָט זיי אין „דער קליאַטשע“ געמאַכט זיך נאָך מער צו „קראַצן“, ווי אין „דער טאַקסע“.

ער האָט זיך אָבער מיט זיי אַליין שוין מער נישט באַנוגנט. זיי זיינען געוועזן די א י נ ע װ ײ נ י ק ס ט ע יידישע שונאים, — און ער איז אין „דער קליאַטשע“ אַריבער דעם גרעניץ פונם א י נ ע ו ו י י נ י ק ס ט ן יידישן לעבן. ער האָט זיך געשטעלט אויסטענהן מיט דער וועלט. אים איז שוין ווינציק געוועזן אַנט־קעגנצושטעלן דעם ה מ ו ן דער כ נ ו פ י א. ער האָט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק געשטעלט אַנטקעגן דער וועלט מיט איר רשעות. ער איז איבערגעגאַנגען פון דער מ אַ ס ע צו דער נ אַ צ י ע. יע. זיין העלד איז שוין נישט מער בלויז דער ה מ ו ן און זיין „בעל־טובה“ דער ת ק י ף, דאָס ק ל י י נ ע מ ע נ ט ש ע ל ע. זיין העלד איז פון איצט אָן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. זיין הויפּט־טעמע ווערט די אַלטע און אייביק־נייע יידישע טעמע: ד י כ נ ס ת י ש ר א ל. די טעמע פון

תנ"ך, פון דער אגדה, פון דער גאַנצער עלטערער יידישער ליטע־ראַטור (איז דאָך אפילו ש ו ל מ י ת , די שיינע הירטין פון שיר השירים, געוואָרן אַ משל אויף כנסת ישראל)...

די מ אַ ס ע איז (אין יענע צייטן) געווען און געבליבן אַ ש ק אַ פּ ע , אַ שטומע, פאַרמאַרעטע און פאַרחושכטע באַשעפעניש, אָבער מענדעלעס נייער העלד — די נ אַ צ י ע — איז געווען אַמאָל אַ פּ ר י נ ץ . וועקט ער אין מענדעלען גע־פילן פון טיפער ליבשאַפט, נישט נאָר רחמנות־געפילן, ווי דער המון. דער פאַרשאָלטענער פּרינץ, ווען ער הויבט אָן רידן, מאַכט נישט אויס, וואָס ער שטייט פאַר אונדז אין דער געשטאַלט פון א ק ל י אַ ט ש ע, — צינדט ער אָן אין מענדעלען (און אין אונדז) שטאָלץ־ און ליבע־פייערלעך: „די קליאַטשע האָט פּלוצלונג אַ זיפץ געטאָן. איר זיפץ האָט אין האַרצן זיך אָפּגערופן, ווי אַ דונער. איך בין פאַרציטערט געוואָרן, פייערדיקע געפילן פון רחמנות האָט אין מיר אָנגעמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש און מיך ווידער שטאַרק געצויגן צו איר, ו ו י אַ מ אַ ג נ ע ט". ווי אַ מאַגנעט: דאָס איז די שפּראַך פון ליבע, נישט פון רחמנות. און ווען מיר לייענען מיט קאָפּ דעם דריטן קאַפּיטל פון „דער קליאַטשע" און פילן דעם קאַמף, וואָס קומט פאָר אינעווייניק אין ישראַליקן, צווישן זיין ליבע און זיין האַס צו דער ק ל י אַ ט ש ע, — זיין ליבע פאַר דעם אָדער פון א פרינץ, וואָס שלאָגט אין איר, און זיין האַס פאַר איר שטומער אונטערטעניקייט, פאַר איר פערדישער געדולד, — ווען מיר לייענען עס און הערן, ווי ישראליק גיט איינמאָל אַ געשריי: „אומגליקלעכער פרינץ, בידנע קליאַטשע!" — פילן מיר, אַז דאָס איז נישט נאָר ישראליקס „ויתרוצצו". דאָס איז דער קאַמף, וואָס קומט פאָר אינעווייניק אין דער ק ל י אַ ט ש ע גופא, דער קאַמף צווישן דער פּ ר י נ־צ י ש ע ר נשמה און דעם ש ק אַ פּ י ש ן גוף, דער קאַמף צווישן דעם שיינעם „אַמאָל" און דעם מיאוסן „היינט"...

„אתה עבד ומלך!" — דו ביסט אַ קנעכט און א קעניג! זאָגט אַבראַמאָוויטש וועגן דעם יידישן פאָלק אין „האבות והבנים". אין דער „קליאַטשע" (און אין אַנדערע שפּעטערדיקע ווערק מענדעלעס)

איז אָפּגעשפּיגלט אַט דער געראַנגל, דער אינעווייניקסטער געראַנגל צווישן דאָס „קנעכטישע“ און דאָס „קעניגלעכע“...

אינעווייניקסטער קאַמף איז דער אָנהויב פון אינעווייניקסטער באַפרייאונג: „די קליאַטשע“ איז דער אָנהויב פון דער באַפרייאונגס־עפּאָכע אין דער געשיכטע פון די מזרח־אייראָפּייאישע יידן. דער אָנהויב פון דעם חשבון־הנפש, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אליין אָנגעהויבן מאַכן אין סוף 19טן יאָרהונדערט...

אייניקע קאַפּיטלעך אין „דער קליאַטשע“, די קאַפּיטלעך, וואו עס רעדט זיך וועגן די טענות, וואָס עס האָבן צו יידן די אומות העולם, אייגנטלעך די אַנטיסעמיטן, מאַכן דעם איינדרוק, אַזוי ווי זיי זאָלן האָבן געשריבן געווען נישט פאַר יידן; אין דער אמתן אָבער איז עס אַ פאָלעמיק קעגן אַ גרויסן טייל דעמאָלטדיקע יידישע אינטעליגענץ. עס זיינען דאָך, ווי עס איז שוין פריער איינמאָל דער־מאָנט געוואָרן, געווען ביי יידן אינטעליגענטן, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן זעלביקן שטאַנדפּונקט, וואָס די שונאי ישראל: יידן, האָבן זיי געטראַכט, זיינען טויגעניכטסן, ליידיקגייער, פּאַראַזיטן; יידן זיינען ווילד, פאַנאַטיש, פאַרדאַרבן; זאָלן זיי זיך אויסבילדן, זאָלן זיי אַוועקוואַרפן די נאַרישע מנהגים, די אַלטע טראַדיציעס, זאָלן זיי ווערן לייטן גלייך, נעמען זיך פאַר אַרבעט, פאַר שיינע פּרנסות, — וועט מען זיי געבן רעכט; פריער — נישט...

— „קיין טאַנץ גייט נישט פאַרן עסן! האָט געענטפערט אויף דעם „די קליאַטשע“: וואָס פאַר אַ שייכות, איך בעט אייך, האָט עסן און די נויטיגע באַדערפעניש מיט בילדונג? מיט וואָס פאַר אַ יושר קאָן מען יענעם נישט לאָזן עסן, עטעמען פריי, סיידן ביז ער וועט זיך אויסלערנען עפּעס קונצן? איטלעכס באַשעפעניש, וואָס ווערט געבוירן, איז קודם־כל אַ לעבעדיקע זאַך, פאַרזאָרגט פון דער נאַטור מיט אַלע חושים, מיט אַלע אברים, טאַקע נאָר פון זיינעטוועגן, בכדי דורך זיי צו באַקומען אַלצדינג, וואָס עס באַדאַרף נויטיק האָבן צום לעבן א. אַז. וו.“... „מען זאָגט, איך זאָל מיך לאָזן לערנען. פרעג איך דיך, ערשטנס, חכם מיינער, פ אַ ר ־ וו אָ ס ה ייסט מ ען ע ס ד ו ו ק א מ י ך?“

„די קליאַטשע“ וויל נישט זיין מער קיין "אתה בחרתנו" אויף פאַרקערט. זי וויל נישט זיין קיין אויסנאַם אין דער וועלט. זי פאַר־

דערט גלייכהייט. זי פאָדערט דאָס רעכט אויף חסרונות, נישט נאָר אויף מעלות. און — דער עיקר — זי וויל רעכט, נישט קיין רחמנות: „איך בין דיר מוחל, זאָגט זי, דיין רחמנות. איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט אַרבעטן, מען זאָל מיך נישט אַזוי פלאָגן, מען זאָל מיר געבן מיין באַדערפעניש צו דערהאַלטן מיין נשמה טאָקע נאָר גלאַט פון רחמנות, ווייל עס איז פשוט אַ צער־בעלי־חיים. איך וויל אפילו נישט, דו זאָלסט אויסבעטן פאַר מיר אַלע נויטיקע זאַכן צום לעבן אי מהאי טעמא, וואָס מען האָט און וואָס מען קאָן פון מיר האָבן נוצן, דאָס זיינען אַלטע מעשות. א. אַז. וו. איך וויל גאָר נישט הערן קיין רחמנות, קיין נוצן, איך בין ווי אַלע אַנדערע אַלע־בעדיק באַשעפעניש און האָב ווי זיי אַ פראָווע, דאָס רעכט צו לעבן"...

איצט איז עס פאַר אונז אַ זעלבסטפאַרשטענדיקייט. דאַן אָבער איז עס געווען אַ נייע פסיכאָלאָגיע, אַ נייע שפראַך...

דער היסטאָריקער פון דעם מזרח־איראָפּיאישן יידישן קיבוץ וועט די נאָר וואָס ציטירטע שורות באַטראַכטן ווי דעם מאַניפעסט פון דעם אויפגעוואַכטן און שטאָלץ־געוואָרענעם נאַציאָנאַלן באַוואוסט־זיין. דער באָדן פאַר נאַציאָנאַליזם אינם היינטיקן זין איז נאָך נישט פאַרטיק געווען, די השכלה האָט נאָך נישט אָפגעטאָן איר אַרבעט, דער „אַנטיטעזיס" איז אין דער אינטעליגענץ נאָך געווען זייער שטאַרק, און אויך מענדעלע האָט נאָך נישט געהאַט קיין נאַציאָנאַלע פראָגראַם, ער האָט זיך אַליין נאָך נישט אָפגעגעבן קיין רעכענונג פון זיינע געדאַנקען, און ער האָט נישט שטאַרק געגלויבט אין זייער ווירקונג. מען זעט עס דערפון, וואָס אַזוי־ווי „די טאַקסע", זיין סאָציאַלער פראָטעסט, ענדיקט זיך מיט אַ קרעכץ און אַ נכנעדיקן געבעט צו גאָט און דער רעגירונג, אַזוי שפירט זיך אויך אַ צעבראָכן געמיט אין סוף פון דעם נאַציאָנאַלן מאַניפעסט — „דער קליאַטשע". דאָך איז „די קליאַטשע" זייער אַ וויכטיקער גרעניץ־צייכן צווישן דעם ערשטן (משכילישן) און דעם צווייטן (נאַציאָנאַליסטישן) פעריאָד אין דער אויפוואַכונג געשיכטע פונם יידישן פאָלק: אַ גרעניץ־צייכן צווישן דער „קנעכטשאַפט אין פרייהייט", באַנוצנדיק

אחד העמס אַן אויסדרוק, און דער פ ר י י ה י י ט א י ן ק נ עכ ט ש אַ פ ט.

„די קליאַטשע" איז דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון דער אויפוואַכונג פון אונדזער נאַציאָנאַלן געפיל, אַזוי ווי „די טאַקסע" איז געווען דער הילכיקסטער געשריי בעת די ערשטע געבורטס־ווייען פון אונדזער סאָציאַלער באַוועגונג...

איצט איז „די קליאַטשע", אַזוי ווי „די טאַקסע", שטאַרק פאַר־עלטערט — צוליב דעם פשוטן טעם, וואָס מענדעלעס נייע אידייען זיינען אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין דעם באַוואוסטזיין פונם יידישן פאָלק, אַז זיי זיינען געוואָרן אלף־בית. דער אופן שרייבן אין „דער קליאַטשע", ווי אין „דער טאַקסע", זעט אויך אויס איצט צו זיין אַביסל אַלטמאָדיש. דאָך קאָן מען נישט פאַרגלייכן „די קליאַטשע" מיט „דער טאַקסע". די לעצטע האָט איצט טאַקע נישט מער ווי אַ קולטור־היסטאָרישע באַדייטונג; אין דער ערשטער זיינען דאָ זאַכן, וואָס האָבן נאָך איצט אויך אַ ווערט.

די, וואָס האָבן ליב געזעלשאַפטלעכע סאַטירע, ווען אפילו זי דעקט נישט אויף קיין מי יודע וואָס פאַראַ נייע זאַכן, וועלן איצט אויך הנאה האָבן פון אַזאַ שטעלע, אַשטייגער, ווי: „דאָס מענטשל, ווי איר קוקט אים אָן, האָט אין זיך אַלע מיני ברואים און באַשעפענישן. איר געפינט אין אים אַלע ווילדע חיות, אויך פאַרשיידענע מיני בהמות: איר געפינט אין אים אַ יאַשטשערקע, א פיאַווקע, אַ שפּאַנישע פליג, אַ פּרייס וכדומה אזעלכע שלעק, אַזעלכע מיני שרצים; איר געפינט אין אים אפילו אויך אַ רוח, אַ שוואַרץ יאַר, אַ שטן, אַ מקטרג, אַ לץ, שונאי ישראל, וכדומה אַזעלכע מזיקים, מחבלים, אָנשיקענישן; איר זעט אין אים אויך וואונדערלעכע סצע־נעס: ווי אַ קאַץ, אַשטייגער, שפּילט זיך מיט אַ מויז, אַ טכויר כאַפּט זיך אַריין אין אַ שטייג מיט עופות און דרייט זיי נעבעך אָפּ די קעפּ; ווי מאַלפּעס קרימען יענעם נאָך אַלצדינג, וואָס ער טוט; ווי אַ הונט סלוזשעט, דרייט דעם ווידל פאַר איטלעכן, וואָס וואַרפט אים אונטער אַ שטיקל ברויט; ווי אַ שפּין פאַרנאַרט צו זיך אַ פליג, פאַרפּלאָנטערט, פאַרשפּאַרט זי און נאָגט זי אויס; ווי קאָמאַרן פליען עמיצן נאָך, זזשען אים אָן פולע אויערן וכדומה אַזעלכע משונה וואונדערלעכע זאַכן"... מיר איז אויסגעקומען צו הערן,

ווי מען האָט פֿאַרגעלייענט די דאָזיקע שטעלע פֿון דער עסטראַדע: דער עולם האָט געקוואָלן פֿון נחת...

מענדעלע האָט „די קליאַטשע“, אַזוי ווי אַנדערע ווערק זײַנע, געהאַלטן אין איין פֿאַרריכטן. צו יעדער נײַער אויסגאַבע פֿלעגט ער אין יעדן קאַפּיטל עפּעס אויסבעסערן. ווען ער האָט איבערגעזעצט „די קליאַטשע“ אויף לשון קודש, האָט ער זי נישט בלויז איבערגעזעצט, ער האָט זי אויך רעדאַקטירט — געענדערט, געקירצט, צוגעגעבן. און ווען מיר לייענען דעם טעקסט פֿון „דער קליאַטשע“, וואָס איז אַרײַן אין דער לעצטער אויסגאַבע פֿון מענדעלעס ווערק אויף יידיש אָדער העברייאיש, געפֿינען מיר דאָרט שטעלן, וואָס זײַנען באמת וויכטיק נאָך הײַנט אויך. וויכטיק אַ דאַנק דער איבערצײַטלעכער באַדײַטונג פֿון זייער אינהאַלט, וויכטיק אַ דאַנק דער קראַפֿט פֿון זייער אייגנאַרטיקן אויסדרוק. איך וויל דאָ, ווי אַ בײַשפּיל, ברענגען אַ שטעלע, וואָס געפֿינט זיך (בלויז אין דער לעצטער אויסגאַבע) אין דעם קאַפּיטל, וואָס הייסט „ישראליק באַקלערט די וועלט“. מענדעלע פֿאַרגעסט, אַז ער האָט צו טאָן אין זײַן ווערק בלויז מיט יידישע צרות. ער פֿאַרטיפֿט זיך אין דעם צער פֿון דער וועלט. אין רעכטן אַנהויב פֿרילינג, ווען אַלץ אַרום איז אַזוי פֿריילעך און יום־טובדיק, דערפֿילט ער דעם טרויער, וואָס איז פֿול אין דער נאַטור, נישט נאָר אין דעם מענטשלעכן לעבן. אין דעם „זיסן שטייגער“ פֿון סאָלאָוויי הערט ער עפּעס ווי אַ וויינענדיקס. און ווי „אַלטמאָדיש“ עס איז דער „סאָלאָוויי“ און דעם דיכטערס געשפּרעך מיט אים, איז עס דאָך פֿול מיט אמתער און באַדײַטנגספֿולער לירישקייט... „זיסער, ליבער סאָלאָוויי מײַנער! וואָס איז דיר אַזוינס, וואָס דו ביסט אַזוי פֿאַראומערט? פֿאַרוואָס אין אַ פֿריילעכס אפֿילו, אַז דו שפּילסט, וואַרפֿסטו אַרײַן אַ ביטערן טראָפּן פֿון מרה־שחורה?“ און ער אַליין ענטפֿערט: „אוי, איך פֿיל דײַן האַרץ, ליבער, טײַערער סאָלאָוויי מײַנער! דאָס האַרץ פֿון אַ בריה אַ פּאָעט פֿילט דעם צער פֿון דער וועלט, וואָס איר פֿעלט נעבעך, וואָס איר גייט־אָפּ — און דאָס, וואָס ער פֿילט, אָט דאָס שפּילט ער, דאָס דערמאָנט ער תמיד אין פֿריידן, אויף שמחות“...

„אַ בריה אַ פּאָעט“ איז נישט לויט אונדזער הײַנטיקן געשמאַק, אָבער הײַנט אַזוי ווי אַמאָל פֿילט דער פּאָעט — און מאָרגן אַזוי ווי

היינט וועט ער פילן — דעם צער פון דער וועלט, דעם טרויער פון טויט. אין דעם סאָלאָוויס „שפּילן דעם וואַלד", און „ליבלעכן צו־ווינטשעווען אים" צום פרילינגס־יום־טוב „פּילט זיך עפּעס אַ וויי־נענדיקע שטימע, אַ הספּד אויף די פּאַראַיאַריקע בלעטלעך זיינע, וואָס פוילן, וואַלגערן זיך, נעבעך, אין שטויב אים צו די פיס"...

„און אונדזער ערד, דער אויסגעפּוצטער כלה מיט פרישע בלומען, זאָגט ישראליק צום סאָלאָווי, ביסטו מזכיר־נשמות מיט אַ טרויער אויף אירע קינדערלעך, וואָס זי האָט זיי און באַגראָבט זיי אַלע יאָר".

אונדז איז פרעמד דער דאָזיקער אַלטפרענקישער נוסח, אָבער פרעמד הייסט נישט טויט. דער תוך, וואָס ווערט דאָ אויסגעדריקט, מאַכט אים לעבעדיק. דער תוך — דער שטומער שמערץ, וואָס איז דאָ אין דער וועלט — איז אייביק, ווי די וועלט.

מענדעלע מאָלט דעם פאַרבאָרגענעם צער פון דער נאַטור מיטן ציל צו צייגן אונדז דעם נאָך טיפערן צער פון מענטשנס לעבן. ער מאָלט אויס צוויי בילדער—צוויי קאָנצענטרירטע דראַמעס פון צ י ־ פּ ע ט ש ק ע ן (אַ הון) מיט אירע הינדעלעך און ה י נ ד ע ן (אַ פרוי) מיט אירע קינדער. יעדעס בילד איז לויט זיין קינסטלערי־שער אויסדרוקספולקייט, קאָנדענסירטקייט און שפּראַכלעכער קונצי־קייט — אַ מייסטערווערק. ווען נישט די ערטערווייז צו פּשטלדיקע איינפאַלן פון דער שפּראַך, וואָלט עס געדאַרפט זיין אין יעדער כרעסטאָמאַטיע פאַר דערוואַקסענע קינדער. עס איז נישטאָ דאָ קיין איינציק וואָרט, וואָס זאָל נישט האָבן קיין טיפע קינסטלערישע און פּסיכאָלאָגישע באַדייטונג. צום סוף פון יעדן בילד איז דאָ אַ לירישער שלוס־אַקאָרד. דאָס בילד פון צ י פּ ע ט ש ק ע ן, וואָס אַלע קינדער זיינען ביי איר אָוועקגערויבט געוואָרן, יעדעס אויף אַ באַזונדער אופן, ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „...אַז אָך און וויי איז דיר, נעבעך, ציפּעטשקע מיינע! דיין צער, דיין לייד — דאָס איז פון יענער לייד, וואָס אויף דער וועלט איז אָנגעשיקט געוואָרן זינט גאָט האָט זי באַשאַפן ביז אַצינד. די לייד פון דער וועלט אָבער זיינען אַלערליי, איינע פון די אַנדערע אַלץ מיט אַ שטאַפּל העכער, העכער, און איך, אַז אָך און וויי צו מיר, איך בין געפּרואווט מיט אַלע — אוי, דורכגעגאַנגען זיי אַלע". ציפּעטשקעסליידן, ווען זי בלייבט אָן אירע קינדער, זיינען גרויס, אָבער וואָס

זיינען זיי אין פאַרגלייך מיט די ליידן פון אַ מענטשן! „ציפּעטשקע! דיינע קינדערלעך, וויבאַלד דערזעענדיק די וועלט האָבן זיי פון דער וועלט גרויס הנאה געהאַט, נעכטן זיינען זיי געווען נישט מער ווי אייער און אויף מאָרגן שוין מאַכנדיק פון זיך אַ װ ו ע ז ן, טאַקע נאָר ווי „אַלט־געזעסענע“ — געפּיקט, געגעסן, זיך געשפּילט, לע־בעדיק, פריילעך, געלאָפן, געדרייט זיך אַהין־אַהער, גלייך ווי זיי וואָלטן באַקאַנט געווען מיט דער וועלט שוין אַ צייט מיט יאָרן. וויסן אַלצדינג וואָס מען באַדאַרף און וואָס מען האָט צו טאָן, דיינע עופעלעך האָבן געלעבט, געוואוסט פון אַ יוגנט צו זאָגן און וואויל באַקומען איז זיי די יוגנט. ה י נ ד ע ס קינדער אָבער — אַז אַך און וויי צו זייער קומען אויף דער וועלט! מיט זיי אינאיינעם זיינען געקומען זייערע יסורים, קרענק און אַלערליי וויטיקן א. אַז. וו. א. אַז. וו.“

עס איז אַ בילד פול מיט טיפן זין, פול מיט אויסדרוקסקראַפט, אַ בילד, וואָס איז צוגלייך אי עפּיש, אי ליריש...

און דאָס איז נישט דאָס איינציקע בילד אין „דער קליאַטשע“, וואָס קאָן אונדז נאָך איצט פאַרשאַפן קינסטלערישן געניוס. עס זיינען דאָ נאָך אַזוינע בילדער. און אפילו די שטעלן, וואָס זיינען שוין אינגאַנצן פאַרעלטערט, האָבן אין זיך, ווי אַלץ, וואָס מענדעלע האָט געשריבן, דעם חן פון אייגנאַרטיקער פאַרצייטיקייט. איך רייד שוין נישט וועגן די אלע שפּראַכלעכע און פאָלקלאָריסטישע אוצרות, אין וועלכע „די קליאַטשע“ איז אַזוי רייך.

מענדעלע האָט דאָס דאָזיקע העכסט אָריגינעלע (63) בוך גע־שריבן מיט גאָר עפּעס אַ באַזונדערן ברען. ווי ער האָט אַליין דער־ציילט שלום־עליכמען, האָט ער „זיך פאַרשלאָסן ביי זיך אין חדר אויף זעכצן טעג און אָנגעשריבן אַלע זעכצן קאַפּיטלעך פון „דער קליאַטשע“64). (אין דער לעצטער אויסגאַבע זיינען דאָ פיראונ־צוואַנציק קאַפּיטלעך). ווי זיין זון האָט דאָ נישט לאַנג איבערגעגעבן, זאָל מענדעלע עס האָבן געשריבן „טאָג און נאַכט“, נאָכדעם ווי ער האָט זיך איבערגעקליבן קיין זשיטאָמיר, און אין אַ דריי וואָכן צייט זאָל ער האָבן פאַרטיק געוואָרן מיטן גאַנצן ווערק.65). ער איז געווען, ווען ער האָט זיך אַריינגעטאָן אינעם בוך, אין עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעכן פיבערהאַפטיקן צושטאַנד (להיפוך צו זיין גע־

ווינטלעכן פּאַמעלעכדיקן און געלאַסענעם שטייגער שרייבן). אַז אים פּלעגט, פון אָנשטרענגונג, אָנהויבן ווי טאָן דער קאָפּ, פּלעגט ער אים אַרומבינדן מיט אַ נאַסן טוך און ווייטער שרייבן מיט דער זעלביקער היץ, מיט דעם זעלבן ברען.66) — און עס האָט אין דער יידישער וועלט טאַקע געמאַכט אַ רושם, וועלכער האָט צו זיך נישט געהאַט קיין גלייכן אין יענער צייט. נישט נאָר די יידישע אינטעליגענץ אין די גרויסע צענטרען האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט „דער קליאַטשע”, וואו עס זיינען אַזוי אייגנאַרטיק געשטעלט געוואָרן אַלע צייט-פראַגן און אַלע „אייביקע” פראַגן פונם יידישן לעבן און פונם לעבן בכלל. אויך אין די קליינע שטעטלעך האָבן די מער אינטעליגענטע לעזער געדורשט צו לייענען אָט דאָס אָריגינעלע ווערק. „דאָס וואָרט „קליאַטשע”, דערציילט ס. ס. ווערמעל, איז געווען ביי אַלעמען אין מויל. די, וואָס האָבן געהאַט אַן עקזעמפּליאַר פון אָט דעם דינעם ביכל, האָבן אַרויסגערופן אַלעמענס קנאה צו זיך. דאָס ביכל איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, פון הויז צו הויז. איינע נאָך די אַנדערע פלעגט מען זיך צונויפקומען אין די אָוונטן אין פאַרשיידענע וואוינונגען און הויך אויפן קול לייענען „די קליאַטשע”. דאָס לייענען פלעגט באַגלייט ווערן פון הילכיקן געלעכטער, וואָס פלעגט פאַרביטן ווערן מיט טיפע זיפצן אָדער גאָר אויסברוכן פון געוויין. די שאַרפזיניקע אויסדרוקן, די שטעכיקע אָנצוהערענישן, וואָס זיינען פול אויף יעדן בלעטל פון אָט דעם ווערק, פלעגן אויפגעכאַפּט ווערן פון די באַגייסטערטע צוהערער, גלייך אויפן אָרט איינגעחזרט ווערן און אויף מאָרגן שוין אַריין אין די שמועסן, וועלכע זיינען געווען פול מיט ציטאַטן פון „דער קליאַטשע”. גאַנצע זייטלעך פלעגן אויסגעלערנט ווערן אויף אויסווייניק און דעקלאַמירט ווערן אויף דער גאַס, אינמיטן די געשפּרעכן וועגן געשעפט און אין די שמועסן אין שול ביים דאַוונען. אייניקע אויסדרוקן זיינען געוואָרן פאָלקסווערטלעך און אריין אין דער גערעדטער שפּראַך”67) . . .

„די קליאַטשע” איז געוואָרן אַ פאָלקס-בוך. אָבער געשריבן געוואָרן איז עס לכתחילה נישט פאַרן פּראָסטן פאָלק, ווי די פריערדיקע ווערק מענדעלעס, נאָר „דווקא פאַרן מיוחסדיקן עולם, פאַר די וואוילקענער, וואָס קאָנען אים פאַרשטיין און פון זיינע רייד אַרויס-

דרינגען אַלערליי פּשטים און פשטלעך.68). דאָס איז די מיינונג פון דעם פאַרשאַרבענעם יעקב דינעזאָן. און אויך אברהם רייזען דער־ציילט אין זיינע דערינערונגען וועגן "זיידן", אַז נאָך אין די אַכצי־קער יאָרן האָט אים זיין רבי, וועלכער פלעגט אַרויסגעבן ביכלעך אויף פּראָקאָט, געזאָגט, אַז „די קליאַטשע" איז נאָר פּאַר אַזעלכע, „וואָס האָבן געלערנט אין וואָלאָזשין"69) . . . יעקב דינעזאָן האָט זיך אפילו געוואונדערט, וואָס מענדעלע האָט „די קליאַטשע" גע־שריבן אויף יידיש, וויבאַלד אַז דעם המון איז עס נישט צוגענג־לעך.70). (דינעזאָן האָט דאַן נאָך געקוקט אויף „זשאַרגאָן" ווי אויף דער שפּראַך פון דעם המון, פון די אומוויסנדיקע מאַסן). און דער אמת איז, אַז דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט טאַקע „די קליאַ־טשע" געמאַכט אויף דער אינטעליגענץ, נישט אויף דער מאַסע, הגם שפּעטער האָט מען דאָס בוך שוין געלייענט אויך אין — „אומ־לעגאַלע" אַרבעטער־קרייזלעך71), די רוסיש־יידישע אינטעליגענץ איז אַנטציקט געווען פון מענדעלעס נייעם בוך. „אין יאָר 1873", לייענען מיר אין אַן אַרטיקל פון דעם באַקאַנטן רוסישן קריטיקער אַקים וואָלינסקי, — איינעם פון די ערשטע קריטישע אַרטיקלען, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן וועגן מענדעלען אויף רוסיש (אויף רוסיש האָט מען וועגן אים געשריבן פריער, ווי אויף יידיש),—„אין יאָר 1873 האָט אַ נייע ליטעראַרישע געשעעניש אויפגערודערט דעם יידישן קוואַרטאַל — ס'איז דערשינען „די קליאַטשע אָדער די כתבים פון משוגענעם ישראליק". די דאָזיקע „כתבים" זיינען אוודאי דאָס בעסטע און פולקומסטע פון אַלעם דעם וואָס אַבראַמאָ־וויטש האָט ווען עס איז געהאַט אָנגעשריבן. אין „דער קליאַטשע" איז די פּאָעטישע און קינסטלערישע באַגאַבונג אַבראַמאָוויטשעס אָפּירגעטראָטן אין איר גאַרער פולקייט. איר באַוואונדערט שוין נישט בלויז די קונציקע קאָמבינאַציעס פון פּאָעטישע פאַרבן און טענער; איר האָט פאַר זיך די פאַרהוילנסטע קנייטשן פון דער מענטשלעכער נשמה — איר האָט די מעגלעכקייט אַריינצובליקן אין יענער פסיכישער ווייטעניש, וואָס איז באַקאַנט בלויז די הויך באַגאַבטע קינסטלער. „די קליאַטשע" — דאָס איז אַ שפּיגל פון אַלע שלאַפקייטן, יסורים פון דעם רוסישן יידנטום. אין די דאָזיקע "כתבים פון אַ משוגענעם" זיינען פאַראַן ערטער, וואו דער דער־

ציילערישער טראַגיזם איז דערפירט צו זיין העכסטן אויסדרוק. די שפּראַך פון „דער קליאַטשע" איז די פולקומענקייט אַליין; דאָ צערטלט זי אייער אויער מיט איר לאַנגזאַמען פלוס, דאָ באַרירט זי קוים־קוים די אָדער יענע סטרונע פון אייער נשמה, דאָ שניידט זי זיך ווי אַ חלף אַריין סאַמע אין האַרצן... און דאַן ווידער פליסט זי זיך רואיק און זאַכט, מורמלענדיק כסדר וועגן די זעלביקע פּורעניותן פון דער בידנער, אומגליקלעכער קליאַטשע... מיר זיינען נישט מסופק, אַז ווען אַבראַמאָוויטש וואָלט אָנגעשריבן נישט מער ווי „די קליאַטשע", וואָלט זיין נאָמען געווען פּונקט אַזוי פּאָ־פּולער ווי ער איז איצט. יעדער דור פון דעם רוסישן יידנטום וועט לייענען דאָס דאָזיקע וואונדערלעכע ווערק פון אַ קינסטלער־פּען און דער נאָמען פון דעם מחבר וועט תמיד אַרויסגערעדט ווערן מיט דעם רעספּעקט, וואָס נאָר זעלטענע ליבלינגען פון גורל זיינען זוכה דערצו"72).

די דאָזיקע ווערטער זעען איצט אפשר אויס צו זיין אַביסל עקזאַלטירט, אָבער זיי זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַגייסטערונג, מיט וועלכער „די קליאַטשע" איז אויפגענומען גע־וואָרן פון ברייטע קרייזן רוסיש־יידישע אינטעליגענץ. אַ באַשטע־טיקונג דערצו געפינען מיר אין די זכרונות פון א. י. פּאַפּערנאָ. ער דערציילט: „דער רושם, וואָס עס האָבן געמאַכט אין יידישע קרייזן „די קליאַטשע" און אַנדערע ווערק אַבראַמאָוויטשעס איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער „זשאַרגאָניסט" מענדעלע מוכר ספרים האָט פאַרטונקלט דעם העברייאיסט ש. אַבראַמאָוויטש!"73)

„די קליאַטשע" איז געווען איינס פון די ערשטע יידישע בי־כער, וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַנדערע שפּראַכן. קלע־מענס יונאָשא האָט עס איבערגעזעצט אויף פּויליש אין 1886. אין 1891 האָט דער רוסיש־יידישער זשורנאַל „וואָסכאָד" אָנגעהויבן דרוקן „די קליאַטשע" אין דער רוסישער איבערזעצונג פון מענדע־לעס זון מיכאַאיל (אָדער מאיר) אַבראַמאָוויטש. מער ווי עטלעכע קאַפּיטלעך זיינען אין „וואָסכאָד" נישט געדרוקט געוואָרן. די רו־סישע רעגירונג האָט אָפּגעשטעלט דעם זשורנאַל אויף זעקס חדשים — טאַקע דערפאַר, וואָס דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן די אי־בערזעצונג פון „דער קליאַטשע".

צום שלוס פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל איז כדאי איבערצוגעבן מענדעלעס אייגענע דערציילונג וועגן דעם, ווי אַזוי ער איז „פאַר־גאַנגען אין טראַגן" מיט „דער קליאַטשע":

„איינמאָל, אין אַ זומערטאָג, איז דאָס געווען, זיץ איך מיר אַזוי אין גלופּסק אויף דער אכסניה פּאַרטראַכט און קוק מיר דורך אַן אָפּענעם פענצטער אין דרויסן אַרויס און דערזע אַן אויסגעמוטשעטן, פאַרשוויצטן יידן מיט אונטערגעשטעקטע פּאָלעס פון אַ צעריסענער קאַפּאָטע, שטייט און קאַטעוועט אַן אָרעמע אויסגעמוטשעטע פאַר־שוויצטע קליאַטשע מיט אַ צעביסענער פעל, איינגעשפּאַנט אין אַ פולן וואָגן מיט ציגל, שעלט מיט טויטע קללות אי די קליאַטשע, אי זיך, אי די גאַנצע וועלט: — ברענען זאָל די פעל דיינע, וויסטע קליאַטשע וואָס דו ביסט — און זי, די קליאַטשע, האָט אויסגעדרייט די פאַרוויסטע, פאַרפינצטערטע מאָרדע אירע צום יידן, קוקט אויף אים, ווי אַ זינדיקער מענטש, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער, ווי זי זאָגט צו אים:

— שוטה! קליאַטשע רופסט ער מיך! ביסט אַליין אַ קליאַ־טשע! טו אַ קוק אַהין, צו יענעם פּלאַץ, וואו איך שלעפּ די ציגל, ועסטו זען, אַז איר זענט אַלע קליאַטשעס, וויסטע, פינצטערע קליאַטשעס, אַז אַך און ווי איז צו אייך אַלעמען!

אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט, רעדט די קליאַטשע, און איך האָב אויפגעהויבן די אויגן אויף יענעם פּלאַץ, וואָס די קליאַטשע האָט אָנגעוויזן מיט איר מאָרדע, און איך האָב דערזען אַ באַקאַנטן נפש פון יענע פיינע בריות, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין גלופּסק — מיט פינף פינגער אַרויפצושלאָגן זיך אויף אַ מויער, און אויף נאָך אַ מויער, און דאָס אַלץ נעבעך פון כשרע יידישע מטבעות, פון כשר יידיש שוויס און בלוט... דער שיינער מענטש, דער פיינער בריה, איז געשטאַנען די הענט אַרונטער, דאָס היטל פאַררוקט אַרויף, דער שטערן האָט געשוויצט און געבויט גרויסע פּלענער, און אַרום אים האָבן זיך, ווי קנעכט, אונטערטעניק אַרומגעדרייט אָרעמע יידעלעך נעבעך, געקוקט אים, ווי געטרייע הינט, אין די אויגן אַריין, געווען גליקלעך מיט זיינס אַ שמייכעלע און געציטערט פאַר אַ בייזן קוק — — — און עס איז מיר געקומען אויפן זינען דער פּסוק אין שיר־השירים: לסוסתי ברכבי פרעה —

צו דער קליאַטשע אינם רייטוואָגן פון פּרעה, ד מ י ת י ך
ר ע י ת י — טו איך דיך טאָן גלייכן, כנסת ישראל! — און איך
בין פאַרגאַנגען אין טראָגן מיט „דער קליאַטשע"...74).

פאַר „דער קליאַטשע" האָט מענדעלע גענומען אַ בערך הויכן האָנאָראַר פאַר יענער צייט (40 רובל פון דרוקבויגן), אָבער ציען חיונה דערפון האָט ער נישט געקאָנט, און זיין מאַטעריעלע לאַגע איז אין זשיטאָמיר געווען נישט בעסער, און אפשר נאָך ערגער, ווי אין בערדיטשעוו. האָט ער, אַחוץ די פריער־דערמאָנטע — ניט־געלונגענע — פּרוּוון, וואָס ער האָט געמאַכט צו ווערן דער רע־דאַקטאָר פון אַ צייטונג, אָדער אַ ראַבינער, — געפּרוּווט טאָן נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס האָבן אים געקאָנט געבן פּרנסה, נישט נאָר זיין נוצלעך פאַרן פאָלק. ער איז געוואָרן אַן איבערזעצער און אַן אַרויסגעבער פון פּאָפּולערע ווערק אויף יידיש, — אַזעלכע, ווי „דער לופטבאַלאָן" (אַן איבעראַרבעטונג פון זשול ווערן), זשיטאָמיר, 1869, אַן איבערזעצונג פון דעם „אוסטאַוו וואָאינסקי פּאָווי־נאָסט" (זשיטאָמיר, 1874), „דאָס יידל", א מין פּירוש אויף דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק אין פּערזן (וואַרשע, 1875), „זמירות ישראל לליל שבת", אַן איבערזעצונג פון שבתדיקע זמירות אין גראַמען מיט אַ פּירוש (זשיטאָמיר, 1875), „פּרק שירה", איבער־געזעצט אויף יידיש מיט אַ פּירוש אויף לשון קודש (זשיטאָמיר, 1875). ער האָט אויך איבערגעזעצט אויף יידיש תהילים (דער מאַנוס־קריפּט פון דער איבערזעצונג איז שפּעטער פאַרלאָרן געוואָרן). ער האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט ראָמס דרוקעריי אין ווילנע וועגן אַ נייער יידישער איבערזעצונג פון „קרבן מנחה". ער האָט אַרויסגעגעבן דעם „ניצלעכן קאַלענדאַר פאַר די רוסישע יידן" (דער ערשטער איז אַרויס אין זשיטאָמיר אין 1876, דער לעצטער — אין אָדעס, אין 1885), אויך אַ „לוח הסודרים" (ווילנע, 1878 און 1879). אין משך פון עטלעכע יאָר האָבן די אַלע אויסגאַבן אים געגעבן אַ יערלעכע הכנסה פון אַרום דריי טויזנט רובל 75), אָבער לאַנג האָט עס נישט געדויערט, און ער האָט, סוף־כל־סוף, געלעבט אין נויט.

„פישקע דער קרומער״ — און ווי מענדעלע האָט געאַרבעט

אַ מעשה פון יידישע אָרעמעלייט. — דער ערשטער נוסח פון „פישקע דעם קרומען״. — „איבער אַ ווערק באַדאַרף מען שוויצן״. — די אכזריות פון מעקן. — פיר נוסחאות פון „פישקע״. — אַ פאַרגלייך. — וואָס מענדעלע האָט געטאָן מיט יידיש. — מענדעלע — און יידישער משכילים.—אַ סיסטעם פון קליינע אָזערעס.—דער טייל און דאָס גאַנצע.

„די קליאַטשע״ איז געווען אַ צו־גאָב (און ווי מיר האָבן געזען, זייער א וויכטיקער צוגאָב) צו „דער טאַקסע״: דערפאַר האָבן מיר פון דער סאַטירישער דראַמע, וועלכע איז אַרויס אין 1869, געמאַכט אַ שפרונג צו 1873, ווען עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן „די קליאַטשע״. עס איז אָבער נויטיק אומצוקערן זיך אויף אַ ווײַלע צוריק צום יאָר 1869. אין יענעם יאָר איז געמאַכט געוואָרן דער אָנהויב פון אַ בוך, וואָס האָט אין מענדעלעס שאַפן פאַרנומען שפּעטער זייער אַ גרויסן אָרט. דאָס איז — „פישקע דער קרומער, אַ מעשה פון יידישע אָרעמעלייט״, (זשיטאָמיר, 1869). שפּעטער מיט צוויי צענדליק יאָר האָט עס מענדעלע „איבערגעמאַכט פאַר אַ ניי באַשעפעניש״, ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט אין זיין העברייאישער אויטאָביאָגראַפיע. עס איז געוואָרן אַ בוך פון אַרום 200 זייטן. אין יאָר 1869, ווען עס איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן, איז עס, אַזויווי די ערשטע אויסגאַבע פון „דעם קליינעם מענטשעלע״ אָדער פון „ווינטשפינ־גערל״, געווען אַ קליין ביכעלע פון עטלעכע צענדיק זייטלעך.

עס איז שוין דאַן געווען מ ע ר ווי „אַ מעשה פון יידישע אָרעמעלייט". עס האָט שוין דאַן געהאַט אין זיך אַ שטאַרקע אָנצו־הערעניש אויף דער סאַטירישער שילדערונג פונם גאַנצן יידישן לעבנסשטייגער, פון דער גאַנצער „גרויסער יידישער טאַרבע", פון „כל ישראל— איין קבצן". אָבער עס איז, ווי אַלץ, וואָס מענדעלע האָט געשריבן אין די זעכציקער יאָרן, אַחוץ „דער טאַקסע", געווען בלויז אַ קערנדל, וואָס האָט ערשט געדאַרפט אַרויסשפּראָצן און פאַנאַנדערבליען זיך. אַזוי ווי די איבעריקע צוויי דערציילונגען, וואָס זייער ערשטער נוסח שטאַמט פון די זעכציקער יאָרן, איז אויך „פישקע דער קרומער" געוואָקסן און גרויס געוואָרן מיט מענדעלען אינאיינעם. ע ר האָט נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן אויף זיך — און אויף זיינע דערציילונגען. פּאַמעלעך, בהדרגה איז זיין שאַפנ־דיקער גייסט אַרויס פון זיינע שטילע פאַרבאַרגענישן, — און אָט אַזוי שטיל און פּאַמעלעכדיק האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר אונדז, וואָס ווייטער אַלץ ברייטער, די יריעה׳ס פון „דעם קליינעם מענטשעלע", פון „ווינטשפינגערל", פון „פישקע דעם קרומען". פון אויסגאַבע צו אויסגאַבע ווערן זיי אַלץ גרעסער, אַלץ צייטיקער, אַלץ פולער. פון אַ פסוק ווערט אַ פרשה, פון אַ פרשה — אַ סדרה, פון אַ סדרה — אַ חומש,אַ גאַנצע תורה.

אין איינעם פון זיינע בריוו צו שלום־עליכמען האָט „דער זיידע" געשריבן, אַז „איבער אַ ווערק באַדאַרף מען שוויצן, מען באַדאַרף אַרבעטן, פיילן איטלעכס וואָרט"76). „די גרעסטע קונסט", האָט מענדעלע געזאָגט צו בן עמין, — איז אין דעם, וואָס מען זאָל נ י ש ט זאָגן. איזהו גבור? הכובש את הגלייכווערטל"77). „צו זיין אַ שרייבער", האָט ער דערקלערט אַמאָל דר. יוסף קלויזנערן, — „צו זיין אַ שרייבער דאַרף מען זיין, פריער פאַר אַלץ,אַ ג ז ל ן. דער שרייבער האָט אָנגעשריבן, לויט זיין מיינונג, שיינע זאַכן, נאָר וואָס זיינען נישט נויטיק צום עצם ענין. טוט עס אים באַנג. אוי, אַ שאָד אויסצומעקן: עס איז דאָך אַזוי שיין! און איך זאָג צו אים: „האָב קיין רחמנות נישט! מען מוז זיין אַן אכזר — און אויסמעקן! א ו י ס מ ע ק ן אָ ן ר ח מ נ ו ת די אַלע צאַצקע־לעך און חנדלעלעך און די שיינע מליצות, וואָס זיינען נישט קיין נ ו י ט וו ע נ ד י ק י י ט פאַר דעם ווערק... נאָר אַזאַ מין

אכזריות מאַכט דעם שרייבער, ער זאָל ווערט זיין צו טראָגן דעם נאָמען שרייבער!״78) און נישט נאָר אַנדערע האָט ער גע־לערנט אָט די „אכזריות״ פון מעקן. ער איז אַליין צו זיך געווען אַן „אַכזר״: „עס זיינען געווען טעג, דערציילט דער זעלביקער דר. קלויזנער, ווען אין אַ דריי־פיר שעה פלעגט ער אָנשרייבן זעקס־זיבן שורות, נישט מער, — און דערנאָך פלעגט ער עס אויסמעקן — און אָנהויבן פון אָנהויב־אָן.79). ער האָט באמת „געפיילט איט־לעכס וואָרט״. אָט ווי ז. שניאור גיט־איבער מענדעלעס אַ דער־ציילונג, ווי ער האָט זיך נוהג געווען באַם שרייבן:

— „אָפטמאָל, ווען איך זיץ און שרייב — האָט מיר איינמאָל מענדעלע דערציילט — ווען איך זיץ און שרייב און זוך אַ וואָרט, אַן אויסדרוק, וואָס זאָל קורץ און שאַרף אַרומכאַפּן דאָס, וואָס איך וויל זאָגן, קומען צוגיין אַסך, אַסך ווערטער, אַסך, אַסך אויס־דרוקן, סינאָנימען... און שטעלן זיך אויס אַנטקעגן מיר אין איין שערענגע. עס שטעלן זיך אויס זאַטע, מיט זיך צופרידענע ווער־טער; רויע, גראָבע, אָן מאַניערן; שטיפערישע ווערטער, שקצים... רייך־באַפּוצטע, אָנגעפּאַרבטע; שטאָלצע, יחוסדיקע, מיט אַלטע שטאַם־צעטלען אין די הענט; ווערטער ציגיינער, ווערטער מלכים... יעדער פון זיי זעט זיך מיר אַרויסווייזן פון דער שענ־סטער זייט. אַנדערע שמייכלען, אַנדערע בעטלען, אַנדערע געבן אָפּ טשעסט: „ראַד סטאַראַטסיאַ, מענדעלע!״ די יחוסדיקע, די זאַטע, די רייכע צעזעצן זיך בהרחבה, ווי ביים טאַטן אין ווייגאָרטן: „מענדעלע, אָן מיר קאָנסטו נישט אויסקומען!... מענדעלע, אַז דו וועסט זיין מיט זיבן קעפּ, וועסטו זיך פון מיר נישט אַרויס־דרייען!... מענדעלע, כ׳קאָן רואיק שלאָפן, אַז דו וועסט דאַרפן, וועסטו מוחל זיין, מיך אויפוועקן!... נאָר ערגעץ וואו הינטער דער פאַרביקער ראַטע, פאַרקוועטשט הינטער די בייכיקע און רייכע ווערטער, שטייט זיך, נעבעך, אַ פאַרשעמט ווערטעלע, אַ באַשיידנס, אַ קליינס, אַ צאַרטס, אַ ציטערדיקס. עס פילט זיך שלעכט צווישן אַזאַ עולם מיט גבירים. דאָס פינגערל אין מיילעכל ... טרערן שטייען אים אין די אויגן. דערזע איך עס — לאָז איך שטיין אַלע זיינע קאָנקורענטן און גיב אַ וואונק מיט איין אויג און מיט איין פינגער:

— קום נאָר אַהער, קליינינקער! שעם זיך נישט, נעענטער, נעענטער. אָט אַזוי! נאָר דיך, טייערינקער, דאַרף איך האָבן, נאָר דיך!״80).

מענדעלע האָט שטאַרק געהאַלטן פון מעקן, אָבער — אויך פון צושרייבן. די פאַרשיידענע אויסגאַבן פון זיינע ווערק — און אויך פון „פישקע דעם קרומען״ — זאָגן עדות אויף אָט דעם שטענדיקן פּראָצעס פון אויסמעקן און צושרייבן.

מיר זיינען באַקאַנט פיר נוסחאות פון „פישקע דעם קרומען״82).

אין זיין ע ר ש ט ן נוסח איז „פישקע דער קרומער״ אָפּגעדרוקט געוואָרן אין זשיטאָמיר, אין יאָר 1869 (דערלויבט דורך דער צענזור אין יאָר 1868). דאָס איז אַ קליין ביכעלע מיט קוים 45 זייטעלעך — אין דעם פאָרמאַט פון אַ 16טל, אין וועלכן מען פלעגט געוויינטלעך דרוקן יידישע „מעשה־ביכלעך״. אין דעם דאָזיקן קוים אַנדערהאַלבן־בויגנדיקן ביכעלע ליגט שוין, ווי אַ בלום אין איר קנאָספּ, איינגעוויקלט דער גאַנצער שפּעטערדיקער, כמעט צוועלף־בויגנדיקער, ראָמאַן. דאָס איז נאָך אָבער אַ קנאָספּ, נישט קיין פאַנאַנדערגעבליטע בלום.

דער צ ו ו י י ט ע ר נוסח איז באַשאַפן געוואָרן נישט שפּעטער ווי אין יאָר 1876. דער דאָזיקער נוסח איז, אויב איך האָב נישט קיין טעות, קיינמאָל נישט געדרוקט געוואָרן. איך רייד פון אַ טעקסט, וואָס מענדעלע האָט צוגעגרייט פאַר דער צענזור, כדי עס צו דרוקן אין אַ נייער, פאַרבעסערטער, אויסגאַבע. ער שטעלט מיט זיך פאָר אַן עקזעמפּליאַר פון דער נאָר וואָס דערמאָנטער ערשטער אויסגאַבע מיט מענדעלעס האַנטשריפטלעכע הגהות. (דער עקזעמפּליאַר געפינט זיך אין מיין רשות). דעם 29טן מאַי 1876 איז ער צוגעשטעלט געוואָרן דער קיעווער צענזור; דעם 7טן יוני אין דעם אייגענעם יאָר האָט די צענזור געגעבן איר הכשר.

קיין גרויסע נייעסן זיינען אין דעם דאָזיקן צ ו ו י י ט ן נוסח פון „פישקע דער קרומער״ — נישטאָ. עס איז נאָך דאָס אייגענע קליינע ביכעלע, וואָס פריער, נאָר געוויסע ענדערונגען זיינען אין דעם שוין געמאַכט געוואָרן. פריער ווי אַלץ — שפּראַך־

אויסבעסערונגען. אַזוי, אַשטייגער, איז אין דעם ערשטן נוסח געשטאַנען: „עס איז אייך אַפּנים אָנגעדאָסט אויף דעם האַרצן". מעקט ער אויס דאָס וואָרט „אָנגעדאָסט" און שרייבט: „נ י ש ט ג ו ט אויף דעם האַרצן". „אויסגעקליבן" זעט אים אויס צו זיין יידישלעכער, ווי „אויסגעוויילט", וואָס איז געשטאַנען אין דער ערשטער אויסגאַבע. פּונקט אַזוי שרייבט ער שוין איצט אָנשטאָט „נאַראָד" — „עולם", אָנשטאָט „סלוך" — „קלאַנג", אָנשטאָט „ריקעסוויין" — טייכנוויין, אָנשטאָט „זאַנימאַיען זיך" — „באַשעפּטיקן זיך", אָנשטאָט „פּריגלאַשען" — „פאַרבעטן", אָנשטאָט „סאָמאָוואַרע" — „טאַראַראַם", אָנשטאָט „באַלאַגורן" — „פּלוידערן"...

„אומה ולשון פאַרבייט ער מיט „פאָלק", „מום" — מיט „פּעלער", „הילוך" — מיט „גאַנג", „עובדא" — מיט אַרבעט", „נצרך" — מיט נויטבאַדערפטיקער", „מתעסקים" — מיט „טוערס"... ער טוט עס נישט דערפאַר, ווייל ער וויל סר־תּם אַזוי אויסווייכן סלאַווישע און העברייאישע ווערטער. ניין, דאָרט וואו מען דאַרף זיי, וואו מען קאָן אָן זיי נישט אויסקומען, טרייבט ער זיי נישט אַרויס פון זיינע ווערק. אָבער ער ווייסט, אַז יידיש איז נישט קיין „קוידערוועלש", נישט קיין „זשאַרגאָן", נאָר אַן אמתע שפּראַך, אַ שפּראַך, וואָס נעמט אין זיך אריין שרשים און ווערטער פון אַנדערע לשונות נישט סתם אין דער וועלט אריין, ווי עס מאכט זיך און וואָס עס מאַכט זיך, נאָר לויט באַשטימטע אינעווייניקסטע כללים; ער ווייסט, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ לשון וואָס פאַרמאָגט זיינע אייגענע געזעצן, זיין אינעווייניקסטע האַרמאָניע. און ער פאַרשטייט, דעריבער, אַז וואו עס פּאַסט, לויט דעם ריטם פון אַ זאַץ, אַ העברייאישער קלאַנג, טאָר נישט זיין קיין סלאַוויש וואָרט און וואו עס בעט זיך א וואָרט פון טייטש גענומען, דאַרף מען נישט געברויכן קיין העברייאיש וואָרט. ער קוקט נישט אויף דעם, וואָס דאָס פאָלק איז אין ריידן אַמאָל נישט קיין גרויסער אויסקלייבער: ריידן, ווייסט ער, איז איין זאַך און שרייבן איז ווידער אַן אַנדער זאַך. „דער שרייבער", לייענען מיר אין זיין אייגענעם אריינפיר צו „שלמה ר' חיימס", —„דער שרייבער איז מער מקפּיד אויף זיין שפּראַך, ווי דער, וואָס רעדט. ער זוכט, קלייבט־צו די פּאַסנדיקע ווערטער, זעצט זיי ווי פּערל איינס צום אַנדערן, מיט ישוב־הדעת א. אַ. וו." אַנדערע

משכילים, וואָס האָבן דאַן (אין די 70ער יאָרן) געשריבן יידיש, האָבן זיך געמאַכט דערפון נישט וויסנדיק, און ווען אפילו זיי האָבן גע־שאַפן אויף יידיש ליטעראַרישע ווערק, האָבן זיי נישט געקוקט אויף „זשאַרגאָן", ווי אויף אַ ליטעראַרישער שפּראַך, ווי אויף אַ שפּראַך, וואָס מוז, אויפהיטנדיק איר אינעווייניקסטן יאָדער, אַראָפּוואַרפן פון זיך די אָנגעוואָקסענע גאַסנשאָלעכץ, בעת זי ווערט אַ אינסטרומענט פון ליטעראַרישן שאַפן. זיי האָבן אָדער פאַרטייטשמערישט און פאַרהעברייאישט יידיש, ווי דאָס האָט געטאָן דינעזאָן אין זיינע ער־שטע ראָמאַנען, אָדער זיי האָבן, אַזויווי יצחק יואל לינעצקי, אַריינגע־בראַקט אַן אַ שיר סלאַווישע ווערטער. מענדעלע איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געהיט די טראַדיציע פון ע ט י נ ג ע ר, אַשטייגער, וועלכער האָט שוין אין דער ערשטער העלפט פון פאַריקן יאָרהונדערט פאַרשטאַנען, אַז יידיש טאָר נישט זיין קיין הפקר־פעלד, וואָס ווערט געטראָטן מיט די פיס. אָבער עטינגער האָט גענוצט דעם פוילישן נוסח פון יידיש. ער האָט געשריבן דיאַלעקט־יידיש. און אַזוי האָט געטאָן אויך מענדעלע אין די 60ער יאָרן. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם יידיש־דיאַלעקט פון דרום־רוסלאַנד. דערפון האָבן זיך גענומען זיינע סלאַוויזמען.83). אין די 70ער יאָרן האָט ער ביס־לעכווייז אָנגעהויבן צונויפצוגיסן די פאַרשיידענע יידיש־דיאַלעקטן אין איין יידישער שפּראַך. ער האָט אָנגעהויבן צו שאַפן אַ נייעם ריין־ליטעראַרישן סטיל, —אַזאַ, וואָס זאָל פאַרבייטן דעם נוסח פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור — דעם נוסחר עברי־טייטש.84).

ער זאָרגט אָבער נישט נאָר פאַר דעם סטיל, פאַר דער שפּראַך און פאַר דעם אויסלייג פון יידיש.85). אין דער צווייטער רעדאַקציע פון „פישקע דעם קרומען", אין דער רעדאַקציע, וואָס ער האָט גע־גרייט צום דרוק אין יאָר 1876, פאַרריכט ער דעם אינהאַלט און נישט נאָר דעם לשון. אייניקע שטעלן פאַרמעקט ער, אין אייניקע שרייבט ער עפּעס צו, אַנדערע — ענדערט ער אינגאַנצן. פון די געענדערטע שטעלן וויל איך אויסטיילן איינע, וואָס איז באַזונדערס וויכטיק. דאָס איז יענע שטעלע, וואו עס לאָזט זיך אויס די געשיכ־טע מיט אַלטער יכנהז, וועלכער האָט — פון גרויס איילעניש צו כאַפּן אַ פאַרדינסטל פון אַ שידוך — צונויפגעפּירט נעבעך אַ בחור מיט אַ בחור — און עס הויבט זיך אָן אַ מעשה מיט פישקע דעם

קרומען. צווישן דיביידע מעשות איז נישטאָ קיין שום אינעווייניקסטע פּסיכאָלאָגישע שייכות, און מענדעלע האָט זיך נעבעך שטאַרק געמאַטערט צו געפינען אַ בריקל צווישן איין מעשה און דער אַנדערער. אין דעם ערשטן נוסח פון „פּישקע״ איז דאָס בריקל געווען אַזאַ: „ר׳ אַלטער איז נעבעך געבליבן ליגן (נאָכדעם ווי ער האָט דערציילט די מעשה מיטן שלימזלדיקן שידוך—ש. נ.) שטיל אין געהאַקטע וואונדן, זייער פאַראומערט, פאַרזאָרגט. זיין מעשה האָט מיך דערמאָנט אַסך זאַכן פון יידישע שידוכים. איך האָב מיר פאָרגענומען שמועסן מיט ר׳ אַלטערן, כדי אַרויסצושלאָגן אים פון דעם קאָפּ זיין מרה־שחורה. יע, יע, ר׳ אַלטער, האָב איך געזאָגט, אַלצדינג טרעפט זיך אויף דער וועלט, איך בין אויסן אייך צו דערציילן זייער אַ שיינע מעשה, וואָס אונטער יידן קאָן זיך פאַרלויפן״. אַלזאָ, די מעשה מיט פּישקע דעם קרומען, דער תוך פון ראָמאַן, ווערט דערציילט נאָר כדי אַרויסצושלאָגן אַלטערן פון קאָפּ זיין מרה־שחורה! מענדעלע האָט געפילט, אַז דאָס איז זייער אַ שוואַכע, אַ פּאַפּירענע, פאַרבינדונג. פּרואווט ער אינם צווייטן נוסח מאַכן אָט דאָס פּאַפּירענע בריקל פעסטער. די נאָר־וואָס געבראַכטע שטעלע פון דער ערשטער אויסגאַבע איז אין דעם אויסגעבעסערטן עקזעמפּליאַר, וועגן וועלכן דאָ רעדט זיך, פאַרמעקט. אָנשטאָט איר, לייענען מיר אויף אַ צוגענייטן שטיקל פּאַפּיר אָט וואָס:

„אַלטער איז נעבעך געבליבן ליגן שטיל אין געהאַקטע וואונדן, זייער פאַראומערט, פאַרזאָרגט, און גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן אים נעבעך אַרויסגעשלאָגן אויפן פּנים. ס׳איז געווען אַ ביטערער רחמנות אָנצוקוקן אים נעבעך. איך האָב געפילט זיין שווער, ביטער האַרץ, און פונדעסטוועגן האָב איך מיך אינעווייניק געשטיקט פון געלעכטער פון זיין מעשה. איך האָב מיר אָנגעטאָן אַ כוח אָנגענומען אַן ערנסטע מינע און כאָטש פון יוצא וועגן טרייסטן אים מיט אַ פּאָר גוטע ווערטער. נאָר קוים האָב איך געמאַכט אַ פּנים פון אַ בעל־רחמים און געוואָלט אָנהויבן מיט אַ טרייסט, האָב איך מעשה־שטן פּלוצים אויסגעשאָסן אויף אַ קול מיט אַזאַ געלעכטער, אַז אונדזערע פערדלעך, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט נישט ווייט פון אונדז, האָבן זיך איבערגעשראָקן און אויפגעשטעלט די אויערן.

ר׳ אַלטער האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן און זיין קוק האָט מיך דורכגעשטאָכן.

— עס טוט אייך הנאה, האָט ער געזאָגט מיט פּאַרדראָס, איר לאַכט!

— בע... — האָב איך געענטפערט, אַבי זיך ווי עס איז אויסצודרייען.

— וואָס בע, וואָס בע? — האָט ר׳ אַלטער געזאָגט. — עס טוט אייך אַפּנים הנאה, וואָס מיר איז אַזוי שלעכט אויפן האַרצן?

— איך לאַך גאָר פון עפּעס אַנדערש, — האָב איך געענטפערט און שטאַרק געלאַכט.

— לאַכט, לאַכט, — האָט אַלטער געענטפערט און זיך אַוועקגעקערט אין דער זייט.

— אַי... ר׳ אַלטער, אַי... — האָב איך זיך אָנגערופן, — כ׳לעבן איך לאַך פון עפּעס אַנדערש. אייער איצטיקע מעשה האָט מיך דערמאָנט אין אַ זאַך, וואָס מען מוז דערפון, כ׳לעבן, לאַכן. אַלצדינג טרעפט זיך אויף דער וועלט. נו, אַז איר זענט אין כעס און זאָגט שוין אַזוי, בין איך אויסן אייך צו דערציילן זייער אַ שיינע מעשה, וואָס אונטער יידן קאָן זיך פּאַרלויפן. איר מעגט עס הערן. ע ס פּ א ס ט ט א ק ע צ ו ם ע נ י ן״.

אָט אַזוי האָט מענדעלע זיך געמיט צו מאָטיווירן דעם פּלוצלינגדיקן איבערגאַנג פון אַלטערס מעשה מיטן שידוך צו דער מעשה פון פישקע דעם קרומען. און מעג די מאָטיווירונג זיין ווי געמאַטערט אויך איצט, איז זי דאָך בעסער, ווי פריער. (אינטערעסאַנט איז, אַז אין דעם ד ר י ט ן נוסח, איז די דאָזיקע שטעלע ווידעראַמאָל איבערגעאַנדערשט געוואָרן; קאָנטיק, אַז זי האָט דעם שרייבער אַליין נישט צופרידנגעשטעלט).

אַזוינע אויסבעסערונגען האָט ער געמאַכט אויך אין עטלעכע אַנדערע שטעלן. בדרך כלל אָבער שיידט זיך דער צ ו ו י י ט ע ר נוסח פון „פישקע דער קרומער״ נישט פיל אָפּ, ווי געזאָגט, פון דעם ע ר ש ט ן.

גאָר אַנדערש איז דער נוסח פון יאָר 1888. דאָ האָבן מיר פאַר זיך כמעט אַ ניי ווערק. „אַ נייע דערציילונג״, רופט ער עס אַליין אָן אין אַ בריוו צום צענזאָר. דאָס איז שוין מער נישט קיין קליין

ביכעלע פון קוים 45 קליינע זייטעלעך. דאָס איז יענער „פישקע״, וואָס מיר קאָנען איצט און וואָס פאַרנעמט אין דער אויסגאַבע פון פאַרלאַג „מענדעלע״ 184 זייטן אין דעם פאָרמאַט פון אַן 8טל.

דער דאָזיקער, ד ר י ט ע ר, נוסח פון „פישקע״ איז אַרויס — צ װ א נ צ י ק יאָר נאָכדעם ווי עס איז אויפגעשריבן געוואָרן דער ערשטער נוסח, ער איז אַרויס אין אָדעס, אין פאַרלאַג פון א. וואַרשאַווער, מיט אַ געמאָלטן שערבלאַט פון ס. קושנעווסקי. אויפן שערבלאַט איז אויסגעמאָלט מענדעלע מוכר ספרים מיט זיין פערד און וועגעלע, און אויפגעשריבן שטייט: „אַלע כתבים פון מענדעלע מוכר ספרים, אָפּגעדרוקט ביסלעכוויז כסדר איינס נאָך דאָס אַנדערע. דאָס ערשטע בוך: „פישקע דער קרומער״.

די ערשטע נייע זאַך, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן אין אָט דער נייער אויסגאַבע, אַחוץ דעם גרעסערן פאָרמאַט, איז די „הקדמת מענדעלע מוכר ספרים בשעת זיין ערשטן אַרויספאָר אין דער וועלט מיט די אייגענע אָפּגעדרוקטע מעשות״. די דאָזיקע הקדמה איז שפּעטער מיט קליינע ענדערונגען אָפּגעדרוקט געוואָרן, ווי אַן אַריינפיר צו אַ ל ע כתבים מענדעלעס אין דעם ערשטן באַנד פון דער „יובליי־אויסגאַבע, אָדעס, 1907.

אַחוץ דער הקדמה איז אין דער דאָזיקער אויסגאַבע פון „פישקע״ צוגעקומען די באַוואוסטע ווענדונג צו מנשה מרגליות, וואָס אים ברענגט דער מחבר „דעם דאָזיקן ספר במתנה פונם גאַנצן האַרצן״. מענדעלע מאַכט אין דער דאָזיקער ווענדונג אַ פאַרגלייך צווישן זיך אַליין און מנשה מרגליותן, וועלכער האָט געשריבן דערהויפּט רוסיש און דערהויפּט וועגן יידישער געשיכטע — און ער זאָגט: „יאָ, מירביידע האָבן אָנגעהויבן אונדזער אַרבעט אין דער ליטעראַטור גלייך אין איין צייט, נאָר דאָס מזל אונדזערס איז נישט גלייך. איר זענט דאָרט אַרויף אויבן אין די הויכע פענצטער; איר האַנדלט דאָרט מיט ברילייאַנטן און דימענטן פון דער יידישער היסטאָריע; איר שטעלט אַרויס די שענסטע צירונג פון אונדזער פאָלק פאַרצייטנס, דאָס בעסטע, דאָס טייערסטע אין זיין לעבן... מיר אַנטקעגן איז באַשערט געווען זיך אַראָפּצולאָזן אויפן נידעריקן טרעפּל פון יידישן לעבן אונטן, אין די קעלערס״... און אָט די עטלעכע ווערטער האָט מענדעלע אויסגעדריקט דעם גרויסן קאָנט-

ראַסט, וואָס איז דאָ בכלל צווישן אַזעלכע שרייבער־יידן, ווי עס איז געווען מנשה מרגלית, און אַזוינע יידישע שריי־בער, צו וועלכע ער אַליין האָט געהערט. בעת די עובדא פון שרייבער־יידן איז אויפּצוהויבן זיך אין די הויכע פּענצטער און דאָרט „אַרויסשטעלן די שענסטע צירונג פון אונדזער פאָלק פאַרצייטנס״, האָבן יידישע שרייבער קיין מורא נישט אַראָפּצולאָזן זיך אויפן „נידעריקן טרעפּל פונם יידישן לעבן״, בעת שרייבער־יידן זיינען סרוב שבת־יום־טובדיק, רוחניותדיק און עקסטאַטיש, זיינען יידישע שרייבער — און מענ־דעלע איז זייער מוסטער — נאָענט צו דער טאָגטעגלעכקייט, צום פליישׂ־און־ בלוט פונם יידישן לעבן...

אומקערנדיק זיך צוריק צו דער „הקדמה״, וועלכע איז ביאָ־גראַפיש זייער ווערטפול און קינסטלעריש העכסט כאַראַקטעריס־טיש, איז כדאי אָנצואווייזן אויף דעם פאַקט, וואָס זי איז אויס־געוואָקסן פון די עטלעכע שורהלעך, מיט וועלכע עס הויבט זיך אָן דאָס ערשטע ווערק מענדעלעס אויף יידיש — „דאָס קליינע מענטשעלע״ — אין דער ווילנער אויסגאַבע פון יאָר 1865. און אָט די פּיאַיקייט, וואָס מענדעלע ווייזט אַרויס אין דער הקדמה, די פּיאַיקייט צו לאָזן שורהלעך זיך פאַנאַנדערוואַקסן און פאַנאַנדערבליען אין זייטלעך — איז דער מקור פון דעם גאַנצן נייעם נוסח אין אָט דער אויסגאַבע פון „פישקע דער קרומ־מער״. נישט דאָס, וואָס סרופט זיך „אינטריגע״, איז דאָ פאַרוויקל־טער געוואָרן, נישט דער סיפּור־המעשה איז פיל לענגער, ווי אין דעם ערשטן נוסח. עס האָבן זיך נאָר פאַנאַנדערגעוויקלט די קנאָספּן פון דער יוגנט־שאַפונג. דאָס איז, קאָן מען זאָגן, אַן אָרגאַני־שער וואוקס, דער וואוקס פון אַ קינד, וואָס האָט שוין פון אָנ־הויב־אָן אַלע „רמ״ח אברים״, נאָר יעדער אבר וואַקסט ביסלעכווייז און שטאַרקט זיך ביז עס דערגרייכט דעם לעצטן שטאַפּל פון זיין אַנטוויקלונג.

דער וואוקס פון „פישקע דעם קרומען״ איז אָרגאַניש, אבער ס׳איז נישט דער וואוקס פון אַן אָרגאַניזם. אַן אָרגאַניזם וואַקסט ווי אַ גאַנצע זאַך; אין „פישקע״ אַנטוויקלט זיך יעדער טייל באַזונדער... אויף דער אַנטוויקלונג פון איינציקע

טיילן וועל איך זיך אָפּשטעלן... אָט איז דער ערשטער קאַפּיטל. מענדעלע באַגעגענט זיך אויפן וועג מיט אַלטער יכנהז. אין די ערשטע צוויי נוסחאות איז וועגן דער דאָזיקער באַגעגעניש פאַראַן נאָר איין זאַץ: „מיר האָבן זיך אַ פּערטל שעה פריער, זאָגט מענדעלע, באַגעגנט אויף דעם וועג״. אין דעם דריטן נוסח איז דער זאַץ זיך צעוואָקסן און איז געוואָרן אַ בילד, וואָס פאַרנעמט כמעט פ י ר ז י י ט ל ע ך — און וואָס זיינען עס פאַר אַ זייט־לעך! יעדע שורה אין זיי איז, ווי יעדער פאָלד אין מענדעלעס קאַ־פּאָטע, אָנגעזעטיקט מיט יידישן לעבנס־סטיל, מיט יידישער פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע. עס איז גענוג זיך צו דערמאָנען אָן דעם מאָמענט, ווען מענדעלע כאַפּט זיך אויף פון דרימל און זעט, אַז אין דעם הינטערשטן רעדל פון זיין „ביידל״, וואָס איז „אריין אין א קאַליזשע״. איז פאַרטשעפּעט אָן אַקס פון עפּעס אַן אַנדער ביידל. מענ־דעלע דערהערט, אַז פון יענער זייט ביידל שיטן זיך טויטע קללות אויף יידיש, טראַכט ער: „איי, אַ ייד — איז אָן סכנות״. און דאָס בילד, ווי מענדעלע און אַלטער, „צוויי יידישע גיבורים, אין טלית און תפילין, שטייען אָנגעדרודלט, גרייט צו באַווייזן זייער גבורה און זיך פאַטשן אויפן פרייען פעלד, ווי אין אַ בית־מדרש, להבדיל״ — איז זיכער ווערט, אַז אַ קינסטלער זאָל עס אויסמאָלן. די סצענע מיט די פויערים, וואָס „בזכות זייער שטופּ״ גייט מענדעלעס ביידל אַרויס פון „טינטערל״, איז אויך עפּס ווערט!

אין דעם דריטן נוסח ווערט דערמאָנט נישט מער ווי מענדעלעס באַגעגעניש מיט אַלטערן, אָבער די אַלע קינסטלערישע מעגלעכקייטן, וואָס זיינען פריער געלעגן באַהאַלטן, זיינען איצט אַנטפּלעקט געוואָרן.

אַזאַ מין אַנטפּלעקונג פון אַ פאַרבאָרגענער קינסטלערישער מעגלעכקייט איז אין דעם דריטן נוסח די ליבע פון פישקע דעם קרומען צום האָרבאַטן מיידל. אין די ערשטע צוויי וואַריאַנטן איז אויף דער דאָזיקער ליבע נאָר אָנגעוואונקען אין עטלעכע שעמעוו־דיקע שורות; ד אָ איז עס אַ ראָמאַן, וואָס פאַרנעמט דריי באמת רירנדיקע קאַפּיטלעך, אַ ראָמאַן, וואָס לאָזט אונדז אַריינקוקן אין די טיפסטע און מ ע נ ט ש ל ע כ ס ט ע ווינקעלעך פון פיש־

קעס שטומער נשמה, אַ ראָמאַן, וואָס וואַרפט מיט זיין נאַאיווער אידילישקייט אַ ווייכן שיין אויף דעם פינצטערן עלנט פון דער באַנדע שלעפערס. אַ ראָמאַן, וואָס גיט אונדז צו שפּירן דעם אָטעם פון טיפער און איידעלער מענטשלעכקייט אין דער פאַרדאַרבענער הקדש־לופט...

און אָט אַזוי איז עס מיט אַלע איבעריקע ענדערונגען, וואָס מענדעלע האָט געמאַכט אין דעם דריטן נוסח פון „פישקע": דער עיקר פון דער פאַבל איז כמעט אומעטום שוין פאַראַן פריער, אין דער ערשטער ווערסיע, אָבער עס קומען צו פּ ר ט י ם, און אָט די נייע פּרטים טראָגן אַריין ניי לעבן אינם ווערק, גיסן עס אָן מיט זאַפט, מאַכן צייטיק זיינע גלידער, קרעפטיקן זיינע מוסקולן. נעמט, אַשטייגער, אַזאַ מין זאַץ, ווי „ר' אַלטער האָט אויסגעמאַכט דאָס ציבעכל און נאָך אַמאָל פאַררויכערט זיין ליולקע". דאַכט זיך, וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו „פּילן?" וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס איבערצומאַכן? אָבער מענדעלע, בעת ער האָט געאַרבעט אויפן נייעם, דריטן, נוסח פון „פישקע", האָט שוין מער נישט צופרידנ־געשטעלט אָט דער קורצער, פּראָזאַאישער דערציילונגס־זאַץ. גיט ער צו פּרטים, און זיי מאַכן פון דעם טרוקענעם זאַץ פּראָזע א לעבנס־פול בילד: „אַלטער ווישט מיטן עק אַרבל פונם העמד אָפּ דעם שווייס פון זיין פּנים, נעמט פון דער בוזעם־קעשענע אַרויס זיין פאַר־צעלייען פּיפּקעלע מיט עפּעס א יפה־פיה אויסגעמאָלט דערויף, מאַכט אויס אַ דרעטל, וואָס הענגט אויף אַ קייטעלע ביים טעמבאַקאָוון דעקל פון דעם ליולקעלע, דאָס קורצע ציבעכל, פון וועלכער דאָס דינע אויסגעבויגענע מונדשטוקל, ווי אויך דער אונטערשטער טייל זיינען גרוי־שוואַרצלעכעביינדלעך, און דאָס מיטל־שטיקל אַ ווייכס, אויסגעהעפּט אַרום מיט זאַמד־פּאַטשערקעס, פאַררויכערט דערנאָך דאָס פּיפּקעלע, טוט דערביי א קליין קוקעלע אויף דער יפה־פיה און ציט זיך אויס, ווי גרויס ער איז, אונטער דעם בוים". דער זאַץ איז איצט שווערער, ווי פריער; צי איז עס אָבער נישט די שווערע אָנגעלאָדנקייט פון אַ צווייג, וואָס האָט זיך אָנגעזויגן מיט זאַפט פון דער ערד און מיט שטראַלן פון דער זון און איז געבענטשט געוואָרן מיט גרינע, זאַפטיקע בלעטער און מיט פולע צייטיק־ווערנדיקע פּרוכטן? דער צווייג איז שוין פריער געווען; די זאַפטיקע בלע־

טער און די פּירות זיינען, נאָך אַ לאַנגן קנאָספּן און בליען, פון אים אַרויסגעוואַקסן.

אָט אַזוי איז דער נייער, פיל פאַרגרעסערטער, טעקסט פון „פישקע״, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1888, אָרגאַניש אויסגעוואַקסן פון דעם אור־טעקסט.

עס זיינען דאָ אין נייעם נוסח עפּיזאָדן און גאַנצע קאַפּיטלעך, וואָס האָבן לחלוטין געפעלט פריער (אַשטייגער, דער סחורה־בייט צווישן מענדעלען און אַלטערן אין קאַפּיטל ז׳, און די וואונדערלעך־שיינע און הומאָר־פולע קאַפּיטלעך ח׳, ט׳, י׳, י״א, און י״ב, וואו עס ווערן געשילדערט מענדעלס בלאָנדזשעענישן אין וואַלד, זיין אַריינפאַלן פריער אין דאָרף צום „סטאַנאָוואָי״ און דערנאָך אין דער אכסניה פון חיים חנא חיה טריינעס); אָבער די אַלע נייע זאַכן, ווי שיין זיי זיינען פאַר זיך אַליין, האָבן צו דער עצם־דער־ציילונג פון „פישקע דער קרומער״ אַ קנאַפּע שייכות. די עצם־דערציילונג איז, אַחוץ עטלעכע פּרטים, געווען שוין פריער: מער נישט, זי האָט אויפגעבליט און נייע פרוכט געגעבן, ווי עס בליט־אויף אין פרילינג און עס ברענגט פּירות זומער א בוים. מען זעט, ווי דער בוים בליט־אויף און גיט נייע פרוכט, דעם וואוקס פונם בוים זעט מען נישט: אזוי זעט מען ניט, ווי עס איז אויסגעוואַקסן די נייע גאַנצקייט פון „פישקע״; ס׳איז אַ אינעווייניקסטע גאַנצקייט. בנוגע צום דרויסנדיקן געביי איז „פישקע״ אין אַלע זיינע נוסחאות נישט קיין גאַנצע זאַך. ווען סוואָלט געווען אַ גאַנצער בנין, וואָס האָט אַ פונדאַמענט, אַ באַשטימטע לענג און אַ באַשטימ־טע ברייט, וואָלט זיך עס נישט געלאָזט אזוי פאַנאַנדערציען.

און דאָס איז כאַראַקטעריסטיש נישט נאָר פאַר „פישקע דעם קרומען״. אויך צו אַלע אַנדערע שאַפונגען זיינע איז מענדעלע צוגע־גאַנגען ניט מיט דער מאָס פונם בוימייסטער, נאָר מיטן פינדזל פונם מאָלער, מיטן מעסערל פונם שניצער. מענדעלע האָט קיינמאָל נישט געזוכט און קיינמאָל נישט דערגרייכט קיין אַרכיטעקטאַ־רישע שלמות. ער האָט אין זיינע בנינים געזוכט נאָר אַן אויס־רייד צו מאָלן, צו שניצן, צו מאַכן כלערליי צאַצקעס. די פיר ווענט פון זיין ווערק שטעלט ער אויף אזויווי גאָר אויפצופלייסן; ביי דער ערשטער געלעגנהייט רוקט ער זיי פאַנאַנדער, וואָרים דער

עיקר ביי אים איז נישט די אַ ר כ י ט ע ק ט ו ר פון דעם גאַנצן בנין, נאָר די גרינטלעכע באַאַרבעטונג פון איינציקע טיילן... דער־זעט ער אַ פייזאַזש, איז ער מפסיק אינמיטן לערנען, אינמיטן מוסר זאָגן, און שרייט אויס: ווי שיין דער בוים איז! ווי שיין איז דאָס פעלד! קומט אים אויפן זינען עפּעס אַ בילד, מאָלט ער עס גלייך אויס אויף דער וואַנט, ביי וועלכער ער שטייט, מעג נישט זיין דאָרטן אפילו קיין סימן פון אַ געהעריקער באַלייכטונג. פאַלט אים איין אין קאָפּ עפּעס אַ שניצונג, קלעפּט ער זי צו צו אַ ליאַדע פענצטער אויף אַ געזימס, מעג עס זיין ערגעץ וואו אין אַ לאָך פון אַ קעלער. פאַרווילט זיך אים אַ סטאַטוע, שטעלט ער אין דעם פאַרוואָרפנסטן ווינקל אַוועק אַ סטאַטוע...

נישט קיין גרויסער ט י י ך איז, מיט אַנדערע ווערטער, זיין ווערק, נאָר אַ גרויסע סיסטעם פון קליינע אָ ז ע ר ע ס. פון אויס־גאַבע צו אויסגאַבע ווערט זיין ווערק פולער דערפאַר, וואָס עס ווערט ברייטער און טיפער יעדע „אָזערע" — יעדער טייל — באַזונדער...

פאַרן טייל זאָרגט ער מער ווי פאַר דאָס גאַנצע. דאָס גאַנצע זעט אויס צו זיין גאָר אַ געמאַטערטע פאַרבינדונג פון איינציקע, אין זיך פאַרענדיקטע, טיילן. פון אַ טייל אָבער וואַקסט באַ אים אָפט אויס עפּעס גאַנצס...

אָט דאָס זעען מיר, ווען מיר פאַרגלייכן די עטלעכע און פער־ציק קליינע בלעטלעך פון די ע ר ש ט ע צ ו ו י י נוסחאות פון „פישקע" מיט די צען־צוועלף דרוקבויגן פון דעם דריטן נוסח.86)

דער פ ע ר ט ע ר נוסח פון „פישקע" איז די ה ע ב ־ ר ע י א י ש ע איבערדיכטונג (אונטערן נאָמען: „ספר הקבצנים)87). איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ באַזונדער אויסגאַבע אין אָדעס אין יאָר 1913, דורך דעם „יובילֵיי קאָמיטעט"88).

א י נ ה א ל ט ל ע ך שיידט זיך דער העברייאישער נוסח פונם יידישן אָפּ נאָר אין פּרטים (אַזוי אַשטייגער פעלט אין דער העבריי־אישער איבערזעצונג די חתונה, וואָס מיט איר לאָזט זיך אויס אַזוי חנעוודיק דער ערשטער פּרק פון „פישקע" אויף יידיש). סטיליס־טיש איז עס אָבער גאָר אַ נייע שאַפונג. דאָס איז אַ צופּאַסונג פון

דער העברייאישער שפּראַך צום יידישן סטיל, און, פאַרקערט, פונם יידישן סטיל צו דער העברייאישער שפּראַך. אָט די ריין־סטיליס־טישע אויפטוען אין „ספר הקבצנים״ האָבן אָבער אָפטמאָל מער ווי אַ ריין שפּראַכלעכן באַטייט. נעמט, אַשטייגער, די שטעלע אין פּרק י״ח, וואו מענדעלען, וועלכער זוכט מיטלען, ווי אַזוי צו מאַכן פישקען באַריידעוודיק, פאַלט פּלוצלינג איין ר׳ ליב שרהס גולם. „זייער שיין, טראַכט זיך ר׳ מענדעלע, ברוך הבא! נאָר אַנשטאָט דעם, וואָס ביי יענעם גולם, עליו השלום, האָט געווירקט אין זיינע צייטן, וועט היינט ביי מיין גולם, אים צו לאַנגע יאָר, ווירקן פּשוט דאָס מיידל״. אויף העברייאיש האָט מענדעלע די דאָזיקע שטעלע איבערגעמאַכט אָט־אַזוי: „וזה נתן בי דעה לנסות גם אני דבר לפישקא, ואם הוא משונה מאותו דבר שבגולם, הרי לא הזמנים שוים ו ל א ה ג ו ל מ י ם ש ב ה ם ש ו י ם. מה שעשו להתעוררות הגולמים אבותינו בימים ההם, תעשה לגולמים בזמן הזה הריבה״... ווי איר זעט, האָט דאָ מענדעלע באַנוצט די געלעגנהייט און געמאַכט, ווי זיין שטייגער איז, פונם פּרט אַ כּלל, אַן אַלגעבראַאישע פאָרמול. אינם יידישן נוסח רעדט זיך גאַנץ איינ־פאַך און קאָנקרעט וועגן ר׳ לייב שרהס גולם און דעם גולם פישקע: יענעם האָט געהאָלפן דער שם המפורש, אויף דעם „וועט ווירקן דאָס מיידל״. אין דעם העברייאישן נוסח אָבער איז עס פאַראַלגע־מיינערט געוואָרן: אַנדערע צייטן — אַנדערע גולמס...

דעם דאָזיקן ביישפּיל האָב איך געבראַכט דערפאַר, ווייל אויב אין די ענדערונגען אָן אַ שיר, וואָס מענדעלע פלעגט מאַכן אין די נייע אויסגאַבן פון זיינע ווערק, איז פאַראַן עפּעס אַן אַלגעמיינע טענדענץ, באַשטייט זי טאַקע דערין, וואָס דער זיידע האָט געזוכט צו מאַכן דעם אינהאַלט און די פאָרם פון זיין שאַפן אויסנווייניק וואָס קאָנקרעטער און דעטאַליזירטער, אינעווייניק אָבער ו ו אָ ס מ ע ר פ אַ ר כ ל ל ט א ו ן פ אַ ר אַ ל ג ע מ יי נ ע ר ט.

מענדעלע אין פערזן

„יודל", „זמירות ישראל", „פרק שירה". — מענדעלע איז גלייכצייטיק אי רעוואָלוציאָנער, אי טראַדיציאָנעל.—אַרכאַאיזירונג און אַרכאַאישקייט. — פערז־טראַדיציע אין דער יידישער ליטעראַטור. — מיט די געגראַמטע ווערק ווענדט זיך מענדעלע צו די פאַרצייטיקע יידן און יידענעס, — זייער באַדייטונג איז נישט קיין קינסטלערישע, נאָר אַ שפּראַך־ און קולטור־היסטאָרישע.

צווישן „דער קליאַטשע" (1873) און „קיצור מסעות בנימין השלישי" (1878) האָט מענדעלע פאַרעפנטלעכט דריי זאַכן, וועלכע זיינען פריער שוין דערמאָנט געוואָרן און וועלכע געהערן גאָר צו אַן אַנדער וועלט, צו אַ וועלט, וואָס ער אַליין האָט זי אין „דער קליאַטשע" און אין „מסעות" פאַראָדירט. איבערגעקרימט און שיר נישט אויסגעלאַכט. די דריי זאַכן זיינען: א) **„יודל**, אַ סיפור־המעשה אין שירים על משקל י"א תנועות", אין צוויי טייל, וואַרשע, 1875; ב) **זמירות ישראל**, „שבתדיקע זמירות, פאַרטייטשט אין שירים און דערקלערט, בכדי איטלעכער ייד באַזונדער זאָל פאַרשטיין זייער טייערן ווערט, ווי שיין זיי זיינען — אַ גאָטסוואונדער", זשיטאָמיר, 1875, און, ג) **פרק שירה**, „איבערזעצט אויף יידיש אין שירים ע"מ י"א תנועות מיט אַפּתיחה געשריבן אויף לשון־קודש וועגן פרק שירה און מיט אַ גוטן באַטעמטן פירוש, וואָס גיט צו פאַרשטיין לויט חכמת הטבע און לויט די רייד פון אונדזערע חכמים ז"ל יעדן מאמר פון די שירה־זאָגער ווי עס פאַסט פאַר אים", זשיטאָמיר, 1875.

די דריי ווערק זיינען, ווי דער לעזער זעט, געדרוקט געוואָרן אַלע אין איין יאָר און שטאַמען אַלע פון דעם פעריאָד, וואָס צווישן

„דער קליאַטשע" און „קיצור מסעות בנימין השלישי". דאָס איז די זעלביקע צייט, ווען מענדעלע האָט צוגעגרייט אַ פערזן־איבערזעצונג פון תהילים, וועלכע איז געבליבן נישט פאַרעפנטלעכט, און געפּלאַנט אַ נייע יידישע איבערזעצונג פון „קרבן־מנחה".

פון איין זייט, האָט ער חוזק געמאַכט פון אַלטע ספרימלעך, וועלכע זיינען „כולל אַלע שבע חכמות פון דער גאַנצער וועלט און פון אירע משונה־ווילדע באַשעפעניש" („מסעות בנימין השלישי"); פון דער אַנדער זייט, האָט ער אַליין געשריבן אינם גוסט, אויב נישט אינם גייסט, פון פאַרצייטיקע ספרימלעך. ער איז אין איין־און־דערזעלביקער צייט, ווי עס איז שוין פריער געזאָגט געוואָרן, געווען אי סאַטיריש־רעוואָלוציאָנער, אי טיף טראַדיציאָנעל: רעוואָלוציאָנער איז ער געווען, ווען עס האָט זיך גערעדט וועגן דעם טאָגטעגלעכן, דערהויפּט דעם עקאָנאָמישן, יידישן לעבן; טראַדיציאָנעל, — בנוגע צום שבת און יום־טוב פונם יידישן פאָלק89; אויך — בנוגע צום נ ו ס ח פון זיין אייגענעם שרייבן.

ער האָט אָדער געגעבן ס ט י ל י ז א צ י ע פון פאַרצייטיקע מחברים, אָדער איינפאַך גענוצט זייער סטיל. אַראַכאַאיזירונג טרעפט זיך אָפט אין זיין פראָזע (דערהויפּט אין „דער קליאַטשע" און אין „קיצור מסעות בנימן השלישי"); אַרכאַאישער סטיל — אין זיינע פערזן.

דאָס עצם שרייבן אַזעלכע פערזן ווי די, וואָס מיר זעען אין „יודל" אָדער אין „שבתדיקע זמירות", איז געווען אַ מין צינז דער ירושה פון פאַרצייטן. לויט זיין אייגנטלעכן טאַלאַנט, איז מענדעלע געווען א מייסטער פון פּראָזע, נישט קיין פערזן־דיכטער. (מען זעט עס שוין אין זיינע ערשטע (העברייאישע) שירים). אויב ער האָט זיך גענומען שרייבן (און איבערזעצן) שירים, איז עס געווען נישט מער ווי אַ רעשטל פון אַן אַלטער טראַדיציע. פאַרצייטן האָט מען שיר נישט אַלץ געשריבן אין דער פאָרם פון לידער. מען האָט באַנוצט דעם איידעלן אינסטרומענט פון פּאָעזיע אויף צו דערציילן מעשות, זאָגן מוסר דעם עולם, נישט דווקא אויסצודריקן לירישע איבערלעבונגען און פּאָעטישע זעאונגען. ביי אונדז האָט אָט די באַציאונג צו דער פערז־קונסט אָנגעהאַלטן ביזן סוף 19טן יאָר־הונדערט, ביז פרוגן, ווינטשעווסקין און עדלשטאַטן. כמעט אַלע

השכלה־שרייבער האָבן אונדז איבערגעלאָזן אַ ירושה — פּערזן. אַפילו אַזעלכע טיפּישע פּראָזאַיקער,ווי יצחק־בער לעווינזאָן, ישׂראל אַקסענפעלד, אייזיק־מאיר דיק, האָבן געשאָטן מיט גראַמען... איז קיין וואונדער נישט, וואָס אויך מענדעלען האָט זיך פאַרגלוסט שרייבן „שירים על משקל י״א תנועות״.

אָבער נישט נאָר די פאָרם פון די דאָזיקע שירים איז אַ המשך פון אַמאָל. אין זייער אינהאַלט וואַרפן זיך אויך דורך פּעדים, וואָס ציִען זיך פון פריערדיקע דורות, נאָך פון פאַר דער השכלה. מיר דערזען דאָ פאַר זיך פּלוצלונג אַזאַ מין ש. י. אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז באמת נישט דער משׂכּיל אַבראַמאָוויטש, וואָס רעדט רוסיש מיט די קינדער און גיט זיי אַזעלכע רוסישע נעמען, ווי „נאַדיעזדאָ״,90) נאָר אַן אמתער ר׳ מענדעלע, אַ ייִד אַ למדן, וועלכער זאָגט מגידות און שרייבט מוסר־ספרים, כאָטש ער איז אַ שטיק משׂכּיל. אין זיין מגידות און זיין מוסר און פּסוקים־טייטשעניש כאַפּן זיך אַריין ניי־מאָדישע געדאַנקען, וועלטלעכע משלים, אָבער עס איז פאָרט אַלט־פרענקישע מגידות, פאַרצייטיקע מוסר־זאָגעריי. אַזוי ווי ריב״ל, אליעזר צבי הכהן צווייפעל, א. מ. דיק און אַסך אַנדערע משׂכּילים, איז מענדעלע מיט איין פוס נאָר געשטאַנען אין דער נייער ריין־וועלטלעכער קולטור, מיט דעם אַנדערן פוס האָט ער געשטעקט טיף אין דער אַלטער בית־מדרש־וועלט. דער אַלטער גייסט האָט איבערגעלאָזט שפּורן אין זיין גאַנצן שאַפן, אָבער ערגעץ לאָזט ער זיך נישט פילן אַזוי שטאַרק, ווי אין די ווערק, וואָס ער האָט געשריבן אין פערזן. מיט די דאָזיקע ווערק האָט ער זיך געווענדט צו די פאַרצייטיקע ייִדן און ייִדענעס. אַזויווי לעווינזאָן, דיק אָדער צווייפל, האָט אויך ער געשריבן פאַרן גאַנצן ייִדישן פאָלק, נישט בלויז פאַרן הייפעלע משׂכּילים. ער האָט כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן די השכלה־לעזער, ווען ער האָט געשריבן אַזאַ ספרל, ווי „זמירות ישׂראל״. „מיט דעם דאָזיקן ספר (זמירות ישׂראל״) און מיט אַנדערע ספרים פון דעם מין״, האָט ער געשריבן אין איינעם פון זיינע בריוו (אויף העברייאיש) — „בין איך אויסן אָפּצורייניקן די ייִדישע תפילות פון דער מיאוסקייט פון די צעדרייטע איבערזעצונגען, וואָס מען האָט ביז איצט געמאַכט פון זיי אויף עברי־טייטש, וואָרים די דאָזיקע איבערזעצונגען האָבן

שלעכט געווירקט אויף אונדזער פאָלקסמאַסע, האָבן פאַרדאַרבן איר געשמאַק — — און די וויכטיקסטע זאַך איז דאָך אויסצובעסערן דעם געשמאַק פונם גאַנצן פאָלק, ווי איך האָב עס שוין אַסך מאָל אַרומגערעדט באַריכות"91). מיט זיינע „זמירות" און „פרק שירה" איז ער אינדעראמתן אָבער אויסן געווען נישט נאָר די פאַר־בעסערונג פון דעם געשמאַק פון אונדזער פאָלקסמאַסע. ער האָט געוואָלט עפּעס אויפטאָן אויך אינהאַלטלעך. און „שבתדיקע זמירות", ווי אויך „פרק שירה" זיינען טאַקע מער ווי בלויז אַן איבערזעצונג און אויך מער ווי אַ געוויינטלעכע פאַרטייטשונג. מענדעלע האָט אין זיי אריינגעגעבן אייגענע געדאַנקען, חקירה, משלים.

קיין פּאָעזיע און קיין אמתע לירישע בילדלעכקייט איז אין זיי נישטאָ. עס טרעפן זיך אָבער איינציקע פיינע סענטענצן, אַשטייגער:

דאָס גליק פון אַ מענטשן איז אין אים געווענדט:
איטלעכער מענטש עסט די פרוכט פון זיינע הענט.
ווי מען האָט געזייט, אַזוי איז דאָס שניט.
די פייגן עסט דער, וואָס דעם בוים האָט געהיט.

אָבער דאָס איז אַן אויסנאַם. בכלל זיינען די „זמירות" און „פרק שירה", וויכטיק נישט מיט זייער אינהאַלט און נישט מיט זייער פערזן־קונסט, נאָר מיט דער ריינקייט און געלייטערטקייט פון זייער יידיש. אַזעלכע רוסיציזמען, ווי „באַסניעס", אַזאַ טייטשמע־ריש, ווי „בעלע", „אויפגעהויפט", „פאַראירט", אַזעלכע לאָקאַלע גראַמען, ווי „עגונה — שכינה", „וואונדער — קינדער" א. ד. גל. טרעפן זיך זייער זעלטן. מענדעלע האָט אין זיינע אָרעמע פערזן, ווי אין זיין רייכער פּראָזע, געהיט די גאַנצקייט און די ריינקייט פון דער יידישער שפּראַך.

אַ שפּראַכלעך־היסטאָרישן ווערט האָט אויך "יודל".

י ו ד ל איז — דאָס יידישע פאָלק. און דאָס איז נישט מענ־דעלעס איינפאַל. זיין פריינט יהושע ליפשיץ איז פריער נאָך איינ־געפאַלן אַנצורופן זיין דיאַלאָג אין פערזן וועגן יידן און יידיש (אין „קול מבשר", 1862) — „ י ו ד ל און יהודית". שפּעטער, אין

יאָר 1866, האָט אין דעם אייגענעם זינען געברויכט דאָס וואָרט „יודל" גאָלדפאַדן. מיט זיין זאַמלונג לידער אונטערן נאָמען „דאָס יודעלע" האָט ער בכלל געמוזט האָבן אַ ווירקונג אויף מענדעלען. ער איז געווען דער ערשטער צו פּרוּוון געבן אין פערזן בילדער פון יידישער געשיכטע, אָבער ביי אים איז עס געווען נאָר אַ פּרוּוו, אַן אָנהויב. מענדעלע האָט עס דערפירט ביזן סוף. ער האָט געמאַכט אין „יודל" אַ שפּאַציר איבער דעם גאַנצן וועג פון דער יידישער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, אָנגעהויבן מיט מתן־תורה און אויסגעלאָזן מיט השכלה. ער האָט זיך געשטעלט אַ גרויסע, אַ גראַנדיעזע אויפגאַבע. און עס קאָן זיין, אַז ער וואָלט דערגרייכט גרויסע רעזולטאַטן, ווען ער זאָל עס האָבן געשריבן אין פּראָזע. אָבער ער האָט זיך גענומען פאַר פערזן. און אויף פערזן אין דעם אמתן זינען פון וואָרט איז ער געווען אַ קנאַפּער בריה. דער „משקל" מיט די גראַמען האָט איינגעשלונגען דעם גרעסטן טייל פון זיין ענערגיע. דאָס איבעריקע איז אַוועק אויף חקירה.. דער ליריזם וואָס באַהנט די נאַטור־שילדערונגען אין זיין פּראָזע פעלט אין די פערזן.

איבער צוויי טויזנט שורות — און קיין איין פונק פון טיף־לירישער שטימונג! אַזוי ווי דער „זיידע" זאָל אונדז זאָגן: ווילט איר געמיט, געפיל, בילדלעכקייט, — לייענט נישט מיינע גראַמען, לייענט מיין פּראָזע! אַזוי ווי ער זאָל וועלן פאַרמיאוסן אין אונדזערע אויגן די עצם־קונסט, דעם קונץ פון גראַמענפלעכטעריי.

אַביסל לעבעדיקער ווערן די „קורצע שורהלעך", ווען ער פאַלט אַריין אין אַ סאַטירישן טאָן, אין דעם טאָן, וואָס טרעפט זיך אַזוי אָפט אין זיינע פּראָזאַאישע ווערק. דאַן געפינט איר ביי אים אַזעלכע פערזן, ווי, אַשטייגער:

...די אייגענע פעלער זעט נישט קיינער,
אויף זיך אַ מבין איז נישט איינער.
כל הפסלנות טוט רב אבא
און זאָגט: האָט לייב קיין עולם־הבא.
כל־ימיו בדיקה־געלט פאַרנעמט רב יאָסי
און גנב הייסט ביי אים דער גבאי מאָסי.

קיין ה׳ אין סידור קאָן נישט בערל ווייזן
און וויל געפינען אַלץ ביי שמערלען גרייזן.
א. אַז. וו.

ווען מענדעלע דערשפירט אינם אַ מ אָ ל עפּעס אַ וואונק, אַן אָנצוהערעניש אויפן היינט, ווערט זיין פּען רירעוודיק, זיינע פערזן ווערן געדיכטער, אויסדרוקספולער, אויב נישט פון פּאָע־טישן, איז פון אַלגעמיין־ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט. ער שרייבט דאַן:

...לעבן — דאָס אינגאַנצן איז אַ מלחמה
צו דערהאַלטן דורך דעם אַנדערנס — אייגענע נשמה.
— — — — — — — — — — — — — —
גוט באַטראַכט די וועלט און לייג צו מוח,
וועסטו זען, אַז דאָרט הערשט נאָר כוח;
אַז דער יענעם מאַכט דעם טויט
פאַר דעם זינדיק שטיקל ברויט;
אַז פון אויבן איז דער געזונטער
און דער שלאַפער איז דער אונטער;
— — — — — — — — — — — — — —
נעצן וועבט די שפּין צו פאַנגען דאָרט די פליג...
קורץ, ס׳איז אייביק נאָר מלחמות, שטרייט און קריג.

ווען מען זאָל נישט זוכן קיין פּאָעזיע און קיין פערזן־קונסט אין „יודל״, נאָר סתם אַזוי ליטעראַרישע אויסדרוקסקראַפט, קאָן מען אָנטרעפן אין דעם בוך שורות, סענטענצן, וואָס פּאַסן זיך פאַר מענדעלעס קלוגער און פיינער פּען, אַזעלכע פערזן, אַשטייגער, ווי:

...סמויל שווייגט, ליפּן אים צונויפגעצויגן,
אָבער סהאַרץ שרייט, סריידן זיינע אויגן.

אָדער:

סקאָן דער מענטש אַהין, אַהער זיך קערן —
אי אַ מלאך, אי אַ טייוול ווערן.

אָדער אַזאַ מין מענדעלעשע באַשרייבונג:

— — — — — — — — — — — — — —
דערנער, דיסטלען וואַקסן דאָרטן פיל,
סשפרינגט דער הײשעריק, סוויסטשעט אויך די גריל.
גרינוואַרג אַלערליי און ווייץ און קאָרן —
אַלץ איז ווי פאַרשוואונדן דאָרט געוואָרן.
אויף דער וויסטער לאָנקע זיפצן קי,
נאָך אַ גרעזל שמאַכן, לעכטן פי,
שעפעלעך, ציגן ליגן מיד, פאַרוויסט,
איינגעשרומפן זיינען זיי די בריסט!
אָקסן רעווען, גראָבן אונטער זיך די ערד,
מיט פאַרלייגטע קעפ פאַר הונגער קייכן פערד.
— — — — — — — — — — — — — —

אָבער דאָס זיינען אויסנאַמען. בכלל האָט „יודל" זייער אַ קליינעם קינסטלערישן ווערט, און אויב עפּעס קאָן אונדז אינטע־רעסירן אין דעם דאָזיקן שטיק פ י ו ט אויף יידיש, איז עס, ערשטנס, דער פאַקט, וואָס מענדעלע האָט זיך אויך דאָ, ווי אין „דער קליאַטשע", פאַרגונען צו שרייבן יידיש פאַר דעם אינטעלי־גענטערן לעזער, נישט דווקא פאַר די אומוויסנדיקע מאַסן. („קורץ און ווייניק זיינען מיינע רייד, סטוט דערויף אפילו שטאַרק מיר לייד, נאָר דו האָסט אַ קעפּל דאָך, נישקשה, וועסט זיך שטויסן און פאַרשטיין מיין דרשה!"), און צווייטנס — די אָפּגעהיטקייט און די געשליפנקייט פון מענדעלס יידיש.92)

צווישן קאַמף און קונסט

שפּראַכלעכער און אַלגעמיינער קינסטלערישער וואוקס. — צוויי עפּאָכעס: קאַמף־עפּאָכע און עפּאָכע פון קונסט. — „די קליאַטשע" און „קיצור מסעות בנימין השלישי". — נישטאָ קיין שאַרפע גרעניץ־ליניע. — אַ צייט, ווען ר' יוחנן בן זכאי ווערט יוחנן פון גיש חלב. — די נאַטור ביי מענדעלען. — די קינדער. — די פאָלקס־מענטשן. — צווישן קאַמף און קונסט.

מענדעלעס יידיש ווערט, וואָס ווייטער, אַלץ מער אָפּגעהיט, אַלץ מער געשליפן. מענדעלע וואַקסט אָבער נישט נאָר שפּראַכלעך און סטיליסטיש, ער דערגרייכט בכלל אַלץ העכערע און העכערע מדרגות. מיר האָבן עס געזען, ווען מיר האָבן פאַרגליכן די ערשטע מיט די שפּעטערדיקע אויסגאַבן פון „פישקע דעם קרומען". מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז מענדעלעס קינסטלעריש שטייגן הויבט זיך אָן ערשטן מיט די נייע, רייכערע און פולערע נוסחאות פון „דעם קליינעם מענטשעלע", „ווינטשפינגערל" און „פישקע דעם קרומען." ניין, נאָך איידער ער הויבט־אָן איבערצומאַכן זיינע ערשטע דערציילונגען, אַנטפּלעקט ער שוין פאַר אונדז זיין קינסטלערישן וואוקס. ער ווייזט עס אונדז מיט „דער קליאַטשע" אין אָנהויב 70ער יאָרן און מיט „קיצור מסעות בנימין השלישי" — אין סוף 70ער יאָרן.

„די קליאַטשע" און „מסעות" זיינען צוויי ווערק, וואָס שטייען, ווי מאָנומענטן, — איינס ביים שלוס פון דער ערשטער עפּאָכע, דער עפּאָכע פון ק אַ מ ף, און דאָס צווייטע — ביים אָנהויב פון דער צווייטער תקופה, דער ק ו נ ס ט ־תקופה.

אין „דער קליאַטשע" דערגרייכט מענדעלעס ק אַ מ פּ ס ־ ש אַ פ ו נ ג איר העכסטע מדרגה; מיט „קיצור מסעות בנימין

השלישי״ הויבט זיך אָן זיין איבערגיין צו אַ מער אויסגעהאַלטענער קינסטלערישקייט.

איז דאָ אַזאַ שאַרפע גרעניץ־ליניע צווישן מענדעלע דעם קעמפער (אָדער דעם פובליציסט) און דעם קינסטלער מענדעלען? ניין, אַזאַ גרעניץ־ליניע עקזיסטירט נישט. אין אַלע, אויך אין די שפּעטערדיקע, ווערק (און אויך אין די שפּעטערדיקע וואַריאַנטן פון די פריער־געשריבענע ביכער), געפינען זיך עלעמענטן פון מוסר, פון אויפקלערונג, פון סאַטירע, פון סאָציאַלן קאַמף; און, פאַרקערט, אין די סאַמע ערשטע שאַפונגען זיינע פילט זיך שוין דאָס אויג, דאָס אויער, דער אַטעם פון אַ קינסטלער. אַזוי, אַז מען דאַרף נישט נעמען שטרענג די פאַנאַנדערטיילונג פון „קאַמף״ און „קונסט״.

אין יאָר 1888, ווען מענדעלע האָט געגרייט צום דרוק דעם נייעם נוסח פון „ווינטשפינגערל״, דעם נוסח, וואָס געהערט שוין מער צום קינסטלערישן ווי צום קעמפעריש־פובליציסטישן פעריאָד אין זיין שאַפן, — האָט ער (אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען) גע־שריבן: „אונטער דעם נאָמען פון מיינס אַ גאַנץ אַלט, קליין ספרל פון עטלעכע בלעטלעך האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן פאַר אייך אַ שפּאָגל נ י י ע ם ספר, אין וועלכן איך וויל אַרויסשטעלן דאָס יידישע לעבן און די וויכטיקסטע ענינים, וואָס קומען ביי אונדז פאָר. איך וויל שאַרף דערקלערן די יידישע לאַגע און אָב־ווייזן, וואָס מען האָט צו טאָן די יידישע לאַגע צו פאַרבאַסערן״. — — — דאָס „ווינטשפינגערל״ איז נישט גלאַט אַזוי זיך אַ מעשהלע, ווי אַנדערע שרייבן זיך היינט. דאָס איז אַ געשיכטע פונם יידישן לעבן. דאָס איז נישט קיין ליאַלקע צום שפּילן זיך, נאָר אַ לעבעדיק באַשעפעניש מיט בלוט, מיט אַ נשמה, מיט מענטש־לעכע געפילן און מיט אַ מענטשלעך פנים״.93) און אַז מען לייענט די לעצטע רעדאַקציע פונם „ווינטשפינגערל״, זעט מען, אַז מענדעלע האָט אויף אַ האָר נישט מגזם געווען. און נישט נאָר אינם נייעם „ווינטשפינגערל״, אויך אין אַנדערע דערציילונגען פון די 80ער און די 90ער יאָרן האָט מענדעלע געזוכט „אָנצואווייזן וואָס מען האָט צו טאָן די יידישע לאַגע צו פאַרבעסערן״.... „איך האָב ליב, האָט ער געשריבן צו שלום־עליכמען, אַז אַחוץ דעם שיינעם פנימל,

זאָל טאַקע אין מיינער אַ קאַרטינקע אויך זיין לעבן, שכל און גע־דאַנק, ווי אין אַ לעבעדיקן מענטשן. אַ קאַרטינקע באַדאַרף מיך, אַחוץ שיינע מליצה, אויך טאַקע לאָזן עפּעס הערן״.94). און ער האָט אַלעמאָל, אויך אין די שפּעטערדיקע שאַפונגען זיינע, געוואָלט אונדז לאָזן עפּעס הערן. אָבער — דער עיקר אין זיי איז שוין „די קאַרטינקע״, די קינסטלערשאַפט. אויב עס איז נאָך דאָ אַן עלעמענט פון מוסר, פון פּובליציסטיק, שטערט ער נישט, סיידן נאָר אין אויסנאַמספאַלן, דער קינסטלערישער אַרבעט. ער גיסט זיך אין איר אריין אויף אַ נאַטירלעכן אופן. עס ווערט עפּעס אַ מין משל־נמשל־שפּיל, און מיר האָבן ביי מענדעלען, ווי שלום־עליכם האָט עס ריכטיק אָנגערופן, בילדער מיט צוויי געשטאַלטן, אַ רעכטע זייט מיט אַ לינקער זייט, אין איבער־צוג מיט אַן אונטערשלאַק. ווייל מען — קאָן מען די אונטערשלאַק פאַרשטעלן, האָט מען אַ ריין קינסטלערישע זאַך. אַנדערש איז מיט די פריערדיקע ווערק מענדעלעס, דערהויפּט מיט „דער טאַקסע״ און „דער קליאַטשע״. אין זיי וואַרפט זיך די ערשטע זאַך אין די אויגן „דער אונטערשלאַק״, די פּובליציסטיק, זי פּילט־אָן די גאַנצע לופט, זי שאַפט דעם גרונט־טאָן פון די ווערק...

פאַרוואָס איז עס אַזוי? פאַרוואָס איז מענדעלע אין די 60ער און אויך אין די 70ער יאָרן (ביז „קיצור מסעות בנימין השלישי״) געווען מער פּובליציסט, ווי בעלעטריסט, מער דענקער, ווי דיכטער און ממילא אויך מער סאַטיריקער, ווי הומאָריסט?

לויט זיינע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן איז ער אַלעמאָל געווען אַ קינסטלער — אַ מאָלער פון איינציקע, אין זיך פאַרענ־דיקטע, נאַטור־ און לעבנס־בילדער; אַ סאָציאַלער פּסיכאָלאָג, אַ שילדערער פון מענטשלעכע „אַנשטעלן״, פון מענטשלעכער פאַר־דאָרבנקייט, וואָס ווען ער מאָלט זי, איז ער שטאַרק און טיף, און פון מענטשלעכער איידלקייט, וועלכע איז ביי אים אָפט זיסלעך, סענטימענטאַל. געבוירן איז מענדעלע אַ קינסטלער, און בלייבן אין דער יידישער ליטעראַטור וועט נישט אַזוי דער לערער, ווי דער שפּראַך־מייסטער, נישט אַזוי דער סאָציאַלער דענקער, ווי דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָג, נישט אַזוי דער מוסר־זאָגער, ווי דער קינסטלערישער עטנאָגראַף און דער קינסטלערישער היסטאָריקער.

אָבער די צייט, ווען ער האָט זיך געוויזן אין דער יידישער ליטע־ראַטור, איז געווען אַזאַ, אַז מען האָט נישט געטאָרט נאָכגעבן דעם יצר־הרע פון קונסט. דאָס איז געווען אַן עפּאָכע, ווען איינער, וואָס איז געבוירן צו פרעגן, ווי אַ קינד, ווי אַ קינסטלער, האָט געמוזט ווערן אַ געבער פון ענטפערס, ווי א זקן, אַ בעל־יועץ. אַ צייט, ווען דער ליריקער ווערט אַ דרשן, דער עפּיקער — אַ מוסר־זאָ־גער, דער הומאָריסט — אַ סאַטיריקער... אַ תקופה, וואָס איז ענלעך צו דער איצטיקער, אַ תקופה, ווען מען מאַכט פון פּענעס פּיילן, און יבנה־לייט, ישוב־אוהלניקעס, גורטן־אָן די לענדן צו גיין אין מלחמה...

„איך טו דאָס", זאָגט וועקער, אין „דער טאָקסע" — „איך טו דאָס, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געטאָן אַמאָל בשעת חורבן דאָרטן אויף די טייכן בבלס. אויף די ווערבעס דאָרט האָבן די משוררים אויפגעהאָנגען זייערע פידלען, זיי האָבן מער נישט גע־וואָלט זינגען, שפּילן, נאָר קלאָגן, יאָמערן און טרויערן... גענוג זינגען, גדליה! גענוג שרייבן שירים, מליצות. בשעת אונדזער פאָלק, אונדזער אָרעם פאָלק ליידט אויף דעם טייך גנילאָפּיאַטאָוקע, צערייס איך די סטרונעס פון דער יידישער פידל. י י ד ן ז י י־נ ע ן נ י ש ט ג ע ב ו י ר ן ג ע וו אָ ר ן צ ו ז י נ ג ע ן, צ ו ש פּ י ל ן... מ ע ן מ ו ז ה אָ ב ן א י ן ז י נ ע ן ע ר נ ס ט ע ר ע ז אַ כ ן"... און מענדעלע נעמט זיך פאַר „ערנסטערע זאַכן". ער „צערייסט די סטרונעס פון זיין פידל" — און ער נעמט דעם טייטל אין האַנט. ער פאָלגט דעם רוסישן דיכ־טער נעקראַסאָוו, וועלכער האָט (טאַקע אין יענע יאָרן) געזאָגט, אַז „אין שלעכטע צייטן" („וו'גאָדינו גאָריאַ") איז נאַריש צו „באַזינגען די שיינקייט פון הימל, טאָל און ים", נאַריש צו באַזינגען „דער ליבערס ליבע" („לאַסקו מילאַי"). ער איז נאָענט צו דער קאַמפּס־שטימונג פון די שפּעטערדיקע אַמעריקאַנער יידישע אַרבעטער־דיכטער, פון אַזוינע דיכטער, ווי ווינטשעווסקי, אָדער באָווּשאָווער. ווינטשעווסקי האָט געזונגען „מיט ליבע, מיט לוסט לידער פון קאַמף, פון טריאומף, פון נקמה", נישט קיין „לידער פון הערלעכ־קייט אין דער נאַטור", און אויך באָווּשאָווער האָט זיך געוועדט קעגן דער שיינקייט פון דער נאַטור:

אָ, לאָז מיך נאַטור, מיין געליבטע, מיין זיסע
באַדעק, אָ, דיין הימלשע ברוסט.
דיין אָטעם דיין הויך, איז פאַר מיר איצט אַ תפיסה,
איך טאָר נישט פאַרזינקען אין לוסט.
איך טאָר נישט... און מעג איך עס טויזנט מאָל וועלן.
דען דאָרטן... אָ, שרעקלעך! באַטראַכט,
ווי סטרינקען זיך טויזנטער מענטשלעכע זעלן
אין פינצטערן אָפּגרונט דער נאַכט.

אַזוי האָט זיך אויך מענדעלען געדוכט, אַז ער טאָר נישט „פאַר־זינקען אין לוסט", אַז ער טאָר נישט זינגען. ער מוז זיך נעמען פאַר „ערנסטערע זאַכן". און ער פאַרלאָזט דאָס שטילע געצעלט פון שטילן שאַפן — פאַרלאָזט יבנה און גייט אויפן שלאַכטפעלד.

אינגאַנצן טריי דעם קאַמפּס־גייסט, דעם גייסט פון דער צייט — איז ער נישט. דער, וואָס איז געבוירן צו זיין יוחנן בן זכאי, קאָן נישט זיין קיין יוחנן מגוש חלב. סטרונעס, דערהויפּט די, וואָס קלינגען אין האַרצן, קאָנען אַליין פּלאַצן; צערייסן זיי איז שווער... און ווען מענדעלע פלעגט פון די סטרונעס פלעכטן אַ נעץ, זיי זאָלן קאָנען „נוצן" צו עפּעס, פלעגט נישט איינמאָל זיך פלוצלונג דער־הערן אַ קלאַנג אין דער שטיל: דאָס איז געווען די בענקשאַפט פון די סטרונעס נאָכן פידל... און נישט איינמאָל פלעגט מענדעלע אַליין זיך נישט קאָנען מער איינהאַלטן, און פלעכטנדיק די „נעץ", פלעגן זיינע בענקענדיקע פינגער ציען קלאַנגען פון די סטרונעס... דער קינסטלער פלעגט זיך אַריינמישן דעם פובליציסט אין די רייד... לייענט זיינע נאַטור־שילדערונגען. זיי זיינען פאַראַן שוין אין די שאַפונגען פון דעם ערשטן, נאָך האַלב־פובליציסטישן, פעריאָד, דערהויפּט אין „דער קליאַטשע". צום עצם־ווערק, צום סיפור־המעשה, האָבן זיי אַ גאַנץ קנאַפּע שייכות. זיי זיינען ציינז, וואָס מענדעלע, דער פובליציסט און מוסר־זאָגער, צאָלט מענדעלען דעם קינסטלער, ער זאָל נישט ציען פונם שלאַכטפעלד צוריק אַהיים, אין דעם שטילן געצעלט פונם שטילן שאַפן... די מענטשן, וואָס מענדעלע, פאָרנדיק אויפן וועגעלע מיט ספרים, באַגעגענט אויפן וועג — זיי דאַרף דער פובליציסט פ אַ ר ז י ך אַ ל י י ן,

זיי דאַרף ער אריינלייגן אין מויל זיינע משלים, זיינע שטעכווערט־לעך, זיין מוסר; די „נאַטור״ אָבער — זי גיט ער אָפּ במתנה דעם קינסטלער מענדעלען, זאָל ער זיך קוויקן מיט איר, וויפל זיין האַרץ גלוסט. און מענדעלע דער קינסטלער לאָזט זיך נישט בעטן. ער האָט אַ גרעסערן קונסט־יצר־הרע, ווי מאָריס ווינטשעווסקי האָט געהאַט,—און ער קאָן נישט ביישטיין דעם נסיון צו זינגען „לי־דער פון שטערן״, „לידער פון גרעזעלעך, קווייטעלעך״... טרעפט זיך אים אויפן וועג אַ שטיקל נאַטור, אַ וועלדעלע, אַ גרעזעלע, אַ קוויי־טעלע, — צעשפּילט ער זיך אויף אַלע כלים. איצט איז זיין וועלט. און ער לאָזט שוין נישט אַרויס די פּען פון האַנט, וואו ער מאָלט נישט אָפּ דאָס לעצטע שטריכעלע, דאָס מינדסטע פּינטעלע...

די צוויי מענדעלעך זיינען דורכגעקומען צווישן זיך, זיי האָבן זיך אויסגעגליכן. אָבער נישט אַזוי לייכט איז זיי אָנ־געקומען דער אויסגלייך... „אונטערוועגנס איינמאָל שבעה עשר בתמוז, גאַנץ פרי, זיץ איך מיר, דערציילט מענדעלע, אויף דער קעלניע פון מייןביידל אין טלית און תפילין, מיט דער בייטש אין דער האַנט, גאַנץ יידישלעך. די אויגן זיינען מיר צוגעמאַכט, בכדי נישט אָנצוקוקןביים דאַוונען די ליכטיקע וועלט. מעשה־שטן אָבער איז זי, די נאַטור, ווי הייסט מען עס, געווען וואונ־דער־שיין, גאָר אַ בילד, און עס האָט מיך געצויגן עפּעס, ווי אַ כישוף, אַ קוק צו טאָן. איך האָב א היפּשע צייט זיך געראַנגלט מיט מיר אַליין. דער יצר־טוב זאָגט: פּע! מען טאָר נישט. דער יצר־הרע אַנטקעגן טאַרעט: נישקשה, האָב הנאה, נאַרעלע! און עפנט מיר דערביי טאַקע אויף מיין אויג. עס טוט מיר אַ שיין, נאָר ווי אויף צו להכעיס, עפּעס אַ בילד־שיינע פּאַנאָראַמע: פעלדער גע־שפּרענגלט מיט בליענדיקער רעטשקע ווייס ווי שניי, לעבן געל־גילדענע ראַצאָמאָרענע פּאַסן פון ווייץ און מאַט־גרינלעכע, הויכגע־וואַקסענע קוקורוזעס; אַ שיינער גרינער טאָל, באַדעקט פון ביי־דע זייטן מיט וועלדלעך, ניסבוימער. אונטן פלייצט אַ טייכל, ריין, קלאָר, ווי אַ קריסטאַל, אין וועלכן עס טוקן זיך די שטראַלן פון דער זון און באַלייגן עס מיט פינקלדיקע, גילדענע פליטערלעך. די שאָף און די קי אויף דער פּאַשע דאָרט זעען פון דערווייטנס אויס ווי טונקעלע, רויטע, געפּלעקטע פינטעלעך... פּע, פּע!

מוסרט מיך דער יצר־טוב מיט יענע ווערטער פון פרק: אַ ייִד אונטערוועגס, אַז ער איז מפסיק דאָס לערנען און זאָגט: ווי שיין דער בוים איז, ווי שיין דאָס פעלד, איז גלייך ווי ער טוט זיך אַ מעשה אָן״... דער יצר־טוב, דער אויפקלערער, דער מוסר־זאָגער אין מענדעלען, לאָזט אים נישט „מפסיק זיין דאָס לערנען״, אָבער דער יצר־הרע, דער קינסטלער אין אים, לאָזט אים נישט אָפּ: „דער יצר־הרע... פאַרטראָגט מיר, זאָגט ער, אונטער דער נאָז מחיהדיקע ריחות פון סטערטעס היי, געווירץ און קרייטעכצער, וואָס צעגייען זיך אין אַלע אברים; ער צעגיסט זיך אין קונציקע ניגונים פון אלערליי שפּיל פויגעלעך, וואָס קיצלען ביי דער נשמה; ער לאָזט מיך פילן אויף מיין פּנים אַ וואַרעם ווינטעלע, וואָס גרייזלט מיר די פּאות, שושקעט מיר אין די אויערן: „קוק, האָב הנאה און זיי אַ מענטש, דו נאַרישער ייִד איינער!״ („פישקע דער קרומער״) אָט אַזוי האָבן זיך געראַנגלט צווישן זיך די צוויי מענ־דעלעך, מענדעלע דער קינסטלער און מענדעלע דער קעמפער, ביז זיי האָבן איינער דעם אַנדערן נאָכגעגעבן. דער קינסטלערי־שער יצר־הרע האָט דעם יצר־טוב, דעם „לערנער״, צוגעוואָרפן אַ שטיקל אויפקלערונג, אביסל מוסר; דערפאַר האָט דער מגידי־שער יצר־טוב אָפּגעגעבן אין זיין רשות די נאַטור... אין „דער קליאַטשע״ האָט ער אים געשענקט אַזאַ טייערן געשאַנק, ווי דעם „סאָלאָווייטשיקל״: „שפּיל, זאָגט ער, סאָלאָווייטשיקל, שפּיל, איך וויל אַביסל וויינען!״ דער סאָלאָווייטשיקל שפּילט, און אונטער זיין אומעטיקן, זיסן אַקאָמפּאַנימענט באַטראַכט מענדעלעס „יצר־טוב״ די ייִדישע „פּאַראַנדקעס״...

מענדעלעס יצר־טוב, דער גייסט פון דער אויפקלערונג־ און קאַמף־צייט, האָט שוין אין דעם ערשטן נוסח פון „פישקע דעם קרומען״ און אפילו אין „דער קליאַטשע״ געמוזט מאַכן זיין קעג־נער, דעם קונסט־יצר־הרע, אַ הנחה, און לאָזן אים אויף אַ ווײַלע כאָטש מפסיק זיין דאָס לערנען, קוקן אויף גאָטס וועלט, הנאה האָבן פון איר און זאָגן: „ווי שיין דער בוים איז! ווי שיין דאָס פעלד!״ „דעם בוים״, „דאָס פעלד״ האָט מענדעלע אַלעמאָל באַטראַכט פונם שיינקייט־שטאַנדפּונקט: „אַ מין חולשה אַזוינע האָבן איך פון קליינוויז אויף, נישט פאַר ייִדן געדאַכט, וואָס אויף אונדזער לשון

הייסט עס: „ליבשאַפט צו דער נאַטור״, דאָס הייסט צו אַלצדינג, וואָס וואַקסט, וואָס שפּראָצט, וואָס לעבט, וואָס געפינט זיך אין דער וועלט. עס ציט מיך, ציט, נישט פאַר אייך געזאָגט געוואָרן. עס קריכט מיר אַמאָל אין קאָפּ אַ צאַצקעלע, אַ שיין פּנימל, אַ בילד, אַ געשטאַלט — אַ גרעזעלע, אַ ביימעלע, אַ רייזעלע, אַ פליגעלע. סטייטש, סטייטש, וועט מען זאָגן, ווי שעמט זיך עס נישט אַ ייד מיט אַ באָרד, אַ ייד אַ ניצרך, א באַווייבטער, אַ טאַטע פון קינדער, וואָס דאַרף בדרך הטבע זיך זאָרגן, טראַכטן, קלערן תכלית־זאַכן, און גאָר אַחוץ דעם, ווי שעמט זיך נישט גלאַט סתם אַ ייד אינזינען האָבן נאַרישקייטן, נאַטור־שמור, קונדייסקע זאַכן?״ אוי, איך וויים, וויים זייער גוט, אַז אַ ז ו י נ ס פּ אַ ס ט נ י ש ט פ אַ ר אַ י י ד ן, נאָר וואָס זאָל איך פאַרט טאָן, אַז דאָס איז ביי מיר, ל א ע ל י כ ם, אַזאַ געבוירענער מיחוש, אַ יצר־הרע, וואָס ציט מיך דערצו ווי אַ מאַגנעט. און נאָך ווען? עפּעס ווי אויף צו־להכעיס דווקא אין דערמיט באַשעפטיקונג מיט עפּעס ערנסטס, וויכטיקס, ווי מיט יידישקייט, אַשטייגער, און מיט פּרנסה־זאַכן. אינ־דערמיט „קידוש־לבנה״ — שטעלט אייך פאָר בשעת אין רעכטן זאָגעניש, שאָקלעניש צווישן דעם עולם, טוט עס מיך אַ צי אַרויף צום שיינעם, אויסגעשטערנטן, בלויען הימל, מיט דער פאַרטראַכ־טער, מרה־שחורהדיקער לבנה. מלא חן! עס טראַכט זיך מיר, גאָט ווייסט וואָס. עפּעס ליכטיקע צורות, שיינע, ברענענדיקע, פאַרטראַכטנדיקע אויגן, אַ זיפצעניש, אַ שושקעניש. — — — תשליך גיין, אַזאַ יידישע ערנסטע זאַך, אָפּשאָקלען זיך פון די עבירות, ווערט ביי מיר גאָר אַ שיינער שפּאַציר. ביים זאָגעניש דאָרט פאַרקוקן זיך מיר די אויגן אויפן טייך, אויפן גרינעם גע־מייזעכץ, וואָס ציט זיך אויף יענער זייט העט־העט וויט. איך זע פאַר מיר אַ לויפנדיק, מורמלדיק וואַסערל, שטאָלץ־שווימענדיקע גענדז. ס׳ווייעט אַ ווינטל, ס׳שושקען זיך הויך־געוואַקסענע „טשע־רעט״, סשווענקט זיך, סשפּיגלט זיך א הושענא־ביימל, אָנבויגנדיק זיך מיט די צווייגלעך אין וואַסער. לויטער איז דער הימל, די לופט — פריש, אַ געטלעכע שטילקייט אין טאָלן, בערגלעך און וועלדלעך אַרום און אַרום. סציט עפּעס ביי דער נשמה, סבענקט זיך, סגלוסט זיך — — — שפּאַצירן גיין איז מיין לעבן. אויפן פעלד, אין וואַלד,

בין איך גאָרנישט דער, וואָס איך שטאָט. בין פריי, אויסגעטאָן פון יאָך. וואָס מיר ווייב, וואָס מיר קינד, וואָס מיר ייד, וואָס מיר זאָרג? איך שעפּ נחת, גיי אויס פאַר תענוג פונם אויבערשטנס ווערק, גיב מיך איבער מיט אַלע חושים און ווער ווי דערטרונקען אין גאָטס וועלט דער שיינער!... אָט דער יצר־הרע, נ י ט פ אַ ר א י י ך ג ע ד אַ כ ט, י י ד י ש ע ק י נ ד ע ר, ער האָט עס אין מיר געבורטשעט: מענדל! דער האַנדל מיט ספרים איז פאַר דיר ווי אַנגעמאָסטן. פאַרזעץ באַדאַי אַ משכון, דער ווייבס ביסל צירונג, קויף אַ פערד־און־וועגעלע, פּאַק עס אָן מיט ספרים און לאָז זיך אין דער וועלט. יאַ פאַרדינען, ניט פאַרדינען — אַלצאיינס. דער עיקר איז דאָס אַרומפאָרן, דאָס פאַרגעניגן, וואָס דו וועסט האָבן פונם אַנזען־זיך, אָנהערן־זיך אונטערוועגנס שיינע זאַכן. פאָרנדיק אין וועג וועסטו זיך ליגן צעלייגט, ווי אַ מלך, ביי דיר אויפן וואָגן און צוקוקן זיך צו גאָטס קונציק־שיינע ווערק און זיינע באַשעפענישן אויף בערג און טאָלן, אויף פעלדער און וועלדער. דאָס פערדעלע וועט זיך שלעפּן פּאַמעלעכן, פּאַמעלעכן, און דו וועסט זיך קוקן, קוקן. אַזוי — אין וועג, און קומענדיק אין שטעטלעך, אין שטעט, וועסטו אָנקוקן מיני יידן, שיינע צורות, פיינע בריות, מאָדנע פאַרשוינען, אַלערליי נפשות, געקרימטע רוקנס, פאַרריסענע נעזער, לאַנגהעזנטיקע, קלעפּיקפינגערדיקע, אַזוינע און אַזוינע פונם אַלטן און נייעם שניט, וועסט האָבן פון זיי צו דערציילן מעשות, צו זינגען און צו זאָגן".

מענדעלע האָט זיך אַליין, אַלזאָ, אָפּגעגעבן אַ חשבון פון די צוויי נשמות, וואָס האָבן געלעבט אין זיין ברוסט, — דער קינסט־לער־נשמה, וואָס האָט אויפן וועג זיך „צוגעקוקט צו גאָטס קונציק־שיינע ווערק און זיינע באַשעפענישן אויף בערג און טאָלן, אויף פעלדער און וועלדער", און דער מוסר־זאָגערישער, קעמפערישער נשמה, וועלכע האָט אין קאַבצאַנסק און גלופּסק אָנגעקוקט „מיני יידן, שיינע צורות, פיינע בריות, מאָדנע פאַרשוינען, אַלערליי נפשות, געקרימטע רוקנס א. אַז. וו. א. אַז. וו."

עס וואָלט געווען אָבער אַ טעות צו טראַכטן, אַז אין דעם ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן, אין דעם פעריאָד פון קאַמף און אויפקלערונג איז ער נאָר מאָלנדיק די נאַטור געווען קינסטלעריש.

נייִן, עס זיינען געווען אויך מ ע נ ט ש ן , וואָס ער האָט געהאַט אַמעגלעכקייט צו פֿאַרהאַלטן זיך צו זיי רואיק, געלאַסן, קינסטלע־ריש. דאָס זיינען געווען די פּערזאָנען, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צו קהל און קהלשע געשעפֿטן. דאָס זיינען געווען די ק י נ ד ע ר , — די קליינע קינדער און אויך די דערוואָקסענע קינדער, — די מענטשן פֿון פֿאָלק. זיי זיינען, אַזויווי די נאַטור, נישט געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די „קהלשע פֿאַראָנדקעס". זיי האָט ער נישט געדאַרפֿט זאָגן קיין שטעכווערטלעך. אויף זיי האָט ער נישט געהאַט פֿאַרוואָס צו זיין אין כעס. און ער האָט זיי אויך נישט געדאַרפֿט אידעאַליזירן, ווי ער האָט עס געטאָן מיט אַזעלכע משכילים, ווי גוטמאַן אָדער וועקער. די קינדער און די מענטשן פֿון פֿאָלק האָט ער געקאָנט מאָלן אַזוי, ווי ער האָט זיי געזען אין דער ווירקלעכקייט — אָן קיין שום פּניות. ער האָט זיי געקאָנט מאָלן קינסטלעריש־אָביעקטיוו. און אַזוי האָט ער זיי געמאָלן... איז די נאַטור נישט די איינציק־שיינע זאַך אין מענדעלעס ערשטע ווערק. עס זיינען פֿאַראַן אין זיי אויך מענטשן שיין־געמאָלענע... יצחק אבריהם תּקיף, ד אָ ס ק ל י י נ ע מ ע נ ט ש ע ל ע , האָט געהאַט אָן אָרימע מאַמע, קינדווייז האָט ער זיך געוואַלגערט אין אָרעמע הייזער, געהאַט צו טאָן מיט איינפֿאַכע פֿאָלקסמענטשן — מיט עזריאל דעם מלמד, מיט לייזער דעם שניידער, מיט אַ חזן אָן אָרומפֿאָרער. האָבן מיר אפֿילו אין דעם „קליינעם מענטשעלע" געשטאַלטן און בילדער, וועלכע פֿאַרשאַפֿן אונדז קינסטלערישע פֿרייד... און נישט נאָר אינם „קליינעם מענטשעלע". דערמאָנט זיך אָן דער פּראָס־טער יידענע לאה, אפֿרימס ווייב, אין „האבות והבנים" אָדער אַזעלכע פֿאָלקספֿאַרשוינען, ווי חנה די טיקערן, דער שמש, די קינ־דער, וואָס רייצן זיך מיט אים... דערמאָנט זיך אָן בתיהן און טויבע לאהן אין „דער טאַקסע", אָן ישראליקס מאַמען אין „דער קליאַטשע" און אָן אַנדערע י י ד ע נ ע ס (נישט פּרויען, נאָר בפֿירוש יידענעס), וועלכע מענדעלע האָט אַזוי ליב געהאַט צו שילדערן. און פֿאַרוואָס, מיינט איר, איז „פֿישקע דער קרומער" רייכער אין אַלע פּרטים, ווי „דאָס קליינע מענטשעלע" ? ווייל עס שטאַמט (אינם צווייטן נוסח) פֿון אַ שפּעטערדיקער צייט ? דער־

פאַר אויך, אָבער נישט נאָר דערפאַר אַליין. די קינסטלערישע רייכקייט פון „פישקע דעם קרומען" נעמט זיך דערהויפּט דערפון, וואָס די סביבה, אין וועלכער מיר ווערן דאָ אַריינגעפירט, איז נאָענט צום פ אָ ל ק און צו דער נ אַ ט ו ר — די צוויי טיפסטע קוואַלן פון מענדעלעס שאַפן.

די פאָלקסשפּראַך און די שפּראַך פון דער נאַטור האָט מענדעלע געערעדט שיין אויך אין דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין שאַפן, אָבער ער האָט דאַן נאָך זעלטן געהאַט אַ געלעגנהייט צו ריידן די דאָזיקע שפּראַך. ער האָט זיך זעלטן ווען געפונען אויף אָט דעם נ י י ט ר אַ ל ן באָדן. סרוב איז ער געשטאַנען אויפן שלאַכט־פעלד, האָט זיך געפונען אין רעכטן מיטן פון דער כ נ ו פ י א, דער ב אַ נ ד ע ש ט אָ ט־ב ע ל י־ט ו ב ו ת, פירנדיק אַ קאַמף פאַר גערעכטיקייט... האָט ער דעם בעסטן טייל פון זיין שעפע־רישער ענערגיע אָפּגעגעבן נישט זיין קונסט, נאָר זיינע געזעל־שאַפטלעכע קאַמפּס־פליכטן.

ערשט אין „קיצור מסעות בנימין השלישי" מאַכט ער אַ גרויסן שריט פון קאַמף צו קונסט.

קיצור מסעות בנימין השלישי

אויפן גרעניץ צווישן צוויי תקופות. — אַ בוך איז — ווי מען לייענט עס. — „קיצור מסעות״, ווי אַ סאַטירע ; „קיצור מסעות״, ווי אַ הומאָריסטיש ווערק. — הקדמה. — שטעלן, וואָס דערמאָנען אָן „דער טאַקסע״ און „דער קליאַטשע״. — מאָדעל און מאָטיוו פון בנימן השלישי. — נישט רב ישראל, נאָר כל ישראל. — אַ פּאַראָדיע אויפן גייסטיקן יידישן לעבן.—טראַפּנס הומאָר אין דער סאַטירע.—דאָס „מילד שטעכנדיקע געלעכטערל״.—די טבע איבער צוקרימען מענטשן. — „ווי פון איין גוס״. — בנימין — און דאָן קיכאָטע. — בינמין און סענדערל — די פירערשאַפט און די מאַסע.

מיט „קיצור מסעות בנימן השלישי״ לאָזט זיך אויס דער ערשטער, מער משכילישער, מער פּובליציסטישער, מער סאַטירישער פּעריאָד אין מענדעלעס שאַפן און עס הויבט זיך אָן דער צווייטער, מער קינסטלערישער און ממילא אויך מער הומאָריסטישער פּעריאָד. „קיצור מסעות״ שטייט אויפן גרעניץ צווישן די דאָזיקע צוויי תקופות און געהערט צו זייביידן...

אַ בוך איז — ווי מען לייענט עס. דערהויפּט אַזאַ פּאַראָדירנ־דיק בוך, ווי „קיצור מסעות״. מען קאָן עס לייענען, ווי אַן אומ־ברחמנותדיקע ס אַ ט י ר ע און — מען קאָן אין דעם זען, אַז מען וויל, מענדעלעס פּאַמעלכדיק איבערגיין צו ה ו מ אָ ר. עס ווענדט זיך, ו ו ע ר עס לייענט עס, אויך — ו ו ע ן און ו ו אָ ו מען לייענט עס. אין אַן עפּאָכע (און אין אַ סביבה) פון פאַרשאַרפטן סאָציאַלן קאַמף איז זייער לייכט צו זען אין „קיצור מסעות בנימן השלישי״ אַ קאַמפּסגעווער — און מער גאָרנישט. דעריבער איז עס אין דער אַטמאָספערע פון אונדזער הײַנטיקער „פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור״ „די סאַמע שאַרפסטע, טרעפלעכס־

טע און מייסטערישסטע סאַטירע אויפֿן אָפּגעשטאַנענעם שטייגער פֿון די שטעטלדיקע מאַסן״.95) אין די אויגן פֿון דעם „פּראָלעטאַרישן קריטיקער״ איז עס אַ ווערק, אין וועלכן מענדעלע האָט „פֿאַרסכהכלט זיין גאַנצע שנאה און זיין גאַנצע פֿאַרביטערטקייט קעגן דער מיטלאַלטערלעכער פֿינצטערניש, זיין גאַנצע דערפֿאַרונג פֿונם קאַמף, וואָס ער האָט געפֿירט זייט אַנהויב 60ער יאָרן״...96).

דער קעמפֿערישער לעזער פֿון דער השכלה־צייט האָט נישט געהערט, נישט געוואָלט הערן דעם קינדיש־שטיפֿערישן אונטערטאָן, וועלכער פֿילט זיך אַזוי אָפֿט אין דעם ביטערן געלעכטער פֿון „מסעות״. דער קאַמפּס־דור פֿון איצט איז אויך טויב צו אָט דעם שטילערן טאָן.

מענדעלע אַליין, ווען ער האָט געשריבן דאָס בוך, האָט, ווי ווייט מעגלעך, אין זיך געשטיקט און פֿאַרשטיקט אָט די שטים פֿון קינסטלערישער קונדסעריי. ער האָט געלאָזט העכער קלינגען די קולות און די גוואַלדן פֿונם אָפּשפּאָטער. ער האָט עס געטאָן שוין אין דער הקדמה. ריידנדיק אויף זיין אַרכאַאיזירנדיקן שטייגער וועגן דעם, וואָס „אפֿילו אַ גרעזעלע קריכט נישט אַרויס פֿון דער ערד ביז וואַנען אַ מלאך שלאָגט עס נישט און זאָגט: וואַקס! קריך אַרויס!״ — גיט ער צו: „מכּל שכּן אַ מענטש — ער האָט אוודאי אַ מלאך, וואָס שלאָגט אים און זאָגט: גיי, גיי, קריך אַרויס! און מכּל שכּן נאָך מער די פֿיינע מענטשעלעך, שיינע יידעלעך. קיין נאַר כאַפּט זיך פֿריער פֿון איטלעכן נישט אַרויס מיט אַ וואָרט ביי אונדז, קיין שוטה ווערט נישט קיין בעל־עצה, קיין עם־הארץ — אַ חסיד, קיין גראָבער־יונג — אַ משׂכּיל, ביז וואַנען עס שלאָגט נישט איטלעכן פֿון זיי זיין מלאך, נויטנדיק אים דערצו. עס שלאָגן די מלאכים אויך אַלע מיני קבצנים אונדזערע, זאָגנדיק: וואַקסט, קבצנים, אביונים, דלפֿנים, געבוירענע, אָפּגעקומענע, אָפּענע, פֿאַרבאָרגענע, שפּראָצט, וואַקסט, ווי גראָז, ווי קראָפּיווע! גייט, יידישע קינדער, גייט — איבער די הייזער!״ דאָס איז אַ ציטאַט פֿון דער לעצטער אויסגאַבע (פֿאַרלאַג „מענדעלע״, וואַרשע, 1913). אין דער דאָזיקער אויסגאַבע האָט מענדעלע דעם פּובליציסטיש־סאַטירישן נוסח פֿון דער הקדמה געקירצט און ווייכער געמאַכט. אין דער ערשטער אויסגאַבע (ווילנע, 1878, איבערגעדרוקט אין ווילנע,

1904) איז דער טאָן און דער אינהאַלט נאָך מער פּובליציסטיש, נאָך מער סאַטיריש און נאָך מער קעמפעריש.97) דאָרט לייענט זיך די נאָר וואָס געבראַכטע שטעלע אַזוי: „...און מכל שכן נאָך מער די פיינע מענטשעלעך, שיינע יידעלעך — זיי האָבן דאָך בוודאי לכל הפּחות אַ מאה כיתות מלאכים, וואָס שלאָגן איטלעכן פון זיי באַזונדער און זאָגן, אַשטייגער, אַזוי: חייקעלע, טייערע נשמה! גיי אַנטליי געלט, וויפל דו קאָנסט, גיי, נעם אָן דאָרט ביי די דייטשן סחורה, וויפל דו ווילסט! שפּראַץ, וואַקס, חייקעלע, קריך אַרויס, שקאַץ איינער, פון דער בלאָטע! גיי, גיי, גנבע שטילערהייט אַרויס די גאַנצע סחורה דיינע פון דיין קלייט טאַקע און ענטפער דערנאָך דעם עולם קוממיות! גיי, גיי, איציקל כל־ובוניק, זיי זיך מטריח צו דיין פּריצל, מאַך עפּעס אַ מאַניפּאַרגעלע און רוים אים דאָרט איין אין אויער עפּס אַ פּזמון אויף דעם, אויף יענעם און אויף וועמען דו ווילסט! א. אַז. וו. א. אַז. וו."

אָבער נישט נאָר אין דער הקדמה, וועלכע איז גאָרנישט נויטיק פאַר דער עצם־געשיכטע — אין דער געשיכטע גופא זיינען דאָ געוגע שטעלן, וועלכע דערמאָנען אָן „דער טאַקסע", אָן „דער קליאַטשע". אַשטייגער: „דאָס וואונדערלעכע טישטיכל, אין די מעשה־ביכלעך, וואָס מען זאָגט: „טישטיכל, טישטיכל, גיב מיר עסן! גיב מיר דאָס, גיב מיר יענעס!" און דאָס טישטיכל גיט — אָט דאָס דאָזיקע חידושים־וואונדערלעכע טישטיכל איז ביי אונדז יידן די טאָרבע. פיל נפשות, זייער פיל שפּייזן זיך חידושים־גרינג זייער גאַנץ לעבן נאָר פון דער טאָרבע און לאָזן זי איבער בירושה קינדס־קינדס־קינדער. די טאָרבע איז אין תוך אַריין אַלץ איינע, נאָר ביי פאַרשיידענע קלאַסן מענטשן באַקומט זי אַן אַנדער מין פאָרמע און אַן אַנדער מין נאָמען. ביים פּראָסטן עולם איז זי פּשוט אַ טאָרבע, אַ פּראָסטע לייוונטענע טאָרבע. ביים געהויבענעם עולם אָבער נעמט זי אָן אַלערליי מיני געשטאַלטן, ווי אַשטייגער: אַ קעסטעלע, אַ קאַראָבקעלע, אַ כלי־קודשל, אַ חברהלע, אַ פּושקעלע, אַ קהלשע בייטעלע, אַ גמילות־חסד־באַנקעלע, אַ מחברשער פּלוידערזעקעלע וכדומה. די אַלע זיינען באמת טאַקע נאָר טאָרבעס, טאָרבעס, עכטע יידישע טאָרבעס"...

אָדער:

„די איינוואוינער אַליין אין טונעיאַדעווקע זיינען, נעבעך, כמעט אַלע, לא עליכם, גרויסע אביונים, שטאַרקע דלפנים, נאָר דעם אמת מוז מען זאָגן, זיי זיינען פריילעכע אביונים, לוסטיקע קבצנים, ווילדע בעלי־בטחונס. אַז מען זאָל, אַשטייגער, פּלוצים אַ פרעג געבן אַ טונעיאַדעווקער יידן: פון וואַנען און ווי אַזוי ער איז זיך מפרנס? בלייבט ער תחילת שטיין ווי צעמישט, ווייסט, נעבעך, נישט, וואָס צו ענטפערן, נאָר שפּעטער אַביסל אָבער קומט ער צו זיך און ענט־פערט בתמימות: — „איך, ווי אַרום איך לעב, איך? עט, ס'איז דאָ אַ גאָט, זאָג איך אַט־אַ, וואָס פאַרלאָזט נישט אַלע זיינע באַשע־פעניש. ער שיקט צו און וועט מסתמא ווייטער צושיקן, זאָג איך אייך, אַט־אַ". — „פאַרט וואָס טוט איר אַזוינס? האָט איר כאָטש עפּעס וואָס ס'איז פאַר אַ מלאכה אָדער אַ פרנסה אין דער האַנט?" — „געלויבט איז השם־יתברך. איך האָב ברוך־השם, אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן אַט־אַ, אַ מתנה פון זיין ליבן נאָמען, אַ כלי, אַ קול־נגינה און דאַוון מוספים ימים נוראים אין דער סביבה, איך בין אַ מוהל און אַ מצה־רעדלער איינער אין דער וועלט, איך פיר אַמאָל אויס אַ שידוך, פיר איך אויס; איך האָב אַ שטאָט, אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן אַט־אַ, אין דער שול. היינט האַלט איך אויך, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, אַ שענקל, וואָס מעלקט זיך צו ביסלעך; איך האָב אַ ציג, וואָס מעלקט זיך אָן עין־הרע זייער גוט, און האָב נישט ווייט פון דאַנען אַ רייכן קרוב אַט־אַ, וואָס לאָזט זיך אונטער אַ שלעכטער צייט אויך אַביסל מעלקן. היינט חוץ די אַלע זאַכן, זאָג איך אייך אַט־אַ, איז גאָט אַ טאַטע און די קינדער פון ישראל זיינען רחמנים בני רחמנים, זאָג איך אייך אַט־אַ, נישט צו פאַר־זינדיקן! . . ."

אַזעלכע שטעלן זיינען דאָ אַסך אין „קיצור מסעות". אָבער נישט נאָר איינציקע שטעלן זיינען סאַטיריש־אויפקלערעריש. דאָס גאַנצע בוך איז אָן קיין שום ספק געשריבן געוואָרן מיט אַ געזעל־שאַפטלעך־סאַטירישן איינשטעל. לויט דער מיינונג פון סאָוועטיש־יידישע קריטיקער, פון די קריטיקער, וועלכע ווילן אויסניצן מענ־דעלעס ווערק פאַר זייערע איצטיקע קאַמפּסצוועקן, איז די כוונה פון „קיצור מסעות" געווען אויסצולאַכן „די פאַנטאַסטישע און רעאַקציאָנערע אידייע וועגן באַנייען די יידישע מלוכה אין דער

ווייטער פּאַלעסטינע״, די אידייע, וועלכע האָט „זיך שוין באַוויזן אין די 70ער יאָרן״. 98) צי דאָס איז טאַקע אַזוי געווען, ווייסן מיר נישט. לויט דער מיטטיילונג פון פּראָפ. לעאָ ווינער, איז „דער קעגנשטאַנד פון זיין (מענדעלעס) קאַריקאַטור געווען איינער אַ מענטש, וואָס זיין פאַמיליע איז געווען טשערני. פון עפּעס אַ פּראַנ־צויזישער געזעלשאַפט איז אָט דער פּאַרשוין געשיקט געוואָרן קיין קאַווקאַז, ווי א וויסנשאַפטלעכער רייזנדיקער, אינדעראמת אָבער האָט ער זיך לחלוטין נישט געטויגט פּאַר דער דאָזיקער אויפגאַבע, זייענדיק זייער שוואַך באַהאַוונט אין געאָגראַפיע״. 99) אַן אַנדער ווערסיע וועגן דעם זיידנס סטימול צו נעמען זיך פּאַר דער „רייזע־באַשרייבונג פון בנימין דעם דריטן״ דערציילט אונדז מענדעלעס זון, מאיר אַבראַמאָוויטש; „מיין פאָטער איז אַמאָל געזעסן אין שטוב ביי אונדזערן אַ באַקאַנטן. איז אַריינגעקומען אַ ייד, אַן אָרעמאַן, וואָס איז געגאַנגען איבער די הייזער. האָט מיין פאָטער מיט אים זיך פאַנאַנדערגעשמועסט, אַזוי ווי ער האָט געקאָנט: ווער איז אַ ייד, פון וואַנען קומט אַ ייד, און וואו גייט אַ ייד? האָט דער אָרעמאַן געענטפערט פּשוט און גלייך: ער גייט קיין ירושלים, ער גייט, ער וועט דערגיין ביזן סמבטיון, ער וועט אַריבער דעם סמבטיון, ער וועט אָנקומען צו די „רויטע אידעלעך״. ער גייט... ווען מיין פאָטער איז צוריקגעקומען אַהיים פון דעם וויזיט איז שוין אין זיין קאָפּ געווען פאַרטיק דאָס גאַנצע בוך „מסעות בנימין השלישי״... פאַרן פּראָטאָטיפּ פון סענדערלן, דערציילט מאיר אַבראַמאָוויטש ווייטער, האָט מענדעלע גענומען אונדזערן אַ היימישן, אַ שטיקל קרוב, אַ ייד, וועלכער האָט בשותפות מיט נאָך איינעם גע־האַט אַ „הויפּל״, ווי מען זאָגט אין בערדיטשעוו. דאָס איז געווען אַ ייד אַ שלימזל, אַ ייד, איבער וועמען דאָס ווייב האָט רעגירט. זי איז אַרומגעגאַנגען אין „די הויזן״, און ער איז אַרומגעגאַנגען תמיד מיט אַ פאַרבונדענער באַק פון די שטורכעס און פון די פּעטש, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין אשת חיל... איך האָב אים גוט געקענט. דאָס איז געווען סענדערל... אַזוי איז געבוירן געוואָרן „מסעות בנימין השלישי״.100)

נו, אַזוי איז, גלויב איך, נ י ש ט געבוירן געוואָרן „מסעות בנימין השלישי״. מען זעט, ווען מען לייענט די „רייזע־באַשריי־

בונג", אַז נישט איינציקע פֿאַרשוינען — און אויך נישט איינציקע געזעלשאַפֿטלעכע דערשיינונגען — איז מענדעלע אויסן געווען מיט דער פּאַראָדירנדיקער דערציילונג. ער האָט אינזינען געהאַט, ווי אַלעמאָל, נישט רב ישראל, נאָר כל ישראל. ער האָט חוזק געמאַכט פֿון ג אַ ב ץ טונעיאַדעווקע, נישט פֿון די אָדער יענע איינוואוינער אירע. און גאַנץ טונעיאַדעווקע מיינט אויך גאַנץ טעטעריווקע, וועלכע איז „אין תוך אַריין אַ מין גרויסע טונעיאַדעווקע".

מענדעלע איז אין „קיצור מסעות בנימין השלישי" מער נעגאַטיוו, ווי אין „דעם קליינעם מענטשעלע", מער אָפּשפּאָטנדיק, ווי אין „דער טאַקסע" און אין אַלע אַנדערע סאַטירישע ווערק זיינע. אין יענע ווערק האָט ער סימפּאַטישע פֿאַרשוינען אויך (גוטמאַן, שלמה וועקער א. ד. ג.) אין „קיצור מסעות" איז נישטאָ קיין איין פּערזאָן, וואָס זאָל נישט זיין לעכערלעך, קיין איין זאַך, וואָס זאָל מענדעלען געפֿעלן. „קיצור מסעות" איז, אַחוץ דעם, אַ פּאַראָדיע אויך אויפֿן גייסטיקן צושטאַנד פֿון גלופּסק און קאַבצאַנסק, נישט נאָר, ווי „פּישקע" אָדער „די טאַקסע", אַ קריטיק בלויז פֿונם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן. „קיצור מסעות" איז באמת טאַקע א סך־הכל—און וואָס פֿאַר אַ טרויעריקער סך־הכל! — פֿון אַלע נאַרישקייטן, ווילד־קייטן, לעכערלעכקייטן, עוולות, „מאַניפּאַרגעס", וואָס מענדעלע האָט אויפֿגעדעקט אין אַלע זיינע ביזאַהעריקע ווערק...

„גאָט, וואָס פֿאַר אַ טרויעריק לאַנד עס איז רוסלאַנד!" זאָל פּושקין האָבן אויסגעשריען, ווען ער האָט איבערגעלייענט גאָגאָלס „מיאָרטוויאַ דושי". נאָך אַ מער פֿאַרצווייפֿלטער אויסגעשריי וואָלט זיך אַרויסגעריסן ביי אונדז פֿון האַרצן וועגן יידן, ווען... מיר זאָלן „די רייזע־באַשרייבונג פֿון בנימין דעם דריטן" לייענען בלויז ווי אַ סאַטירע, נישט ווי אַ מגוזמדיק־גראָטעסקנהאַפֿטע פּאַ־ראָדיע.

מענדעלע אַליין וואָלט זיך דערשראָקן פֿאַרן בילד, וואָס ער האָט אויסגעמאָלן, די פֿען וואָלט ביי אים פֿון האַנט אַרויסגעפֿאַלן, ווען טראָפּנס הומאָר זאָלן נישט האָבן פֿאַרווייסט די גרינע גאַל פֿון זיין סאַטירע...

„און אַז איך פֿאַרצי די ליפּן, האָט מענדעלע דערציילט וועגן זיך אין זיין אַריינפֿיר צו „דעם קליינעם מענטשעלע", — זעט עפּעס אויס, ווי איך שמייכל מיט אַ שטעכנדיק געלעכטערל". אין אַ שפּעטערדיקער אויסגאַבע האָט ער עס פֿאַרריכט און געשריבן: „אַ מילד־שטעכנדיק געלעכטערל".ביידע נוסחאות זיינען ריכטיק. ביז „קיצור מסעות" איז מענדעלעס געלעכטערל געווען טאַקע שטעכנדיק; אין „קיצור מסעות" ווערט עס מ י ל ד־שטעכנדיק: צום בייזן שפּאָט ווערט צוגעמישט מילדער הומאָר.

מילדקייט פֿון הומאָר איז דאָ און דאָרט צו פֿילן אויך אין פֿריערדיקע ווערק: סאַטירע און הומאָר זיינען צוויי שטענדיקע עלעמענטן אין מענדעלס שאַפֿן, אַזוי ווי מוסר און בעלעטריסטיק. ביידע עלעמענטן, דער סאַטיריש־פּובליציסטישער און דער הומאָריסטיש־קינסטלערישער, ראַנגלען זיך צווישן זיך שוין אין די ערשטע ווערק מענדעלעס. אין „מסעות בנימן השלישי" באַקומט צום ערשטן מאָל דער קינסטלערישער הומאָר די אויבערהאַנט איבער דער מער פּובליציסטישער סאַטירע... וועגן דער טאַקסע אפילו רעדט זיך שוין דאָ נישט אַזוי בייז ווי פֿריער... דער אינהאַלט איז דער זעלביקער, אָבער דער טאָן איז אַן אַנדערער... מענדעלע הייבט אַזוי־ווי אָן אָפּצוגיין פֿון כעס... עס הייבט זיך אָן דער סוף פֿון זיין פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ן משכיליזם (אידעאָלאָגיש האָט דער משכיליזם שוין פֿריער זיך גענומען ביי אים אויסוועפּן). עס הייבט זיך אָן איינצושטעלן אַ גלייכגעוויכט צווישן דעם ברוגזן מוסר־זאָגער און דעם שמייכלענדיקן מאָלער פֿון קינסטלערישע בילדער און קינסטלערישע קאַריקאַטורן.

פֿריער איז נישט געווען קיין האַרמאָניע צווישן די „צוויי מענדעלעך". ווען דער קינסטלער מענדעלע פֿלעגט זיך שטעלן אויף א ווײַלע אָן אַ זייט און קוקן און שמייכלען, פֿלעגט דער קעמפּער מענדעלע, וואָס האָט אויף אים אַכטונג געגעבן, אים שטראָפֿן:

— ווי שעמסטו זיך נישט אין אַ ז אַ צייט צו שטעלן זיך אָן אַ זייט, באַטראַכטן די נאַרישע וועלט און — לאַכן. ס'איז איצט נישט קיין צייט צו לאַכן. מען דאַרף אויסלאַכן, חוזק, חוכא וטלולא מאַכן פֿון אַלץ, וואָס איז פֿויל, מיאוס, פֿאַרדאַרבן, פֿאַר־

שימלט. אויסראָטן מוז מען עס, אויסברענען מיטן פייער פון צאָרן, מיטן גיפט פון ביטערן שפּאָט!...

אין „קיצור מסעות" איז נאָך פאַרבליבן גיפט און צאָרן, אָבער דער גיפט איז אַביסל שוין אויסגעוועפּט, דער צאָרן — איינגע־שטילט...

האָט מענדעלע צום סוף 70ער יאָרן געענדערט זיינע מיינונ־גען? איז די שטימונג ביי אים געווען אַן אַנדערע, נישט אַזאַ רעוואָלטירנדיקע, ווי פריער? ניין, דאָס אַלץ, וואָס ער האָט גע־זאָגט פריער, ווערט פון אים איצט איבערגעחזרט, אָבער — טאַקע דערפאַר, ווייל דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, אַ צווייטע אויסגאַבע און אַ סך־הכל פון פריערדיקע ווערק, איז עס מער געלייטערט, מער געלאַסן און מער קינסטלעריש. ס'איז אַזוויוי איבערגעזעצט געוואָרן דורך דעם דיכטער פון דער הייסער, אומרואיקער סאַטירע־ און מוסר־שפּראַך אויף דער שפּראַך פון קינסטלערישער קילקייט, קינסטלערישער באַרואיקטקייט. מענדעלע זאָגט טאַקע דאָס איי־גענע, וואָס פריער, אָבער ער קאָכט זיך שוין נישט מער. דער שטורעם איז אַריבער. עס הענגען נאָך וואָלקנס אין דער לופטן, אָבער הינטער זיי פּילט זיך שוין די באַהאַלטענע זון, — די זון פון קונסט...

יאָ, ווי שטאַרק עס איז געווען נאָך דער משכיל, דער מוסר־זאָגער אין מענדעלען, ווען ער האָט, אין יאָר 1877, געשריבן „מסעות", איז שטאַרקער געווען אין אים שוין דער קינסטלער, — דער, וואָס האָט הנאה נישט אַזוי פון איבערמאַכן, ווי פון איבערקרימען די מענטשן, וועלכע געפעלן אים נישט.

איבערקרימען, מאַכן אַנשטעלן, מאַכן „מענטשלעך" פון מענטשן, האָט מענדעלע פון תמיד אַן ליב געהאַט. פון דעם עצם־נאָמען, וואָס ער האָט זיך געגעבן אין זיינע ווערק, זעט מען שוין, אַז ער האָט הנאה געהאַט פון פאַרשטעלן זיך. איז דאָך מענדעלע מוכר ספרים אַ פאַרשטעלעניש, נישט קיין געוויינטלעכער פּסעוודאָנים. זיין פּנים, זיינע תנועות, זיין גאַנצן הילוך, נישט נאָר זיין נאָמען, האָט ש. י. אַבראַמאָוויטש געענדערט, איידער ער האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור. ער

האָט זיך געלאָזן וואַקסן אַ באָרד מיט פּאות, ער האָט אָנגעטאָן אַ יאַרמולקע, אַ לאַנגע קאַפּאָטע, און נישט געלאָזט זיך אין וועג אַריין אָן טלית און תפילין. ער האָט זיך פּ אַ ר ש ט ע ל ט פאַר אַ מענדעלע מוכר ספרים און געשריבן: „אמר מענדעלע מו״ס, זאָגט מענדעלע מו״ס״... און נישט נאָר מענדעלען, זיין אייגענע טאָפּל־געשטאַלט, אויך אַנדערע פיגורן פון דער אַמאָליקער יידישער וועלט (דעם מלמד, די תחינה־זאָגערן, די בעטלער) האָט ער ליב געהאַט נאָכצומאַכן און איבערצוקרימען... „אין אים איז געלעגן בטבע עפּעס אַזוינס, ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל, אויפצוכאַפּן באַלד ביים ערשטן בליק יענעמס אַ מינע, אַ וואָרט, וואָס איז עפּעס נישט אַזוי, משונה, ווי ביי אַנדערע. ער פלעגט וואונדער־שיין נאָכמאַכן אַבי וועמען מיט אַלע פּאָסטעמקעס, ווי יענער רעדט, ווי יענער שטייט און גייט, אַזוי, אַז מען פלעגט זיך האַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער, זעענדיק און הערנדיק אים״ (שלמה ר׳ חיימס״). און נישט נאָר יינגלוויז, אויך שפּעטער אויף דער על־טער, האָט ער זיינע פריינט נישט איינמאָל איבערראַשט מיט זיין טבע און זיין טאַלאַנט צו פאַרשטעלן זיך און איבערצוקרימען נישט בלויז מענטשן, אפילו חיות און עופות...101.) אָבער ביז „קיצור מסעות״ איז אָט דאָס נאָכמאַכן און פאַראַדירן געווען נאָר אַ טייל פון זיין רעפּערטואַר. אין „קיצור מסעות״ איז עס געוואָרן אַלץ.

„קיצור מסעות בנימין השלישי״ איז פון אָנהויב ביזן סוף אַן איבערקרימעניש, אַ פּאַראָדיע. שוין דער נאָמען און דאָס שער־בלאַט איז פּאַראָדיסטיש. און אַזוי איז עס ביזן סוף, אַזוי איז עס ביזן לעצטן זאַץ, וואו מיר לייענען: „סענדערל האָט, ווי אַ זעלנער, געהויבן פּיסלעך און געגאַנגען נאָך אים (נאָך בנימינען) מיט אַ מאַרש״... דאָס גאַנצע בוך, פונם ערשטן בלעטל ביזן לעצטן, וואָרט אויפן גרויסן יידישן גראַפיקער, אַזאַ, ווי מאַרק שאַגאַל, — וואָס זאָל קומען און אונדז ציַיגן אין צייכענונגען די קאַריקאַטור־געשטאַלטן, די מענטשעלעך, די אַלע טשיקאַווע זאַכן, וועלכע מענ־דעלע האָט אונדז געגעבן אין וואָרט.

דער זיידע האָט מיטאַמאָל דערזען די אַלע טונעיאַדעווקער און טעטעריוועקער אין אַזאַ קאָמישער געשטאַלט, אַז ער האָט נישט געקאָנט מער אָ פּ ל אַ כ ן פון זיי; ער האָט זיך געמוזט פּ אַ נ־

אַ נ ד ע ר ל אַ כ ן. האָט ער עס שוין געשריבן נישט מיט אַן איינגעהאַלטענעם צאָרן און אַ טיפן צער, ווי „די קליאַטשע“, נאָר מיט אַ פאַרשטיקטן געלעכטער.

עס איז אַזוי ווי אַראָפּגענומען געוואָרן א לאַסט פון זיין נשמה — די שווערע לאַסט פון דעם מוסר־זאָגער, דעם וועלט־פאַר־זאָרגער. ער האָט דערפילט עפּעס אַן אינעווייניקסטע דערליי־זונג. עס איז אים געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן — און ער האָט אויפגעשריבן א גרינג בוך. (געוויינטלעך איז מענדעלע אַ שווערער). דער קינסטלער אין אים האָט זיך אָנגעהויבן פרייער באַוועגן. ער האָט זיך שוין נישט אַזוי געשראָקן, טאָמער גיט ער צופיל נאָך דעם יצר־הרע פון קונסט. ער האָט שוין נישט געדאַרפט זיך אומקוקן אין אַלע זייטן, טאָמער לאָזט ער עפּעס דורך, וואָס מוז קריטיקירט ווערן, האָט ער שוין נישט געדאַרפט מער אָפּווייכן אַלע ווײַלע (ווי ער ווייכט אָפּ אין אַנדערע ווערק) פון זיין טעמע. ער האָט זיך שוין געקאָנט אינגאַנצן אַריינטאָן אין די מאָדנע און טשיקאַווע מענטשעלעך, וועלכע ער האָט מיט זיין פאַנטאַזיע אַרויס־געכישופט. דערפון נעמט זיך די גאַנצקייט פון „מסעות בנימין השלישי“. עס איז ווי פון איין גוס. איין דערציילערישער פאָדים ציט זיך דורכן גאַנצן בוך, און ער רייסט זיך נישט איבער אינמיטן, ווי אין אַנדערע דערציילונגען, וועלכע זיינען פול מיט „קניפּלעך“, מחמת זיי זיינען שטענדיק כמעט „אַ מעשה אין אַ מעשה און אַ מעשה איבער אַ מעשה“.

„מסעות“ איז אויך נישט אינגאַנצן פריי פון זייטיקע זאַכן, אָבער אפילו אָט די זייטיקע פּרטים פלעכטן זיך אַריין אין דעם געוועב פון דער דערציילונג אַזוי לייכט און אַזוי קונציק, אַז זיי צערייסן אים נישט.

און אויב אין דעם זין פון אַלגעמיינער קינסטלערישקייט איז „מסעות“ געווען נאָר אַן א י ב ע ר ג אַ נ ג צום צווייטן, מער רואיקן און ווינציקער קעמפערישן פעריאָד, איז עס אין דעם פּרט פון איינהייטלעכקייט, אַזוי ווי אין דעם פּרט פון פאַראַדיסטישער אויסגעהאַלטנקייט, די העכסטע מדרגה, וועלכע מענדעלע האָט ווען עס איז דערגרייכט.

מען דאַרף נאָר, חזר איך איבער, געדענקען, אויב מען וויל אָפּשאַצן ווי געהעריק איז דעם ווערט און די שיינקייט פון „מסעות", — אַז ס'איז נישט קיין געוויינטלעך לעבנסבילד, נאָר אַ שטיק לעבן אינם קרומען שפּיגל פון קאַריקאַטור.

אין אַ פּאַראָדיע קאָנען בייזע סאַטירע און וויכער, גוטמוטי־קער הומאָר זיך צונויפגיסן און ווערן איינס. ווען מיר לייענען אַ פּאַראָדיע קאָנען מיר אַמאָל נישט וויסן, צי איז עס אַן אָפּשפּאָטן מיט דעם מיין אויסצוראָטן עפּעס, אָדער עס איז סתם אַזוי געלעכ־טער. קאָנען מיר דערפון האָבן צווייערליי הנאות. מיר קאָנען זיין אָפּשפּאָטער, און עס קאָן אונדז אַמאָל, פשוט, געפעלן דעם שריי־בערס שפּילן זיך מיט דעם נאָכגעקרימטן סטיל, מיט די מאָדנע מענטשעלעך, מיט זייערע משונהדיקע גענג, מיט זייערע קרומע העוויות.

דער אַמאָליקער לעזער, דער משכיל, האָט זיך פאַרטיפט דער־הויפּט אין דער סאַטירע און אין דעם מוסר־השכל פון „מסעות בנימין השלישי". דער פאָרשטייער פון נעאָ־השכלה אין סאָוויעט־רוסלאַנד זוכט אויך נאָר אַ געלעגנהייט נוקם צו זיין זיך אַן דער „מיטלאַלטערלעכער פינצטערניש". אַנדערש איז דער ניט־משכילי־שער עולם. אים אינטערעסירט אויך דאָס שפּיל און די קונסט פון פּאַראָדיע...

אין וואָס באַשטייט אָט די פּאַראָדיע? וואָס קרימט זי איבער? אין דער פאָרם — סערוואַנטעסעס „דאָן קיכאָט", וועלכער ווערט, אגב, אויך פאַרשטאַנען איצט אַנדערש, ווי ער איז אַמאָל פאַר־שטאַנען געוואָרן; אינם אינהאַלט — טוניעיאַדעווקע און טעטע־ריווקע, וועלכע איז „אין תוך אויך נישט מער, ווי אַ גרויסע טוניע־יאַדעווקע".

עס איז אַ פּ אַ ר אָ ד י ע אויף „דאָן קיכאָט", נישט קיין נ אָ כ מ אַ כ ו נ ג פון דעם באַרימטן שפּאַנישן ראָמאַן, ווי עס האָט געמיינט אַמאָל די יידישע קריטיק און אויך דער פּוילישער שריפטשטעלער קלעמענס יונאָשאַ, וועלכער האָט זיין פּוילישע אי־בערזעצונג פון „מסעות בנימין השלישי" אַ נאָמען געגעבן „דער יידישער דאָן קיכאָט". ווען מענדעלע זאָל האָבן באמת געוואָלט שאַפן

„אַ יידישן דאָן קיכאָט", וואָלט בנימין געמוזט האָבן גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער, געמוזט זיך אַנדערש גאָר אויפפירן. ווי ער איז איצט, איז צווישן אים און דעם ריטער פון לאַמאַנטש דאָ נאָר אַ ריין דרויסנדיקע קרובהשאַפט. דער שפּאַנישער ריטער לאָזט זיך אַוועק וואַנדערן איבער דער וועלט איניינעם, מיט סאַנטשאָ פּאַנטשאַן, בנימין — אין דער באַגלייטונג פון סענדערל די יידענע. יענער גייט זוכן געלעגנהייטן זיך אָנצונעמען פאַרן יושר, דער גייט זוכן די רויטע יידעלעך. יענער האָט זיך אָנגעלייענט מיט מיטלאַלטערלעכע ריטער־ראָמאַנען, דער איז פאַרכאַפּט פון די יידישע פאַנטאַסטישע געשיכטעס. ביידע לעבן זיי מער מיט פאַנטאַזיע, ווי מיט ווירקלעכקייט. אָבער — און דאָ הויבט זיך אָן דער גרויסער מאָראַלישער און פסיכאָלאָגישער אונטערשייד צווישן די צוויי העלדן — דאָן קיכאָט האָט, אַחוץ זיין רייכער פאַנטאַזיע, אויך אַ שטאַרקן, אַן איינגעעקשנטן און, כוואָלט זאָגן, אַ העראָאישן ווילן. דאָן קיכאָט שטעלט זיך פאַר קיין זיך נישט אָפּ, ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט. ער וויזט אמתע גבורות. בנימין איז אַ העלד נאָר אין דער פאַנטאַזיע. בנימין איז אַ פּאַראָדיע אויף א העלד. ער וויל זיין אַן אַלעקסאַנדער מוקדון—און האָט מורא פאַר אַ הונט... ער פאַרבלאָנדזשעט זיך אין וואַלד און דערהערט אַ קול פון וויטן: „איז ער, שונאי ציון, פאַרצאַפּלט געוואָרן; אים האָט זיך נישט אַנדערש געדאַכט, אַז דאָס איז אוודאי אַ גזלן". דער אמתער דאָן קיכאָט וואָלט געוועזן העכסט צופרידן פון אַזאַ פאַל. ער וואָלט האָפּערדיק דעם „גזלן" אַנטקעגן געגאַנגען. בנימין האָט זיך פון גרויס שרעק געלאָזט לויפן צוריק אָן אָטעם. און וועלנדיק אים מאַכן נאָך לעכערלעכער האָט אים מענדעלע געלאָזט שטראָפן זיך אַליין: „פּע, בנימין! דו ווילסט וואַנדרעווען אזוי וויט איבער ימים און מדבריות, וואָס דאָרט שוויבלט און גריבלט פון עקדישן, פון חיות רעות און ווילדע אומות, און דאָ האָסטו מרא פאַרן געדאַנק, טאָמער באַגעגענסטו אַ גזלן. איי פּע, מעגסט זיך שעמען, בנימן. איז דער אַלעקסאַנדער מוקדון אַנטלאָפן אַזוי ווי דו? האָט דער אַלעקסאַנדער מוקדון א. אַז. וו.?"

בנימין ק ע ן נישט די ווירקלעכקייט; דאָן קיכאָט ו ו י ל זי נישט קענען. בנימין שרעקט זיך פאַר איר; דאָן קיכאָט איז זי

מבטל. בנימין איז אַ טיפּש, דאָן קיכאָט — אַ תּם. בנימין איז נישט מער ווי אַ בטלן; דאָן קיכאָט איז אַן ענטוזיאַסט.

הינטער דאָן קיכאָטס קאָמישקייט האָט מען דערפילט עפּעס טיף־טראַגישס — די טראַגעדיע פון דעם טרוימער, דעם אידעאַליסט. אין בנימינען פילן מיר נישט קיין טראַגיזם. בנימין איז געווען און געבליבן אַ לעכערלעכע פיגור. וואָרים ער איז נישט קיין דאָן קיכאָט, ער איז אַ קאַריקאַטור אויף דעם נאַיוון, האַרציקן און העלדישן ריטער.

און נאָך עפּעס:

דאָן קיכאָט איז אַן אויסנאַם, אַ יחיד במינו אין דעם שטעטל פון לאַמאַנש, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. ער איז נישט ענלעך אויף זיינע פריינט און חברים. זיי האָבן זיך אויך אָנגעלייענט מיט די פאַנטאַסטישע ראָמאַנען, אָבער קיינעם פון זיי איז נישט איינגעפאַלן נאָכצוטאָן די העלדן פון די ראָמאַנען: קיינער איז נישט געווען אַזוי „משוגע", ווי ער. קיינער האָט נישט געהאַט אַזאַ דרייסטע און אַזאַ רייכע פאַנטאַזיע ווי ער. אַנדערש איז אונדזער בנימין. כאָטש די טונעיאַדעווקער קוקן אויף אים, ווי אויף אַ שטיקל משוגענעם, איז ער אין תּוך נישט שטאַרק אַנדערש פון זיי. און נישט אומזיסט גיט זיך מענדעלע אָפּ אַזויפיל מיט בנימינס געבורטסשטאָט, טונעיאַדעווקע. ער רעדט וועגן אים און מיינט זי.

„קיצור מסעות בנימין השלישי" איז אַ קאַריקאַטור אויף גאַנץ טונעיאַדעווקע, נישט נאָר אויף בנימינען און סענדערל דער ידענע. בנימין און סענדערל גופא זיינען מער ווי צוויי איינציקע כאַראַקטערן. בנימין איז אַ רמז אויף דער גאַנצער גייסטיקער פּירערשאַפט פון די פּאַרצייטיקע יידן, סענדערל איז די פּערזאָניפיצירונג פון דער יידישער מאַסע. בנימין ווייסט נאָר, וואָס אין די ספרים שטייט; זיין וועלט איז די וועלט פון די רויטע יידעלעך, פון סמבטיון, פון דעם אָדלער, אויף וועלכן אַלעקסאַנדער מוקדון איז געפלויגן רייטנדיק. סענדערל קען נישט די קליינע אותיותלעך אפילו תהילים זאָגט ער אויף עברי־טייטש; דערפאַר איז ער אַ בריה אין עיני עולם הזה. צווישן אים און בנימינען איז אַזאַ מין שותפות, ווי עס איז געווען אַמאָל צווישן יששכר און זבולן.

„סענדערל“, האָט בנימן זיך אָנגערופן, „מיר זיינען אַ זיווג מן השמים, מיר ביידע זיינען ווי אַ גוף מיט דער נשמה. ווען דו זאָרגסט אין גשמיות מכוח עסן און טרינקען אויף אונדזער נסיעה, אַנטקעגן־זשע זאָרג איך אין רוחניות־זאַכן...“ „איך פאַרלאָז זיך אין די זאַכן אינגאַנצן אויף דיר.“ האָט סענדערל געזאָגט בהכנעה: „דו ביסט אַ געלערנטער מענטש און קוקסט אַריין אין דיינע ספרים. מסתמא ווייסטו, וואָס דו טוסט, וואוהין דו גייסט. אַ סימן, איך האָב דיך אפילו נישט איבערגעפרעגט צי גייען מיר מיט דעם גלייכן וועג. דו גייסט, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב, גיי. איך גיי דיר נאָך, ווי אַ קו נאָך אַ קאַלב“. אָט דאָס איז געווען די באַציאונג צווישן דער פאַלקסמאַסע און אירע פירערס, די בנימינס. זי האָט זיי באַזאָרגט מיט עולם הזה, און זיי זיינען געווען אירע וועגווייזערס אין רוחניות־זאַכן. זי איז געווען פּראָדוקטיוו עקאָנאָמיש, אַז עס איז אָבער געקומען צו גייסטיקע ענינים, איז זי געווען פּאַסיוו, און האָט זיך געלאָזט פירן פון די לומדים, פון די בנימינס.

„סענדערל“, האָט בנימין אָנגעהויבן מיט אַזאַ שמועס, „זאָג מיר, דו ווייסט, וואָס אויף יענער זייט טונעיאַדעווקע איז?“ „איך ווייס! דאָרט איז די פּריטשעפּע, וואו מען קריגט אַמאָל אַ גוט ביסל בראָנפן“. — „דו ביסט אַ נאַר, איך מיין ווייטער, אַסך ווייטער“. — „נאָך ווייטער פון דער פּריטשעפּע?“ האָט סענדערל פאַרוואונדערט זיך אָנגערופן. „ניין, ווייטער דערפון ווייס איך נישט. און דו, בנימין, ווייסט?“ — „אויב איך ווייס? אַ שאלה אַביסל, אויב איך ווייס? דאָרט איז ערשט דאָ אַ וועלט!“ האָט בנימין אַ זאָג געטאָן מיט התלהבות, גלייך קאָלומבוס בשעת ער האָט אַנטדעקט אַמעריקע. — „וואָס־זשע איז אַזוינס דאָרטן?“ — „דאָרטן, דאָרטן“, האָט בנימן זיך צעפלאַקערט, „פּיפּערנאָטער! לינדנוואָרעם!...“ — „דער לינדנוואָרעם, מיט וועלכן שלמה המלך האָט געשניטן שטיינער צום בית־המקדש?“ האָט סענדערל אַריינגערוקט זיין וואָרט בתמימות. — „יאָ, נשמה מיינע, יאָ, דאָרט אין ארץ ישראל, דאָרט אין יענע מקומות... האָ, דו וואָלסט געוואָלט זיין דאָרט?“ — „און דו ווילסט?“ — „אַ שאלה אַביסל! איך וויל, סענדערל; איך וויל און וועל טאַקע דאָרט באַלד זיין“. — „איך בין דיר מקנא, בנימין, דו וועסט זיך דאָרט אָנעסן אַביסל מיט באַקסערן

און מיט טייטלען, האַ־האַ״. — „דו, סענדערל, קאָנסט אויך עסן, ווי איך. דו האָסט אין ארץ ישראל אַזאַ חלק, ווי איך״. — „אַ חלק האָב איך טאַקע, נאָר ווי קומט מען אָבער אַהין? דאָרט איז דאָך דער תוגר?״ — „דערצו, סענדערל, איז דאָ אַ תרופה. זאָג מיר, סערדצע, דו ווייסט עפּעס פון די רויטע אידעלעך?״ — „איך האָב זיך אָנגעהערט גענוג מעשות איבער זיי אונטערן אויוון. נאָר וויסן אַקוראַט וואו זיי זיצן און ווי מען קומט צו זיי, דאָס ווייס איך נישט...״ — „הע־הע, זעסטו? און איך ווייס״, האָט בנימן געזאָגט מיט גדלות און אַרויסדערטאַפּט פון קעשענע דעם „שבחי ירושלים״...

אין אָט דעם געשפּרעך צווישן בנימינען און סענדערלן איז איבערגעגעבן געוואָרן דער שטומער דיאַלאָג, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן דער פאַרצייטיקער רעליגיעזער אינטעליגענץ און דעם פּרו־מען המון. דער המון האָט, אַזוי ווי סענדערל די יידענע, „נישט געקאָנט די ק ל י י נ ע אותיותלעך״ און געמוזט אָנקומען צו עברי־טייטש. ער איז געווען גייסטיק שטום, דערפאַר אָבער האָט ער מאַטעריעל עפּעס אויפגעטאָן: ע ר האָט צוגעגרייט שפּייז פאַר די כלי־קודש, וועלכע האָבן געגערט — און שלעכט געגערט — זיין רוחניות.

אַזאַ איינדרוק מאַכן די פּירער און די מאַסע פון דעם יידישן פאָלק, ווען מען זעט זיי אין דעם קרומען שפּיגל פון „מסעות בנימין השלישי״. זיי האָבן אינדעראמתן נישט געהאַט אַזאַ נעבעכ־דיקן אויסזען. דער יידישער פאָלקס־מענטש איז גאָרנישט געווען אַזוי פּאַסיוו גייסטיק. ער האָט געזונגען לידער, געשפּונען מעשהלעך, געשאַפן אַ שפּראַך און אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויף דער ליי־טעראַטור פון דער פאָלקס־שפּראַך. אויך זיינען די רעליגיעזע פּירער ניט געווען אַלעמאָל אַזעלכע לעכערלעכע בטלנים, ווי בנימן השלישי. אָבער עפּעס איז זיכער געווען אין זיי, און אין דער מאַסע, וואָס דער־מאָנט אָן סענדערל און בנימינען, און אויב דאָס, וואָס מענדעלע דער־ציילט וועגן די דאָזיקע צוויי געשטאַלטן איז נישט קיין טריי בילד, איז עס אָן אויסגעצייכנטע פּאַראָדיע פון דעם אַמאָליקן יידישן לעבן. און ווי אַ פּאַראָדיע קאָן „מסעות בנימן השלישי״ נאָך עד היום גע־לייענט ווערן מיט גרויס אינטערעס און מיט אמתן פאַרגעניגן.

„מסעות״ איז נישט אזוי גראָטעסקנהאַפט, נישט אַזוי שפּי־לעריש, ווי די צווייטע גרויסע פּאַראָדיע אין דער יידישער ליטע־ראַטור — „מנחם מענדל מיעהופּעץ״ — אָבער אויך „מסעות״ איז פול מיט לייכטער, שקצישער און שיר נישט שלום־עלכימישער קונדעסעריי.102)

דער פּוילישער שריפטשטעלער קלעמענס יונאָשאַ האָט זיך אַזוי פּאַראינטערעסירט מיט אָט דער פּאַראָדיע אויף סערוואַנטעסעס דאָן קיכאָט און אויפן פּאַרצייטיקן יידישן לעבן, אַז ער האָט זיך אויסגעלערנט יידיש, כדי צו קענען איבערזעצן „קיצור מסעות בנימין השלישי״ אויף פּויליש (1885). (פון פּויליש איז עס שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש און אויף טשעכיש. אין 1934 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אוקראַינישע איבערזעצונג). דער זעלביקער יונאָשאַ האָט אויך „די קליאַטשע״ איבערגעזעצט אויף פּויליש („די קליאַטשע״ איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש, אויף דייטש, אויף ענגליש און—פון מענדעלען אליין—אויף העבריי־איש). און נאָכדעם ווי די פּוילישע איבערזעצונג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, איז מענדעלע איינגעלאַדן געוואָרן קיין וואַרשע, וואו אַ גרופּע פּוילישע שריפטשטעלער האָט געמאַכט פאַר אים אַ שיינעם קבלת־פּנים ... מענדעלע האָט שוין געוואוינט דאָן אין אָדעס.

שטילשטאַנד אין מענדעלעס שאַפן

מענדעלע הערט־אויף צו שרייבן. — וואָס איז געשען? — פאַמי־ליען־אומשטענדן. — מענדל דער געלער פון „דער מאַקסע". — אַ משפחה זאַלבעזיבן. — פון זשיטאָמיר קיין אָדעס. — מאַטעריעלע זיכערקייט. — ניט־פאַרהיילטע וואונדן. — נייע באַמיאונגען צו קריגן אַ דערלויבעניש אויף אַ צייטונג. — קאָרעספאָנדענץ מיט פראָפ. בעזסאָנאָוו. — ס'איז נישט באַשערט געווען מענדעלען צו ווערן אַ זשורנאַליסט. — צוריק צו זיין קונסט.

נאָך „קיצור מסעות בנימין השלישי", איז מענדעלע אַנטשוויגן געוואָרן אויף עטלעכע יאָר. צווישן 1878 און 1884 האָט ער גאָרנישט ניט אַרויסגעגבן (און אויך גאָרנישט ניט געשריבן), אַחוץ אַ נייעם נוסח פון „דעם קליי־נעם מענטשעלע" (1879) און דעם קאַלענדאַר „לוח הסוחרים" (1878 און 1879). עס איז אים „פאַר צרות פאַרגאַנגען דער חשק צו שרייבן", ווי ער האָט שפּעטער אַליין געזאָגט צו מנשה מרגלית, ועמען ער האָט געבראַכט במתנה „פישקע דעם קרומען", אין דער צווייטער, אינגאַנצן איבערגעמאַכטער, אויסגאַבע (אָדעס, 1888). „עס האָט מיר אַ צייט לאַנג, האָט ער געזאָגט, אָפּגענומען דאָס לשון"... פאַר זיין פריינט ל. בינשטאָק האָט ער אין יענע טעג זיך אַזוי אויסגעדריקט: „אויפהערן דענקען הייסט אויפהערן לעבן, און דענקען, דוכט זיך מיר, קאָן איך שוין נישט. מיין מאַרך איז מיט בליי פאַרגאָסן, און מיין האַרץ איז פאַרשטיינערט געוואָרן"... וואָס איז געשען?

„עס זיינען דאָ, האָט ער אַמאָל געשריבן אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען, — געוויסע צייטן, וואָס אויף מיר רוקט זיך אָן אַ שטאַרקע מרה־שחורה און דענסטמאָל זיץ איך מיר פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט,

אַליין, אָפּגעזונדערט פון מענטשן, און שווייג. דענסטמאָל טאָר קיין טינט און פען, ווי חמץ אין פסח, זיך אין מיין גבול נישט גע־פינען״... דאָס האָט געטראָפן ביי אים אפילו אין גוטע צייטן. אָבער עס פלעגט נישט דויערן. אָרום 1877 איז אים באַפאַלן אַ „מרה־שחורה״, וואָס האָט זיך געצויגן יאָרן. אין זיין לעבן זיינען אָנגעקומען אומשטענדן, וועלכע „האָבן אָפּגענומען ביי אים יעדן חשק צו ליטעראַרישער טעטיקייט״. אַזוי האָט געשריבן זיין חבר און פריינט בינשטאָק. וואָס זיינען דאָס געווען פאַר אַן אומשטענדן, האָט ער נישט געזאָגט. עס איז נאָך נישט געקומען די צייט, האָט ער דערקלערט, צו דערציילן די אַלע פּרטים. „מיר וועלן נאָר באַ־מערקן, האָט ער געשריבן, אַז אונטער דער ווירקונג פון אומ־שטענדן, וועלכע האָבן געדריקט ווי אַ שווערע משא, איז דער קוואַל, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שלאָגן, פלוצלונג ווי אויסגעשעפּט געוואָרן און ער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו ווירקן״... דאָס האָט דערציילט בינשטאָק אין יאָר 1884, ווען ער האָט געשריבן מענדעלעס ביאָגראַפיע, לכבוד דעם יובילײ פון זיין 25־יעריקער ליטעראַרישער טעטיקייט. אין אַ בריוו צו אפרים דיינאַרדן, וועל־כער האָט געבעטן באַ אים דאַטן פון זיין לעבן, האָט מענדעלע (אין יאָר 1877) געשריבן, אַז אים איז זייער שווער עפּעס צו דער־ציילן וועגן זיך אַליין, וואָרים זיין ביאָגראַפיע איז „פאַרפלאָנטערט אין כלערליי זאַכן און איז פול מיט צרות״.103) וואָס פאַר אַ צרות זיינען עס געווען, האָט ער נישט אויסגעזאָגט, אַזויווי זיין פריינט בינשטאָק האָט עס פאַרשוויגן. ערשט נאָכן זיידנס טויט האָט ש. גינזבורג, אויפן סמך פון מענדעלעס פריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ מיט בינשטאָקן, אויפגעהויבן אַ טייל — אָבער טאָקע נאָר אַ טייל — פון דעם פאַרהאַנג, וואָס הענגט נאָך עד היום איבער יענעם שווערן פעריאָד פון מענדעלעס לעבן. ש. גינזבורג שרייבט, אַז אפילו איצטער (אין יאָר 1922!) איז „נאָך נישט געקומען די צייט צו ריידן אויספירלעך וועגן די אַלע אומשטענדן, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון יאָרן געדריקט אַבראַמאָוויטשן און שיר נישט געמאַכט פון אים אַ תל. מיר וועלן נאָר אָנווייזן, אַז אַחוץ, וואָס ער האָט אין יענער צייט פאַרלוירן זיין טאָכטער ראַשעל (אַ יונגע, זייער באַ־גאַבטע קינסטלערן), וואָס זיין איינציקער זון איז מחמת פּאָליטישע

סיבות אַרעסטירט און דערנאָך אויף עטלעכע יאָר פאַרשיקט גע־וואָרן, זיינען געווען נאָך אויסערלעכע שווערע אומשטענדן, אויך פאַ־מיליען־אָנגעלעגנהייטן, וועלכע האָבן אים זייער טיף באַרירט צוגלייך אי אַלס מענטש, אי אַלס ייד״.104) ש. גינזבורג האָט געמוזט האָבן אין זינען דעם פאַקט, וואָס מענדעלס זון מאיר איז געצוואונגען געווען אָנצונעמען דעם פּראַוואָסלאַווען גלויבן. עס פאַרשטייט זיך, אַז מענדעלע האָט זיך עס שטאַרק גענומען צום האַרצן, אָבער ווינסדיק די אומשטענדן, וועלכע האָבן געטריבן זיין זון צו מאַכן אַ שריט, וואָס איז אים אַליין געווען דערווידער, האָט מענדעלע נישט איבערגעריסן זיינע באַציאונגען מיטן „פאַרבלאָנדזשעטן זון״. די אומשטענדן זיינען, אין קורצן, געווען אַזעלכע: מיכאַאיל אַב־ראַמאָוויטש האָט יאָרנלאַנג געלעבט מיט זיין קריסטלעכער פרוי אָן חופּה וקדושין — טאַקע דערפאַר, ווייל ער האָט זיך נישט גע־וואָלט שמדן. זיי האָבן שוין געהאַט צוויי קינדער, אַ זון און אַ טאָכ־טער, — און זייער פאַרהייראַט לעבן איז נאָך אַלץ געווען „נישט געזעצלעך״. די „עפנטלעכע מיינונג״ פון דער פּראָווינציעלער רו־סישער שטאָט, וואוהין מאיר אַבראַמאָוויטש איז פאַרשיקט געוואָרן פאַר זיינע פּאָליטישע „זינד״, איז געווען „אויפגעבראַכט״ קעגן זיי. זיי האָבן עס איגנאָרירט. אָבער אָט איז געקומען די צייט, ווען זייער זון האָט געדאַרפט אָוועקגעגעבן ווערן אין אַ שול. מען האָט אים נישט אָנגענומען צוליב דעם, וואָס זיינע עלטערן האָבן אָפי־ציעל נישט חתונה געהאַט. דאָס האָבן זיי שוין נישט געקאָנט אַריבערטראָגן, — און מיכאַאיל (מאיר) אַבראַמאָוויטש איז באַגאַנגען די טאַט, אויף וועלכער ער האָט תשובה געטאָן גלייך נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע.105) ש. ל. ציטראָן, שטיצנדיק זיך אויף זיינע אַמאָליקע געשפּרעכן מיט אליעזר צבי הכהן צווייפל, וועלכער האָט געוואוינט אין זשיטאָמיר אין איין צייט מיט אַבראַמאָוויטשן, האָט אַרויסגעזאָגט אַן אַנדער השערה וועגן די פּאַסירונגען, אויף וועלכע עס האָט אָנגעוואונקען בינשטאָק (און אויך מענדעלע אַליין). לויט דער דאָזיקער השערה איז אַרום דעם יאָר 1877 פאַרגעקומען, אַחוץ דעם, וואָס ש. גינזבורג דערמאָנט, נאָך עפּעס, וואָס האָט מענדעלען פאַראומערט דאָס לעבן. אָט וואָס עס איז פאַרגעקומען: איינער פון יענע פיינע בריות, וועלכע מענדעלע האָט באַשריבן אין

„דער טאַקסע", איז געקומען פון בערדיטשעוו קיין זשיטאָמיר אָפּ־צורעכענען זיך מיט דעם מחבר פון „דער טאַקסע". דאָס זאָל האָבן געווען יענער קהלשער קאַלעפּל, וועלכער פיגורירט אין „דער טאַקסע" אונטערן נאָמען ר' מענדל דער גלער—„אַ שטאַטשייגעץ, אַ בילער, סלוזשעט ביי די בעל־טובות, און פּאַלט אָן אויף וועמען מען הייסט". ער זאָל האָבן דערשמעקט, אַז אַבראַמאָוויטשעס אמר־תע פּאַ־מיליע איז גאָר נישט אַבראַמאָוויטש, אַז ער איז נישט פאַרשריבן אין דער קאָפּוליער „סקאַזקע" און אַז ער איז, הייסט עס, אַ נ ע ל ם. צי די איבעריקע בערדיטשעווער שטאָט־בעל־טובות האָבן אים אָנגע־רייצט אויף זייער פיינט, צי דאָס איז געווען זיין אייגענער אויפטו, — ער איז געקומען קיין זשיטאָמיר און האָט זיך אָנגעזעצט אויף אַבראַמאָוויטשן, אַז ער זאָל אים „פאַרגיטיקן", אויב ער וויל נישט האָבן אויף זיך קיין מסירה. אַ מסירה—און נאָך פון אַזאַ סאָרט—וואָלט פאַר אַבראַמאָוויטשן און זיין פאַמיליע געווען אַ גרויס אומ־גליק, ממש, אַ קאַטאַסטראָפע. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ער איז צו יענער צייט שוין געווען אַ באַרימטהייט, אַ וואָרטפירער ביי יידן, דערצו נאָך אַ שטיקל „מקורב למלכות". אין יאָר 1875 איז ער באַשטימט געוואָרן פאַר אַ מיטגליד פון דער „יידישער קאָמיסיע" אונטער דער אויפזיכט פון דעם ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר. קאָן מען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ לאַגע וואָלט באַשאַפן גע־וואָרן פאַר אים, ווען מען זאָל זיך פּלוצים דערוויסן, אַז ער איז גאָר אַ „נעלם". האָט ער געהאַלטן אין איין „אָפּקויפן זיך" פון דעם ג ע ל ן, דעם „בילער", וועלכער איז געווען פּייאַיק אויף אַלץ. אָט איז ער שוין, דאַכט זיך, פּטור געוואָרן פון אים און אָט איז יענער ווידער דאָ, ווי אַ זלידנע פליג. דאָס האָט אַבראַמאָ־וויטשן געמאַכט נערוועז און געהאַלטן אין שטענדיקער אָנשטרענ־גונג.106)

דאָס האָט אויך פאַרגרעסערט זיין נויט... „די הוצאות זייַ־נען געווען גרויס", — האָט ער שפּעטער — אין פריידן — דער־ציילט ש. דובנאָוו וועגן די ליידן פון יענער צייט, — „אַ משפּחה זאַלבעזיבן. די הכנסות פון מיינע ווערק האָבן אפילו נישט געקלעקט אויף דירה־געלט. די ווילנער און וואַרשעווער פאַרלעגער האָבן מיך באַגזלט: שטילערהייט איבערגעדרוקט „די טאַקסע", „די

קליאַטשע", און „דאָס קליינע מענטשעלע", בגנבה איבערפאַרקויפט איינער דעם אַנדערן די סטערעאָטיפּן פון מיינע ביכער... איך בין דערגאַנגען דערצו, אַז איך בין נישט געווען זיכער מיטן מאָרגנ־דיקן טאָג"... אַ גליק, וואָס באַראָן האָראַצי גינזבורג, וועלכער האָט אים געקאָנט נאָך פון יענער צייט, ווען ער האָט געוואוינט אין קאַמענעץ און זיך געחברט מיט די אַקציזניקעס פון זיין בראַנפן־קאַנטאָר, — האָט זיך דערוואוסט וועגן זיין שווערער לאַגע און אים אָנגעהויבן צו שיקן, דאַכט זיך, הונדערט רובל אַ חודש (דאָס איז געווען אין די יאָרן 1879—1880). 107)

דאָס האָט אים אָבער נאָר אויסערלעך געהאָלפן, זיין געמיטס־צושטאַנד איז, ווי פריער, געווען זייער געדריקט. ער האָט נישט געקאָנט שאַפן. „די צרות אין דער לעצטער צייט", האָט ער גע־שריבן אין יאָר 1884, אין דער פאָררעדע צום „פריזיוו", — „האָבן פאַרשטיינערט מיין האַרץ, אַזוי אַז די צונג האָט מיר זיך נישט געלייגט צו ריידן און די האַנט צו שרייבן אַ וואָרט. דאָס איז אַזאַ שווייגן, וואָס מאַכט זיך מיט אַ מענטשן, ווען שטאַרקע יסורים טרעטן צו מיטאַמאָל און קאָסטן אים געזונט און לעבן אַסך מער ווי קרעכצן און וויינען מיט בלוטיקע טרערן; וואָס אויב אַזעלכעס געדויערט אָן עפּעס אַ הילף פון דער זייט, איז מען אין אַ גרויסער סכנה צו ווערן אויס מענטש".

גאַנצע זעקס יאָר האָט געדויערט דאָס שווערע דריקנדיקע שווייגן!

אינמיטן אָט די שווערע יאָרן — אין 1881 — האָט ער — ווידעראַמאָל — געביטן זיין וואוינאָרט. ער איז איינגעלאַדן געוואָרן קיין אָדעס צו ווערן דאָרט דער פאַרוואַלטער פון אַ רעפאָרמירטער „תלמוד תורה". זי האָט זיך געפונען אין אַן אַלטער, קליינער און אָפּגעלאָזענער דירה. אויף אַבראַמאָוויטשן איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די פליכט צו רעאָרגאַניזירן די גאַנצע אינסטיטוציע, אי־בערקלייבן זיך אין אַ פּאַסיקער געביידע, פאַרגרעסערן די צאָל תלמידים און אויסבעסערן דעם גאַנצן סדר פון די לימודים. אַבראַ־מאָוויטש האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט גרויס ענערגיע, און זיין ציל איז אין אַ געוויסער מאָס דערגרייכט געוואָרן. די שול איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ גרויסן בנין אויף דיעכטיאַר־

ניע (איצט מענדעלע) גאַס, און דאָרט איז געווען אויך זיין וואוינונג. זי איז באַשטאַנען פון „היכע, האַלב־טונקעלע קאַלטע צימערן מיט גרויסע פענצטער. אַמגעמיטלעכסטן איז געווען זיין קאַבינעט, וואָס איז אָפּגעטיילט מיט אַ פּשוטן פאָרהענגל פון קרעטאָן און זעט אויס, ווי אַ פאַרמעגלעכע פּויערישע כאַטע״.108)

זיין מאַטעריעלע לאַגע איז בעסער געוואָרן. ער האָט אָבער געמוזט אָפּגעבן דער אַרבעט אין שול זיין בעסטע צייט, כמעט אַלע זיינע כוחות. אויף אים איז געלעגן אי די פּעדאַגאָגישע, אי די ריין־אַדמיניסטראַטיווע פאַרוואַלטונג פון דער תלמוד־תורה. ער האָט געדאַרפט אַכטונג געבן אויף די לערער און אויך אַליין לערנען מיט קינדער. ער האָט געדאַרפט האָבן צו טאָן מיט די עלטערן פון די תלמידים, אויסשטיין אַלערליי שגעונות און קאַפּריזן פון גבאים. ער האָט אויך געמוזט זאָרגן פאַר די פינאַנסן פון דער אַנשטאַלט, פירן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט פאַרשיידענע אינסטיטוציעס און פּער־זאָנען, און בכלל זען, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג. „עס איז נישט קיין גוזמא״ — שרייבט ער אין אַ בריוו צו בינשטאָקן אין יאָר 1887 — „ווען איך וועל אייך זאָגן: די אַרבעט פאַרשלינגט מיין גאַנצע צייט, נישט איבערלאָזנדיק מיר אפילו איין פרייע מינוט אויף צו באַשעפטיקן זיך מיט עפּעס אַנדערש אַחוץ מיין פאַר־שאַלטענער שטעל. איך בין אויף דער עלטער געוואָרן אַ מין „קליאַטשע״. פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט צי איך די ליאַמקע, זיפצנדיק וועגן דער פאַרלאָרן־געגאַנגענער פרייהייט, און וועגן די אידעאַלן, פון וועלכע איך האָב געטרוימט. זיין אַ קליאַטשע מיט אַ פילנדיקער נשמה און מיט אַ מענטשלעכער נאַטור — אַך, דאָס איז אַ גיהנומשער פּיין. הונדערט מאָל גליקלעכער איז דער, וואָס פאַרמאָגט ביי אַ מענטשלעכן אויסזען די נאַטור פון אַ קליאַ־טשע״.109)

אַחוץ זיין פאַרנומען־זיין אין תלמוד־תורה, איז ער די ערשטע עטלעכע יאָר פון זיין לעבן אין אָדעס געווען נאָך אונטער דעם איינדרוק פון יענע, פריער־דערמאָנטע, „אומשטענדן״, וועלכע האָבן אים אָנגעהויבן צו פאַרביטערן דאָס לעבן אין יאָר 1877 אין זשי־טאָמיר. „מיין ווייב נעבעך איז שטאַרק באַטריבט״, — שרייבט ער אין א בריוו (אויף יידיש) צו בינשטאָקן אין דעצעמבער, 1881.

— „לפנים האָלט זי זיך שטאַרק ווי אַ העלד, נאָר אין האַרץ טראָגט זי אַ וואונד, אַ ים מיט יסורים. מיר צווישן זיךריידן זייער ווייניק וועגן דעם שלאַק, וואָס האָט אונדז געטראָפן. מיר האָבן מורא איינער דעם אַנדערן נישט מצער צו זיין. מיר מאַכן זיך קלאָמפּערשט האַרץ און נאַרן איינער דעם אַנדערן. איך פיל ביי מיר אין האַרץ אַ ריס, וואָס ער וועט אייביק זיך נישט פאַרהיילן.״110)

ער באַניט זיין שתדלנות צו באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויס־צוגעבן אַ יידישע צייטונג. „ס׳איז זייער מעגלעך, שרייבט ער צו זיין פריינט בינשטאָק אין יאָר 1882, אַז מיר זאָלן זיך אינגיכן זען אין פעטערבורג. אַז גאָט וועט געבן, און אונדזער פּלאַן וועט זיך פאַרווירקלעכן, וועל איך אויפלעבן און זיך ווידער נעמען צו דער פעדער... מען דאַרף זיך דורכויס סטאַרען צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַרויסצוגעבן די צייטונג. דאָ אין אָדעס קאָן איך ליטעראַריש אויף קיין פאַל נישט ארבעטן.״111) אָבער אַלע זיינע באַמיאונגען צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַ צייטונג האָבן נישט געהאָלפן. זיי האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן נישט אין יאָר 1882, נישט אין די שפּעטערדיקע יאָרן. עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען אים האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט קריגט ער דאָס געוואונטשטע פּאַפּירל. איינער אַזאַ מאָמענט איז גע־ווען, ווען ער האָט געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט פּראָפ. בעזסאָ־נאָוון, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון דער רעגירונגס־קאָמיסיע וועגן דער יידישער פראַגע און וועלכער איז סתם געווען אַן אייב־פלוסרייכע פּערזענלעכקייט אין די קרייזן פון דער פעטערבורגער ביוראָקראַטיע. די קאָרעספּאָנדענץ האָט זיך אַנטוויקלט נאָך פּראָפ. בעזסאָנאָווס באַגריסן מענדעלען צום יובילײ פון זיין 25־יעריקער ליטעראַרישער טעטיקייט (אין 1884). מענדעלע האָט אין איינעם פון זיינע בריוו צו פּראָפ. בעזסאָנאָוון געפּרואווט אים אי־בערצוצייגן אין דער נויטיקייט און נוצלעכקייט פון אַ יידישער צייטונג אין רוסלאַנד. עס, פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך שטאַרק גערעכנט מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון אַ האַלב־ביוראָקראַטישן, האַלב־ליבעראַלן רוסישן פּראָפעסאָר, און ער האָט אינם בריוו געשטעלט דעם טראָפּ אויף אַזעלכע מאָטיוון, וועלכע ער וואָלט ביי אַנדערע אומשטענדן אפשר נישט אַזוי שטאַרק אַקצענטירט. ער האָט אָבער

אין תוך אויסגעדריקט זיינע אויפריכטיקע מיינונגען, ווען ער האָט אים בריוו, וואָס איז געווען מער אַ מעמאָראַנדום, ווי אַ בריוו, גע־שריבן: „...וואָס איז נוגע מיר פּערזענלעך, איז, אָפן גערעדט, האַלט איך פאַר זיך אויפריכטיקייט, אַחוץ אַלע זייטיקע סטימולן, — פאַר אַן עטישן חוב. איך בין ביי דער מיינונג, אַז מיטן אמת און איינציק אליין מיטן אמת קאָן מען דערגרייכן די ליזונג פון דער יידנפראַגע אויף אַ גערעכטיקן יסוד, און אַזוי ווי איך האָב יידן ליב מיטן גאַנצן הארצן, האָב איך דעריבער אויסגעקליבן אין ליטעראַטור דעם וועג פון סאַטירע, גאָר נישט מורא האָבנדיק פאַנאַנדערצונעמען און אויפדעקן אונדזערע אינעווייניקסטע פעלערן, און איך בין גליקלעך ווען איך זע מיינע ווערק איבערגעזעצט אויף אייראָפּייאישע שפּראַכן, וועלכע זיינען צוגענגלעך נישט נאָר פאַר יידן. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס כאָטש איך האָב אַראָפּגעגנידערט אין גאָר די „טיפענישן פון ישראל", קאָן ביי מיר קיין זאַך נישט אָפּנעמען די פעסטע און רואיקע זיכערקייט, אַז ביי אַלע זיינע פע־לערן, — און וואָס פאַר אַ פאָלק איז פריי פון אַזעלכע? — פאַר־מאָגט דאָס יידישע פאָלק — בלי ספק — אויך אַזעלכע מעלות, וואָס געבן אים די זעלביקע רעכט אויף גליק און אַכטונג, פּונקט ווי אַלע איבעריקע מענטשן, און אַז, פריער צי שפּעטער, וועט דאָס ווערן אַלעמענס איבערצייגונג. איך האָף דעריבער, אַז איך, זייער געערטער פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש, וועט נישט אויסקומען „צו לייענען צווישן די שורות" אָט אין דעם בריוו מיינעם, הגם, אָפן גערעדט, מיט אַלץ וואָס איר האָט אַרויסגעזאָגט — קאָן איך נישט מסכים זיין. דערלויבט־זשע מיר אין קורצן אַרויסצוזאָגן מ י י ן קוק אויף דער ראַליע פון דער יידישער ליטעראַטור. אוודאי, כדי צו דערנעענטערן דאָס יידישע פאָלק מיטן רוסישן איז נויטיק אַ יידישע ליטעראַטור אין רוסישער שפּראַך. איר זאַך איז דורך אַ דעטאַלן און גוט־אַריינדרינגענדיקן אַנאַליז זיך צו דער־שלאָגן, אַז פאַרן רוסישן מענטשן זאָל זיך דייטלעך און אינגאַנצן אַנטפּלעקן דער אמתער פּרצוף פונם יידן. עס זאָל נישט פאַרבלייבן קיין איין־איינציק ווינקעלע אין יידישן לעבן, וואָס וועמעס ס'איז אויג — זאָל נישט קאָנען אַהין אַריינדרינגען ביים ליכט פון אמת. אָבער דאָס איז נאָר איין זייט אין דער באַדייטונג פון געדרוקטן

וואָרטביים גרויסן צונויפגיס־פּראָצעס, דאָס איז נאָר איין אופן אָוועקשטעלן די יידנפּראַגע — פון דרויסן. גלייכצייטיק מיט דעם איז נויטווענדיק נאָך אַן אינווייניקסטע ארבעט: די איבערגעצייגטע אינטעליגענץ דאַרף ווירקן אויף דער מאַסע יידן, דאַרף וועקן אין איר זעלבסטבאַוואוסטזיין, דורך אויפדעקן אירע נעגאַטיווע זייטן, זי זאָל דאָס אַליין וויסן און עס זאָלן אין איר איינגעפלאַנצט ווערן ריכטיקע בליקן אויפן אַרום; די מאַסע זאָל דאָ, ענדלעך, באַקומען אַ געווער אויף צו באַקעמפן דעם שעדלעכן איינפלוס פון יענע פּערזאָנען, וואָס אין זייערע אינטערעסן ליגט, צוליב די אָדער אַנ־דערע טעמים, איינצוהאַלטן דעם סטאַטוס קוואָ סיי אינעווייניק, סיי דרויסן.

„זאָל זיין, אַז אייך האָבן זיך טאַקע, ווי איר זאָגט, געטראָפן צווישן יידן מענטשן, וואָס היטן כלומרשט ביי זיך אין האַרצן עפּעס אַ ספּעציפישן „יידישן ענין", — איך און די, וואָס מיט מיר, ווייסן נישט פון אַזאַ מין „ענין"; פאַר אונדז איז דאָס לאַנד, וואָס האָט געבוירן און באַהאַלטן אַ גאַנצע לאַנגע שורה אונדזערע עלטער־עלטערן, דאָס לאַנד, אין וועלכן מיר אַליין זיינען געבוירן, אַרבעטן און וועלן שטאַרבן — אונדזער פאַטערלאַנד, און קיינער איז נישט בכוח צו צערייסן דעם בלוטיקן באַנד, וואָס פאַרקניפּט אונדז און אונדזערע קינדער מיטן באָדן פון רוסלאַנד; מיר האָבן די טיפע איבערצייגונג, אַז די אינסטינקטן פון דער מיליאָניקער מאַסע יידן זיינען פאַר אונדז! אָבער כדי צו ווערן אמתע אויסדריקער פון די מאַסן, מוזן מיר זיך מיט זיי פאַרשטענדיקן אויף דער שפּראַך, וואָס איז פאַר זיי צוגענגלעך. ווייטער: אין יידישן פאָלק, ווי אין יעטוועדער געזעלשאַפט, זיינען פאַראַן אייגענע אינעווייניקסטע שטייגער־חולאתן, וואָס דער רוסישער מענטש האָט צו זיי גאָר אַ קנאַפּע שייכות; איך מיין — יענע אַלע קאָמפּליקאַציעס, יענע אומרעכטן און אונטערדריקונגען, וואָס געהערן צום געביט פון באַציאונגען צווישן ייד און ייד; עס איז נאַטירלעך און נויטווענדיק, אַז מענטשן, וואָס האָבן ליב זייערע אייגענע, זאָלן זיי העלפן מיט אַ וואָרט, וואָס זאָל זיין פאַרשטענדלעך אַלעמען און יעדערן, אַ וואָרט, וואָס דערמוטיקט און דעמאַסקירט. איך בין זיכער, אַז וואָס מער עס וועט זיך רוקן פאָרויס דאָס לייזן די „פּראַגע", אַלץ

מער וועלן פאַלן די קינסטלעכע צוימען צווישן ייד און קריסט, און די רוסישע שפּראַך וועט אַריינדרינגען אין דער יידישער מאַסע; אָבער, כאָטש איך ווינטש עס פון גאַנצן האַרצן, באַהויפּט איך — און דאָ איז נישטאָ קיין שום פּאַראַדאָקס — אַז די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור אין דער ריכטונג, וועגן וועלכער איך האָב אויבן גערעדט, קאָן נאָר העלפן צו פאַרגיכערן דעם דאָזיקן פאַקט, צו־גרייטנדיק אַ דאַנקבאַרן באָדן פאַר די זאָמען פון רוסישער בירגער־לעכקייט. ענדלעך, וואָס איז שייך דער טענה, אַז דער זשאַרגאָן קאָן כלומרשט נאָך געדיכטער מאַכן דעם חושך, וואָס נעמט אַרום אייניקע מאָמענטן פון אונדזער לעבן, איז דען נישט שפּראַך אַ פּשוט געוועהר, וואָס קאָן פּונקט אזוי דינען פאַר דעם גוטן ווי פאַר דעם שלעכטן, פאַר אויפקלערונג ווי פאַר פאַרפינצטערונג, אָפּ־הענגיק פון דעם, ווער און ווי אַזוי עס באַנוצט זי? און פון דער צווייטער זייט, צי קאָנען דען בייזע מחשבות פאַרדעקט ווערן אין אַ וואויל־איינגעאָרדנטער מלוכה — אַלץ איינס אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך זיי זאָלן נישט אויסגעדריקט ווערן?

„אָט דאָס זיינען יענע מאָטיוון, וואָס ריידן, נאָך מיין מיינונג, בכלל פאַר יעטוועדער ליטעראַרישער אַרבעט אויף דער אומגאַנג־שפּראַך פון דער יידישער מאַסע און פאַר אַ פּעריאָדישער אויס־גאַבע אויף דעם דאָזיקן דיאַלעקט בפרט. מיר דוכט, אַז עס טאָר דערביי נישט זיין קיין שום רייד נישט וועגן דער צוקונפט פון זשאַרגאָן, נישט וועגן זיין ווערט לעבן דער רוסישער און דייטשער שפּראַכן; די גאַנצע פראַגע באַשטייט נאָר אין דעם: ווען מיר אָנערקענען דעם אַנצווייפלדיקן פאַקט, אַז אַ געוויסער דיאַלעקט איז פאַרשפּרייט און הערשט, — צי דאַרפן מיר אים דאַן נוצן ווי אַ מעכטיק געוועהר צו פּאָפּולאַריזירן געזונטע אידייען און באַאיינ־פלוסן אין אַ געהעריקער ריכטונג? איך האַלט, אַז דער פּרעדיקער און ליטעראַט מוזן איבערנעמען די שפּראַך פון דער מאַסע, וועלכע זיי האָבן זיך גענומען אויפקלערן; ווען דער אמת איז איינגעהילט אין אַ וואָרט, וואָס איז פאַר אַלעמען צוגענגלעך, לאָזט ער זיך נישט באַקעמפן!"112)

אַזוי האָט מענדעלע געשריבן אין זיין מעמאָראַנדום צו פּראָפ. בעזסאָנאָוון. און דאָס איז זיכער געווען זיין אַלגעמיינער געדאַנקענ־

גאַנג, כאָטש די טערמינאָלאָגיע, וואָס ער האָט באַנוצט, איז געווען דוכט זיך מיר, נישט אינגאַנצן זיינע. ער האָט געשריבן וועגן „זשאַרגאָן״, ווי וועגן „אַ מעכטיקן געוועהר צו פּאָפּולאַריזירן געזונטע אידייען״. מיר ווייסן אַז יידיש איז געווען פאַר אים מער ווי אַ געוועהר צו פּאָפּולאַריזירן אידייען. יידיש איז געווען פאַר אים די שפּראַך פון דער יידישער ליטעראַטור, די שפּראַך פון זיין אייגענעם — קינסטלערישן, נישט נאָר אויפקלערערישן — שאַפן. יידיש איז געווען פאַר אים אַ קונסט־אינסטרומענט, נישט נאָר אַ מיטל צו אויפקלערונג. אָבער ט עאָ ר עט י ש איז ער נאָך אַל׳ץ געווען אַ שטיק משכיל, און ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב „צוצו־גרייטן אַ דאַנקבאַרן באָדן פאַר די זאָמען פון רוסישער בירגער־לעכקייט״...113)

ער האָט, יעדנפאַלס, געהאָפט, אַז די אויפקלעריש־פּאַטריאָ־טישע מאָטיוון וועלן אויף פּראָפּ. בעזסאָנאָוון מאַכן דעם געווינטשטן איינדרוק. אין אַ בריוו צו בינשטאָקן (20טן נאָוועמבער, 1885) האָט ער געשריבן: „פון בעזסאָנאָוון דערוואַרט איר אַ תשובה אין דע־צעמבער — — און איך האָף, אַז דאָס מאָל וועט זיין ענטפער שוין זיין אַן ענדגילטיקער. אַך, ווי עס ווילט זיך שוין נעמען די פעדער אין האַנט און שרייבן, שרייבן״. קיין ענטפער פון בעז־סאָנאָוון איז נישט געקומען, נאָר — „די האָפענונג, האָט ער גע־שריבן צו זיין פריינט, האָב איך נישט פאַרלוירן, און איך האַלט אין איין וואַרטן״. ער האָט זיך נישט דערוואַרט... און ס׳איז אפשר בעסער. ווען ער זאָל האָבן באַקומען די דערלויבעניש אויף אַ יידישער צייטונג, וואָלט ער איר געוויס אָפּגעגעבן זיין גאַנצע צייט, זיינע בעסטע כוחות, און ווער ווייסט „צי וואָלט נישט אפשר דער זשורנאַליסט אין אים איינגעשלונגען דעם קינסטלער, און די יידישע ליטעראַטור וואָלט אפשר נישט זוכה געווען צו זיינע בעסטע ווערק״? (ש. גינזבורג).

מענדעלע איז נישט געוואָרן קיין זשורנאַליסט, קיין צייטונגס־רעדאַקטאָר, — און עס האָט אים גענומען ציען צוריק צום קינסט־לערישן שאַפן... „עס האָט אין מיר זיך געעפנט״, האָט ער געשריבן אין דעם אַריינפיר צום „פריזיוור״ (1884), — „עס האָט אין מיר זיך געעפנט אַ פרישער קוואַל הייסע געפילן און מיך

עפּעס אַ ברען געטאָן אויסצוגיסן זיי אין ווערטער פריי פֿאַר דער גאַנצער וועלט. דאָס איז יענער ברען, וואָס וועקט אין וועסנע אויף דאָס באַטריבטע, פֿאַרוואָגלטע זומער־פֿליגעלע ערגעץ אין דער פרעמד, צוריקצוקערן זיך ווידער אַ ה י י ם צו זיין נעסט און צו זיין פריערדיקן שטייגער לעבן"...

צוריק צו ליטעראַטור

יובילײ פון 25 יאָר ליטעראַרישע טעטיקײט. — די ערשטע קרי־טישע אָפּשאַצונגען פון מענדעלעס שאַפונגען. — „דער פריזיוו״. — די שטימונג נאָך די פּאָגראָמען פון די 80ער יאָרן. — צוריק צו די אַלטע פאַרשוינען. — פון „שטעכעדיקן״ צום „מילדן״ געלעכ־טערל.

נאָך זעקס יאָר שטײן אָן אַ זײט—קערט זיך מענדעלע אום װידער „אַהײם צו זײן נעסט״— ער קערט זיך אום צוריק צו דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז געװען אין יאָר 1884, אין דעם יאָר, װען עס איז פאָרגעקומען די פײערונג פון זײן 25־יעריקער ליטעראַרישער טעטיקײט. דער יום־טוב איז געמאַכט געװאָרן פון אַ טײל יידישע אינטעליגענץ אין אָדעס און פון דער יידיש־רוסישער פּרעסע. אין „יידישן פאָלקס־בלאַט״, װאָס אַלעקסאַנדער צעדערבוים האָט אַרױסגעגעבן, איז װעגן דעם יובילײ קײן װאָרט נישט געװען. אַנדערש האָט זיך צו מענדע־לען פאַרהאַלטען די רוסיש־יידישע פּרעסע. אין „װאָסכאָד״ איז אָפּ־געדרוקט געװאָרן ל. בינשטאָקס אַרטיקל „פּראַזדניק יעװרעיסקאָי ליטעראַטורי״ („אַ יום־טוב פון דער יידישער ליטעראַטור״) — די ערשטע ביאָגראַפישע אַרבעט װעגן מענדעלען. באַגײסטערטע אַר־טיקלען האָבן פאַרעפנטלעכט די אָנגעזעענסטע רוסיש־יידישע שריפטשטעלער מנשה מרגלית און אָקים װאָלינסקי. די רוסיש־יידישע אינטעליגענץ האָט פריער און בעסער אָפּגעשאַצט מענדעלען, װי די, װעלכע האָבן דאַן געשריבן יידיש, אַזױ, אַז די ערשטע קרי־טישע אָפּשאַצונגען פון דעם זײדנס ליטעראַרישן שאַפן האָבן זיך געװיזן נישט אין דער יידישער פּרעסע, װעלכע איז דאַן נאָך, אגב,

געשטאַנען אויף זייער אַ נידעריקער מדרגה, נאָר אין רוסיש־יידי־
שע צייטשריפטן.

צווישן די יובילייי־באַגריסונגען איז, אַ חוץ אַ רוסישן בריוו פון
שלום־עליכמען, דאָן נאָך אַן אָנפּאַנגער, — געווען אויך די פריער־
דערמאָנטע שריפטלעכע באַגריסונג פון פּראָפ. בעזסאָנאָוו, וועלכער
איז געווען אַ פאַרערער פון מענדעלעס געזעלשאַפטלעכער און
ליטעראַרישער טעטיקייט.

אין זיין ענטפער אויף דער באַגריסונג האָט מענדעלע אויף
אַן איידעלן אויפן געשטראָפט דעם רוסישן ליבעראַל, פאַרוואָס
ער טרעט נישט אָפן אַרויס מיט זיינע גוטע מיינונגען וועגן יידן:
„איך וואָלט, שרייבט ער, אָפן אין געדרוקטן וואָרט אויסגעגאָסן
מיינע געפילן און געדאַנקען, איך וואָלט נישט געקוקט אויף קיין
זאַך און גערופן צו הומאַנישקייט און גערעכטיקייט יענע, וואָס
אין זייערע מעכטיקע הענט געפינט זיך דער גורל פון ישראל.
דער זשעני פון אוראַלטן פאָלק, דער זשעני, וואָס האָט גערוט
אויף די נביאים און קדושים, וואָלט באַלויכטן יענעם מאַן, וועלכער
וואָלט זיך מוטיק איינגעשטעלט פאַר יידן״...114)

צווישן די אַלע אויסדריקן פון פאַרערונג צו מענדעלען איז
געווען אַ סורפּריז, וואָס זיינע פריינט האָבן אים געמאַכט, אונטער־
טראָגנדיק אים דעם ערשטן געדרוקטן עקזעמפּליאַר פון „דער
פּריזיוו״, אַ דראַמע אין פינף אַקטן (פּעטערבורג, 1884). דערמיט
איז סימבאָליזירט געוואָרן מענדעלס אומקערן זיך צוריק צום לי־
טעראַרישן שאַפן.

די ליטעראַרישע און די געזעלשאַפטלעכע לופט האָט זיך דער־
ווייל איינגאַנצן געענדערט. סרוב יידישע שרייבער זיינען אָנגעזאָפּט
געוואָרן מיט נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען. איז עס דאָך געווען באַלד
נאָך די „היסטאָרישע״ פּאָגראָמען פון 1881—1882. דער גלויבן אין
השכלה, אין „ציוויליזאַציע״, אין „פּראָגרעס״ איז מיטאַמאָל אַזוי־
אויסגעלאָשן געוואָרן. אין די מוחות און אין די געפילן פון אַ
גרויסן טייל יידישע אינטעליגענץ איז געווען אַן אמתע איבער־
קערעניש. די, „וואָס זיינען פריער געווען אפּיקורסים״, האָבן
„פּלוצלונג דערפילט אין זיך אַ יידישע נשמה״ („בסתר רעם״).
אין מענדעלען איז קיין טיפע ענדערונג נישט פאָרגעקומען. עס איז

פֿאַלש די מיינונג, וואָס ווערט, לעצטנס, פֿאַרשפּרייט, אַז נאָך די פּאָגראָמען פֿון די 80ער יאָרן זאָל מענדעלע האָבן דורכגעמאַכט די זעלביקע עוואָלוציע, וואָס אַנדערע יידישע שרייבער, און אַז ער זאָל האָבן געוואָרן אַ בעל תשובהניק.115) ניין, ער האָט פֿריער נישט אַזוי שטאַרק „געזינדיקט", ווי אַנדערע משכילים, — און ער האָט נישט געהאַט אויף וואָס תשובה צו טאָן... ס'איז אמת, אַז ער האָט אינמיטן פּאָגראָם־„שטורעם", אין די טעג פֿון פֿאַר־צווייפֿלונג, געשריבן אין אַ בריוו: „איך בין פֿולקום אייניק מיט רוסאָן, וואָס האָט גערופֿן די מענטשן אַוועקוואַרפֿן צום טייוול זייער נאַרישע ציוויליזאַציע און צוריק אומקערן זיך אין די וועל־דער".116) אָבער דאָס איז געווען נישט מער ווי אַן אויסדרוק פֿון פֿאַרביטערטקייט און צאָרן. ער איז אינדעראמתן קיינמאָל נישט געווען אַזוי פֿאַרקאָכט אין דער „ציוויליזאַציע", ווי אַנדערע משכילים; האָט ער זיך נישט געפֿילט אַזוי אָפּגענאַרט. פֿון דער יוגנט אָן האָט ער געקענט די מענטשלעכע נאַטור, ווי אויך די טבע פֿון יידן: איז ער נישט שטאַרק נתפּעל געוואָרן פֿריער פֿון דעם רוף: „בילדונג!" און דערנאָך פֿון די נייגעבאָרענע חובבי ציון, וועלכע האָבן געשריגן: „השיבנו נאַזאַד". „דער ייד", — האָט ער געשריבן צו בינשטאָקן אין אַפּריל, 1882, — „דער ייד... ווערט גיך געוואוינט צו זיין לאַגע — — —דער ייד איז פֿון שטענדיק אָן געווען, ער איז און — ווײַ! — וועט זיין אַ שטילע מעלק־קו אָדער פּשוט אַ „קליאַטשע" אויף צו שלעפּן משא. צי ער וועט אַוועק קיין אַמעריקע, צו קיין פּאַלעסטינע, — אָבער אַ „קליאַ־טשע" וועט ער פֿאַרט בלייבן".117) מענדעלע האָט געקוקט אויף די יידישע ליידן (און אויך אויף די פּאָגראָמען) פֿון אַ ה י ס ט אָ ־ ר י ש ן שטאַנדפּונקט: „צרות", — האָט ער געשריבן אין זיין פֿאָררעדע צום „פּריזיוו" — „צרות אַלערליי האָבן זיי (די יידן) געהאַט מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק, צרות אַזעלכע האָבן זיי אַצינד, און ווען די אַלע צרות וועלן האָבן אַן עק, ווייסט נאָר איין גאָט וואויל"... הכלל, מענדעלע האָט נישט געהאַט די אילוזיעס און אויך נישט דעם יאוש פֿון די דעמאָלטדיקע יידישע פּאַרזאָרגער. ער האָט נישט איינגעשטימט מיט זיי אין אַסך וויכטיקע זאַכן—און ער איז געווען געזעלשאַפֿטלעך איזאָלירט. „ריידן נישט דאָס, וואָס איך

האַלט פאַר ריכטיק, האָט ער געשריבן (אויף רוסיש) צו זיין — שוין פיל־דערמאָנטן — פריינט בינשטאָק, קאָן איך נישט; אַרויסזאָגן אָבער דעם גאַנצן אמת, דאָס באַדייט — אויפהויבן קעגן זיך די גאַנצע ווילדע חברה שרייער, וואָס זיינען גרייט באַשיטן אייך מיט אַלערליי באַשולדיקונגען. זיי וועלן אייך אַרויסשטעלן פאַר אַ בוגד, פאַר אַ שונא ישראל א. אַז. וו. אָבער אָט דאָס שטילשווייגן קאָסט מיר פיין, עס נאָגט און עסט מיין אויסגעווייטיקט האַרץ פונקט ווי אַ וואָרעם. אָט די גיהנומשע פיין ווירקט צעשטערנדיק אויף מיין אויסזען און אויף מיין גאַנצן אָרגאַניזם. איך בין די לעצטע צייט שרעקלעך מאָגער און אַלט געוואָרן, איר וואָלט מיך נישט דערקענט".118)

בינשטאָק וואָלט אפשר טאַקע „נישט דערקענט" אַ בראַמאָוויטשן; מענדעלען וואָלט ער יאָ דערקענט. מענדעלע האָט זיך אומגעקערט צוריק צו זיינע אַמאָליקע טעמעס און מאָטיוון, צוריק צו זיינע אַלטע פאַרשווינען. „עס האָט מיך עפּעס געצויגן, האָט ער געזאָגט, אַהין, אין יענעם ווינקל פונם ידישן לעבן, וואו עס געפינען זיך מיינע אַלטע באַקאַנטע פאַרשווינען, פון וועלכע איך פלעג אַמאָל דעם עולם דערציילן משונה־ווילדע, וואונדערלעכע מעשות".

עס האָט אים געצויגן צוריק צו גלופּסק, צו קאַבצאַנסק, אָבער — נישט צוריק צו זיין אַמאָליקן ביטערן שפּאָט. די ביטערקייט פון זיין געלעכטער האָט זיך אָנגעהויבן אויסצואוועפּן שוין אין „קיצור מסעות בנימין השלישי". אין „פּריזיוו" איז זיין „שטעכנדיקער שמייכל" מילדער נאָך, ווי אין „מסעות".

דער זעלביקער מענדעלע, וועלכער האָט זיך נישט שטאַרק געענדערט געזעלשאַפטלעך, איז ליטעראַריש געוואָרן אַן אַנדערער. עס איז פאָרגעקומען אין אים אַ כסדרדיקער פּראָצעס פון אַנטוויקלונג, און וואָס ווייטער, איז ער אַלץ מער איבערגעגאַנגען פון סאַטירע צו הומאָר, פון קעמפערישקייט צו קינסטלערישקייט. „די פידל", אויף וועלכער ער האָט זיך נישט פאַרגונען אַמאָל צו שפּילן, „די פידל", וועלכע ער האָט נישט איינמאָל שוין אויפגעהאַנגען אויף דער שטומער ווערבע פון גלות־שפּאָט און מוסר — ווערט מענדעלען אַלץ נעענטער און ליבער.

אַ פּובליציסטישע טענדענץ איז פאַראַן נאָך אויך אין „פּריזיוו“, אָבער עס פילט זיך אַ שטרעבונג צונויפצופּאָרן זי מיט קינסטלע־רישער וואַרהאַפטיקייט.

אַלעקסאַנדער, אַן אינטעליגענט פון די 80טער יאָרן, וויל פאַרנעמען די שטעלע, וואָס פּיקהאָלץ האָט (אין „דער טאָקסע“) אַוועקגעוואָרפן, — די שטעלע פון אַ ראַבינער, וועלכער אַרבעט פאַרן כלל. איז אַלעקסאַנדער, ווי אַלע אינטעליגענטן פון נייעם דור ביי מענדעלען, אָן פליש און אָן בלוט; די עצם אינטריגע פון דער דראַמע איז צופעליק, געקינצלט; דערפאַר אָבער זיינען פול מיט לעבן די פאָלקס־פאַרשוינען, אַשטייגער: פייבוש גאָטס־וואונדער דער לאַנד־שכן, מענדל דער משרת, דוואָסע די קיכמויד, שמואליק דער אויסגע־דינטער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, „גלאַט אַ ייד“ ר׳ אליה, איציק דער קרעמער, שפּרינצע, שמחה מאַריאַשעס וויב, אָדער אפילו די אַביסל מגוזמדיקע ר׳ יוחנצע דעם רבס און זיין זון כאַצקל.119)

„אַ סגולה צו די יידישע צרות״

דר. פינסקערס „אויטאָעמאַנסיפּאַציאָן״. — איז מענדעלע געווען אויסגעהאַלטן? — זיין באַציאונג צו פּאַרטייען. — אַ ייד מיט אַ צוגעקלעפּטן צעטל״ און „גלאַט אַ ייד״. — אין דער השכלה־צייט און נאָך די פּאָגראָמען פון די 80ער יאָרן. — זיין באַציאונג צו חבת־ציון. — „אַ סגולה צו די יידישע צרות״.

אין יאָר 1884 — אין דעם זעלביקן יאָר, ווען עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער „פּריזיוו״ — איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מענדעלעס „אַ סגולה צו די יידישע צרות״. דאָס איז מער אַן איבעראַרבעטונג פון דר. פּינסקערס „אויטאָעמאַנסיפּאַציאָן״, ווי מענדעלעס אַ זעלבסטשטענדיקע אַרבעט. דאָך איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף איר אויספירלעך. זי גיט אונדז אַ שליסל צום זיידנס געזעלשאַפטלעכע שטימונגען, און אין אַ געוויסן זינען איז זי אַ נויטיקע דערגאַנצונג צו דעם — פריער ציטירטן—בריוו־מעמאָראַנדום, וואָס מענדעלע האָט אַרום דער זעלביקער צייט געשריבן צו פּראָפ. בעזסאָנאָוון. ווען מען לייענט יענעם בריוו, קאָן מען מיינען, אַז מענדעלעס הויפּטזאָרג איז נאָך אפילו אין די 80ער יאָרן געווען די דערנעענטערונג צווישן די יידן און דער רוסישער באַפעלקערונג. ווען מען באַקענט זיך מיט „אַ סגולה צו די יידישע צרות״, דערפילט מען, אַז דאָס איז געווען נאָר איינע פון זיינע זאָרגן — און נישט די וויכטיקסטע. דער בריוו צו פּראָפ. בעזסאָנאָוון איז געשריבן געוואָרן מיט אַ ספּעציעלן ציל: מענדעלע האָט געוואָלט אַרויסקריגן אַ הכשר אויף אַ יידישער צייטונג, האָט ער געשטעלט דעם טראָפ אויף די רוסיש־פּאַטריאָטישע מאָטיוון און איבערגעלאָזן אין שאָטן זיין יידיש־נאַציאָנאַלע פּראָגראַם. ער האָט געהאַט אַזאַ פּראָגראַם, און זי

איז געווען פאַר אים זייער און זייער וויכטיק. מען זעט עס, ווען מען קוקט אַריין אין „אַ סגולה צו די יידישע צרות". אָבער „אַ סגולה" אַליין איז, פון דער אַנדער זייט, אויך נישט גענוג צו באַקענען זיך מיט דער לאַבאָראַטאָריע פון מענדעלעס געזעלשעפט־לעכן געדאַנק, און ווען מען לייענט „אַ סגולה צו די יידישע צרות" דאַרף מען האָבן אינזינען, וואָס ער האָט געשריבן אין זיין דער־מאָנטן מעמאָראַנדום־בריוו און אויך אַנדערע זיינע אַרויסזאָגונגען. ער האָט געהאַט אַן אומרואיקן געדאַנק. נישט אומזיסט האָט ער אָפט געמאַכט אויף זיינע פריינט דעם איינדרוק פון וואַקלדיקייט. „ר' מענדעלע, האָט געשריבן בן־עמי נאָך ביים ז י י ד נ ס לעבן, — איז נישט קיין סיסטעמאַטיש־שטרענג־לאָגישער דענקער. ער האָט אויך אפשר נישט קיין אָפּגעשטעלטע גענויע וועלטאַנשויאונ־גען. דענקען דענקט ער תמיד, און יעדע זאַך, וואָס ער זעט, וועקט אין אים תמיד אויף אַ געדאַנק, אַ באַמערקונג... אָבער די אַלע געדאַנקען שטייען זיך באַזונדער איינער פון דעם אַנדערן, זיינען נישט געבונדן איינער מיט דעם אַנדערן — זיי זיינען איינפאַלן, בליצן, און דעריבער זיינען זיי אָפט סותר איינער דעם אַנדערן. און עס קומט פיל מאָל פאַר, אַז ר' מענדעלע צעשטערט היינט דאָס, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט נעכטן".120) צו קיין פּאָליטישער פּאַרטיי האָט ער קיינמאָל נישט געהערט, און אויב ער איז גע־שטאַנען אַמאָל נאָענט צו אַ געזעלשאַפטלעכער ריכטונג, האָט ער זיך מיט איר קיינמאָל נישט אידענטפיצירט אינגאַנצן. אינם קאַמף צווישן גרופּעס און פּראָגראַמעס אויף דער יידישער גאַס איז ער קיינמאָל נישט צוגעשטאַנען צו איין צד אָדער צום צווייטן צד. און ווען זיין פריינט ש. דובנאָוו האָט דאָס אים אַמאָל אויפגעוואָרפן, איז ער ברוגז געוואָרן. „אַן אויפגערעגטער (אַזוי דערציילט דובנאָוו אין זיינע זכרונות) האָט ער (מענדעלע) זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, דאָס גלעזל קאַווע האָט געציטערט ביי אים אין האַנט, און ער האָט אויסגערופן: „הייסט עס, איך בין אַ שלעכטער ייד, וואָס איך געהער נישט צו די נאַציאָנאַליסטן! ניין, איר אַלע זייט יידן מיט צוגעקלעפּטע צעטלעך: נאַציאָנאַליסטן, ציוניסטן, פּאָלעסטי־נער, און איך בין גלאַט אַ ייד. נאָר פון אַזעלכע גלאַט־יידן באַשטייט אונדזער גאַנץ פאָלק".121)

מענדעלע האָט נישט געוואָלט זיין קיין „ייד מיט אַ צוגע־קלעפּטן צעטל“. אים איז בעסער געפעלן געווען צו זיין „גלאַט אַ ייד“. פאַרוואָס האָט ער זיך נישט געוואָלט לאָזן „צוקלעפּן אַ צעטל“?

ש. דובנאָוו באַשטעטיקט בן־עמיס מיינונג וועגן ז י י ד ן, זאָגנדיק, אַז „ער איז געווען אַן אומפּאַרטייאישער, נישט צוליב אוי־סערלעכע סיבות אָדער צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך נישט גע־קאָנט איינפּאַסן אין די ראַמען פון די עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען, נאָר דערפאַר, וואָס לויט זיין נאַטור האָט ער נישט געקאָנט זיין קיין אָנהענגער פון אַ באַשטימטער אידייאישער ריכטונג אין געזעל־שאַפטלעכע פראַגן... אין סאָציאַלער און פּאָליטישער הינזיכט איז ער, לויט זיין נאַטור, געווען אַ „ווילדער“. ער האָט געהאַט דאָ שטימונגען, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, אָבער נישט קיין פעסטע פּרינציפּן, און די שטימונגען האָבן זיך ביי אים אָפט געביטן אין שייכות מיט זיינע פּערזענלעכע, סוביעקטיווע איינדרוקן, — למשל, פון זיין באַציאונג צו דער אָדער יענער פּערזאָן, פאָרשטייער פון דער אָדער יענער פּאַרטיי“.122)

אַזוי זאָגט ש. דובנאָוו. י. ח. ראַבניצקי, וועלכער איז געווען אַ בן־בית ביי מענדעלען, האַלט, אַז דער זיידע האָט יאָ געהאַט באַ־שטימטע מיינונגען וועגן געזעלשאַפטלעכע פראַגן, אָבער די פירער פון די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען האָבן אים נישט צופרידנגע־שטעלט. די טוער, די טומלער, שרייבט ראַבניצקי, זיינען אָפט געווען קעגן זיין עסטעטישן חוש, קעגן זיין קינסטלערישער נשמה, און ער פלעגט פון זיי חוזק מאַכן אפילו דאַן, ווען די עצם־אידייע (אַשטייגער, די אידייע פון חיבת ציון) איז אים געווען צום האַרצן.123) נו, דובנאָוו און בן־עמי זיינען מיט מענדעלען געווען אַזוי גוט באַפריינדעט, ווי ראַבניצקי, פונדעסטוועגן דוכט זיך מיר, אַז זיי זיינען צו מענדעלעס געזעלשאַפטלעכן „סוביעקטיוויזם“ — אַביסל צו סוביעקטיוו.

ווען מען מאַכט אַ סך־הכל פונם זיידנס ווערק, ווען מען לאָזט זיך נישט צופיל אַריין אין איינצלהייטן, זעט מען, אַז בנוגע צו ג ר ו נ ט פ ר אַ ג ן (און ווי אַלע גרויסע מענטשן, האָט ער געהאַט צו טאָן נאָר מיט פונדאַמענטאַלע זאַכן, מיט גרונטפראַגן) האָט ער

געהאַט פ ע ס ט ע פ ר י נ צ י פ ן, נישט נאָר שטימונגען, קאַפּריזן אָדער פּערזענלעכע איינדרוקן.

ווי און וואָס מען דאַרף לערנען אין די שולן פון דער חברה מפיצי השכלה אין אָדעס אָדער אפילו אַזאַ פראַגע, ווי „מיט וואָס פאַר אַ נאָזלאָך אַ ייד דאַרף עטעמען, מיט דער רעכטער אָדער דער לינקער, מיט דער העברייאישער אָדער יידישער" — האָט ער איבערגעלאָזן צו באַשליסן הונדערטפּראָצענטיקע פּאַרטיימענטשן, די מענטשן, וועלכע האָבן פּאַרטיקע ענטפערס אויף אַלע פראַגן. אַז עס איז אָבער געקומען צו ת ו ך ־ ז א כ ן, — אַשטייגער, צו פראַגן פון דערציאונג אָדער צו די וויכטיקע אָנגעלעגנהייטן, וועלכע ער באַטראַכט אין „דער קליאַטשע", — האָט ער געהאַט קלאָרע, פעסטע און שאַרף־אויסגעדריקטע מיינונגען.

האָט ער אין דער השכלה־עפּאָכע ב נ ו ג ע צ ו ם ע י ק ר דען נישט פאַרנומען קיין העכסט באַשטימטע פּאָזיציע? „קיין טאַנץ גייט נישט פאַרן עסן" — איז אַ פּראָגראַם. דאָס מיינט, ווי מיר האָבן געזען, אַז די ט אָ ק ס ע, נישט די ח ו מ ר א, איז די הויפּט־צרה פונם יידישן לעבן... דאָס מיינט, אַז די ט אָ ר ־ ב ע, די אַלטע גרויסע יידישע טאַרבע, נישט „פינצטערניש" אָדער „אָבערגלויבן", איז די פּראָבלעם... זיין אינטערעס צו דער עקאָנאָמישער פראַגע איז געווען אַזוי טיף, אַז ער איז אַ געוויסע צייט אפילו געשטאַנען נאָענט צו די סאָציאַליסטן. דאָס איז געווען אין דער צווייטער העלפט 70ער יאָרן.124)

שווערער איז צו באַשטימען די ג ר ו נ ט ל י נ י ע פון מענדעלעס געזעלשאַפטלעכן געדאַנק אין דער נאָך־השכלה־עפּאָכע,—אין דער עפּאָכע פון די 80ער און די 90ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט... האָט ער אָנגענומען די פילאָזאָפיע פון חיבת ציון? איז אים נעענטער געווען דער געדאַנקענגאַנג פון יידישע סאָציאַליסטן?

מיר ווייסן, אַז נאָך די פּאָגראָמען פון 1905, ווען ער האָט געהאַט פאַרלאָזן אָדעס און זיך באַזעצט אין דער שווייץ, איז ער געווען ראַדיקאַל, שיר נישט רעוואָלוציאָנער געשטימט. צו אַ פּאָר־שטייער פון „בונד", וואָס האָט אים באַזוכט אין זשענעווע אין 1907 און אים איינגעלאַדן צו שרייבן אין דער בונדיסטישער „פאָלקס־

ציטונג״, האָט ער, צווישן אַנדערע זאַכן, געזאָגט: „... איר ווילט, איך זאָל שרייבן פאַר דער „פאָלקסצייטונג״? איך וואָלט עס גערן געטאָן, אָבער איך קאָן איצט איבערהויפּט נישט שרייבן. איך טאָר איצט נישט שרייבן; קיין רמזים, קיין וואונקען, קיין אַנצוהערענישן און צופינטלען זיינען איצט נישטאָ — מען שרייבט אָפענע דיבורים. ווען איך זאָל זיך איצט אַוועקזעצן שרייבן, וועט זיך מיר ממש אָנ־צינדן דאָס האַרץ, דאָס בלוט וועט זיך צעקאָכן... איך טאָר דאָס נישט, וואָרים בלייבן דאָ אין אויסלאַנד אַן עמיגראַנט קאָן איך נישט און צו גיין אויף קאַטאָרגע בין איך שוין צו אַלט... איך, אַן אַלטער מאַן, איך האָב זיך אין די טעג פֿון פּאָגראָם אין אָדעס באַהאַלטן ביים סטרוזש אין אַ חזיר־שטעלכל. ווי אַ חזיר, האָב איך זיך געוואַלגערט! אַנשטאָט צו נעמען אַ האַק אין האַנט און זיי צע־שפּאַלטן די קעפּ — זיך פאַרקראָכן, זיך פאַרבאַהאַלטן טעג נאָכ־אַנאַנד, ווי אַ חזיר! איך קאָן וועגן דעם נישט שרייבן! זעץ איך זיך אַוועק שרייבן, וועל איך זיך נישט אָפּהאַלטן און איך וועל אָנ־שרייבן אַ זאַך, וואָס וועט ווערן מיין „באַשולדיקונגס־אַקט״ אויף קאַטאָרגע״...125)

ער איז אָבער דאָן אויך נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנער, אַזויווי ער איז נישט געווען קיין ציוניסט. „קינדערלעך״, האָט ער געזאָגט צום זעלביקן בונדיסט אין זשענעווע, „איך האָב אייך אַלע־מען ליב. איך האָב אַסך דורכגעטראַכט אין די לאַנגע יאָרן פֿון מיין לעבן, און פיל געדאַנקען האָבן אין מיר געלעבט פריער, ווי זיי זיינען אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַרויסגעזאָגט געוואָרן פֿון אַנ־דערע. ציוניסטן, בונדיסטן — זיי זיינען אַלע מיינע אייניקלעך. איך בין נישט קיין ציוניסט. איך האַלט נישט דערפון. איך פאַר־שטיי דעם ציוניזם, אָבער... ס'איז נישט דאָס. כהאָב די גרעסטע ליבע צום „בונד״, איך באַוואונדער זיין העלדישן גייסט, זיין מסירת־נפש, ס'איז מיר קיינער ניטש אַזוי טייער, ווי דער יידישער אַרבעטער, וואָס שטייט אין קאַמף... אָבער איך בין קיין בונ־דיסט נישט... קינדערלעך, מיר איז אַלץ טייער, וואָס אין יידישן לעבן״...126)

אַזוי אָדער אַן ערך אַזוי האָט מענדעלע געטראַכט נאָך די פּאָגראָמען פֿון 1905. ער האָט פאַרשטאַנען דעם ציוניזם — און

איז נישט געווען קיין ציוניסט; ער האָט באַוואונדערט דעם בונד — און איז נישט געווען קיין בונדיסט... וואָס האָט ער געטראַכט נאָך די בלוטיקע געשעענישן פון די 80ער יאָרן?

אויפן סמך פון די דערציילונגען, וואָס ער האָט געשריבן אין יענער צייט אויף העברייאיש און אויף יידיש, וואָלט שווער געווען צו געבן אַן ענטפער. פון זיין אַריינפיר צו דער נייער רעדאַקציע פון „פישקע דער קרומער", — פון דעם אַריינפיר, וואָס ער האָט געשריבן לכבוד זיין אַלטן פריינט מנשה מרגלית, און פון אַנדערע שטעלן וואָלט מען געקאָנט אָפּלערנען, אַז ער איז אין די 80ער יאָרן דורכגעדרונגען געוואָרן מיט די שטימונגען פון די חובבי ציון, צו וועלכע עס האָט דאַן שוין, אגב, געהערט, אויך דער פריער־דיקער משכיל מנשה מרגלית: „מיר ביידע, טייערער פריינט, שרייבט ער צו מרגליתן, האָבן אָנגעהויבן אונדזער אַרבעט אין דער יידישער ליטעראַטור פונקט אין דער וועסנע־צייט פונם יידישן לעבן דאָ ביי אונדז אין לאַנד"... די וועסנע־צייט — דאָס איז די צייט פון די 60ער יאָרן, די צייט פון „גוטע האָפענונגען אויף שפּעטער", האָפענונגען אויף רעכט און גערעכטיקייט. „יענע שיינע וועסנע־צייט, זאָגט מענדעלע, איז אַוועק. אַז אָך און וויי איז דעם יידנס לעבן"... אַזוי האָט געפילט מענדעלע, אַזוי האָט דאַן געפילט די גאַנצע איטעליגענץ, וועלכע האָט תשובה געטאָן אויף איר פריערדיקן „גלויבן אין פּראָגרעס". אָבער דאָס ווייזט נאָך נישט, אַז מענדעלע איז צוגעשטאַנען צום כאָר פון די, וועלכע האָבן קרעכצנדיק געזונגען: „השיבנו נאזאד". אין דער האַלב־פּובלי־ציסטישער דערציילונג, וועלכע געהערט צו דער זעלביקער תקופה, — אין דער העברייאישער דערציילונג „בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה" גיט מענדעלע אויף דער פראַגע, צי איז ער זיך „מיאש פון דער גאולה", אַזאַ מין ענטפער: „חלילה, ווער זאָגט דען, איך גלויב אוודאי בביאת המשיח. נאָר ווען וועט דאָס זיין? ווען די וועלט וועט באַקומען גאָר אַן אַנדער צורה, ווען ס'וועט נישט זיין קיין מלחמות, קיין בלוט־פאַרגיסונג, און אַלע מענטשן וועלן ווערן גוט און פיין, ווי דער נביא זאָגט, דעמאָלט וועלן די פעלקער זיך לעבן בשלום ובשלווה, יעדער ביי זיך אויף דער ערד, און דעמאָלט וועט גאָט אויך צונויפקלייבן די גולי יהודה און באַזעצן זיי אויף

זייער אַמאָליקער נחלה" (ציטירט לויט דער יידישער איבערזעצונג אין דעם 15טן באַנד אַלע ווערק", "מענדעלע פאַרלאַג", ז. 58). דאָס איז אַן ענטפער, וואָס וואָלט אפשר צופרידנגעשטעלט אַ משה העס, אָבער נישט די חובבי ציון פון די 80ער און די 90ער יאָרן. "די נביאים", איז זייער טענה געווען צו מענדעלען, "האָבן נביאות געזאָגט אויף משיחס צייטן, און מיר ווילן אַרבעטן א י צ ט, ווי פשוטע מענטשן" (דאָרט). ווי האָט געקוקט מענדעלע אויף דער אַרבעט פון די חובבי ציון א י צ ט , אויף "דער אַרבעט, ווי פשוטע מענטשן" ? ש. דובנאָוו, אויך י. ח. ראַבניצקי דערציילן, אַז ער האָט "זייער (שטאַרק) סימפּאַטיזירט מיט דער אידייע פון ישוב ארץ ישראל".127) דאָך האָט ער זיך נישט געחברט מיט די חובבי ציון, און פאַר אחד העמס "בני משה" האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדער נאָמען ווי "די רויטע אידעלעך".128) י. ח. ראַבניצקין, וועלכער האָט געהערט אי צו אחד העמס, אי צו מענדעלס קרייזל, האָט ער גערופן "דער שליח פון יענער זייט סמבטיון"... אין ש. ל. ציטראָנס "לקסיקון ציוני", וואו עס ווערן דערמאָנט כמעט אַלע העברייאיש-יידישע שרייבער פון יענער צייט, איז מענדעלעס נאָמען נישטאָ... פרעגט זיך, ווי פאַרט האָט זיך דער זיידע פאַרהאַלטן צו דער גרונטאידייע פון ציוניזם אָדער טעריטאָריאַליזם? ער איז נישט צוגעשטאַנען ניט צו דער ציוניסטישער, ניט (שפּעטער) צו דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג. אָבער וואָס פאַר אַ מיינונג האָט ער געהאַט וועגן איר עצם-אידייע? איז זי אים געפעלן געווען אָדער נישט?

אין די דערציילונגען, וואָס מענדעלע האָט געשריבן אין די 80ער און אין די 90ער יאָרן, — אין "בסתר רעם", אין "בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה" און אין אַנדערע סיפּורים פון יענער עפּאָכע דערמאָנט ער זייער אָפט ח ו ב ב י-ציון, אָבער — מער מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, ווי מיט באַגייסטערונג. פון דער דערציילונג "אין אַ שטורעם-צייט" דערוויסן מיר זיך, אַז מענדעלע אַליין האָט געהאַט שוין "פאַרקויפט דאָס פערדל", אויפגעהערט צו עסקן זיך מיט ספרים, מיט השכלה-ביכלעך, און אַריינגעלאָזן זיך אין חלומות וועגן די יידישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל. "אין יענע שווערע טעג, דערציילט ער אונדז, איז מיר פּלוצלונג נמאס

ומאוס געוואָרן אַלצדינג: אי די אָרעמע שטעטלעך, אי די משונה־דיקע יידן, וואָס וואוינען דאָרט. א י ד ע ר ג א נ צ ע ר ו ו ע ג, וואָס איך האָב זיך געשלעפּט אויף אים אַזויפיל יאָרן״. און ער האָט זיך גענומען דורכן מיט רב לייב מלמד און מיט דער „גאַנצער כאַפּטע קאַבצאַנסקער יידן״, וועלכע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן קיין אָדעס, כדי צו פאָרן קיין ארץ ישראל. אָבער נישט ר׳ לייב מלמד, נישט די גאַנצע כאַפּטע קאַבצאַנסקער יידן און נישט די אָדעסער אינטעליגענטן־בעלי־תשובהניקעס האָבן געקאָנט צו־געבן מוט מענדעלען. און דער סוף איז געווען, אַז ד ע ר ב ע ר׳ל י נ ע ר (פינסקער?) אַליין האָט אים געראָטן אומצוקערן זיך צוריק צו זיין פערדל מיט זיינע ספרים. „מיר הויבן איצט אָן, האָט ער אים געזאָגט, אַ גרויסע אַרבעט. מיר דאַרפן איר אָוועקגעבן אַלע אונדזערע כוחות — סיי די כוחות פונם גוף און סיי — פון דער נשמה. וואויל איז דעם, ווער עס האָט גוטע הענט, אַ שטאַרקן גוף און אַ הייסן רצון צו גיין באַאַרבעטן די ערד מיטן שוויס פון זיין אייגענעם פּנים. מען דאַרף אָבער אויך אַזוינע מענטשן, וואָס זייער כוח איז דאָס וואָרט, וואָס זייער גבורה איז די פלאַמפייערדיקע פען... רייניקן דאַרף מען, ברודער, אויסראַמען דאָס מיסט און די בלאָטע, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין די שלעכטע צייטן, אַריינ־טראָגן ליכט אין דעם תהו ובהו פון אונדזערע קהלשע עסקים, וואו אַלערליי מנהיגים, גאַטס סטראַפּטשעס, קאָכלעפל, גבאים — נאָ־ראָנים־גראַבע־יונגען, כאַפּ־לאַפּערס פון כל המינים האָבן ביז אַהער געפירט דאָס רעדל און געטאָן, וואָס זייער האַרץ געלוסט״...

מענדעלע איז געוואָרן אַ קריטיקער, נישט אַ פירער פון די חובבי ציון, אַזוי ווי ער איז אַמאָל געווען אַ קריטיקער פון די משכילים. די ח ו ב ב י צ י ו ן האָבן אים נישט צופרידנגע־שטעלט. אָבער וואָס איז מכוח ח ב ת־צ י ו ן?.ווי האָט ער זיך פאַרהאַלטן צו דער פ י ל אָ ז אָ פ י ע פון די ציוניסטן? אויף דער דאָזיקער פראַגע קאָנען מיר געפינען אַ קלאָרן און אַ באַשטימטן ענטפער נישט אין די דערציילונגען, נאָר אין — „אַ סגולה צו די יידישע צרות״.

„אַ סגולה צו די יידישע צרות״ איז צום ערשטן מאָל פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין ש. י. אַבראַמאָוויטשעס „ניצלעכן קאַלענ־

דאַר״, 1884 ; אין דעם זעלביקן יאָר איז עס אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ באַזונדער ביכל.129) נאָר אפשר איז מענדעלע גאָרנישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די געדאַנקען, וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין דעם דאָזיקן ספרל ? איז עס דאָך נישט מענדעלעס אַן אָריגינעלע שאַפונג, נאָר, ווי עס שטייט אויפן שער־בלאַט, זיינע אַן איבערזעצונג „פונם ספר „אויטאָעמאַנסיפּאַציאָן״, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער דייטשער שפּראַכע״. איז עס אפשר טאַקע נישט מער ווי אַ געוויינטלעכע איבערזעצונגס־אַרבעט ? דר. פינסקער, דער פּאָרפּאָ־סער פון דער באַרימטער בראָשור, האָט באַקומען אַ בריוו פון איי־נעם פון זיינע פאַרערער, אַ באַקאַנטן חבת־ציון־טוער אין ראָסטאָוו, וואו יענער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז „אויטאָעמאַנסיפּאַ־ציאָן״ דאַרף פאַרשפּרייט ווערן „אויף זשאַרגאָן״ אויך, נישט נאָר אויף דייטש און אויף העברייאיש : „ס׳איז נויטיק, אויסערסט נוי־טיך, האָט ער געשריבן, אַז די מאַסע זאָל עס לייענען, אַז דער עולם זאָל זיך דורכדרינגען מיט דער דאָזיקער אידייע ... איך ווייס, למשל, אַז אין ראָסטאָוו (אַליין) וואָלט מען געקאָנט פאַרשפּרייטן צווישן דער מאַסע, לכל הפחות, זעקס הונדערט עקזעמפּלאַרן״.130) איז מעגלעך, אַז דר. פינסקער, וועלכער איז מיט ש. י. אַבראַמאָ־וויטשן געווען שטאַרק באַפריינדעט, זאָל אים האָבן געבעטן מאַכן אַ יידישע איבערזעצונג פון „אויטאָעמאַנסיפּאַציאָן״, — און ער האָט זי געמאַכט. אָבער ווען אפילו עס איז געווען אַזוי, איז עס דאָך מער און עפּעס אַנדערש ווי אַ געוויינטלעכע איבערזעצונגס־אַרבעט. מען זעט עס פון מענדעלעס הקדמה און פון דעם עצם טעקסט. מענדעלע האָט נישט געגעבן און גאָרנישט געטראַכט אפילו צו געבן אַ טרייע איבערזעצונג פונם אָריגינאַל. קיין איין פּאַראַ־גראַף, קיין איין זאַץ האָט ער נישט איבערגעגעבן אַזוי, ווי פינסקער האָט עס געשריבן. אַ היפּש ביסל זאַכן האָט ער אינגאַנצן דורכגעלאָזן און נישט איינמאָל האָט ער צוגעגעבן אַ „נופך משלו״. שפּע־טער מיט אַ יאָר פופצן האָט ער עס געלאָזט איבערדרוקן (אין גרשון באַדערס „יידישן פאָלקסקאַלענדאַר״, לעמבערג, 1898) — און דורכגעלאָזן גאַנצע דריי זייטלעך,131) אַזוי ווי דאָס זאָל זיין זיינס אַן אייגן ווערק. און אינדערעמתן איז עס טאַקע געווען נישט קיין איבערזעצונג, ס׳איז געווען אַ ליטעראַרישע אַדאַפּטירונג. מענדעלע

האָט איבערגעזאָגט,ניִשט איבערגעזעצט, פינסקערס געדאַנקען, ער האָט זיי איבערגעזאָגט מיט זיינע אייגענע ווערטער, אויף זיין אייגענעם, טיף־יידישלעכן, שטייגער און — אויף זיין אייגענער אחריות. אַזויווי דאָס זאָלן האָבן געווען נישט פינסקערס, נאָר זיינע אייגענע געדאַנקען. זיין „הקדמה" באַשטעטיקט עס: „דאָס ספרל איז, ווי איר זעט, רבותי, נישט גרויס, נאָר אין אים זיינען נכלל כמעט אַלע געדאַנקען און די הויפּט־זאַכן, וואָס אין די אַלע איבעריקע ספרים פון דעם מין. דאָס איז דער ברונען, פון וועלכן די אַנדערע געלערנטע מחברים האָבן דערנאָך געשעפּט געדאַנקען, צוגעבנדיק צו זיי נאָר נאָך אַביסל געווירץ — און זיי אויסגעלייגט אויף אַנדערע טעלערלעך. דעריבער, אַז מען לייענט דאָס דאָזיקע ספרל, קאָן מען שוין מיט אים יוצא זיין פונם לייענען נאָך תרי"ג אַנדערע זיינגלייכן. און דאָס אייגנטלעך איז אונדזער גאַנצער כיוון—באַקאַנט צו מאַכן דעם עולם מיט דעם גאַנצן היינטיקן שמועס איבער יידן און צוגלייך טאַקע אים פאַרשפּאָרן די מי אָנצולייענען זיך ווי אַ פּויק מיט אַסך ספרים, וואָס אין תוך אַריין זיינען זיי אַלע גלייך, ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט"... וואָלט מענדעלע, פרעגט זיך, געפּלייסט זיך אַזוי „באַקאַנט צו מאַכן דעם עולם" מיט פינסקערס געדאַנקענגאַנג, ווען ער זאָל אַליין נישט האָבן געווען פאַרכאַפּט פון אים? ניין, עס קאָן נישט זיין קיין ספק, אַז פינסקערס „אויטאָעמאַנסיפּאַציאָן", — אָט דאָס ספרל, מיט וועלכן עס הויבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער טעריטאָריאַליסטישער און ציוניסטישער באַוועגונג, — איז מענדעלען שטאַרק געפעלן געווען: „זיינע רייד, שרייבט ער ווייטער אין דער זעלביקער הקדמה, גיסן זיך ווי אַ שטראָם טיף פונם האַרצן, דאָס זיינען הייסע, פלאַמפייערדיקע געפילן, וואָס צונויפשטיקנדיק זיך אינאיינעם רייסן זיי זיך מיט אימפּעט אַרויס פון דער ברוסט און שיטן זיך אים ווי פּערל אויס דעם מויל".

אַזוי טיף איינגעבאַקן אין האַרצן זיינען מענדעלען געווען די געדאַנקען פון „אויטאָעמאַנסיפּאַציע", אַז מענדעלע האָט נישט געוואָלט האָבן דעם פרעמדלעכן דייטשן נוסח, און ער האָט געשאַפן

זיין אייגענעם נוסח. ער האָט אַזויווי געזאָגט צו זיין פּריינט דעם „דייטש״:

— כל־זמן איר, דאָקטאָר־לעב, האָט גערעדט צו אַזעלכע „דייטשן״, ווי איר אַליין זייט, איז אייער פיינע שפּראַך מיט די איידעלע אָנצוהערענישן געווען ווי אָנגעמאָסטן, אָבער אויב איר ווילט, אַז יידן פון אַ גאַנץ יאָר זאָלן פאַרשטיין, וואָס איר רעדט, מוז מען זיין יידישלעך, — יידיש אַליין איז נישט גענוג. מען מוז זיי אָננעמען פאַרן לאַץ, אַ קנייטש טאָן דעם שטערן און זאָגן טאַקע מיטן גראָבן פינגער, אָבער פשוט: — „נאָך אונדזער חות־דעת ליגט דאָס גאַנצע פּינטעלע פון דער שווערער הלכה אָט דרינען: די יידישע קינדער זיינען צווישן די אַלע אומות העולם עפּעס אַזאַ מין ווילדפרעמדער טייל, וואָס קיינער פון זיי קאָן אים נישט פאַרדייען, ווערן מיט אים איין לייב און לעבן — און דעריבער טאַקע קאָן אים אויך קיינער נישט ליידן״. (ז. 6)

דאָס איז דאָס אייגענע, וואָס פינסקער האָט געזאָגט, נאָר אָן אַזעלכע פרעמדע ווערטער, ווי „אַנטיסעמיטיזם״, „אַסימילאַציע״ א. אז. וו. מענדעלע האָט נישט סובל געווען קיין פרעמדווערטער. איז ביי אים פון „אויטאָעמאַנסיפּאַציאָן״, ווי דר. פינסקערס בראָשור האָט געהייסן אין דייטש, געוואָרן „אַ סגולה צו די יידישע צרות״, און אַנשטאָט צו זאָגן יידן, אַז זיי קאָנען זיך נישט אַסימילירן, האָט ער געזאָגט, אַז „די יידישע קינדער זיינען צווישן די אַלע אומות העולם עפּעס אַזאַ מין ווילדפרעמדער טייל, וואָס קיינער פון זיי קאָן אים נישט פאַרדייען, ווערן מיט אים איין לייב און לעבן״.

דר. לעאָן פינסקער האָט גערעדט וועגן אַנטיסעמיטיזם, ווי וועגן אַ פּסיכאָז, ווי וועגן אַ מורא פאַר געשפּענסטער, גייסטער, וויל דאָס יידישע פאָלק, ווי אַ פאָלק אָן אַ לאַנד און אָן אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן קולטור־לעבן, בלאָנדזשעט אַרום, ווי אַ טויטער, וואָס איז דאָך נישט טויט. האָט מענדעלע עס איבערגעגעבן אויף זיין שטייגער: די שנאה צו יידן, האָט ער געשריבן, איז „אַ מין מאַנקאָליע, ווי דאָס שרעקן זיך פאַר רוחות, נישט דאָ געדאַכט, א. אז. וו. א. אַז. וו.״ יידן אַליין זיינען ווי „אַ מת פון

יענער וועלט, וואָס גייט אַרום צו חלום, אַ טויט פֿאָלק אָן אַ לאַנד, אָן לייב און לעבן, אָן האַק און פּאַק א. אַז. וו.״

פּינסקער, וועלכער איז תחילת געווען אַ טעריטאָריאַליסט און איז דערנאָך ערשט געוואָרן אַ חובב־ציון, האָט זיך פֿאַרגונען צו שרייבן: „אונדזער שטרעבונג דאַרף זיין נישט אונדזער הייליק לאַנד, נאָר אַ לאַנד, וואָס זאָל זיין אונדזערס. — — — אַהין וועלן מיר ברענגען די אַלע הייליקייטן, וואָס מיר האָבן אָפּגעראַטעוועט פון חורבן: דעם גאָטהייטס־געדאַנק און דעם תנ״ך. האָבן זיי דאָך הייליק געמאַכט יענעס לאַנד, נישט ירושלים אָדער דער ירדן. ווען אונדזער הייליק לאַנד קאָנען ווערן אונדזער לאַנד, איז — מה טוב, אָבער פריער ווי אַלץ דאַרף מען זען דערגיין, וואָסער לאַנד קאָן ווערן אַ זיכערע היים פאַר יידישע וואַנדערער״. אזוי האָט געשריבן פּינסקער אויף דייטש פאַר „דייטשן״. אויף יידיש פאַר אונדזערע יידן האָט מענדעלע נישט געהאַלטן פאַר פּאַסיק צו שרייבן אַזוי קאַלט און אַזוי ניכטער וועגן ארץ ישראל. האָט ער אויסגעלאָזן פּינסקערס שאַרפן אַפאָריזם, אַז נישט דאָס הייליקע לאַנד האָט הייליק געמאַכט די ביבל, נאָר אַז, פאַרקערט, די הייליקע שריפטן האָבן הייליק געמאַכט דאָס לאַנד, און ער האָט זיך באַנוגנט מיט זאָגן איינמאָל און נאָכאַמאָל, אַז — „ווער ווייסט אויך גאָר מעגלעך זיין, אפשר, אַז ארץ ישראל זאָל ווערן אונדזער אייגן לאַנד, איז אוודאי גוט, אָבער דער עיקר אויף וואָס מען באַדאַרף פריער פון אַלע זאַכן קוקן, איז אָנצוטרעפן אַזאַ לאַנד, צו וועלכן ס׳איז גרינגער צוצוקומען און פעסט טאָקע צוגלייך אויך פאַר יידישע קינדער פון פאַרשיידענע מדינות, אַז זיי זאָלן דאָרט קאָנען זיצן במנוחה ווי ביי זיך אין דער היים און אַרויסברענגען דאָס שטיקל ברויט מיט אייגענער אַרבעט״ (ז. 18—19).

דאָס איז אין אָנהויב 80ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געווען דר. ל. פּינסקערס פּראָגראַם און איז, ווי עס ווייזט, אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן מענדעלען, אַז ער האָט עס אַדאָפּטירט און געגעבן דעם יידישן לעזער אַ במקום „אויטאָעמאַנסיפּאַציע״ — „אַ סגולה צו די יידישע צרות״.

צי איז מענדעלע געבליבן ביי דעם דאָזיקן געדאַנקענגאַנג אָדער נישט, איז שווער צו זאָגן. (עס איז נאָר באַוואוסט, אַז אָפּי־

ציעל איז ער צו דער חבת־ציון באַוועגונג נישט צוגעשטאַנען, אַזויווי ער איז צו קיין שום אַנדער באַוועגונג נישט צוגעשטאַנען אָפּיציעל). אָבער אין יענער צייט, אין דער „שטורעם־צייט", האָט ער, ווי עס זעט אויס, איינגעשטימט מיט די, וועלכע האָבן גע־שטרעבט צו באַזעצן די נויטבאַדערפטיקע יידן „ערגעץ אין אַ שטיקל אייגן אָרט, אַז זיי זאָלן מיט זייער אַרבעט קאָנען לעבן דאָרט מיט לייטן גלייך"...

אויפבליצייט

צוריק צו העברייאיש. — נייער העברייאישער סטיל. — נייע דערציילונגען. — פאַרבינדונגס־רינג צווישן אונדזערע ביידע ליטעראַטורן. — צוריק קיין גלופּסק. — נייע וואַריאַנטן פון „פישקע דער קרומער״ און „ווינטשפינגערל״. — העכסטער שטאַפּל פון פּרוכטבאַרקייט. — ערשטע קריטישע אָפּשאַצונגען. — שילדערער, נישט דערציילער. — היסטאָריקער. — אַקטועלע אָדער אַמאָליקע טעמעס? — „די קליאַטשע״ און „דער פּרינץ״. — נישט דער קאַב־צאַנסקער, נאָר קאַבצאַנסק. — „די יידישע קאָמעדיע״. — אַ יוסיפון. — אויפבליפּעריאָד.

„אַ סגולה צו די יידישע צרות״ איז געווען איינע פון מענדעלעס ל ע צ ט ע פּובליציסטישע אַרויסטרעטונגען. דאָס וואָלט געוויס נישט געווען אַזוי, מענדעלע וואָלט נאָך געשריבן אַסך פּובליציסטיק, ווען ער זאָל באַקומען פון דער רוסישער רעגירונג די דערלויבעניש אַרויסצוגעבן די יידישע אָדער די העברייאישע צייטונג, וועלכע ער האָט זיך געריסן אַזוי אַרויסצוגעבן, אָבער אַזוי ווי אַלע זיינע באַמיאונגען צו קריגן די דערלויבעניש האָבן זיך אויסגעלאָזן, ווי מיר ווייסן, מיט גאָרנישט, האָט ער זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן זיין קינסטלערישן שאַפן.

אונטער דער ווירקונג פון די נייע, נאַציאָנאַלע, שטימונגען און אויך אַ דאַנק דעם, וואָס די העברייאישע פּרעסע האָט אויפגעלעבט, קערט זיך מענדעלע אום צוריק צו העברייאיש. אים איז שוין איצט אָבער פרעמד דער מליצהדיקער לשון קודש, אויף וועלכן ער האָט געהאָט געשריבן זיין „האבות והבנים״. ער נעמט ביסלעכווייז שאַפן אַ נייעם העברייאישן סטיל, אַזאַ, וואָס נעמט אין זיך אריין אַלע אוצרות און אַלע אַנטוויקלונגען פון העברייאיש, נישט נאָר תנ״ך; אַזאַ, וואָס פאַראייניקט אין זיך שפּילעוודיקייט מיט פּינקט־

לעכקייט, אַנצוהערענישן אויף אַלטע מוסטערן מיט טרייקייט צום איצטיקן לעבן; אַזאַ, וואָס וויל זיין נאָענט צום היינט אַזוי, ווי יידיש, און וואָס אין אַסך פּרטים איז עס טאַקע אָנגעזאַפּט מיטן גייסט און גוסט פון יידיש...

אויף אָט דעם נייעם אָדער, ריכטיקער, באַנייטן העברייאיש הויבט מענדעלע אָן שרייבן דערציילונגען, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ דאָס יידישע לעבן נאָך די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן. שפּעטער זעצט ער איבער אויף אָט דעם נייעם העברייאיש אויך די ווערק, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן לתחילה אויף יידיש. און פאַרקערט — די עטלעכע העברייאישע דערציילונגען, וואָס ער האָט דאַן אָנגעשריבן, זעצט ער איבער אַליין אָדער מיט דער הילף פון אַנדערע אויף יידיש... ער איז שוין נישט מער בלויז העב־רייאישער שריפטשטעלער, ווי ער איז עס געווען גאָר אין אָנהויב (פון 1857 ביז 1864); ער איז שוין נישט מער בלויז יידישער בעלעטריסט, ווי ער איז עס געווען אין די 70ער יאָרן; ער איז אַ יידיש־העברייאישער שרייבער — אַ מעכטיקער פאַרבינדונגס־רינג צווישן אונדזערעביידע לשונות און ביידע ליטעראַטורן.

אין 1886 פאַרעפנטלעכט ער אין „היום", דער ערשטער טעג־לעכער העברייאישער צייטונג, וועלכע האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין יענעם יאָר, — זיין דערציילונג „בסתר רעם". די דערציילונג שטיצט זיך אויף געשעענישן פון יענע טעג, דאָך שטעלט מענדעלע פאָר אין איר פאַרן העברייאישן לעזער זיינע אַלטע באַקאַנטע — די קאַבצאַנסקער און גלופּסקער פאַרשוינען. אין דער עת־צרה פון די פּאָגראָמען „האָבן זיי, ווי די טבע איז פון מענטשן, אָנגעהויבן צו האָפן אויף ניסים" און זיי האָבן זיך אינאיינעם מיט ר' מענדעלען אַוועקגעלאָזט קיין אָדעס, כדי צו פאָרן פון דאָרט קיין ארץ ישראל. דער סוף איז געווען, אַז ר' מענדעלע, אַזוי ווי בנימין השלישי, האָט זיך פון זיין גרויסער רייזע אומגעקערט צוריק קיין גלופּסק. „מיט מי און מאַטערניש, דערציילט ער צום סוף פון דער מעשה, האָב איך זיך אומגעקערט קיין גלופּסק. אַריינפאָרנדיק אין שטאָט אַריין האָב איך מיך געפילט אַזוי, ווי עס פילט זיך אַ פראָש, ווען זי קערט זיך אום, נאָך אַ לאַנגן שפּאַצירגאַנג איבער דער יבשה, צו־ריק אין איר בלאָטע אַריין און טוקט זיך אונטער ביז איבער די

אויערן. איך האָב געזען בדרוש, אַז איך און גלופּסק זיינען אַ זיווג מן השמים: טאַקע נאָר צווישן די מייניקע, אין גלופּסק און אין אַנדערע אַזוינע יידישע מקומות, בין איך אַ מענטש מיט מענטשן גלייך". האָט ער זיך דערפאַר אומגעקערט צו „די זייניקע אין גלופּסק און אין אַנדערע אַזוינע יידישע מקומות". די נייע פאַרשווינען — די אינטעליגענטן־בעלי־תשובהניקעס, די חובבי־ציון—זיינען פאַר זיין פענדזל, וועלכן ער איז געוואוינט געווען צו טונקען אין דער פאַרב פון אַן אַלטן איינגעפונדעוועטן לעבנסשטייגער—געווען צו פּריש, צו ניי. „מיין מוזע געפינט זיך נישט אין אָדעס, האָט ער געשריבן אין אַ בריוו צו ל. בינשטאָקן אין 1886, — נאָר דאָרט, אויף די ברעגעס פון גנילאָפּיאַטעווקע און טעטערעוו". עס האָט זיך אַלץ טאַקע געענדערט אַרום אים, און אויך ער האָט זיך ביסלעכווייז געענדערט — געוואָרן אַלץ מער קינסטלער, ווינציקער פּובלי־ציסט, אַלץ מער הומאָריסטיש, ווינציקער סאַטיריש, — דאָך בלייבט ער געטריי זיין אַמאָליקער „מוזע", דער מוזע פון גלופּסק און קאָב־צאַנסק. נישט נאָר מאָלט ער זיי ווידער אין זיינע נ י י ע דער־ציילונגען („בסתר רעם", „לא נחת ביעקב", „בישיבה של מעלה" און אַנדערע), ער קערט זיך אום צוריק צו זיינע אַ ל ט ע ווערק — צו „פישקע דער קרומער", צו „ווינטשפינגערל" — און ערשט איצט אייגנטלעך גיט ער זיי צו די פאָרם און רעם רייכן אינהאַלט, וואָס זיי האָבן. ערשט איצט אייגנטלעך ווערן זיי געשאַפן. די צוויי קליינע ביכלעך, וואָס זיינען אונטער די נעמען „ווינטשפינגערל" און „פישקע דער קרומער" אַרויס אין די זעכציקער יאָרן, זיינען נישט געווען אפילו די סקעלעטן פון דעם אמתן „ווינטשפינגערל" און דעם אמתן „פישקע".

ווענן דעם צווייטן גילגול פון „פישקע" האָבן מיר גערעדט אין אַ באַזונדער קאַפּיטל און מיר האָבן געזען, אַז ס'איז געווען גאָר אינ־גאַנצן אַ „ניי באַשעפעניש". וועגן דעם נייעם „ווינטשפינגערל" האָט מענדעלע אַליין געשריבן אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען: „אונטער דעם נאָמען פון מיינס אַ גאַנץ אַלט קליין ספרל פון עטלעכע בלעט־לעך, האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן פאַר אייך אַ ש פּ אָ ג ל־נ י י ע ם ספר, אין וועלכן איך וויל אַרויסשטעלן דאָס יידישע לעבן און די וויכטיקסטע ענינים, וואָס קומען היינט ביי אונדז פאָר.

איך וויל שאַרף דערקלערן די יידישע לאַגע און אַנווייזן, וואָס מען האָט צו טאָן די יידישע לאַגע צו פאַרבעסערן. דאָס „ווינטשפינגערל״ — אַזוי האָף איך — וועט אָנמאַכן אין דער ליטעראַטור בכלל אַ רעש, אַ גרויסן רושם, אפשר נאָך מער פון „דער קליאַטשע״ — — דאָס „ווינטשפינגערל״ איז נישט גלאַט אַזוי זיך אַ מעשהלע, ווי אַנדערע שרייבן זיך היינט. דאָס איז אַ ג ע ש י כ ט ע פונם יידישן לעבן, דאָס איז נישט קיין ליאַלקע צום שפּילן זיך, נאָר אַ לעבעדיק באַשעפעניש מיט בלוט, מיט אַ נשמה, מיט מענטשלעכע געפילן און מיט אַ מענטשלעך פנים״.132)

„דאָס ווינטשפינגערל״ האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין שלום־עליכמס ״יידישע פאָלקסביבליאָטעק״ (1888, 1889). אין דער זעלבי־קער צייט זיינען אַרויס אין בוכפאָרם „פישקע דער קרומער״ און אַ פאַרבעסערטע אויסגאַבע פון „דער קליאַטשע״. מיט זיי הויבט זיך אָן די אויסגאַבע פון „אַלע כתבים פון מענדעל מוכר ספרים״ (אָדעס, 1888).

און ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אין דער זעלביקער צייט קערט ער זיך אום צו דער העבדייאַישער שפּראַך און לעבט זי אויף, ווערט קלאָר, אַז ער האָט דאַמאָלסט דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל פון זיין ליטעראַרישער פּרוכטבאַרקייט, און עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס זיין נאָמען האַלט אין איין וואַקסן.133) עס ווייזן זיך די ערשטע קריטישע אָפּשאַצונגען פון זיינע ווערק — אויף יידיש (ראַבניצקי אין שלום־עליכמעס „יידישער פאָלקסביבליאָטעק״, פריש־מאַן אין ספעקטאָרס „הויזפריינד״). עס דרוקן זיך נייע אַרטיקלען וועגן מענדעלען אין דער רוסיש־יידישער פּרעסע. עס שרייבן וועגן אים אַזוינע אָנגעזעענע פאַרשטייער אירע, ווי מנשה מרגלית (וועגן „פישקע דעם קרומען״) און ש. דובנאָוו—קריטיקוס (וועגן „ווינטש־פינגערל״). מרגלית פאַרגלייכט אים מיט דיקענסן, דובנאָוו — מיט גאָגאָלן. דובנאָוו רופט אָן „דאָס ווינטשפינגערל״ — „די גרויסע עפּאָפּייע פונם יידישן לעבן״...

אָט די צייט, וואָס, לויט דער סאָוועטיש־יידישער קריטיק, איז עס דער אָנהויב פון מענדעלעס „ירידה״ — איז אָן אמתע אויפבלי־צייט אין זיין שאַפן.

ער ליידט נאָך אַלץ דערפון, וואָס ער איז מער שילדערער, ווי דערציילער, — דערפון, וואָס „אַ גרויסער סיפּור ביי אים, ווי י. ח. ראבניצקי האָט געשריבן נאָך אין יאָר 1889, — קומט, אַשטייגער, כמעט קיינמאָל נישט אַרויס ווי אויסגעגאָסן אין איין פאָרם. נאָר אַלץ געאַרבייט פון צונויפגעשטעלטע שטיקלעך, פון צוגעקינצלטע אינטריגעס; עס ציט זיך נישט איבער דעם סיפּור איין דורכגעשנורעוועטער גלייכער און גלאַטער פאָדעם, עס זעען זיך אַרויס די געמאַכטע קניפּ אָפּטמאָל גאָרנישט בריהש".134) אָבער דאָס שטערט אים נישט צו פאַרנעמען דעם אָרט פונם וויכטיקסטן און וואָגיקסטן יידישן שרייבער. די לעזער און די קריטיקער פילן, אַז זיי טאָרן אים נישט מעסטן מיט דער אָנגענומענער מאָס: אַזוי אייגנאַרטיק איז ער. ער האָט זיך אַליין געשאַפן זיין געצייג — די שפּראַך, און אויך די מאָס אויף צו מעסטן אים האָט ער זיך אַליין צוגעגרייט. דאָס איז נישט די מאָס פון געוויינטלעכער בעלעטריסטיק. דאָס איז די מאָס (און די וואָג) פון קינסטלעריש־געשריבענער געשיכטע... „איך בין אויך אַ היסטאָריקער, האָט ער געזאָגט אַמאָל ש. דובנאָוון, נאָר אויף אַן אַנדער שניט. ווען איר וועט קומען, האָט ער אים דערקלערט, צו דער געשיכטע פונם ניינצנטן יאָרהונדערט, וועט איר מוזן זיך באַנוצן מיט מיינע ווערק, כדי צו שילדערן דעם לעבנסשטייגער פון יענע דורות".135)

אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָט מענדעלע געהאַט מיט זיך אַליין, ביז עס איז ענדגילטיק געבליבן ביי אים צו ווערן דער היסטאָריקער פון די פריערדיקע דורות. געווען מאָמענטן, ווען ער האָט געהערט אין זיך אַן אינעווייניקסטע שטים, וועלכע האָט געמאָנט פון אים אַ חשבון, פאַרוואָס ער גיט זיך נישט אָפּ מיטן היינט, מיט דער הייסער מינוט: „קומט צו מיר, האָט יענע שטים גערופן, קוקט־אָן מיין סחורה און קוקט נישט אויף יענס, וואָס שמעקט שוין מיט קברות־בלעטלעך. וואָס טויג איך, רב ייד, פאַרשימלטע זאַכן — אויף דערויף שרייט מען דאָך טאַקע אין דער וועלט, אַז יידן מייסטנס רייסן זיך אָפּ פונם איצטיקן אין דער וועלט, און דער קאָפּ ליגט זיי העט־העט אין דער פאַרגאַנגענהייט, זיי גייען אומגעקערט מיט דעם פּנים אַ הינטער נישט צו זען פאַר זיך דעם וועג, שטרויכלען זיך און פאַלן. אין אַלע זייערע הנהגות זיינען זיי ווי

די טויטע. טויטע זיינען זיי ביים לעבן און לעבן מיינען זיי נאָכן טויט. אַ ייד, אַז ער לעבט, איז גערעכנט ווי גאָרנישט, ערשט נאָכן טויט ווערט ער געהויבן מיט אַ שיינער מצבה — אַלע מתים באַקומען דעם טיטל תם וישר, אַ נדיב, אַ חכם. רעטעך, ציבעלע ווערן צעדערבוימער, אַ פלאָטע — אַ לוויתן אויפן בית־עולם. הכלל, דער היינט איז ביי זיי גאָרנישט. אינאמתן אָבער איז דאָך דער עיקר לעבן פּאָרט טאַקע נאָך אין דער הייסער מינוט, אין וועלכער מען געפינט זיך. דער מענטש, וואָס נויטיקט זיך ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש אין אַזויפיל באַדערפעניש, איז מחויב ווי ווייט מעגלעך אויסצוזוכן אַזוינע מיטלען און זיי פאַרבעסערן אַזוי, אַז דורך דעם זאָל אים דאָס לעבן אויף דער וועלט ניחה זיין. הייסט דאָך עס, אַז ער מוז דערינען אַרבעטן אינאיינעם מיט אַלע מענטשן אין זיין צייט". (אַריינפיר צו „שלמה ר׳ חיימס"). אַזוי האָט מענדעלע פון „דער טאַקסע" און פון די פּאָגראָם־און חיבת־ציון דערציילונגען געטענהט צו מענדעלען פון „ווינטשפינגערל" און „שלמה ר׳ חיימס", אָבער די טענות האָבן נישט געהאָלפן. מענדעלע האָט זיך אַ „דריי געטאָן צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט", אַהין, וואו ער האָט „געלעבט אין דער יוגנט": „אַלט, זאַט מיט צרות, מיט אַ האַרץ, אָנגעפלאָגט און פאַרוואונדעט פון פליענדיקע פיילן אין לעבנסקאַמף, געפּרואווט מיט ביטערע שווערע יסורים, האָב איך מיך אומגעקערט צו מיין וועלטל, וואָס אַמאָל — — — — אוי וויי, יענעס וועלטל מיינס איז זייער אַ קליינס — דאָרט בליען נישט קיין פאָמעראַנצן, עס וואַקסן נישט קיין רויזן, מען זעט דאָרט נישט קיין גרויס נחת, טייכן פון מילך און האָניק גיסן זיך דאָרט נישט, און דער עולם דאָרט איז אַ געמיינער, נעבעך. יידן מיט בערד און פאות און מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, דאַרע, קוואַרע, געבויגענע, קראַנקע, צעבראָכענע, דערשלאָגענע, פאַרשוואַרצטע, פאַרפינצטערטע ציטערן פאַר דער שיין... עס טוט מיר זייער באַנג, רבותי, באַאומרואיקן די אלטע ביינער זייערע און מטריח זיין די דאָזיקע מתים, זיי זאָלן ארויף אויף דער סצענע מיט זייער כבוד אַליין. און ווער ווייסט, צי וועלן זיי זוכה זיין צו א שיינעם אויפנאַם?" מענדעלע האָט זיך געמיט, אַז זיי זאָלן „זוכה זיין צו אַ שיינעם אויפנאַם". ער האָט געוויזן זייער ליכט, נישט נאָר זייער פאַרפינצטערטקייט. ער האָט זיך צוגעהערט צו

זיינע פריינט, וועלכע האָבן אים געטרייסט און געזאָגט: „נו, לאָז שוין זיין אפילו ווי איר זאָגט, אַז אין דעם יידנס לעבן פעלט גע־ווירץ, אָבער דערפאַר האָט ער אין זיך אַ מין יידישן טעם, וואָס ס׳איז נישטאָ זיין גלייכן. ס׳איז דאָ אַ מין קעז, וואָס ער איז מיט ווערים, און די מבינים, וואָס פאַרשטייען זיך אויף דער אכילה, צאָלן דערפאַר אין טאָג אַריין און עסן דאָס מיט אַ מאָדנעם אַפּעַ־טיט. אָט די ביטערקייט, וואָס אין אונדזער לעבן, אָט דאָס איז טאַקע די גאַנצע חשיבות זיינע, און עס איז געשמאַקער דעם מבין פיל מער פון יענער פריקרע זיסקייט, פון וועלכער עס נודזעט אַמאָל גאָר צום ברעכן. לעקעכלעך, דאָס איז אַ מאכל נאָר פאַר קליינע קינדער. דאָס לעבן פון דער כנסת ישראל, כאָטש עס זעט אויס שטאַרק מיאוס פון דרויסן, אָבער שיין איז עס אינעווייניק. אַ שטאַרקער גייסט ליגט אין דעם יידישן לעבן, אַ גייסט אַ געטלעכער, וואָס ווי אַ ווינט ווייעט ער שטענדיק, אויפהויבנדיק אין אים כוואַ־ליעס, כדי צו רייניקן זיי פון שמוץ און פוילקייט. די דונערן און בליצן, פאָגראָמען און שטורעמס, וואָס קומען אויף זיי אַמאָל, זיי לייטערן זיי, און גיבן זיי צו אַ נייע קראַפט. דאָס יידישע פאָלק איז ווי דער פאַרצייטיקער גריכישער פילאָזאָף דיאָגענעס, דער קאָפּ זיינער פליט אים אין הימל, דערקענט גאָטס גרויסקייט אָן אַ סוף, און אַליין וואוינט ער דאָ צווישן די אומות העולם (ווי יענער אַמאָל אין זיין פעסל) צונויפגעשטיקט אין אַ באַשטימט ענג אָרט. אונטער די בערגלעך מיסט אין חדר, ישיבות און בתי־מדרשים גליט דאָס פייערל פון תורה, פאַרברייט ליכט און וואָרעמקייט צווישן גאַנצן פאָלק. אַלע אונדזערע קינדער, אָרעם און רייך, קליין און גרויס, לערנען און קענען אין די קליינע אותיות. אָט אַזאַ לעבן, זאָגן מיר, איז רעכט און עס פאַסט טאַקע, אַז סזאָל פאַרשריבן ווערן לדורות״.

און ער האָט עס „פאַרשריבן לדורות״.

ער איז געוואָרן דער כראָניקער און דער היסטאָריקער פונם יידישן לעבנסשטייגער אינם נײַנצנטן יאָרהונדערט.

נישט נאָר „שלמה ר׳ חיימס״ און נישט נאָר „דאָס ווינטשפינ־גערל״ איז, ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט, „אַ געשיכטע פונם יידישן לעבן״. אַלע זיינע שריפטן זיינען עס. אַלע אינאיינעם... אין תוך גענומען האָט ער גאָרנישט קיין באַזונדערע ווערק. זיי

האָבן אַלע איין טעמע: דאָס יידישע לעבן. זיי האָבן אַלע איין העלד: דאָס יידישע פאָלק. דאָס יידישע פאָלק אין זיין היסטאָ־רישער גאנצקייט, דאָס יידישע פאָלק אין זיין סאָציאַלער דיפע־רענצירטקייט; דאָס ײדישע פאָלק אין זיין געפאַלנקייט און וואָכעדיקייט („די קליאַטשע״), אָבער אויך דער יום־טוב און די געהויבנקייט פונם יידישן פאָלק (דער „פרינץ״!)... י ו ד ל, דער העלד פון דער פאָעמע אין חרוזים, וואָס טראָגט ד ע ם נאָמען איז דער העלד פון אלע ווערק מענדעלעס. די כלערליי יידן און יידענעס, ווי אויך די „קליינע יידעלעך״, וואָס מיר באַגעגענען ביי אים, זיינען אַלע פעדים, איינגעוועבט אין דער מאַטעריע, וואָס טראָגט דעם נאָמען ייד. מענדעלע מיינט נישט די פעדים, ער מיינט די מ אַ ט ע ר י ע. דערציילט ער אונדז פון ר׳ יעקבן, איז ער מוסיף, אַז ס׳איז „פון ד י מ י נ י ר׳ י ע ק ב ס, וואָס זיינען דאָ אַצינד, און וואָס וועלן זיין אויך שפּעטער אין אַלע יידישע ערטער, כל־זמן פון די קינדער ישראל וועט נאָך בלייבן אַ זכר און אין זיי וועט נאָך שלאָגן אַן אָדער״ (די אַלטע מעשה); ער דערציילט אונדז נישט פון ר׳ יעקבן, נאָר פון ד ע ם מ י ן ר׳ י ע ק ב ס.

זיין טעמע איז דער כלל... מיינט עס, אַז ער האָט נישט קיין אויג פאַר דאָס אינדיווידועלע? ניין, צוזאַמען מיט די טיפּיזירטע כלל־פאַרשוינען, פון וועמענס מויל עס רעדט געוויינטלעך מענ־דעלע אַליין, האָבן מיר אין זיינע ווערק צענדליקער נעמען, וואָס יעדער פון זיי, אַז מען זאָל אים אָנרופן, וועט ער אויפוועקן אין אונדזער זיכרון סימנים, בולטע, פלאַסטישע סימנים, לויט וועלכע מיר קאָנען אים דערקאָנען און אָפּשיידן פון אַלע אַנדערע. אפילו אין „דער טאַקסע״, וואָס איז געשריבן מיט אַ טענדענץ און וואָס עס פיגורירן אין איר גבירים, קהלסלייט, וואָס מענדעלע זעט אין זיי נאָר דאָס גבירישע, דאָס קהלשע — אפילו אין „דער טאַקסע״ איז ר׳ איציק וואָלף ספּאָדיק נישט דער אייגענער, וואָס שמעיה תם, און ר׳ יוסף מהיכי־תיתין וועט איר נישט פאַרבייטן אויף ר׳ יודעלע שטאַנדהאַפט. ווער רעדט אַזוינע ווערק, ווי „פישקע״ „דאָס ווינטשפינגערל״, „די ישיבה של מעלה״, „שלמה ר׳ חיימס״ — דאָ האָט איר אַ גאַנצע עדה אינדיווידועלע געשטאַלטן: גבירים,

בעל־מלאכורת, סרסורים, שדכנים, קרעמער, מלמדים, קהלסלייט, משכילים. דאָ האָט איר פאַרשיידענע סאָרטן י י ד ע נ ע ס אפילו. אין איין „ווינטשפינגערל" האָט זיך מענדעלע פאַרגונען צו געבן אונדז אַ גאַנצע גאַלעריע מיט ידענעס, אַ מין ווייבערשע שול, און יעדע פון זיי איז אַ ידענע אויף איר אייגענעם שטייגער: טריינע־סאָסיע איז טריינע־סאָסיע, מלכה־טויבע — מלכה־טויבע, יענטל איז פאַר זיך אַ באַלעבאָסטע, און די ליבע מומע רייזע, די בעל־אכסניהטע, וועט קיינער נישט צונויפמישן מיט דער מומע ש י י נ ־ צ ע ן . . . זאָל אַ מאַלער פּרואוון אילוסטרירן די אַלע פאַרשוינען, וועט ער פאַר יעדן פון זיי געברויכן אַנדערע ליניעס, אַנדערע כאַראַקטערשטריכן, עס וועט זיין אַ גאַנצער אַלבום . . . ניין, מענדעלע איז נישט נאָר אַ כלל־שילדערער; ער איז אויך אַ בריה אויף פּרטים. אלא וואָס דען? ער וויל, אַז יעדע זאַך, וואָס ער שאַפט, זאָל לעבן אַ ט אָ פּ ל ט ־ ל ע ב ן : דאָס אייגענע לעבן, און דאָס לעבן פונם מין, צו וועלכן זי געהערט. ער וויל, אַז יעדער ייד, וואָס ער שטעלט פאַר אונדז פאַר, זאָל זיין אי אַ ר' יעקב, אי „איינער פון די מיני רב יעקבס" . . .

ר' יעקב אַליין איז פאַר אים נישט גענוג. ווער און וואָס איז אַן איינציקער ייד? אַ קאַבצאַנסקער תושב אָדער נכתב. מענדעלען אינטערעסירט קאַבצאַנסק, נישט דער איינציקער קאַבצאַנסקער איינוואוינער. דער איינציקער קאַבצאַנסקער ייד איז שטאָף פאַר אַ הומאָרעסקע, גאַנץ קאַבצאַנסק — דאָס איז אַן עפּאָפּייע. מענדעלע האָט אונדז געוואָלט געבן „די עפּאָפּייע פונם יידישן לעבן". ער האָט אפילו אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — אין „שלמה ר' חיימס" — נישט געוואָלט בלייבן אין די גרעניצן פון איין „איך" . . . „. . . מיין לעבן אַליין, פאַר זיך גענומען, האָט געטענהט ר' שלמה, — מיט וואָס האָט עס פאַרדינט און וואָס פאַר אַ נייעס איז אין אים דאָ, עס זאָל ווערט זיין מען זאָל עס באַשרייבן? עס האָט זיך פאַסירט מיט מיר דאָס אייגענע, וואָס מיט טויזנטער אַנדערע ביי אונדז, גאַנץ געוויינטלעכע זאַכן. איז דען דאָ נאָך אַן אומה אויף דער וועלט, וואָס דער גאַנצער שטייגער לעבן פון איטלעכן באַזונדער זאָל זיך ציען פונם געבוירן ווערן ביז דעם שטאַרבן אויף איין נוסח, ווי ביי אונדז יידישע קינדער? די דערציאונג, דאָס לערנען, דאָס

דאַוונען און דער ניגון צו יעדער תפילה, צו יעדן פּיזמון, צו יעדן שטיקל פּיוט, צו יעדער סליחה, האָט זיין געשטעלטן, גע־וויסן נוסח. אפילו עסן און טרינקען האָבן אויך אַיין נוסח. איז עס דען וואו געהערט געוואָרן, אַז אין אַ געוויסער שעה, פּרייטיק־צו־נאַכטס, אַשטייגער, זאָל אַ פאָלק יידן עסן פיש, לאָקשן און צימעס? שבת אינדערפרי — רעטעך און פּעטשאַ, לעבער און ציבעלעס מיט אייער, אָן אויסגעפּרייטע קאַשע מיט אַ גרויסן מאַרך־ביין דרינען; אין דעם און דעם טאָג זאָל מען עסן קרעפּלעך, אין יענעם טאָג המן־טאַשן און אין דעם טאָג אַ געלן קוילעטש מיט זאַפרען. הויבט איינער אָן זאָגן „כל מקדש" אָדער שרייען „חי וקים" אין בערדי־טשעוו, הערט זיך דער אייגענער ניגון און דאָס אייגענע קול אויך אין אַרגענטינע, וואָס אין עק וועלט. מיר זיינען אַן עדה פון מילבן, וואָס ווי איינע, אַזוי די אַנדערע, אַלע גלייך. אין דער נאַטור־גע־שיכטע, זאָאָלאָגיע, ווערט גערעדט וועגן דעם מין מילבן בכלל, אָבער נישט וועגן איטלעכער מילב באַזונדער". („שלמה ר' חיימס").

און אַזוי האָט מענדעלע אויך אין זיין „נאַטורגעשיכטע" פון דער יידישער עדה איינזינען געהאַט דעם מ י ן י י ד ן, נישט איטלעכן יידן באַזונדער.

דער „מין ייד" אדער „די מאַטעריע, וואָס טראָגט זיך איבער דער וועלט אונטער דעם נאָמען ייד" — אָט דאָס איז דער צעמענ־טירנדיקער שטאָף פון מענדעלעס שאַפן. דאָס איז דער שטאָף, וואָס גיט־צו גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט יעדן ווערק זיינעם באַזונדער און אַלע זיינע ווערק אינאיינעם.

„דער מין ייד", דער „אייביקער ייד" — דאָס איז מענדעלעס אייביקע טעמע, און ווען מען האָט דאָס איינזינען, פילט מען נישט, אַז עס פעלט גאַנצקייט אדער איינהייטלעכקייט אין מענדעלעס שאַפן. מען זוכט נישט ביי אים דעם באַזונדערן פאָדים פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער געשיכטע, נאָר דאָס גאַנצע געוועב, די עצם־מאַטעריע פון דער ג ע ש י כ ט ע — „דער געשיכטע פונם יידישן לעבן". מען וואונדערט זיך נישט אויף אַ רייזנדן, פאַרוואָס ער זאַמלט זיין שטאָף אָן אַ סיסטעם, פאַרוואָס ער פאַר־צייכנט אין זיין רייזע־בוך יעדע טשיקאַווע זאַך, יעדעס שטיקל עקזאָטיק, וואָס אים קומט אונטער דער האַנט. אַזוי דאַרף מען זיך

נישט וואונדערן אויף מענדעלען, וואָס ער מאָלט אָפּ יעדע פיגור, וועלכע ער דערזעט אין קאַבצאַנסק אָדער אין גלופּסק, וואָס ער באַקענט אונדז מיט יעדן פּסיכאָלאָגישן שטריך, וועלכן ער באַמערקט ביי יידן. „צום ענין" האָט עס נישט אַזאַ שטאַרקע שייכות, אָבער עס איז שייך צום אָרט, איבער וועלכן ער רייזט אַרום אין זיין וועגעלע, צו דער גרופּע מענטשן, מיט וועלכער ער וויל אונדז באַקאַנט מאַכן, — און דאָס איז אייגנטלעך „דער ענין", די טעמע.

מענדעלען אַרט נישט, — און אויך אונדז דאַרף נישט אַרן, — וואָס פאַר אַ מעשה ער דערציילט אונדז, — די מעשה מיט פישקען, די מעשה מיט ר' בנימינען אָדער הערשעלס לעבנס-געשיכטע. וואָס איז די נפקא מינה? ער איז אַליין דאָ אין די אַלע מעשות, און פאַר אים אליין — אַזוי ווי פאַר אונדז — זיינען אַלע זיינע געשיכטן איין געשיכטע — די געשיכטע פונם יידישן לעבנס-שטייגער, די געשיכטע פון דער יידישער פאָלקסנשמה...

באַלזאַק האָט אלע זיינע ווערק באַהעפט און פאַראייניקט אונטער איין נאָמען — „די מענטשלעכע קאָמעדיע". אַזוי וואָלט מען מענדעלעס שריפטן געקאָנט צונויפגיסן אינאיינעם, מאַכנדיק פון זיי אַלע איין גרויס בוך: „די יידישע קאָמעדיע". איין גרויס קינסטלעריש רייזעבוך אָדער מעמואַרנבוך, וואו איר געפינט אַלץ, וואָס איר ווילט: קולטורגעשיכטע און נאַטור-בילדער, פאָלקס-פּסיכאָלאָגיע און פאָלקלאָר, מוסר און משלים, סאַטירע און הומאָר — און וואָס נישט? איין גרויס בוך, מיט איין גרויסן ציל: אויס-מאָלן, באַלייכטן, אָפּשאַצן דאָס יידישע פאָלקסלעבן און דעם יידישן פאָלקסכאַראַקטער אַזוי ווי זיי האָבן זיך אַנטוויקלט אין משך פון הונדערטער יאָרן... אַ י ו ס י פ ו ן.

אַ יוסיפון פון דער יידישער פאָלקסנשמה אין אַלע צייטן און פון דעם יידישן לעבנסשטייגער אין דער פאַרלעצטער עפּאָכע פון אונדזער געשיכטע. וואָס איז עס געווען פאר אן עפּאָכע?

דער געטאָ- און בית-המדרש-ייד איז נאָך אַלץ געווען איינגע-גלויבט אין זיך, אָבער זיין אינגערער זון איז שוין געשטאַנען אָן אַ זייט און געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ מומיע, ווי אויף אַ גוף אָן אַ נשמה, און ערגעץ אינדערהויך אויף אַ שאַלקע איז געזעסן ד ע ר אַ ל ט ע ר, דער קלוגער, מיטן קילן פאַרגליווערטן שמייכל אויף

די ליפּן, מיט די קנייטשן אויפן געזיכט, האָט געשאַרפט די טרו־קענע געלבלעכע געגנדזענע פעדער, געגנעצט דעם פינגער און גע־קליבן זיך איבערקערן אַ בלאַט אין פנקס...

דאָס איז די עפּאָכע, וואָס איז פּאַראייביקט געוואָרן אין מענ־דעלעס ווערק: די פאַרלעצטע עפּאָכע אין אונדזער געשיכטע.

די ל ע צ ט ע תּקופה — די תּקופה פון נאָך די אַכציקער יאָרן, די תּקופה פון חבת־ציון — האָט מענדעלע אויך געפּרואווט מאָלן: לייענט „בישיבה של מעלה", „אַ גרויע האָר", אַנדערע דערציילונגען פון די 90ער און די שפּעטערדיקע יאָרן. איר וועט זען, אַז דער זיידע געפינט קלאָרע און אָפּט שאַרפע ווערטער אויך פאַר די נייע יידן, אָבער — נאָר ווערטער. נישט קיין בילדער, נישט קיין געשטאַלטן. פאַרוואָס? ווייל דער נייער דור — דער דור פון נאַציאָנאַליזם, פון חבת־ציון — איז נישט ארומגעוואָקסן געוואָרן מיט יידישן פאָלקסשטייגער. דאָס איז געווען אַ דור פון אידייען, פון שטרעבונגען, אָן דעם פלייש און בלוט פון לעבנספּי־רונגען און לעבנספאָרמען. אַ נשמה אָן אַ גוף. האָט מענדעלע נישט געהאַט זיך פאַרוואָס אָנצוכאַפּן. מענדעלע איז אַ גוף־שיל־דערער. די נשמה ווייזט ער אונדז, ווען זי „הענגט אויף דער נאָז", קוקט אַרויס פון די אויגן, רעדט מיט די הענט, מאַכט תּנועות, טראָגט אַ קאַפּאָטע. די נייע יידן — „גאָט זאָל אָפּהיטן פון דער מאָדנער נייער סחורה און פון די שיינע תּכשיטים היינטיקע צייטן ביי יידן! אַלץ וואָס דו זעסט איז נישט מער נאָר פּורע שווינדל, און אַ אויגן־פאַרבלענדעניש, פאַרזילבערטע שערבלעך, אָן אויסגע־בלאָזטע איי, צוגעפּוצט, פאַרפאַרבט פון דרויסן און שמוציק, פע, פון אינעווייניק. ס'איז נישטאָ קיין עכטער טיפּ מיט זיינס אַ ווילן, מיט זיין אייגענעם כאַראַקטער. עפּעס נאָר אָנגעשטעלטע גולמס, משטיינס־געזאָגט, ווי קוקלעס אַזוינע, דאַכט זיך, עפּענען ליפּעלעך, פּויקן, בלאָזן, קלינגען און געבן פון זיך אַרויס אַ קול נישט פון אַ לעבעדיקער נשמה, נאָר דורך עפּעס אַ פּרוזשינקעלע. כלעבן, לאָזט זיי אָפּ, און נאָט אייך בעסער אַנטיקן אַלט־פּאַטערשע, וואָס עס לעבט און עס האָט אַן אייגענעם ווערט"... (אַריינפיר צו „שלמה ר' חיימס).

„אַלט־פּאָטערשע אַנטיקן" — דאָס איז מענדעלעס שטאָף. אים האָט ער מאָדעלירט, פּאָרמירט און פּאַראייביקט אין די זעכ־ציעקר און זיבעציקער יאָרן; צו אים האָט ער זיך אומגעקערט אין די 80ער יאָרן — אין דעם אויפבליפעריאָד פון זיין שאַפן.

אין קרייז פון זיינע פריינט

אויפגעוואַכטע ענערגיע. — אַ קרייז פון פריינט. — פּאַרלעזונגען, געשפּרעכן, שפּאַצירן. — איינדרוקן פון זיינע פריינט און פּאַרערער. — זיין פּערזענלעכקייט. — זיין פיאיקייט צו פאַרשטעלן זיך. — זיין ווירקונג. — שלום־עליכם רופט איס אָן „זיידע". — זיין אויס־זען. — אינעוויינקסטע ראַנגלעניש. — „שלמה ר׳ חיימס". — כאַ־ראַקטער און ווערט פון אויטאָביאָגראַפיע.

„אַ פרישער קוואַל פון הייסע געפילן" האָט זיך געעפנט אין מענדעלען, לויט זיין אייגענעם אויס־דרוק, ווען ער האָט זיך אומגעקערט צוריק צום ליטעראַרישן שאַפן אין אָדעס. אַ פרישער קוואַל פון הייסע געפילן — און ענערגיע. מענדעלע איז געוואָרן זייער פּראָדוקטיוו. עס איז באמת אַ וואונ־דער, ווי אַזוי ער האָט אין יענע יאָרן באַוויזן אַזויפיל אויפצוטאָן. ער איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרנומען אין דער שול, וואו ער איז געווען אַדמיניסטראַטאָר און דירעקטאָר: „די אַרבעט פאַרשלינגט מיין גאַנצע צייט נישט איבערלאָזנדיק מיר אפילו איין פרייע מינוט אויף צו באַשעפטיקן זיך מיט עפּעס אַנדערש, אַחוץ מיין פאַרשאַל־טענער שטעלע. איך בין אויף דער עלטער געוואָרן אַ מין קליאַטשע" — האָט ער געשריבן אין אַ בריוו צו בינשטאָקן. דאָך האָט ער אָפּ־געשפּאָרט צייט פאַר זיין באַנייטער ליטעראַרישער טעטיקייט. ער האָט אויפגעשריבן „דעם פּריזיוו", צוגעגרייט צום דרוק אַ נייע אויסגאַבע פון „דער קליאַטשע", אַרויסגעגעבן דעם נייעם נוסח פון „פישקע דער קרומער", וואָס דאָס איז אַ ניי בוך, געשאַפן „אונ־טער דעם נאָמען פון אַ גאַנץ אַלטן קליינעם ספרל פון עטלעכע בלעטלעך אַ שפּאָגל־נייעם ספר" — „דאָס ווינטשפינגערל", באַנייט (גאָר אַ קלייניקייט!) די העברייאישע שפּראַך און אָנגעשריבן אויף

אַט דעם באַנייטן העברייאיש אַ גאַנצע סעריע דערציילונגען...
מיט אַ ברענענדיקן דורשט איז ער צוגעפאַלן צום „פרישן קוואַל״,
וואָס האָט זיך געעפנט אין אים: „איך האָב די לעצטע צייט,
שרייבט ער אין אַ בריוו צו בינשטאָקן אין יאָר 1888, — געאַרבעט
ווי אַן אָקס, און כּהאָב זייער פיל געשריבן. איך בין איצט אינגאַנצן
אַוועק אין דער וועלט פון פּאָעזיע. דאָרטן איז מיין טרייסט, דאָרטן
רו איך אָפּ פון דער לעבנסזאָרג. די מוזע איז צו מיר וואויל־
געניייגט, און איך שרייב און שרייב מיט אַ ברען, ווי אין די יונגע
יאָרן.״136)

עס האָט זיך אומגעקערט צו אים דער ברען פון די יונגע יאָרן,
אָבער ער איז געווען איצט שוין אַסך מער אָנגעזעצן, ווי אין דער
יוגנט, און עס האָט זיך געשאַפן אַרום אים אין אָדעס אַ קרייז פון
פריינט, חברים, תּלמידים. זיין הויז איז געוואָרן אַ בית־ועד לחכמים,
אַ מין ליטעראַרישער צענטער.137) בן־עמי און י. ח. ראַבניצקי,
מנשה מרגלית און ש. דובנאָוו, ש. פרוג און שלום־עליכם (ווען ער
איז געווען אין אָדעס), שפּעטער ח. נ. ביאַליק און אַסך אַנדערע פון
די אינגערע שריפטשטעלער — זיינען געווען אין דעם קרייז. מען
פלעגט זיך פאַרזאַמלען שבת־צונאַכטס ביי מענדעלען אין הויז, און
ער פלעגט פאָרלייענען, וואָס ער האָט געשריבן אין יענער צייט,
אָדער מען פלעגט פאַרבעטן ווערן צו זיין פאָרמעלן געבורטסטאָג,
און ער פלעגט דערציילן פון זיינע יונגע יאָרן...

„יאָ״, שרייבט בן־עמי אין זיינע זכרונות, „ר׳ מענדעלעס קאַבי־
נעט — דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ מין מקום־קדוש און מקום־
תּורה, וואו מען פילט זיך אַזוי וואויל, אַזוי וואַרעם און אַזוי ליב־
לעך און אַזוי ווייט פון דער געמיינער טעגלעכער וועלט. צום
בעסטן האָט מען זיך דאָרט געפילט שבת אָדער יום־טוב״.138)
„ביז צוועלף ביינאַכט אָפּזיצן ביי ר׳ מענדעלען איז געווען גאָר
אַ געוויינטלעכע זאַך. ספּלעגט זיך מאַכן אָפט, אַז מען איז אָפּגע־
זעסן אינאיינעם ביז צוויי. און אויך עד עלות השחר. ביי ר׳ מענ־
דעלען אָפּזיצן אָדער גאָר שפּאַצירן אַ גאַנצע נאַכט — איז גאָר־
נישט״.139) פלעגט מען שפּאַצירן אָדער זיצן מיט אים און הערן
אים ריידן אָדער פאָרלייענען אַ ניי ווערק. מען האָט ליב געהאַט
אי צו פאַרברענגען מיט אים, אי צו הערן אים פאָרלייענען זיינע

אַ נייע זאַך. שלום־עליכם האָט געשריבן, אַז „אויב איר ווילט קאָנען דעם „זיידן״, גייט מיט אים, זייט מוחל, אַרויס העט וויט הינטער דער שטאָט אַרויס, דאָרט אויף דער פרייער לופט, אונטער דער הימל־יאַרמולקע״ א. אַז. וו. — „און איר וועט זיך פילן אַזוי גוט, ווי נאָך קיינמאָל נישט, און עס וועט אייך באַנג טאָן, פאַרוואָס איר האָט דאָס פריער נישט געוואוסט, און איר וועט חרטה האָבן, פאַר־וואָס איר האָט נישט פאַרכאַפּט מיט זיך אַ בליישטיפטל אויף צו פאַרשרייבן ביי זיך די דאָזיקע טיפע געדאַנקען, מיט די דאָזיקע מעשׂות פון אַמאָל, מיט די דאָזיקע שאַרפע קלוגע יידישן וויצן״.140)
דאָס איז געווען, ווען מען איז געגאַנגען שפּאַצירן מיטן זיידן. נישט ווינציקער פאַרגעניגן האָט מען געהאַט, ווען מען איז געזעסן ביי אים אין הויז און געהערט אים פאָרלייענען זיינע ווערק. „הערן ר׳ מענדעלען לייענען זיינע זאַכן, דערציילט בן־עמי, איז איינע פון די גרעסטע תענוגים, וואָס מען קאָן האָבן. דענסטמאָל פילט איר און הערט נישט נאָר דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, נאָר אָבער אויך דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגן און וואָס איז אי־בערגלעבליבן ביי אים אין דער נשמה. דאָס לייענען זיינס איז אַ מין פירוש אויף יעדן וואָרט, אויף יעדן זאַץ!״141) „ער האָט גע־לייענט, דערציילט ש. דובנאָוו, מיט אַזאַ עקספּרעסיע, אַז נישט נאָר די בילדער — די ווערטער זיינען געווען לעבעדיק; מען האָט גע־זען: דאָס געשאַפענע ווערק אָדער אויסדרוק, אַזויווי עס האָט זיך אויסגעגאָסן פון דעם מייסטערס גייסט — פריש, גלאַנצנדיק, ניי־געבוירן״.142)

פונקט אַזוי באַגייסטערט זיינען געווען זיינע פריינט פאַר זיינע מינדלעכע שמועסן ביי אַ גלעזל טיי אָדער שפּאַצירנדיק ביים ברעג ים... „אָט צעלייגן מיר זיך אַלע, דערציילט ש. דובנאָוו, אויפן ווייסן זאַמד פון ברעג ים, קוקן שעהנלאַנג אויף דעם גוואַלטיקן וואַ־סערפעלד, וואָס ציט זיך העט וויט ביז סטאַמבול, און מען רעדט. מענדעלע איז באַזונדערס גוט געשטימט. עס שיטן זיך ביי אים פערל פון מויל: אַנעקדאָטן, גלייכווערטלעך און אָפטמאָל ערנסטע דערציילונגען פון זיין לעבן, קינסטלערישע שילדערונגען מיט טי־פישע געשטאַלטן פון זיינע באַקאַנטע (באַזונדערס פון דעם לע־רערקרייז אין זשיטאָמירער ראַבינערשול: צווייפל, גאָטלאָבער,

לערנער, סלאָנימסקי, סוכאָסטינער און אַנדערע), וואָס מען וואָלט זיי געקאָנט אַריינשטעלן אין דער ריי פון זיינע בעסטע ווערק. אָט גייען מיר איבער צו בערגלעך און גריבער אַרום ים, און מענדעלע שפּרינגט מיט זיינע לאַנגע פיס, און קלעטערט וואו מען דאַרף, נישט ערגער פאַר אונדזערע יונגעלייט״.143) און ש. דובנאָוו איז נישט דער איינציקער, וואָס איז נתפּעל געוואָרן פון מענדעלעס שמועסן. „ר׳ מענדעלעס שמועס״ הערן מיר פון בן־עמין, אַ צווייטן פריינט זיינעם, איז... רייך מיט טיפע און ריכטיקע באַמערקונגען, שיינע, גלענצנדיקע איינפאַלן, אַרויסגעזאָגט כמעט תמיד אין אַ גלענצנדיקער פאָרם, אָפט בדרך משל, וואָס איז שוין פאַר זיך אַליין אַ שיין, אָפט גלענצנדיק בילד, און דערביי תמיד די פיינסטע אי־ראָניע און דער אידעלער וויץ״.144) דאָס אייגענע האָט דערציילט שמריהו לעווין: „זיין געשפּרעך, שרייבט לעווין אין זיין „לעבנס־געשיכטע״, איז געווען וואונדערבאַר גייסטרייך, געפּעפּערט און באַטעמט, און מען האָט גאָרנישט געקאָנט זאַט ווערן, צוהערנדיק זיך צו אים. אין דעם אויסדרוק פון זיין געשניצטן פּנים און באַ־זונדערס פון זיינע אויגן, איז געווען עטוואָס סאַטיריש־מעפיסטאָ־פעלישעס. עס איז געווען אַן אויסדרוק, וועלכער זאָגט: פאַרשטעל זיך נישט, עס וועט דיר נישט העלפן, מיך וועסטו נישט אָפּנאַרן. איך בין בטבע אויך נישט געווען פון די שווייגנדיקע. איך האָב אויך געזוכט אין געשפּרעך אַרויסצוצייגן מיין אייגענע שאַרפקייט. איך געדענק אָבער, אַז לגבי מענדעלען האָב איך מיך געפילט אַזוי קליין, כמעט ווי אינגאַנצן בטל געוואָרן, און האָב נאָר וואו־נישט־וואו אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט. איך האָב געזען פאַר מיר אַ ריז, אַ גיגאַנט פון קוועלנדיקן געדאַנק און פון פליסנדיקן וואָרט״.145)

„אַסך פון די דערציילונגען, וועלכע מיר פלעגן הערן פון אים בשעת אַ שפּאַציר אָדער אין אונדזער עסצימער ביי אַ גלעזל טיי, דערציילט סאָפיע־ערליך־דובנאָוו, זיינען געווען פולשטענדיק פאַר־ענדיקטע נאָוועלן״.146) און אָט וואָס עס שרייבט יעקב פיכמאַן: „איך האָב ליב געהאַט קומען צו אים אין שטוב, זיצן לאַנגע שעהן, און צו זעטיקן מיינע אויגן מיט דעם ליכט פון זיין פּנים, זיצן און הערן זיינע געשפּרעכן — הערן, פּשוט, דעם קלאַנג פון זיין קאָלאָ־ריטנער שטים און זיין זאַפטיקן געלעכטערל״... און ווייטער: „ער

האָט גערעדט, ווי ער האָט געשריבן. עס האָט געהאַט פּשט מיט רמז, ערנסט מיט וויץ, און איז אַזוי געווען יידיש באַפּאַרבט, אַזוי מדרשדיק, אַזוי שאַרף אַנגעצויגן, אַזוי געקניפּט מיט אַ פּסוק, מיט אַ מאמר חז״ל, אַזוי צונויפגעפּירט ווייטע באַגריפן און אַזוי איינגעפלאָכטן דאָס נייע אין אַלטן און דאָס אַלטע אין נייעם, גלייך ווי גאַנצע דורות האָבן זיך פאַרקערפּערט פאַר אונדז אין איין פּערזאָן, וואָס טראָגט אין זיך דאָס גאַנצע אָפּגעראַטעוועטע רייכטום פון זיי אַלע״. 147)

זיינע פאַרערער האָבן זיין תורה שבעל פּה געשעצט אַזוי הויך, ווי זיין תורה שבכתב. אָבער זיי פלעגן קומען צו אים פאַרברענגען נישט אַזוי צוליב זיינע מיינונגען, ווי צוליב זיין פּערזענלעכקייט, צוליב דער לעבעדיקער אָריגינאַליטעט פון זיין ריידן און האַלטן זיך. געוואָלט הערן נישט אַזוי, וואָס ער ז אָ ג ט, ווי וואָס ע ר זאָגט און ו ו י ער זאָגט עס. קיין פעסטע און קלאָרפאָרמולירטע „יאָ״ און „ניין״ האָבן זיי פון אים נישט דערוואַרט, און טאָמער האָבן זיי יאָ געהערט פון אים אַ באַשטימטע מיינונג, האָבן זיי זי נישט געקאָנט אָננעמען. זיי זיינען געווען אָפּט פאַרטיימענטשן, געהאַט אַ באַשטימטע פּראָגראַם, בעת ער האָט, „לויט זיין נאַטור״, ווי ש. דובנאָוו דריקט זיך אויס, „נישט געקאָנט זיין קיין אָנהענגער פון אַ באַשטימטער אידייאישער ריכטונג אין געזעלשאַפטלעכע פראַגן״. האָבן זיי זיך טאַקע אינטערעסירט מער מיט זיין ד ע נ ק ע ן, ווי מיט זיינע ג ע ד אַ נ ק ע ן.

„אונדזערע צוזאַמענקונפטן״, האָט ש. דובנאָוו אַמאָל פאַרשריבן אין זיין טאָגבוך, — „אונדזערע צוזאַמענקונפטן זיינען פול מיט דיסקוסיעס וועגן פּסיכאָלאָגישע און היסטאָרישע פּראָגן. ביי אַבראַמאָוויטשן איז נישטאָ קיין ברייטקייט פון געדאַנק, אָבער ס׳איז דאָ אַ טיפקייט. נישטאָ קיין סיסטעם, אָבער פאַראַן אַ פיינער אַנאַליז. ער פאַרטיפט אָפּט דעם געדאַנק, איך סיסטעמאַטיזיר אים. ביי אים זיינען פיל געדאַנקען, נאָר ווייניק איבערצייגונגען. דאָס איז אַ ריין־קינסטלערישע נאַטור״. 148) און דובנאָוו, ווי אַלע אַנדערע, האָט אָנגעקוואָלן פון זיינע קינסטלערישע איינפאַלן, פון זיינע שאַרפע ווערטלעך, פון זיינע בילדער, מעשהלעך און משלים. „ער האָט ליב געהאַט צו ריידן, דערציילט דובנאָוו, נאָר ווי לאַנג ער האָט נישט

גערעדט, האָט דער צוהערער נישט באַמערקט די צייט: אַזוי שיין און טיף, כאָטש אָפּט פּאַראַדאָקסאַל, זיינען געווען די געדאַנקען, די ווערטער. אַלץ איז געווען אייגנס, נישט פרעמדס, נישט געגנאַשט פון ביכער. טאַקע אָט דאָ בשעת דעם שמועס געשאַפן מיט קניטשן דעם שטערן, אַ דריי מיטן פינגער, עפּעס ווי אין אַ האַרבער סוגיא אין דער גמרא״.149)

און נישט נאָר ש. דובנאָוו, בן־עמי, דר. ש .לעווין אָדער י. פּיכמאַן, — אויך שלום־עליכם, י. ח. ראַבניצקי, דר. י. קלויזנער, ראובן בריינין, ש. אַנ־סקי, ז. שניאור, י. ד. בערקאָוויטש, דוד איינהאָרן און אַנדערע זיינען אַנטציקט געווען פון מענדעלעס גע־שפּרעכן און אַ טייל פון זיי פאַרצייכנט. 150) „אַ שאָד״, האָט גע־שריבן ז. שניאור, „וואָס אַלע זיינע נאָענטע איילן זיך נישט צו פאַר־צייכענען יעדן געדאַנק, יעדן אַפּאָריזם, וואָס געהערט פונם זיידן אַליין, פון אַנדערע, וואָס האָבן געלעבט מיט אים צוזאַמען אָדער אין זיין סביבה. דאָס איז ביז אַהער געטאָן געוואָרן נאָר אויפן שפּיץ־מעסער. וואָלטן זיך אַלע זיינע מקורבים דערצו גענומען, וואָלטן מיר אפשר איינגיכן געהאַט נאָך שיינע עטלעכע געקליבענע בענד, אַ צוגאָב צו מענדעלעס שריפטן; נישט ווייניקער אינטערעסאַנטע, ווי די, וועלכע דער זיידע האָט מיט זיין אייגענער פעדער גע־שאַפן״.151)

דער זיידע איז, אַזויווי פּרץ, געווען אַן אויסגעצייכנטער אימ־פּראָוויזאַטאָר. פון קינדוויז אָן האָט ער, אַחוץ דעם, געהאַט די פייאיקייט צו פאַרשטעלן זיך, צו שפּילן טעאַטער. ער האָט עס אַליין דערציילט אין „שלמה ר׳ חיימס״, — און אויך אַנדערע האָבן אַסך צו דערציילן וועגן זיינע „אָנשטעלן״. דוד איינהאָרן, וועלכער איז אַ געוויסע צייט, ווען מענדעלע האָט פאַרבראַכט אין ווילנע, געווען ביי אים ווי אַ מין סעקרעטאַר, דערציילט, אַז דער זיידע פלעגט אָפּשטיין (איבערזעצנדיק אַ געוויס ווערק פון העברייאיש אויף יידיש) „פיר שעה נאָכאַנאַנד — וויינען, לאַכן, בייזערן זיך, קריגן זיך, ריידן ווי אַ סוחר, ווי אַן אַלטע יידענע, ווי אַ רב, ווי אַ משכיל, נאָכמאַכנדיק יעדן באַזונדער״152) אַזוי פלעגט ער ש פּ י ל ן אויך לייענענדיק זיינס אַ ווערק („אַ קניטש מיט דעם שטערן אָדער מיט דער נאָז, אַ פינטל מיט די קלוגע קורצזיכטיקע

אויגן — און נישט נאָר איר פאַרשטייט — איר זעט בחוש דעם רמז, דעם נשמל״ — בן־עמי) און אויך פירנדיק אַ געוויינטלעכן שמועס פלעגט ער אָפט ווייזן זיין חוש פאַר שפיל... האָט דאָס נאָך גרע־סער געמאַכט דעם אינטערעס צו זיין געזעלשאַפט פון אַלע זיינע פריינט און פאַרערער.153).

ער איז אין אַדעס געוואָרן אַ צענטראַלע פיגור — און נישט נאָר אין אַדעס אַליין. שלום־עליכם (אין זיין אַריינפיר צו „סטעמפּע־ניו״, 1888) האָט אים אָנגערופן „טייערער, געטרייער זיידע״154) — און ער איז טאַקע געוואָרן ד ע ר ז י י ד ע פ ו ן ד ע ר י י ד י ש ע ר ל י ט ע ר אַ ט ו ר.

ער איז געווען צופיל קינסטלער צו זיין אַ רבי, אַ פירער אינם אָנגענומענעם זינען פונם וואָרט, אָבער ער איז געווען דער עלטסטער און דער אנגעזעענסטער אין דער ליטעראַרישער משפחה, ער איז געווען ד ע ר ז י י ד ע. און נישט נאָר שלום־עליכם, אויך אַנדערע אייניקלעך האָבן אַרויפגעקוקט צו „דעם אַלטן, וואָס מיט זיין אַקסל, ווי פרץ האָט זיך אויסגעדריקט, איז ער געווען העכער פון אונדז אלעמען, — זיינע אויגן האָבן געפינקלט און גע־לויכטן מיט אַ באַזונדער רואיקייט און זעלבסטווירדע״.

ער איז, ווי ש. דובנאָוו האָט אים געזען אַרום דעם יאָר 1890 — געווען „אַ הויכער, שלאַנקער מאַן, מיט אַ היפּש ביסל גרוי אין די געדיכטע שוואַרצע האָר, מיט אַ קליין בערדל, מיט קלוגע אויגן און אַ ליב שמייכעלע״.155)

לויט דער באַשרייבונג פון צבי הירש מאַסליאַנסקי, איז מענ־דעלע אין יענער צייט געווען „אַן עלטערער מאַן, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ שטאָלצן גאַנג און אַ פּאָר ליכטיקע קלוגע, דורכ־דרינגענדיקע אויגן״.156)

ער האָט געהאַלטן אין רעכטן מיטן ברען פון זיין קינסט־לערישן שאַפן. עס איז דאָן אין אים פאָרגעקומען יענע אינעווייניקסטע ראַנגלעניש, וואָס איז פריער דערמאָנט גע־וואָרן און וואָס ער האָט אויף זיין אייגענעם שטייגער באַשריבן אין דעם אַריינפיר צו „שלמה ר׳ חיימס״: „אין דער צייט, וואָס איינע פון די דעות ציט זי (זיין פּען) אַהין צו באַשרייבן אַלטע זאַכן וואָס פריער, איז די, וואָס אַנטקעגן, האַלט זי אָפּ, ציענדיק זי אַהער

צו באַשרייבן וואָס אין אונדזער צייט גייט־פאָר״. און ער האָט געוואָלט געווען שרייבן, וואָס „אין אונדזער צייט גייט־פאָר״ — גענומען שרייבן וועגן די פּאָגראָמען, וועגן דער חבת־ציון באַוועגונג פון די 80ער יאָרן. צום סוף אָבער האָט גובר געווען, ווי מיר וויסן, די ערשטע דעה, און ער האָט זיך ווידער גענומען פאַר די „אַלטע זאַכן״ — פאַר „פישקע דעם קרומען״, און דעם ערשטן טייל „ווינטשפינגערל״ אין סוף 80ער יאָרן, פאַר „בעמק הבכא״ (צווייטער טייל „ווינטשפינגערל״) און „שלמה ר׳ חיימס״ אין די 90ער יאָרן.

אין דעם אַריינפיר צו „שלמה ר׳ חיימס״, וואָס ער האָט פאַר־עפנטלעכט פריער אויף העברייאיש („בימים ההם״, 1894) ווערן מיר אַריינגעפירט אין דעם קרייז פון מענדעלעס ליטעראַרישע פריינט: „דאָס זיינען יידישע שרייבערס, מיינע גוטע געטרייע פריינט״, שטעלט זיי פאַר שלמה פאַר מענדעלען (שלמה און מענדעלע ווערן דאָ באַטראַכט, ווי צוויי באַזונדערע פּערזאָנען). און אָט די גוטע געטרייע פריינט זיינען עס געווען די, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין מאָנען ביי מענדעלען, ער זאָל „אָנשרייבן, ווי סהאָט זיך גע־לעבט יידן אַמאָל, אין יענער צייט, כדי עס זאָל נישט פאַרפאַלן ווערן, ווי אין וואַסער אַריין״. זיי אַליין האָבן אפשר געוואָלט, אַז ער זאָל אָנשרייבן די געשיכטע פון זיין אייגענעם לעבן. אָבער דאָס איז געווען קעגן זיינע ליטעראַרישע השגות, קעגן די השגות פון זיין גאַנצן דור. לויט די באַגריפן פון דער השכלה־צייט איז לי־טעראַטור אַ כלל־זאַך; דער פּרט קאָן אין איר פאַרנעמען אַן אָרט נאָר ווי אַ פאַרשטייער פונם כלל. און ווען, אַשטייגער, אליעזר צבי הכהן צווייפל, מענדעלעס אַ צייט חבר, האָט אין דער אויטאָביאָגראַ־פיע, וואָס ער האָט געשריבן אין פּערזן („קליין וועלטל אָדער ביטער און פינצטער״), אָנגערירט זיינע אייגענע, רייז־פּערזענלעכע, אי־בערלעבונגען, האָט ער געהאַלטן פאַר נויטיק צו פאַרענטפערן זיך פאַר די לעזער; ער האָט געשריבן: „מיט עטלעכע קלייניקייטן הויב איך דאָ אָן, וועלכע מיט מיר אַליין האָבן זיך געטאָן. אָ ב־וואָל זיי באַרירן אַ פּרט, נישט אַ כלל, נאָר פלוידערן אַביסל ווילט זיך אויך אַמאָל... דערלויבט מיר אַביסל שפּאָסן מיט מיין איך בין זאָ לאַנג איך בין דאָ, איי׳ איך גיי אַהין.״

דערציילן וועגן דעם אייגענעם „איך בין“ האָט געהייסן „פּלוי־דערן“, „שפּאַסן“, אָפּגעבן זיך מיט „קליינינקייטן“. און דאָס איז געווען נישט נאָר א. צ. צווייפלס מיינונג, אַזוי האָבן אַלע געטראַכט אין יענער צייט, אַזוי האָט געטראַכט אויך מענדעלע מוכר ספרים.

„מיין לעבן אַליין פאַר זיך גענומען, — מיט וואָס האָט עס פאַרדינט, איז אים געווען נישט פאַרשטענדלעך, און וואָס פאַר אַ נייעס איז אין אים דאָ, עס זאָל ווערט זיין, מען זאָל עס באַשרייבן?“ און אויב ער האָט, נאָך אַ גרויסן ישוב הדעת, פאַרט גענומען זיך פאַר „שלמה ר׳ חיימס“, איז עס געווען דערפאַר, ווייל עס האָט, אַזויווי „ווינטשפינגערל“, געזאָלט זיין י י ד י ש ע געשיכטע, נישט די געשיכטע פון זיין אייגענעם לעבן. און ווען ער האָט שלום־עליכמען (אין אַ בריוו פון 1טן אַפּריל, 1902) אַנגעוויזן קוואַלן פאַר זיין ביאָגראַפיע, האָט ער, צווישן אַנדערע זאַכן, דערמאָנט זיין „אויטאָביאָגראַפיע אויף לשון קודש אין ספר הזכרון“.157) אָבער נישט „שלמה ר׳ חיימס“, כאָטש ער האָט שוין דאַן געהאַט פאַרעפנט־לעכט (אין „יוד“, 1899) היפשע עטלעכע קאַפּיטלעך פון אָט דעם בוך, אַזויווי דאָס זאָל באמת זיין נאָר „אַ בילד פון יידישן לעבן אין דער ליטע“, נישט קיין באַשרייבונג פון זיין אייגענעם לעבן. אינ־דעראמתן איז עס ביידע זאַכן — אי אַ בילד פונם יידישן לעבן, אי זיין אייגענע לעבנסבאַשרייבונג, — און ס׳איז אַזאַ גרויסער שאָד, וואָס ס׳איז געבליבן נישט פאַרענדיקט. שוין דער סטיל, וואָס מענדעלע האָט באַוויזן אָנצושרייבן, האָט אַזאַ גרויסן קינסטלערישן, קולטור־היסטאָרישן און ביאָגראַפישן ווערט. וואָס וואָלטן מיר גע־וואוסט וועגן מענדעלעס קינדהייט און יוגנט, וועגן זיינע עלטערן, וועגן זיינע רביים און חברים, ווען נישט „שלמה ר׳ חיימס“? און ווי רייך איז דער קינסטלערישער באַריכט, וואָס ער גיט אונדז פון יידישן לעבנסשטייגער: יידישע פרנסות און מלאכות, יידישע פי־רונגען און גלויבונגען, אסיפות און תקנות, חדרים און ישיבות, שמחות און בהלות, וואָכנטעג און שבתים, קליידער און הויזמעבל, פאַלקסלידער און פעלאָקסווערטלעך. וואָס פאַר אַ פאַרביק בילד! און דאָס אַלץ נאָר אין די ערשטע פאַר צענדליך קורצע, קאָנדענסיר־טע קאַפּיטלעך! איז טאַקע אַ מוראדיקער פאַרדרוס, וואָס מענ־דעלע האָט נישט באַוויזן צו דערציילן אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו דערציילן אין „שלמה ר׳ חיימס“...

לעצטע יאָרן

פאַרוואָס איז שלמה ר׳ חיימס״ געבליבן נישט פאַרענדיקט. — ווינ־ציק פרייע צייט. — אָדעסער פּאָגראָם. — רייזע קיין אויסלאַנד. — קאָנסטאַנטינאָפּאָל. — שווייץ. — באַרואיקונג. — באַגעגעניש מיט שרייבער. — פאַרלעזונגען אין די סטודענטישע קאָלאָניעס. — צוריק אין אָדעס. — אויסגאַבע פון אַלע ווערק אויף העברייאיש און אויף יידיש. — ניט־אויטאָריזירטע אַמעריקאַנער אויסגאַבע. — פּראָטעסטן, — הכנות צום 75טן געבורטסטאָג. — טריאומף־רייזע איבערן יידישן תחום. — 75־יעריקער יובילײ. — פייערונגען אין אָדעס און אין דער גאַנצער וועלט. — די פייערלעכע באַגריסונגען און מענדעלעס ענטפער. — באַנייטע טעטיקייט. — שטילע פייערונג פון 80טן געבורטסטאָג. — קראַנקהייט. — אין שפּיטאָל. — לעצטע שמועסן. — לעצטע טעג.

פאַרוואָס האָט מענדעלע

נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן „שלמה ר׳ חיימס״? ער האָט עס פאַר־טראַכט (און אָן אָריינפּיר געשריבן) נאָך אין יאָר 1894, מער ווי צוויי צענדליק יאָר פאַר זיין טויט. פאַרוואָס האָט ער מער ווי דעם ערשטן טייל און עטלעכע ווייטערדיקע פראַגמענטן נישט באַוויזן פאַרטיק צו מאַכן?

ער האָט געשריבן זייער פּאַמעלעך („ער קאָן אַזוי אָפּזיצן פאַרטראַכט גאָר אַ היפּשע צייט, דערציילט א. ירחי (י. ח. ראַבניצ־קי), און קנייטשן דעם ברייטן שטערן זיינעם אויף אַרויסצובאַקומען אַ מער געלונגענעם, פּונקט אָנגעמאָסטענעם, אויסדרוק אָדער גאָר אַ מער צוגעפּאַסט וואָרט״) און אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר, דערהויפּט אין די לעצטע צען יאָר פון זיין לעבן, האָט ער נישט אָפּט זיך גענומען פאַר דער פּען. דאָס ביסל צייט, וואָס ער האָט

געקאָנט אָפּשפּאָרן פאַר ליטעראַרישער אַרבעט, האָט ער אָפּגעגעבן אויף צו פאַרענדיקן (אָדער אויף איבערצואַרבעטן און אויסצובע־סערן) זיינע פריערדיקע ווערק, ווי אויך אויף איבערצוזעצן זיי פון יידיש אויף העברייאיש. פאַר אַזאַ דורכויס נייער שאַפונג, ווי „שלמה ר׳ חיימס״, איז אים ווינציק ענערגיע און נאָך ווינציקער צייט געבליבן. „איך בין איצט שרעקלעך פאַרנומען אויף מיין שטעלע״, שרייבט ער אין אַ בריוו צו דובנאָוון אין יאָר 1892. „מיינע אָמט־ענינים גיבן מיר נישט קיין איין פרייע מינוט, איך זאָל זיך קאָנען קאָנצענטרירן און טראַכטן וועגן אַ ליטעראַרישן ענין״. 158) אַזוי איז געווען אין 1892, און מיט צען יאָר שפּעטער איז די לאַגע נישט בעסער געוואָרן, גיכער ערגער. דעם 1טן אַפּריל, 1902, שרייבט ער אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען: „... היינט מכוח אייער בקשה וועגן דער ביאָגראַפיע מיינער, מוז איך פאַר צרות לאַכן. איר זענט מיך מכבד מיט אַזאַ אַרבעט, וואָס איז היינט איבער מיינע כוחות. קאַרג האָב איך אויף מיר אָן דעם אויך? איך האָב נישט קיין צייט צו עטעמען. דעם שרייב, יענעם שרייב. דאָ פאַר אַ שולע, דאָ האַלט דרשות, גיי זיי אַ שטאָט בעל־טובה. אוי, וואו נעמט מען כוחות? פאַרגעסט נישט, איך בין דאָך עפּעס אַ זיידע, שוין נישט קיין יונגערמאַן, און דערצו נאָך, צווישן אונדז גערעדט, אַ שטיקל עצל, לא עליכם, אויך״.159) מיט אַ יאָר שפּעטער הערן מיר פון אים (אין אַ בריוו צו דובנאָוון) די זעלביקע טענות: „דעם פאַריקן זומער האָב איך קיין רו נישט געהאַט. גאַנצע טעג בין איך געווען טרוד מיט דעם רעמאָנט פון דער תלמוד־תורה און מיט דעם אַכטונג געבן אויף די אַרבעטער״. 160)

דאָס יאָר 1903 איז בכלל געווען אַ ביטער און אַ פינצטער יאָר, — דאָס יאָר פונם קישינעווער פּאָגראָם. אַזיוויי אַלעמען האָט ער אויך דעם זיידן „זייער שטאַרק דערדריקט״, ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט: „איך בין שטענדיק פאַרצאָרנט, האָט ער געשריבן אין אַ בריוו צו דובנאָוון, מיין געמיט איז אויפגערעגט און אָפּטמאָל וויין איך אין דער שטיל אויפן בראָך פון מיין פאָלק״.

בעת דעם אָדעסער פּאָגראָם אין 1905 איז ער שיר אַליין נישט געוואָרן אַ קרבן פון די בעסטיעס... „אין איינעם פון די דאָזיקע שרעקלעכע טעג, דערציילן זיינע טעכטער אין זייערע זכרונות, האָט

דער צערייצטער המון געבושעוועט לעבן סאַמע טויער פון אונדזער הויז, זיי האָבן אים באַלאַגערט. — — — קוים־קוים האָט זיך איינגעגעבן צו פועלןביים זיידן, ער זאָל אַראָפּגיין אין קעלער־שטאָק פון הויז, כדי זיך צו באַהאַלטן פון דער געפאַר״.161) מען האָט עס ביי אים, סוף־כל־סוף, אויסגעפּירט, — און ער האָט זיך שפּעטער נישט געקאָנט מוחל זיין. אין אַ געשפּרעך מיט אַ פּאַר־שטייער פון „בונד״ אין דער שווייץ, אין אַ געשפּרעך, וואָס איז שוין פריער ציטירט געוואָרן, זאָל ער האָבן אויסגעשריען: אַנ־שטאָט צו נעמען אַ האַק אין האַנט און זיי צעשפּאַלטן די קעפּ — זיך פאַרקראָכן, זיך פאַרבאַהאַלטן טעג נאָכאַנאַנד, ווי אַ חזיר! איך קאָן וועגן דעם נישט טראַכטן אפילו!״ דאָס, וואָס ער האָט דאַן איבערגעלעבט, דערציילן זיינע טעכטער, „האָבן דעם זיידן דער־שיטערט ביז גאָר, און ער איז ערנסט פאַרשלאָפט געוואָרן״.162) לויט דעם ראָט פון דאָקטוירים, האָט ער מיט דער גאַנצער משפּחה פאַרלאָזן אָדעס און איז אַוועקגעפאָרן אין דער שווייץ. דאָס איז געווען זיין צווייטע רייזע קיין אויסלאַנד. (די ערשטע האָט ער גע־מאַכט אין אָנהויב זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען ער איז געפאָרן קיין לייפּציג דרוקן דעם ערשטן באַנד „תולדות הטבע״). אויפן וועג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. „די ים־נסיעה האָט אויפן זיידן געהאַט אַ גוטע ווירקונג. ער האָט צו־ביסלעך גענומען צו זיך קומען. די אָריגינעלקייט פון דער שטאָט, די פּאָעטישע שיינקייטן פון באָספאָר און די נייע איינדרוקן — האָבן אים גאָר פאַרכאַפּט. מהאָט באַשלאָסן אָפּצושטעלן זיך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ וואָך־צוויי״.163 פון דאָרט האָבן זיי זיך גע־לאָזט פאָרן ווייטער — און באַזעצט זיך אין זשענעווע, שווייץ. פון זשענעווע איז דער זיידע געפאָרן קיין פראַנקרייך געוואוירע ווערן זיין טאָכטער, וואָס האָט דאָרטן געוואוינט. אָבער — ער האָט אַלץ נישט געקאָנט פאַרגעסן די פּאָגראָם־טעג אין אָדעס. אין אַ בריוו צו בן־עמין פון פראַנקרייך, דאַטירט דעם 7טן דעצעמבער, 1905, שרייבט ער (אויף העברייאיש): „איך האָב זיך נאָך נישט אָפּגערוט פון די אַלע צרות און וועג־מאַטערנישן, איך בין נאָך טיף צערודערט, און גאָט ווייסט, ווען איך וועל זיך באַרואיקן און ווידער קאָנען אָפּגעבן זיך מיט ליטעראַטור. איך וואוין מיט מיין

פרוי אין אַ קליינעם צימערל, ד׳ על ד׳; פונדעסטוועגן איז מיר אָט די ענגע, אָבער שטילע און רואיקע, וואוינונג ליבער, ווי דאָס גרויסע און געראַמע הויז אין דעם אָרט פון פּאָגראָמען״.164)

אין אַ פּאָר חדשים ארום האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין זשענעווע, וואו ער האָט „געדונגען אַ דירה, געקויפט מעבל און זיך באַזעצט כדבעי״ (בן־עמי). די שטאָט איז אים זייער געפעלן געווען. דערהויפּט האָט ער ליב געהאַט די שיינע זשענעווער אָזערע.

„ביי דער אָזערע געפינט זיך אַ גאָרטן, וואָס מען רופט אים „דער ענגלישער גאָרטן״. דאָרט פלעגט ר׳ מענדעלע דער זיידע אין די שיינע טעג אָפּזיצן שעהנווייז, קוקן אויף דעם וואונדער־שיינעם בלויען וואַסערשפּיגל און אויף די שיינע ווייסע שטאָלצע שוואַנען, וואָס שווימען דאָרט״.165) די שיינקייט פון דער שווייצאַרישער נאַטור האָט אויף אים גוט געווירקט, און „זיינע נערוון, ווי די טעכטער דריקן זיך אויס, האָבן זיך באַרואיקט״. ער איז, לויט בן־עמין, „יינגער געוואָרן מיט צוואַנציק יאָר״, און ער האָט זיך ווידער געקאָנט אָפּגעבן מיט ליטעראַרישער אַרבעט. עס האָט זיך אויך אָנגעהויבן שאַפן אַרום אים אַ ליטעראַרישע אַטמאָספערע, אַזוי ווי אין אָדעס. יונגע שרייבער, סטודענטן, סתם אַזוי ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור, האָבן אים אָפט באַזוכט. איינמאָל איז געקומען צו אים שלום אַש און אים געבראַכט אַ מתנה זיין „שטעטל״.166) צווישן די שריפטשטעלער, מיט וועלכע ער האָט זיך גאָר באַזונדערס אָפט באַגעגנט אין דער שווייץ, זיינען געווען בן־עמי, שלום־עליכם, אויך ביאַליק. מען האָט זיך צואַמען געשיפט אויף דער זשענעווער אָזערע, אינאיינעם געקלעטערט אויף די בערג, שפּאַצירט. עס זיינען אויפגעלעבט געוואָרן אין מיניאַטור די אָדעסער ליטעראַרישע שמועסן ביי מענדעלען אין הויז. דער זיידע האָט נאָך אַלץ ליב געהאַט צו ריידן, צו פאַרברענגען, צו דערציילן מעשות. ווי ער האָט דאַן אויסגעזען, באַשרייבט שלום־עליכם (אין „פיר זיינען מיר געווען״): ...דער זיידע האָט פאַר־קאַטשעט די אַרבל, ווי זיין שטייגער איז, אַרויפגערוקט די ברילן אויפן הויכן, ווייסן, קלוגן שטערן, וואָס קוקט אַרויס פון די כוואַ־ליעדיקע שניי־ווייסע האָר. די קליינע, נאַר שאַרפע, טיפע, דורכ־דרינגנדיקע אויגן האָבן זיך האַלב געשלאָסן, געקוקט אַרויף, אַביסל

אין אַ זייט, און אויפן פּנים האָט זיך צעגאָסן דאָס שיינענדיקע קינ־דערשע שמייכעלע, וואָס מאַכט אים תּמיד יינגער מיט פּופציק יאָר און גיט אים צו אַזויפיל חן, אַז עס ווילט זיך זיצן אַזוי אייביק לעבן אים און האָרכן אים ריידן און ריידן און ריידן!"

יידישע סטודענטן אין דער שווייץ האָבן געוואָלט הערן דעם זיידן ריידן אָדער פאַרלייענען זיינע ווערק. פלעגן יידיש־סטודענ־טישע קאָלאָניעס צו אים שיקן דעלעגאַציעס אים איינלאַדן אויף לי־טעראַרישע אָוונטן. אייניקע איינלאַדונגען האָט ער אָנגענומען. ער האָט באַזוכט בערן, לאָזאַן, צוריך, מאָנטרע און אַנדערע שווייצאַרישע שטעט, וואו יידישע שטודירנדיקע יוגנט האָט אים ענטוזיאַסטיש אויפגענומען . . .

פון אַמעריקע האָט מען אים געמאַכט אַ פאָרשלאָג צו מאַכן אַ רייזע אין דער „גילדערנער מדינה". מען האָט אים צוגעזאָגט „גילדערנע בערג". ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. „וואָס קער איך זיך אָן מיט די גבירים, מיט די דאָלאַרן?" זאָל ער האָבן גע־זאָגט. „איך דאַרף זיך אומקערן צוריק קיין רוסלאַנד, אהיים, צו מיינע קבצנים. איך האָב נאָך אַסך צו טאָן!"167)

און אין פעברואַר, 1908, קערט ער זיך אום צוריק קיין אָדעס און פאַרנעמט ווידער זיין פאַרוואַלטונגסשטעלע אין דער שטאָטי־שער תּלמוד־תּורה. ער האָט געהאַט אַ פּלאַן אָדער אַ „האָפענונג", ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדרוקט אין אַ בריוו צו דובנאָוון פון זשענעווע, — איבערצוקלייבן זיך פון אָדעס קיין פּעטערבורג און צו באַזעצן זיך דאָרט מיט זיינע קינדער".168) די האָפענונג איז צערונגען געוואָרן, און ער איז געבליבן וואוינען אין אָדעס.

אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך זיין אומקערן זיך צוריק פון דער שווייץ האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צום יובילעי פון זיין 75טן געבורטסטאָג. עס איז אויפגעלעבט געוואָרן דער פּלאַן, וואָס איז געווען אָנגעצייכנט צו זיין זעכציקיאָריקן יובילעי אין 1905 און וואָס איז נישט אויסגעפירט געוואָרן צוליב די דעמאָלטדיקע פּאָ־גראָמען אין רוסלאַנד169) — דער פּלאַן אַרויסצוגעבן זיינע גע־זאַמלטע ווערק אויף יידיש און אויף העברייאיש. אַ גרופּע ווילנער און וואַרשעווער פאַרלעגער האָט אָפּגעקויפט ביים זיידן אַלע זיינע

ווערק, און אין יאָר 1910 ווערט געגרינדעט אַ פאַרלאַג מיטן נאָמען „מענדעלע", וואָס גיט אַרויס צום ערשטן מאָל אַ כמעט פולע, כאָטש זייער נישט קיין גראָטענע, אויסגאַבע פון מענדעלעס געזאַמלטע שריפטן אין 17 בענד (שפּעטער זיינען אַרויס וויטערדיקע בענד), אין וועלכע עס געפינען זיך אויך אַרטיקלען און זכרונות וועגן „זיידן".170) אַביסל פריער זיינען אַרויס צוויי בענד פון זיינע שריפטן אויף העברעיאיש.

די „היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני" אין ניו יאָרק האָט נאָך פריער אָפּגעדרוקט מענדעלעס ווערק אין צוועלף בענד—און נישט געבעטן קיין דערלויבעניש ביים מחבר. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפן פּראָטעסט פון יידישע ליטעראַרישע קרייזן קעגן דעם אַמעריקאַנער פאַרלאַג. זיין אויפפירונג האָט געמאַכט גאָר אַ באַזונדער מיאוסן איינדרוק נאָך דערפאַר, ווייל עס איז געווען ערב דעם גרויסן יום-טוב אין דער יידישער ליטעראַטור — דעם זיידנס 75טן געבורטס-טאָג. דער זיידע אַליין איז געווען מוראדיק אויפגעבראַכט. ער האָט אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט פאַרגעסן די גרויסע עוולה, וואָס איז קעגן אים באַגאַנגען געוואָרן. אין איינער פון זיינע יובליי-רעדעס אין ווילנע האָט ער געזאָגט:

„אין אַמעריקע האָט מען מיך שוין געהאַלטן פאַר אַ בן-מינן, ועמען מען קאָן שוין טאָן זיין רעכט. בכלל האַלטן זיי דאָרט אין אַמעריקע די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, אַלע יידישע שרייבער פאַר געשטאָרבענע, וועלכע קאָנען שוין נישט מאָנען זייער רעכט, ועמען מען קאָן פליקן און רייסן שטיקערווייז און קיינער וועט קיין פּיפּס נישט טאָן"...

און ער האָט דערקלערט אַז ...„נישט אַלץ איז נאָך הפקר. ס'איז פאַראַן נאָך אַ דין און דיין, וואָס וועט נישט לאָזן דעם יידישן שרייבער באַגנבענען און באַגזלנען, ווי דאָס איז מיט מיר געוועזן".171) מען האָט אים נישט איינמאָל, אגב, „באַגנבעט און באַגזלט". שוין אין יאָר 1902 האָט ער געפרעגט שלום-עליכמען, אין אַ בריוו: „וואָס טוט מען, זאָגט, וואָס אמעריקע דרוקט מיינע ספרים שלא ביושר? אפשר האָט איר דערצו אַן עצה".172) קיין עצה איז נישט געווען, און אין

יאָר 1909 שרייבט אים מענדעלע ווידעראַמאָל וועגן די אַמע־ריקאַנער פאַרלעגער: „... געוואַלד, רבונו של עולם! וואָס האָבן זיך יידן אין אמעריקע אויף מיר אָנגעזעצט? וואו איז נאָך אַזוינס דערהערט געוואָרן? יידן פון איין זייט ראַבעווען, גזלנען מיך, און פון דער אַנדערער זייט שטייען יידן און שווייגן. און נאָך ווער? — אייניקלעך, גוטע פריינט, אַלע גוטע ערלעכע לייט! פאַר מיין אָוועקפאָרן אַהער (קיין באַדבראַדזע, לעבן ווילנע — ש. נ.) האָט מיר אונדזער חבר לעווינסקי געבראַכט אַ ניי ווערק, אָפּגע־דרוקט אין אַמעריקע מיט דעם נאָמען „לעצטע שריפטן פון מענ־דעלע מוכר ספרים" פון „היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני" (די זעלביקע גנבים, וואָס האָבן פריער איבערגעדרוקט אַלע מיינע ווערק). הער לעווינסקי האָט מיך שטאַרק געבעטן, צושיקן אים אַ בריוו פון מיר וועגן דעם, און ער מיט נאָך אַנדערע שריטשטעלער וועלן מאַכן אַ רעש אין אַלע בלעטער, מען וועט זען טאָן אַלע מיטלען, אַזוי און אַזוי, מיך צו ראַטעווען פון גזלנימס הענט, און איך זאָל באַפרי־דיקט ווערן. איז דאָך, דאַכט זיך, זייער גוט. האָב איך געפאָלגט און אים אָנגעשריבן דעם בריוו, שוין מער פון 5—6 וואָכן, און ביז אַצינד איז שאַ! נו, אַצינד פרעג איך אייך: באַדאַרף מען שרייבן?... יידן, אַז־אַך־און־ווי, ריידן פון ליטעראַטור!!! עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ ריידנדיק דערפון... איך מוז אויפהערן אינמיטנ־דרינען. איר, אייניקל, וועט פילן מיין האַרץ, וועט מיך פאַרשטיין... זעט זשע, רעדט ווערטער!"173) שלום־עליכם האָט „גערעדט ווער־טער". ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע אַ פּראָטעסט־בריוו מיטן נאָמען „אויס הפקר". ער האָט זיך געווענדט צום עולם מיט די ווערטער: „יידן, קויפט נישט קיין קאָנטראַבאַנד, קיין טריפה, גנבהשע סחורה".174) דער זיידע האָט אים געדאַנקט פאַר זיין „וואַרעמען בריוו". „איך קאָן אייך פאַרזיכערן, האָט ער אים גע־שריבן, אַז אומעטום זיינען די אייניקלעך שרעקלעך אויפגעבראַכט אויף דער קאָמפּאַניע און אַלע זיינען גרייט אָפּצורעכענען זיך מיט איר. איך פון מיין זייט וועל אויך נישט שווייגן".175) ער האָט שאַרף פּראָטעסטירט, — און דער סוף איז געווען, אַז „היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני" האָט אים „מפצה געווען" מיט אַ בערך זייער קליינער סומע.

דערווייל זיינען אָנגעגאַנגען די הכנות צום יובילײ פון מענדע־לעס 75טן געבורטסטאָג. עס האָט זיך געגרייט אַ גרויסער פאָלקס־יום־טוב. און איידער נאָך די פייערונג האָט זיך אָנגעהויבן, איז מענדעלען געווען באַשערט צו זען מיט זיינע אויגן, אַז סגרייט זיך אַן אמתער יום־טוב. מענדעלע האָט דאַן (אין 1909) געוואוינט לעבן ווילנע, אין פּאדבראָדזע, ביי איינער פון זיינע טעכטער. „און אַז די איינוואוינער פון אָט דעם שטעטל האָבן זיך דערוואוסט, ווער דאָס איז, האָבן זיי אים פּשוט צורו נישט געלאָזט״, שרייבן די טעכער אין זייערע זכרונות. „פּאדבראָדזע איז געוואָרן אַ מין יאַסנאַיאַ פּאָלאָניאַ. פון צייט צו צייט פלעגט דער זיידע צופאָרן פון זומערוואוינונג אין שטאָט אריין. דאָ האָט ער שטאַרק ליב גע־האַט צו באַזוכן די פאַרוואָרפענע יידישע געסלעך״.176) און אָט אין דער שטאָט, וואו ער האָט זיך אַמאָל געוואַלגערט אויף די האַר־טע בענק פון ראמיילעס קלויז, האָט ער געהאַט אַ גרויסאַרטיקן קבלת־פּנים. פון וואַרשע איז געקומען אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע און אים איינגעלאַדן צו קומען אַהין אויף אַ באַזוך. ער האָט שוין אַמאָל געהאַט אַ יום־טוב אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט. דאָס איז געווען, ווען עס זיינען אַרויס די פּוילישע איבערזעצונגען פון „מסעות בנימין השלישי״, („דער יידישער דאָן קיכאָט״) און „די קליאַטשע״. אָבער דאַן האָבן אים מקבל־פּנים געווען פּוילישע שרייבער. די יידישע באַפעלקערונג האָט נישט געוואוסט דערפון. איצט האָבן אים יידן אויפגענומען — און אויפגענומען מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ חסידישער התלהבות, אויף וועלכער ער האָט זיך גאָרנישט געריכט... „אויפן וואַרשעווער וואָקזאַל האָט אים באַ־גענגט אַ טויזנט־קעפּיקער עולם... מען האָט דעם זיידן אויף די הענט געטראָגן פון וואַגאָן אין אַ קאַרעטע, מען האָט אים פאַר־שאָטן מיט בלומען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַגריסונגען, באַנ־קעטן אָן אַ סוף... די יוגנט האָט בוכשטעבלעך טאָג און נאַכט דיזשורירט לעבן האָטעל... נאָך וואַרשע איז אים אויסגעקומען אָנצונעמען איינלאַדונגען קיין לאָדז און ביאַליסטאָק. אומעטום זיי־נען פאָרגעקומען טריאומף־צוגן, באַגייסטערטע אויסדרוקן פון ליבע און פאַרערונג פון זיין טאַלאַנט״.177)

„זיין רייזע (ווי דוד פרישמאַן האָט זי שפּעטער באַשריבן) איז געווען, אין גאַנצן זינען פונם דאָזיקן וואָרט, אַ טריאומף־רייזע פון אַ העלד, וועלכער קומט צוריק פון דער מלחמה. דאָס טריאומף־טויער האָט געגרייכט פון ווילנע ביז ביאַליסטאָק, פון ביאַליסטאָק ביז וואַרשע און פון וואַרשע ביז לאָדז. צו אַזאַ נסיעה האָט נישט זוכה געווען נאָך קיין שום שרייבער, און נישט נאָר אַ יידישער. ס׳איז געווען די רייזע פון אַ פירשט. טויזנטער מענטשן האָבן געוואַרט ביי יעדער סטאַנציע, טויזנטער מענטשן האָבן זיך גע־דרענגט און געשטופּט נעענטער צו אים און זיינען גליקלעך געווען, ווען ס׳איז זיי געלונגען אַ מינוט אים די האַנט צו דריקן אָדער אויף נאָר אַ קוק צו געבן אים אין פּנים אַריין. און איך געדענק: אין לאָדז זיינען געשטאַנען צענטויזנטער מענטשן פאַרזאַמלט אויף דער גאַס און האָבן געוואַרט פאַרן האָטעל, וואו אַבראַמאָוויטש האָט געוואוינט. דאַמען זיינען געשטאַנען אין זייערע העלע קליידער מיט בלומען אין די הענט. פון מינוט צו מינוט האָט זיך געהערט דאָס שרייען: „עס לעבע מענדעלע! עס לעבע דער זיידע!" און ווען דער שריפטשטעלער האָט זיך געוויזן אויף אַ מינוט ביים פענצ־טער אָדער אויפן באַלקאָן, איז דאָס שרייען געווען כמעט אָן אַ סוף. שטונדן־לאַנג האָט נישט מענדעלע און נישט זיינע מענטשן, וועלכע זיינען מיט־געווען מיט אים אינם האָטעל, געקאָנט אַרויס אויף דער גאַס. ס׳איז פּראָסט געווען לעבנסגעפערלעך. מיר האָבן פאַרשיידענע מיטלען געזוכט און מיר האָבן זיך, ווי עס איז, דורכ־געשלאָגן און מיר זיינען אַריין אין אַ וואָגן. פּלוצלונג אָבער האָבן זיי אים דערקענט — און וואָס איך האָב דענסטמאָל געזען, וועל איך נישט מער אַזוי גיך זען. צוזאַמען מיט אים בין איך געזעסן אינם וואָגן, און טויזנטער מענטשן זיינען געווען אַרום אונדז, און זיי האָבן געפּרוווט דעם וואָגן צוזאַמען מיטן אַלטן אויפצוהויבן. ענדלעך האָבן זיי אים געהויבן און געשריען: „עס לעבע מענדעלע! עס לעבע דער זיידע!" האָט זיך אַרויסגעריסן פּלוצלונג פון טויזנ־טער קעלן"...

דער ז י י ד ע האָט אַליין נישט געגלויבט, אַז ער האָט אַזויפיל א י י נ י ק ל ע ך און אַז זיי שעצן אים אַזוי. „איך האָב גאָרנישט געוווּסט, ווען איך האָב — האָט ער עטלעכע מאָל

געזאָגט, דערציילענדיק (דוד איינהאָרנען — ש. נ.) די איינדרוקן פון זיין רייזע איבערן תחום. איצט הויב איך אָן גלויבן, אַז נישט אומזיסט איז געווען מיין אַרבעט. שטעלט זיך פאָר: טרעגער, גאַס־טרעגער זיינען געגאַנגען מיך באַגעגענען".178) ער האָט זיך געפילט גליקלעך. ער האָט, ענדלעך, איינגעזען, אַז די קערנדלעך, וועלכע ער האָט מיט אַזויפיל מי און קונסט געזייט, זיינען אויפגעגאַנגען, האָבן געגעבן פּרוכט. „דער גרויסער טריאומף... האָט אים באַוויזן, אַז עס וואַקסט אַ דור, פאַר וועמען יידיש איז שוין נישט עפּעס אַ זשאַרגאָן, נאָר אַן אמתע ליטעראַטור־שפּראַך".179)

אין אַ יאָר אַרום נאָך מענדעלעס טריאומף־רייזע איבער די גרויסע שטעט פון ליטע און פוילן, — אין יאָר 1910, — איז מיט גרויס פּאַראַד אָפּגעריכט געוואָרן זיין 75טער געבורטסטאָג און דער פופציק־יאָריקער יובילײ פון זיין ליטעראַרישן שאַפן—דער יום־טוב, צו וועלכן מען האָט זיך שוין לאַנג געגרייט.

די הויפּטפייערונג איז פאָרגעקומען אין אָדעס, וואוהין מענדעלע האָט זיך צוריק אומגעקערט נאָך די פייערלעכע קבלת־פּנימס אין די דערמאָנטע שטעט. עס איז געווען אַ גאַנצע וואָך יום־טוב. אָנגעהויבן האָט זיך די פייערונג דעם 26טן דעצעמבער, אין מענדעלעס הויז. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט, ווי ב. אַפּעלבוים דערציילט,180) „אַלע יידישע שרייבער פון אָדעס און אַנדערע שטעט". אַחוץ דעם, זיינען געקומען שרייבער „ווי ספּעציעלע שלוחים פון דער יידישער און העברייאישער פּרעסע". עס זיינען אויך געווען „דעפּוטאַציעס פון פאַרשיידענע חברות און געזעלשאַפטן אין אָדעס און אַנדערע שטעט". ח. נ. ביאַליק האָט דעם יובילאַר געבראַכט אַ מתנה — „כל כתבי מענדעלע" אויף העברייאיש. אין זיין באַגריסונגס־רעדע האָט ביאַליק, צווישן אַנדערע זאַכן, געזאָגט: „פון אונטער דער האַק, וואָס איז אויסגעשטרעקט איבער אונדזערע קעפּ, פון אונטער דעם פּוס, וואָס טרעט, — לאָמיר אויפהויבן אונדזער קאָפּ מיט שטאָלץ און אויסשרייען צום שונא מיט שפּאָט: דיין צעשטערונג וועט אונדז נישט איבערשרעקן! דאָס יידישע פאָלק הערט נישט אויף צו שאַפן! און אויב עס שאַפט, לעבט עס. א ין די שווערסטע, ערגסטע יאָרן האָבן מיר געשאַפן איינע פון אונדזערע בעסטע שאַפונגען — מענדעלע מוכר ספרים!

זאָל לעבן דאָס יידישע פאָלק! זאָל לעבן און מאריך ימים זיין דער עלטסטער פון די יידישע שריפטשטעלער!" נאָך ח. נ. ביאַליקס העברייאישער רעדע איז געקומען אַ יידישע רעדע פון ש. פרוג. דערנאָך האָבן גערעדט פאָרשטייער פון פאַרשיידענע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, רעדאַקטאָרן פון יידישע און העברייאישע צייטונגען. אין די פייערלעכע אַדרעסן, וואָס זיינען געלייענט געוואָרן, האָבן יידישע שרייבער, צווישן אַסך אַנדערע זאַכן, געזאָגט צו מענדעלען: ..."דו ביסט דער ערשטער, וואָס דו האָסט קאָנצענטרירט אין דידאַזיקעביידע שפּראַכן (יידיש און העברייאיש) דעם גאַנצן שאַפונגס כוח פונם יידישן פאָלק אין אַלע דורות און געמאַכט פון ביידע שפּראַכן, וואָס זיי זיינען קיינמאָל נישט געווען. און דו ביסט דער ערשטער, וואָס דו האָסט אונדז אין ביידע לשונות געגעבן די קינסטלערישע דערציילונג און באַשרייבונג, איינשטעלנדיק זייער נוסח, וואָס דאָס איז נוסח מענדעלע ביז היינטיקן טאָג... ס'איז נישטאָ אַצינד כמעט איין שרייבער וואָס זאָל זיין פריי פון דיין ווירקונג, איין טאַלאַנט, וואָס זאָל נישט האָבן געגאַנגען צו דיר אין חדר"... מענדעלע האָט געענטפערט אויף די באַגריסונגען, און אין זיין רעדע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פראַגע פון אונדזערע צוויי שפּראַכן. ער האָט עס געטאָן דערפאַר, ווייל אייניקע באַגריסער האָבן אַנגערירט די שפּראַכנפראַגע און אפשר אויך דערפאַר, ווייל די גאַנצע אַדעסער פייערונג איז געפירט געוואָרן אין אַ העברייאיסטישן גייסט. ער האָט, יעדנפאַלס, געהאַלטן פאַר נויטיק קלאָר צו מאַכן ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט זיין שטעלונג צו העברייאיש און צו יידיש. און ווי ב. אַפּעלבוים גיט־איבער, האָט ער געזאָגט: „... דאָס לשון — דאָס איז די נשמה פון פאָלק... אויך אין אונדזער תורה שטייט: ויפח באפיו נשמת חיים ויהי לנפש חיה — מאַכט דער תרגום: לרוח ממללא (אַ ריידנדיקער גייסט). די שפּראַך — דאָס איז דער רוח־חיים פון מענטש, און אַז מען נעמט־צו די שפּראַך פון מענטשן, איז ווי מען וואָלט אים צוגענומען דאָס לעבן, דעם כוח החיוני זיינעם. איך וויל מיט דעם זאָגן, אַז עס וואָלט געווען פון מיין זייט אַ גרויסע עוולה, ווען איך וואָלט פאַרלאָזט איינע פון די צוויי שפּראַכן, וואָס האָבן מיך אויפגעהאָדעוועט און דערצויגן פון מיין קינדהייט ביז היינט... מיר פאַרמאָגן

צוויי נשמות — צוויי שפּראַכן. אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט, אַז אַ ייִד האָט צוויי נשמות, אַ וואָכעדיקע און אַ הייליקע נשמה — אַ נשמה יתירה. אונדזער העברייאישע שפּראַך איז די נשמה יתירה, אַ הייליקע ריינע שפּראַך, אין וועלכער די גאַנצע וועלט זעט זיך ווי אין אַ שפּיגל, וואָס איז אַלט ווי די וועלט און וואָס איר קוואַל וועט קיינמאָל ניט אויסטריקענען. און די אַנדער שפּראַך איז די נשמה פון וואָך, פון פּיין און ליידן, וואָס איז טרויעריק ווי די ייִדישע נשמה אינדערוואָכן. און די דאָזיקע ביידע נשמות, ביידע שפּראַכן, אַ דאַנק וועלכע איך זע אייך הײַנט ביי מיר, וואָלט איך נישט געקאָנט פאַרבייטן אויף אַן אַנדער שפּראַך״...181)

מיט די פייערלעכע פייערונגען ביי מענדעלן אין הויז האָט זיך דער גרויסער יום־טוב ערשט אָנגעהויבן. עס זיינען געווען דערנאָך באַנקעטן, אויך אַ טעאַטער־אָוונט, ווען מען האָט אויפגעפירט „דעם פּריזיוו״... טויזנטער טעלעגראַמעס און בריוו מיט באַגריסונגען זיינען אָנגעקומען פון אַלע עקן וועלט... פון קיעוו איז געקומען צו פאָרן אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע מיט אַ פייערלעכן אַדרעס פון די דאָרטיקע ייִדישע אַרבעטער. דאָס האָט דעם זיידן, ווי זיינע טעכטער דערציילן, גאָר באַזונדערס שטאַרק גערירט. ער איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די אַרבעטער דעלעגאַטן און זיך היים מיט אים צעקושט...

פון אָדעס האָבן זיך די פייערונגען איבערגעטראָגן אין אַנ־דערע שטעט, אין אַנדערע לענדער. עס איז נישט געווען קיין איין צענטער פונם ייִדישן לעבן, קיין איין, מער אָדער ווינציקער, באַ־דייטנדיקער, ייִדישער ישוב, וואו מען זאָל נישט האָבן געיום־טובט דעם ז י י ד נ ס 75טן געבורטסטאָג. אין פּעטערבורג און אין וואַרשע, אין טשערנאָוויץ און אין אַנטווערפּן, — אומעטום, בכל תפוצות ישראל, איז אָפּגעריכט געוואָרן דער גרויסער יום־טוב פון דעם זיידן פון דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס איז געווען אַן אמתער אויסדרוק פון פאָלקס פאַרערונג.

דער זיידע איז אויפגעמונטערט און אַזויווי צוריק יונג גע־וואָרן. ער האָט זיך ווידער גענומען פאַר זיין פען און זיך אָנגע־צייכנט נייע ליטעראַרישע פּלענער. „אַ מין שעפערישע פרייד,

האָט שפּעטער אין אַ העברייאישן אַרטיקל דערציילט ח. נ. ביאַליק, אַ יוגנטקראַפט כמעט, האָט געאָטעמט פון יעדער שורה. דער גרייז־גרויער אַדלער איז ווי פּלוצלונג יונג געוואָרן, און אַ נייער גייסט, אַ שטאַרקער יונגער גייסט האָט זיך אין אים דערוועקט"...182)

זיינע פריינט האָבן באַוואונדערט זיין ענערגיע, זיין פרישקייט. זיי „האָבן זיך אויך איצט, זאָגט ביאַליק, נישט געקאָנט אָנזעטיקן פון הערן מענדעלעס שאַרפע שמועסן, וואָס זיינען געווען געפּראַ־וועט מיט דברי־תורה און חכמה. מענדעלעס שמועסן אום שבת — דאָס איז געווען אַן אמתער תענוג. נישט געווען קיין זאַך אין פּאָליטישן לעבן, אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין דער ליטעראַטור פון אונדזערע ביידע שפּראַכן, וואָס זאָל פאַרהוילן ווערן פון זיין שאַרף אויג און וואָס זאָל אַנטרונען ווערן פון זיין קריטיק און פון זיין מיינונג — צום גוטן אָדער צום שלעכטן. זיין קאָפּ און האַרץ זיינען אויך איצט געווען אַ נעסט פול מיט געדאַנקען, חלומות, דמיונות און ברייטע פּלענער פון אַרבעט אין דער צו־קונפט".183)

ער איז שוין דאַך געווען אַלט און פיזיש אָפּגעשוואַכט. אין 1911 איז ער קראַנק געוואָרן אויף אַן עקזעמע. „שוין אַ יאָר, האָט ער מיר געשריבן אין אַ בריוו (פון 11טן נאָוועמבער, 1912) — אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט מיט אַשטיקל עקזעמע, און איר צוליב און אויך צוליב מיינע באַשעפטיקונגען אין מיין שולע וכדומה טאָר איך נישט און קאָן נישט אָפּגעבן זיך מיט ליטעראַרישער אַרבעט". אָבער אינגיכן האָט ער זיך אויסגעהיילט פון דער אומ־אנגענעמענער קראַנקהייט, און זיך ווידערגענומען פאַר זיין אַר־בעט... ווינטערצייט פלעגט ער זיך פילן אַביסל דערשלאָגן, פאַר־וועלקט, אָבער „זומער, דערציילט ביאַליק, ווען ער האָט דערשמעקט דעם ריח פון פעלד, האָט ער צוריק געבליט און איז געוואָרן שטאַרק און פריש, ווי געווען. גאַנצע שעה'ן פלעגט ער אַרומשפּאַצירן אי־בער די פעלדער, וואָס ליגן ביים ים, וואו ער פלעגט זיצן אויף זומערוואוינונג. ער פלעגט שפּאַצירן אַן אויסגעשטרעקטער מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, אַ שיינענדיקער, און ווי אַ נשיא האָט ער אויסגעזען, און אין האַנט — זיין דיקער שטעקן — זיין שטענ־דיקער באַגלייטער".184)

אין 1915, ווען ער איז אַלט געוואָרן 80 יאָר, האָט מען אים ווידער געוואָלט מאַכן אַ גרויסן יום־טוב, אָבער ער האָט זיך אָפּ־געזאָגט דערפון צוליב דער שווערער און ביטערער מלחמה־צייט, און מען האָט זיך באַנוגנט מיט אַ שטילער פייערונג. דאָך זיינען אָנגעקומען פון אַסך שטעט טעלעגראַפישע באַגריסונגען, אויך דע־לעגאַציעס זיינען געקומען... מענדעלע איז שוין באַרימט געווען אין דער גאַנצער וועלט.

אָבער די באַרימטקייט, די גרויסע טריאומפן פון 1909—1910 און די נייע אויסגאַבע פון זיינע ווערק האָבן נאָך אַלץ נישט מעגלעך געמאַכט, אַז ער זאָל זיך קאָנען באַפרייען פון זיין שטעלע אין תלמוד־תורה. „ביי מיר איז אַלץ ווי געווען, שרייבט ער אין 1911 צו ש. דובנאָוו, אומזיסט האָבן געשריבן וועגן מיר די שרייבער און מיך פאַרשאָטן מיט באַגריסונגען און אָנגערעדט ניין מאָס רייד. איך בין אַלץ אָן אייביקער קנעכט ביי דער תלמודתורה“.185) אַ סוף צו אָט דער „קנעכטשאַפט“ איז געוואָרן ערשט אין 1916, ווען דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער חברה מפיצי השכלה אין פעטראָגראַד האָט פאַר אים באַשטימט אַ לעבנסלענגלעכע פענסיע אין סכום פון דריי טויזנט רובל אַ יאָר.186)

אָבער אים איז שוין לאַנג נישט געבליבן צו לעבן. ער האָט אָנגעהויבן קרענקען — אַ זאַך, וואָס האָט פריער זעלטן ווען פּאַ־סירט מיט אים. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָרגאַניזם, נאָך אַ שטאַרקערן לעבנסווילן, און ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן דער אַלטקייט... זיין הויכע שלאַנקע פיגור איז קיינמאָל נישט איינגע־בויגן געוואָרן... ווען שלום־עליכם איז געווען אַמאָל זיינער אַ שכן ביים ים, האָט אים דער ז י י ד ע באַוויזן, „וואָס הייסט שווימען צו זעכציק יאָר און וואָס הייסט מאַכן קונצן אויפן וואַ־סער.187) טאָג־טעגלעך אינדערפרי, זומער און ווינטער, האָט ער גענומען קאַלטע וואַנעס, פאַרבראַכט אין באַדצימער נישט ווייניקער ווי צוויי שעה צייט, געמאַכט גימנאַסטיק און מאַסאַזש. צו טיי איז ער תמיד אַרויסגעקומען אַ פרישער, אַ שמעקעדיקער און מוטיק געשטימטער. נאָכן פרישטיק, ביזן אָנפאַנג פון די לימודים אין שול, האָט ער געוויינטלעך געמאַכט אַ קליינעם שפּאַציר אַרום הויז. זומער פלעגט ער אונטערנעמען גרעסערע אויספלוגן הינטער דער

שטאַט; פאַר קיין ווייטן מהלך האָט ער זיך נישט געשראָקן אפילו שוין גאָר אויף דער עלטער״.188)

וועגן טויט האָט ער נישט געטראַכט, נישט געוואָלט טראַכטן. „פאַר הונדערט יאָר, האָט ער געזאָגט אַמאָל ש. אַנ—סקין, בין איך אייך ערב — און ווייטער וועלן מיר זען״. 189) אין 1916 האָט ער זיך פאָרט אָנגעהויבן בויגן אונטער דער לאַסט פון די יאָרן. ער האָט שוין נישט געקאָנט אַזוי אַרבעטן, ווי פריער, נישט געקאָנט מער שרייבן מיט דער אייגענער האַנט, געמוזט דיקטירן... וועגן טויט האָט ער נאָך אַלץ אויסגעמידן צו ריידן, אָבער ער האָט שוין אויסגעזען „ווי אַ קראַנק קינד, וואָס ליגט אָן כוחות״, לויט ביאַ־ליקס אויסדרוק... דער סוף איז געווען נאָענט. אָבער דער זיידע האָט זיך נאָך אַלץ געַ׳בריה׳ט, און ווי נאָר אים פלעגט ווערן אביסל בעסער, פלעגט ער ווידער פירן זיינע באַליבטע שמועסן מיט די נאָענטע פריינט. אין איינעם פון אָט די — לעצטע — שמועסן מיט ביאַליקן האָט ער געזאָגט: „די קראַנקהייט פון דער נשמה איז אַסך ערגער, ווי די קראַנקהייט פון גוף. די ערשטע איז דער „אב״ (די אורזאַך) און די אַנדערע איז אַ „תולדה״ (רעזולטאַט). קיין אבר אין גוף ווערט נישט פריער קראַנק, איידער עס ווערט קראַנק אַזאַ מין אָרט אין דער נשמה. ווערט נאָר געהיילט די נשמה, ווערט דער גוף אויך באַלד אויסגעהיילט״.190) מענדעלעס גוף איז שוין מער נישט אויסגעהיילט געוואָרן. אויף אַ ווײַלע איז ער — ערב דער לעצטער פייערונג פון זיין געבורטסטאָג — געקומען צו זיך אַביסל, ער איז אויפגעשטאַנען פון בעט, און מען האָט ביי אים אין הויז אָפּגעריכט דעם יום־טוב פון זיין געבורטסטאָג מיט מער פרייד, ווי אַלעמאָל, אָבער — „ס׳האָבן זיך אָנגעזען אין אים, ווי ביאַליק דערציילט, סימנים פון מידקייט, גרויסע גייסטיקע געבראָכנקייט״... אין אָט דעם צושטאַנד האָט ער צוגעשטימט צו אַ פּראָיעקט פון איינעם אַן אָדעסער יידישן צייטונגס ארויסגעבער צו זאַמלען אַ פאָנד אויף אַן „אייגן ווינקעלע״ פאַרן זיידן, — אַ פּראָיעקט, פון וועלכן מען האָט אין די אומשטענדן פון דער מלחמה־צייט געקאָנט האָבן נאָר עגמת־נפש... אָבער דער זיידע האָט שוין געלעבט מער מיט מטושטשע דערינערונגען און חלומות, ווי מיט קלאָרע געדאַנ־קען. ער האָט זיך אומגעקערט צו די רעליגיעזע איבערלעבענישן

פון די קינדעריאָרן און — „ארונטערגעבויגן זיין גרויען קאָפּ אונטער גאָטס פליגלען" (ביאַליק).

„די פאַרענדערונג, ווי עס זעט אויס, איז געקומען, שרייבט ביאַליק, פון עפּעס אַ החלטה אין האַרצן אין די טעג פון זיין קראַנק־הייט. עפּעס א מין הירהור תשובה — — — ער האָט אָנגעהויבן דאַווענען, זיך וואַשן און בענטשן. און סהאָט געטראָפן, אַז מען האָט אים געפונען אינדערפרי זיצן אויפן שטול, די יאַרמולקע אויפן קאָפּ און דער סידור אין האַנט, — און זיינע לעפּצן דאַווענען שטיל"...(191.

אין אָנהויב 1917 איז ער ווידעראַמאָל קראַנק געוואָרן — דאָס מאָל אויפצונאמתן. ער האָט שוין נישט געקאָנט מער אַרומגיין. „זיצנדיק אין שטול ביים פענצטער, וואָס גייט אַרויס אין הויף פון דער שול, פלעגט ער זיך צוקוקן, ווי זיינע טעכטער דערציילן, מיט בענקשאַפט צו זיינע געליבטע תלמידים, און מיט טרערן אין די אויגן שעפּטשען: קינדערלעך מיינע, טייערע קינדערלעך"...(192. אַביסל שפּעטער האָט ער שוין נישט געקאָנט מער זיצן, נישט געקאָנט מער רירן זיך, ער איז האַלב פּאַראַליזירט געוואָרן. מען האָט אים איבערגעפירט אין אַ שפּיטאָל, וואו מען האָט געקאָנט אויף אים בעסער אַכטונג געבן... ביי אַ פּאָר וואָכן איז ער געווען אין אַ האַלב־לעטאַרגישן צושטאַנד... פאַרן טויט האָט אים אָפּ־גענומען דאָס לשון. ער האָט נאָך געשאָקלט מיט די ליפּן, געוואָלט אַזויווי זאָגן דאָס לעצטע וואָרט. פון צייט צו צייט האָט ער געעפנט די אויגן... שבת, כ"ג כסלו, תרע"ח (8טן דעצעמבער, 1917), פינף אַזייגער פאַרנאַכט, האָט ער זיי צוגעמאַכט אויף אייביק...

ער איז געשטאָרבן „נאַטירלעך", האָט געזאָגט דער דאָקטאָר פון שפּיטאָל: „ער האָט אויסגעלעבט דאָס לעבן ביזן לעצטן טראָפּן"...

צו זיין לוויה (מאָנטיק, דעם 10טן דעצעמבער) זיינען געקומען פאָרשטייער פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין אָדעס. קראָמען זיינען געווען געשלאָסן, פאַבריקן צוגעמאכט. אין שטאָט האָט געהערשט טרויער. תלמידים און לערער פון דער שול, וואו מענדעלע איז געווען דירעקטאָר, יידישע גימנאַזיסטן און סטודענטן, אַרבעטער, געשעפטסלייט, פּאַרטיי־דעלעגאַציעס, שריפטשטעלער

— טויזנטער, צענדליקער טויזנטער האָבן זיך געצויגן צום בית־עולם, וואו לעבן די קברים פון ש. פרוג, משה לייב ליליענבלום און אַנדערע יידישע שרייבער, איז צוגעגרייט געוואָרן אַ רו־פּלאַץ פאַר דעם זיידן פון דער יידישער ליטעראַ־טור.

פּאָרגייערס און נאָכגייערס

אייראָפּייאיש־רוסישע איינפלוסן. — יידישע השפעות. — מענדעלעס פּאָרגייערס אין דער השכלה־צייט: י. ב. לעווינסאָן, י. אַקסענפעלד, א. מ. דיק. — אַ גרויסער נעמער, נאָך אַ גרעסערער געבער. — מענדעלעס ווירקונג אויף ח. נ. ביאַליק, ז. שניאור, י. ד. בערקאָ־וויטש, עגנון, אליעזר שטיינבאַרג, ש. בן־ציון, שלום אַש, דוד בערגעלסאָן. — מענדעלע — און די איבעריקע צוויי קלאַסיקער. — אַנאַליז פון שייכותן צווישן מענדעלען און שלום־עליכמען, פון איין זייט, מענדעלען און פּרצן, פון דער צווייטער זייט. — שלום־עליכמס זיידע, ווי אַ קינסטלער, פּרצעס, — ווי אַ דענקער. — שלום־עליכם און פּרץ — אין איין פּערזאָן. — צווייגעשטאַל־טיקייט. —שלום.

מענדעלע איז, נישט געקוקט אויף זיין יידישער, מען קאָן זאָגן, יידישלעכער אייגנאַרטיקייט, — נישט געקוקט אויף זיין גאַנצער שרייבערישער אָריגינאַליטעט, — באַאיינפלוסט געוועזן פון דער אייראָפּייאישער און דערהויפּט פון דער רוסישער ליטעראַטור. 193) די ענלעכקייט צווישן אייניקע זיינע פּאָרמען אָדער מאָטיוון און די פּאָרמען אָדער מאָטיוון פון דעם רוסישן סאַטיריקער שטשעדרין־סאַלטיקאָוו — וואַרפט זיך ממש אין די אויגן. נאָך קלערער איז די ווירקונג, וואָס אונדזערע עלטערע השכלה־שרייבער האָבן געהאַט אויפן זיידן, שוין נישט גערעדט וועגן דער השפעה פון תנ״ך, גמרא, מדרש, מוסר, עברי־טייטש־ספרים און פון דער גאַנצער יידישער קולטור־טראַדיציע. צווישן די השכלה־שרייבער זיינען די ליטעראַריש־נאָענטסטע צו מענ־דעלען—יצחק בער לעווינזאָן, ישראל אַקסענפעלד און אייזיק מאיר דיק. פּערזענלעך האָבן געווירקט אויף אים אויך א. ב. גאָטלאָבער,

וועלכער האָט אים אַריינגעפירט אין דער העברייאישער ליטעראַ־
טור, און יהושע ליפשיץ, וועלכער האָט זיכער געשפּילט א ראָלע
אין מענדעלעס איבערגיין צו יידיש; אָבער דאָס איז געווען מער
אַ פּערזענלעכער ווי אַ ליטעראַרישער איינפלוס. לעווינזאָן,
אַקסענפעלד און דיק האָבן ל י ט ע ר אַ ר י ש אָנגעזאָגט
און אויך צוגעגרייט מענדעלעס קומען. אין לעווינזאָנס „הפקר־
וועלט" געפינען זיך היפּשע עטלעכע שטעלן, וואָס מען וואָלט
זיי, מיט קליינע ענדערונגען, געקאָנט אַריינגעמען אין „דער
טאַקסע". נאָך אַ נעענטערע שייכות איז דאָ צווישן אַקסענפעלדן
און מענדעלען: עס איז גענוג צו דערמאָנען דעם טיפן אינטערעס,
וועלכן אַקסענפעלד, דער ערשטער יידישער ראָמאַניסט, ווייזט אַרויס
צו יידישע פּרנסות, דער טיפּיש־מענדעלישער טעמע, אָדער זיין
טבע צו מאָלן, אַזויווי מענדעלע, יידישע קיבוצים, גאַנצע יידישע
שטעט, (לא־היה־פּאָליע, ניעבּיוואָלע) און נישט באַנוגענען זיך מיט
יחידים, אָדער אַקסענפעלדס פּייאיקייט צו שרייבן שיר ניט אַזוי
קורץ און קאָנדענסירט, ווי דער זיידע, און צו געבן אָפּט אין עט־
לעכע שורות אַ גאַנץ לעבנסבילד... אַקסענפעלד מוז זיכער צו־
גערעכנט ווערן צו מענדעלעס וויכטיקסטע פאָרגייער.

„ביי אַקסענפעלדן — האָט געשריבן בעל מחשבות — גע־
פינען מיר שוין אָנגעמערקט אַסך טיפּן, וואָס זיינען געוואָרן נאָכדעם
קלערער דורכגעפירט ביי מענדעלען".194)

נישט ווינציקער, אויב נישט מער, וויכטיק, ווי אַקסענפעלד,
פאַר מענדעלעס ליטעראַרישער סביבה — איז אייזיק מאיר דיק.
עס איז לייכט זיך משער צו זיין, אז מענדעלע איז באַקאַנט געווען מיט
דיקס ווערק. אין די 50ער און די 60ער יאָרן זיינען זיי געווען זייער
פאַרשפּרייט. אין מענדעלעס געבורטשטאָט גופא, אין קאָפּוליע, —
דערציילט זיין לאַנדסמאַן און צייט־חבר א. י. פּאַפּערנאָ, — פלעגן
פאַקנטרעגער ברענגען דיקס „חייציקל אַליין" און „ר' שמעיה גוט־
יום־טוב־ביטער" און מען פלעגט זיי צעכאַפּן, ווי מצה־וואַסער. די
נעמען פון זייערע העלדן זיינען געוואָרן אַ שם דבר, און איינציקע
אויסדריקן זייערע זיינען געוואָרן פאָלקסווערטלעך".195) „מיט
פאַרגעניגן — דערציילט וויטער פּאַפּערנאָ — פלעגן זיי הערן
וואוילקענעוודיקע יידענעס, אָבער אויך יידן לומדים, פּ...טערס פון

פאַמיליעס... פלעגן זיך גאָר צוהערן צו זיי. איינער אַ יונגער חברה־מאַן האָט אפילו געוואָגט אַמאָל פאַרצולייענען „חייציקל אַליין" אין קלויז פון עמוד, ווען קיין עלטערע זיינען דאָרט נישט געווען".196)

אַבראַמאָוויטש האָט אין יענע יאָרן, ווען עס איז אַרויס „חייציקל אַליין", שוין געהאַט פאַרלאָזן קאָפּוליע, אָבער פאַר „חייציקל אַליין" האָט דיק געשריבן אַנדערע זאַכן, אַשטייגער, „מסכתא עניות" (1848), און שוין דאָרט האָט ער באַהאַנדלט מענ־דעלעס אַ טעמע, די טעמע פון דער „אַלטער, גרויסער יידישער טאָרבע", די טעמע פון „אַסך מלאכות און ווינציק ברכות". שוין דאָרט האָט דיק זיך אָפּגעגעבן מיטן טאָגטעגלעכן יידישן לעבן, נישט נאָר מיט חקירה און מליצה, און צוגעגרייט אַ באָדן פאַר מענדעלעס רעאַליזם. היינט ווער רעדט שוין דיקס שפּעטערדיקע ווערק — אין זיי געפינען זיך ממש פּראָטאָטיפּן פון מענדעלעס געוויסע שאַפונגען. אזוי אשטייגער, לייענען מיר ביי דיקן וועגן שמעיה׳ס „גוט־יום־טוב־ביטערס" „קבצנישע פּרנסות": „ערשטנס, וואָר ער אין מלמד, — — ער פלעגט זיין אַ שדכן — דערפון וואָר אַמאָל אַ קערבל, אַ טרונק בראָנפן געוויס, און אַמאָל תנאים, אַ חתונה... ער וואָר אַ בעל תפילה, ער פלעגט מתפלל זיין אויף אַ חולה. אויפזיין אויף אַ וואַכנאַכט. ער איז געווען אַ מוהל. ער איז געווען אַן עופות־שוחט... פאַר פּסח פלעגט ער איבערזען ווייץ. ערב יום כפור פלעגט ער שלאָגן מלקות... ער פלעגט שרייבן רשימות פאַר מחותנים, יידישע בריוולעך פאַר אַמען, פאַר דינסטן"... ענלעכע פּרנסות האָט געהאַט דיקס יעקעלע גאָלד־שלעדער. און דאָס זיינען דאָך די זעלביקע פּרנסות, מיט וועלכע עס האָבן זיך אַזוי אויסגעצייכנט מענדעלעס טוניעיאַדעווקער יידן: „איך האָב, ברוך השם, זאָגט דער ייד פון טוניעיאַדעווקע, אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן אָט־אָ, אַ מתנה פון זיין ליבן נאָמען, אַ כלי, אַ קול נגינה, און דאַוון מוספים, ימים נוראים אין דער סביבה. איך בין אַ מוהל און א מצה־רעדלער איינער אין דער וועלט. איך פיר אַמאָל אויס אַ שידוך, פיר איך אויס" א. אַז. וו. (קיצור מסעות בנימין השלישי). אפילו מענדעלעס באַרימטע קלאַסיפיקאַציע פון אַלערליי סאָרטן אָרימעלייט, עניים, אביונים, קבצנים איז שוין אויך

דאָ ביי דיקן אין „זפרונה“, אין „חייציקל אַליין“, אין „יעקעלע גאָלדשלעגער“, אין „חזן“... המחנה הראשונה — די ערשטע קלאַסע שנאָרער זיינען געווען די בעלי דרשות, מוכיחים, זאָגער און ספּדנים... די צווייטע קלאַסע שנאָרער זיינען געווען יאַלעווע בעלי דרשות, דאָס הייסט, אַזעלכע א. אַז. וו. די דריטע קלאַסע זיינען געווען בעלי שמות, בעלי מגידות, מוכרי ספרים, שדכנים, עגונות... די פערטע קלאַסע זיינען געווען גלאַט אַרימעלייט, וואָס פלעגן זיך שלעפּן באַנדעסווייז א. אַז. וו.“ דיק איז פאַרויס־געגאַנגען מענדעלען אויך דערמיט, וואָס ער האָט דער ערשטער אַרויסגעוויזן אַ באַוואוסטזיניקן אינטערעס צום יידישן פאָלקלאָר און צו דער נאָענטסטער יידישער פאַרגאַנגענהייט, ווי אויך דערמיט, וואָס ער האָט, אַזיווי שפּעטער מענדעלע, געפּלייסט זיך צו מאַכן פון הומאָר סאַטירע.197)

מענדעלע האָט אָן שום ספק איבערגענומען און געלערענט אַסך ביי זיינע פאָרגייער, אָבער מער נאָך האָט ער געגעבן די שריי־בער, וועלכע זיינען געקומען נאָך אים. ער איז, ווי אַלע גרויסע שעפערישע מענטשן, געווען אַ גרויסער נעמער און — נאָך אַ גרעסערער געבער. מען וואָלט געדאַרפט אויסרעכענען אַ זייער לאַנגן צעטל מיט נעמען פון אַנגעזעענע יידישע און העברייאישע שריפטשטעלער, וועמען מען זאָל קאָנקרעט ווייזן, וואו און ווי מענדעלעס שפּראַכלעכע אָדער קינסטלערישע השפּעה איז גע־קומען צום אויסדרוק. מען וואָלט זיך געדאַרפט אָפּשטעלן לאַנג נישט נאָר אויף די ווערק פון שלום־עליכמען, דעם ז י י ד נ ס ערשטן, בעסטן און גרעסטן א י י נ י ק ל. מען וואָלט געדאַרפט אַרומריידן אויך די שפּראַך און די שפּראַכלעכע מעטאָדן פון אַזוינע „אייניקלעך“, ווי ביאַליק אָדער ז. שניאור, אדער י. ד. בערקאָוויטש, אָדער ש. בן ציון, אָדער עגנון, אָדער אליעזר שטיינבאַרג. מען וואָלט געדאַרפט אָנווייזן אויף דער אַנטראָפּאָמאָרפישער נאַטור־שילדערונג ביי שלום אַשן, אויף דער סאָציאַלער סאַטירע און דעם קולט פון וואָרט ביי דוד בערגעלסאָנען... מען וואָלט גע־דאַרפט שרייבן אַ בוך, אפשר אַ גאַנצע יידישע ליטעראַטור־געשיכטע פון דעם שטאַנדפּונקט פון מענדעלעס נוסח, מענדעלעס איינפלוס און דער אַלגעמיינער מענדעלע־טראַדיציע. איך וועל זיך

באַנוגענען נאָר מיט די צוויי גרויסע שריפטשטעלער, וועלכע זיינען געקומען גלייך נאָך מענדעלען און פאַר וועלכע ער האָט צוגעגרייט און אַזוי פרוכטבאַר געמאַכט דעם באָדן: איך וועל זיך אָפּשטעלן אויף דער — שוין פריער דערמאָנטער — גרויסער קרובֿתשאַפט צווישן מענדעלען און ש ל ו ם - ע ל י כ מ ע ן, פון איין זייט, און אויף דער שייכות, וואָס י. ל. פ ר ץ האָט געהאַט צום זיידן, פון דער אַנדער זייט. שלום-עליכם און פרץ ווערן, אינאיינעם מיט מענדעלען, באַטראַכט פאַר די הויפּטבויער פון אונדזער נייעם ליטעראַרישן בנין אין 19טן יאָרהונדערט. איז גאָר באַזונדערס וויכטיק קלאָר צו מאַכן נישט נאָר דעם חלק, וואָס יעדער פון דעם גרויסן „מזומן" האָט אַריינגעלייגט אין דער נייער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך די שייכות, וואָס זיי האָבן געהאַט צווישן זיך.

די סאַמע אַלגעמיינע שייכות דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס זיי, און נאָר זיי אַליין, האָבן זוכה געווען באַטראַכט צו ווערן ווי די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור. קלאַסיקער זיינען זיי, פאַרשטייט זיך, ניט אינם זינען פון זייער אינעווייניקסטן כאַראַקטער אָדער סטיל. איינער פון זיי, פרץ, איז לויט זיין סטיל און כאַראַקטער נעענטער אַסך צום ראָמאַנטיזם, ווי צום קלאַסיציזם. אויב מען האַלט זיי פאַר די קלאַסיקער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור באַנוצט מען דאָ דאָס וואָרט „קלאַסיקער" אין זיין ברייטערן זין. מען וויל זאָגן, אַז זיי זיינען — יעדער אויף זיין שטייגער און אין זיין ספערע — געווען מייסטערס און געשאַפן מוסטערהאַפטע ווערק. יעדערער פון זיי האָט אין אונדזער ליטעראַרישן און אַלגעמיינגייסטיקן לעבן אַריינגעבראַכט גרונטאָווּנע זאַכן, דויערהאַפטיקע ווערטן. יעדער פון זיי איז געווען אַ פונדאַמענט-לייגער, נישט סתם אַזוי אַ בויער; יעדערער האָט דעם יידישן ליטעראַטור-בנין געהאָלפן וואַקסן — אָדער אין דער טיף (מענדעלע) אָדער אין דער ברייט (שלום-עליכם) אָדער אין דער הייך (פרץ). מענדעלע האָט פאַר דעם יידיש-העברייאישן וואָרט געעפנט דעם קוואַל פון אָפּגעפרישטער קולטור-טראַדיציע: שלום-עליכם האָט געפונען דעם פאָלקסקוואַל; פרץ — דעם מקור פון דער פּערזענלעכקייט. דער ערשטער האָט אין דער ליטעראַטור, וואָס איז דורות נאָכאַנאַנד געווען באַשטימט נאָר פאַר

„פרויען און עם־הארצים״, — געלאָזט הערן די שטים פון אַלטן תלמיד חכם; דער צווייטער האָט אין איר געלאָזטריידן דעם יידן פון אַ גאַנץ יאָר; דער דריטער האָט זי צוגעגרייט צו ווערן דער אינסטרומענט פון דער מאָדערנער אינטעליגענץ. דריי גרויסע, אָבער פאַרשידענע, אויפטואונגען. מענדעלע האָט אונדז געוויזן ק אַ ב צ אַ נ ס ק (און דאָס גאַנצע יידישע לעבן), ווען עס איז געווען נאָך פעסט איינגעפונדעוועט, טיף פאַרוואָרצלט. שלום־עליכם האָט דאָס זעלביקע קאַבצאַנסק (כתרילעווקע) געשילדערט, ווען עס האָט זיך שוין גערירט פון אָרט, גרייט צו לאָזן זיך אין וועג אַריין און לויפן הענדום־פּענדום קיין יעהופּעץ, אין דער גרויסער שטאָט אַריין. פּרץ איז שוין געווען פול מיט דעם אימפּעט, מיט דער דינאַמיק פון דער עצם גרויסשטעטישקייט... און ווען איך זאָל נישט מורא האָבן פאַלש אויסגעטייטשט צו ווערן, וואָלט איך, האַלטנדיק ביי סכעמעס און גענעראַליזאַציעס, געמאַכט נאָך אויך דעם סך־הכל, וואָס מענדעלע האָט געלערנט די יידישע ליטעראַטור צונויפגעוואַקסן צו ווערן מיט אונדזער געשיכטע, בעת שלום עליכם האָט זי באַהעפט מיט אונדזער קעגנוואַרט און פּרץ האָט געוועקט אין איר בענקשאַפט נאָך דער צוקונפט...

מיט די אַלע, ווי אויך מיט אַנדערע, נישט־דערמאָנטע, שטריכן קאָן מען כאַראַקטעריזירן די ראָלע, וואָס יעדער פון די „דריי קלאַסיקער״ האָט געשפּילט, ווען ער האָט געשפּילט סאָלאָ. זיי זיינען דאָך געווען אָבער סאָלאָס אין איין גרויסן קאָנצערט. זיי האָבן געבויט — יעדערער פון זיין ווינקל — איין בנין. איז די שייכות, וואָס איז געווען צווישן זיי, פּונקט אַזוי וויכטיק, ווי דאָס, וואָס האָט זיי פאַנאַנדערגעטיילט... וואָס פאַר אַ שייכות איז געווען צווישן זיי? און דערהויפּט — וואָס איז געווען פאַר אַ באַציאונג צווישן יעדן פון זיי — און דעם ז י י ד ן?

דעם ז י י ד נ ס ערשטער און עכטסטער א י י נ י ק ל איז, ווי מיר ווייסן, געווען נישט פּרץ, נאָר שלום־עליכם. ער איז באמת געגאַנגען אין חדר צו מענדעלען, געגאַנגען מיט גרויס הכנעה און נאָך גרעסערן חשק. די נאָטירלעכסטע נעמענפאַר־בינדונג אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור איז, דעריבער, „מענדעלע און שלום־עליכם״.

מענדעלע וואָלט נישט געהאַט גאָר דעם נאָמען ז י י ד ע, ווען נישט שלום־עליכם, וועלכער האָט אים אזוי אָנגערופן אין דעם באַקאַנטן בריוו, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אָנשטאָט אַ הקדמה צו „סטעמפעניו״. מענדעלע איז פון אָנהויב אָן געווען שלום־עליכמס אידעאַל. אין אַ בריוו צו ש. דובנאָוון (טאַקע אין דעם יאָר, ווען ער האָט אָפּגעדרוקט זיין „סטעמפעניו״, אין דעם יאָר 1888) שרייבט שלום־עליכם: „איך פאָר ביז אָדעס. ענדלעך, וועל איך זען אַב־ראַמאָוויטשן. ער איז אַ גרויסער מענטש״... און נאָך איידער ער האָט זיך באַקענט מיט אים, האָט ער געפרעגט ביי אים אין בריוו עצות, געזוכט זיך צו דערנעענטערן צו אים. מענדעלע איז גראָד נישט געווען פון די מענטשן, מיט וועלכע עס איז לייכט זיך צו באַפריינדן, אָבער שלום־עליכם האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, ער האָט אים פאַרוואָרפן מיט בריוו.197א) ער האָט אים באַגריסט צום יובילעי פון זיין 25־יעריקער ליטעראַרישער טעטיקייט (אין 1884). ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר מענדעלען „ווי אַ פייערדיקער פאַרערער פון זיין טאַלאַנט, וואָס אַרבעט אויפן באָדן, וועלכער איז פון אים צעאַקערט געוואָרן״...198) מענדעלעס בילד האָט זיך געפונען ביי אים אויפן שרייבטיש, און שרייבנדיק פלעגט דער יונגער ענטוזיאַסט, ווי ער אַליין האָט דערציילט אַמאָל י. ח. ראַבניצקין, אויפהויבן די אויגן צום זיידנס פאָרטרעט און טראַכטן, צי וועט דעם זיידן געפעלן זיין אַרבעט... בעת אַזאַ ווי שמ״ר, וועל איך זיך דערלויבן איבערצוחזרן, וואָס איך האָב גע־שריבן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, איז פאַר אונדזער לעזער־דורשטיקן פאָלקסשרייבער געווען אַ שטיין אויפן וועג, איז מענדעלע געווען פאַר אים אַ שטערן:ביים ליכט פון זיין שטערן האָט שלום־עליכם געזוכט אָפּצושאַרן דעם שטיין פון וועג.199)

מענדעלעס ליכט איז געווען פאַר אים וועג־ווייזנדיק, ווען ער איז געווען נאָך גאָר יונג און האָט נאָך נישט געהאַט דעם מוט צו ווערן, וואָס ער איז שפּעטער געוואָרן, — אַ הומאָריסט. אָבער אויך שפּעטער איז ד ע ר ז י י ד ע געווען זיין לערער, זיין פירער.

דער א י י נ י ק ל האָט געהערט צו אַביסל אַן אַנדער דור (האָט ער דאָך אָנגעהויבן שרייבן, ווען די השכלה האָט זיך

שוין געהאַלטן ביי צונויפגיסן זיך מיט דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג נאָך די פּראָגראַמען פון די 80ער יאָרן). דערצו איז ער געווען אויך גאָר אַן אַנדער סאָרט מענטש, ווי מענדעלע, — אַ לייכטערער און מער אַ מענטש פון געמיט, ווי אַ קאָפּמענטש: האָט מענדעלעס שאַפן נישט געקאָנט זיין שלום־עליכמס איינציקער קוואַל. אונדזער גרויסער הומאָריסט האָט געהאַט זיינע אייגענע קוואַלן; ער האָט זיך אַליין געמוזט אויסטרעטן אַ וועג. אָבער מענדעלעס ליכט האָט באַלויכטן דעם וועג, וואָס שלום עליכם האָט זיך אַליין אויסגעטרעטן.

מענדעלעס גוסט און גייסט פילט זיך שוין אין דעם עצם שטאָף פון שלום־עליכמס שאַפן. דאָס איז דער כלל־ישראל, כתרילעווקע — דער גילגול פון מענדעלעס קאַבצאַנסק. אָן מענדעלעס איינגעזעסענעם קאַבצאַנסק וואָלט נישט געווען שלום־עליכמס רירעוודיקע כתרילעווקע. ווי שטאַרק פאַרשיידן זיי זיינען איינס פון דאָס אַנדערע, זיינען זיי ביידע גלייך אין דעם פּרט, וואָס זיי זיינען ביידע נישט סתם אַזוי אַ יידישער קיבוץ, נאָר *דער יידישער קיבוץ*, געזען ביי געוויסע באַדינגונגען, באַלויכטן פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט.200) קאַבצאַנסק און כתרילעווקע זיינען ביידע — יעדערע אויף איר שטייגער — אַ פּירוש אויף דער יידישער פאָלקסנשמה... פּרטים, יחידים, וואָס טיילן זיך אויס אָדער טיילן זיך אָפּ פון קהל, דערווייטערן זיך פון קאַבצאַנסק אָדער כתרילעווקע, זיינען פאַראַן אי ביים זיידן, אי ביים איינִיקל, — ביים איינִיקל מער, ווי ביים זיידן, — אָבער די יחידים זיינען סיי ביי מענדעלען, סיי ביי שלום־עליכמען יוצאים מן הכלל. דער כלל איז — דער *כלל*.

זיי האָבן דאָס פאָלק בשותפות, ווי זייער הויפּטשטאָף — און דעם פאָלקס שפּראַך נוצן זיי, ווי זייער שותפותן אינסטרומענט. די פאָלקסשפּראַך איז, אגב, ביי שלום־עליכמען, אַזוי ווי ביי מענדעלען, אַ ציל און אַ מאָטיוו און אַ טעמע פאַר זיך אַליין, נישט נאָר אַן אינסטרומענט: ביי ביידן האָבן מיר אָפּט דעם איינדרוק, אַז זייערע ווערק זיינען *וועגן* יידיש, נישט נאָר *אויף* יידיש. ביידנס הויפּטאויפגאַבע איז טאַקע צו פאָרשן

און צו שילדערן די אייגנאַרטיקייטן פונם יידישן פאָלק; בעת מעשה אָבער פאָרשן זיי און זאַמלען אויך די ווערטן פונם יידישן לשון. זיי טוען עס אין פאַרבינדונג מיט זייער גרויסער אויפגאַבע, אָבער זיי פילן, — און גיבן אונדז צו פילן, — אַז דאָס אַליין פאַר זיך איז פאַר זיי אויך אַן אויפגאַבע. זיי ציטערן אַזוי איבער יעדן יידישן וואָרט, זיי האָבן אַזוי שטאַרק האנה פון יעדן ווערטל, אַז ווען זיי האָבן פאַר זיך עטלעכע יידישע אויסדרוקן מיטאַמאָל, ווייסן זיי נישט וואָס צו טאָן מיט זיי, קאָנען זיך קיין עצה נישט געבן. ווייל זיי האָבן נישט קיין האַרץ צו נעמען נאָר איין שפּראַך־ווענדונג און די אַנדערע לאָזן אויף הפקר, נוצן זיי ביידע ווענדונגען, איינפּאַסנדיק זיי אין זאַץ אַזוי קונציק, אַז קיינע פון זיי זעט נישט אויס צו זיין איבעריק. אַשטייגער: „און מרדכי נתן שטייט פאַר אים מ י ט אַ ג ע מ אַ כ ט ן ד ר ך־א ר ץ, מיט אַ ג ע מ ל א כ ה ט ן ר ע ס פּ ע ק ט. און טראַכט זיך בעת מעשה א. אַז. וו.״ אָדער: „די געלערנטע... ווייזן אויף מיט ראיות, אַז קיין זאַך אויף דער וועלט ג י י ט נ י ש ט ל א י ב ו ד, ו ו ע ר ט נ י ש ט פ אַ ר פ אַ ל ן, ש ט אַ ר ב ט נ י ש ט אַ ו ו ע ק.״ אָדער: „פאַר אונדזערע כתרילעווקער פאַסאַזשירן איז דער דאָזיקער „ייד, וואָס קאַטאַרי״ געווען קאָן מען זאָגן, אַן אַ ז י ס אי ן ד ע ר מ ד ב ר, אַ ג ע ז ו נ ט א י ן ב ו י ך, אַ ז אַ ל ץ א י ן ד י ב י י נ ע ר״. אַזוינע זאַצן זיינען דאָ אויך לרוב ביי מענדעלען, און אי ביי אים, אי ביים אייניקל נעמט זיך עס דערפון, וואָס יידיש איז ביי זיי אַזויוי אַ ציל פאַר זיך אַליין, נישט נאָר אַ מיטל, דערפון וואָס יידיש איז ביי זיי ווי אַ זעלבסטשטענדיקע טעמע. ס'איז אַ טעמע, וואָס זיי האַלטן אין איין באַאַרבעטן, אַן אוצר, וואָס זיי אַנטדעקן כסדר, אַ וועלט, וואָס זיי הערן נישט אויף אויסצופאָרשן. יאָ, יידיש איז פאַר זיי אַזויוי דאָס יידישע פאָלקסלעבן, אַזוויוי די יידישע פאָלקסנשמה. זיי לאָזן נישט דורך אומבאַמערקט קיין איין שטריך אָדער שטריכעלע פונם יידישן כאַראַקטער, — און אַזוי נוצן זיי אויך אויס, היטן אויף לדורות און פאַראייביקן יעדן אויסדרוק, יעדן אידיאָם, יעדן קנייטש, יעדעס חנד'ל, יעדעס פּינטעלע, וואָס איז דאָ אין אונדזער יידישן לשון.

האָבן מיר שוין צוויי פּונקטן, וואו שלום־עליכם קומט אין נאָענטער באַרירונג מיט מענדעלען.

אָבער נישט נאָר אין די צוויי אַלגעמיינע טעמעס — „פאָלק" און „שפּראַך" — איז שלום־עליכם פאַרבונדן מיטן זיידן. אויך אַסך איינציקע טעמעס, מאָטיוון, אידייען פאַרשוינען האָט־ שלום עליכם גענומען ביי מענדעלען און אויף זיין אייגענעם שטייגער זיי אַנטוויקלט. שלום־עליכם האָט ביי מענדעלען, אַשטייגער, גע־נומען די טעמע און די אידייע פון זיינע „יידישע ראָמאַנען" („סטעמ־פּעניו", „יאָסעלע סאָלאָוויי"). דער עצם פאַרשוין מיטן נאָמען סטעמפּעניו געפינט זיך שוין אין „ווינטשפינגערל". (זע אַריינפיר צו „סטעמפעניו"). און וואָס איז מנחם מענדל מיוהעפּעץ? איז ער דען נישט די ווייטערדיקע, מער קאָנסעקוועגטע און מער שלום־עליכמדיקע, פאַנאַנדערוויקלונג פון מענדעלעס אלתר יכנה"ז? (אפילו דער שידוך צווישן... צוויי בחורים איז דאָ ביי מענדעלען) און וואָס איז מכוח דער גייסטיקער קרובתשאַפט, וואָס איז דאָ צווישן טביה דעם מילכיקן און מענדעלע מוכר ספרים, ווי אַ גע־שטאַלט? (אפילו טביהס פּסוקים־טייטשעניש איז דאָ ביי מענדע־לען. אַשטייגער: „וקבצנו יחד — אלע קבצנים אינאיינעם" („ווינטשפינגערל"), „אדם ובהמה — אַ מענטש אַ בהמה, תושיע ד' — העלפט גאָט" („פישקע דער קרומער"), „אשרי יושבי ביתך — סידי דאָמאַ, דאַ ני ריפּאַיסאַ" („די אַלטע מעשה).

ווייטער, די ערשטע דערציילונג, וואָס שלומע־ליכם האָט גע־דרוקט אויף רוסיש, די דערציילונג „מעטשטאַטעלי" (1884) איז גע־שריבן אונטער דעם איינפלוס פון „קיצור מסעות בנימין השלישי". אריה לייב אינם „ערשטן אַרויספאָר", ווען ער קומט־אָן מיט זיין חבר אין דער גרויסער שטאָט אַריין, דערמאָנט אייך נישט ווילנדיק אָן בנימין השלישי... די באַלעבאָסטע פון דער אכסניה, וואו די קליינשטעטלדיקע משכילים פון דער נאַרוואָס דערמאָנטער דערציי־לונג שטעלן זיך אָפּ, איז אַ נאָענטע קרובה פון רייזע דער בעל־אכסניהטע אין „ווינטשפינגערל": ביי ביידן פּילט זיך הינטער די געוואָלדן און קולות און קללות אַ שטילע, ווייכע, יידישלעכע, מו־טערלעכע גוטהאַרציקייט... די ביאָגראַפיע פון סענדער בלאַנק איז שטאַרק ענלעך צו דער לעבנס־באַשרייבונג פונם „קליינעם־מענ־

טשעלע". און וואָס איז מכוח „פונם יאַריד", שלום־עליכמס ביאָגראַ־פיע, געשריבן פון אים אַליין, — דערמאָנט זי דען נישט אין אַסך זייער וויכטיקע פּרטים אין „שלמה רב חיימס"? (201

אָבער נישט נאָר אין דעם שטאָף, נישט נאָר אין אייניקע מאָטיוון, נישט נאָר אין היפּשע עטלעכע פאַרשווינען שלום־עליכמס פּילט זיך מענדעלעס ווירקונג. זי שפּירט זיך אינם גאַנצן שטייגער שרייבן פון אונדזער הומאָריסט: „מען זעט ערטערווייז, אַז אין דעם אייניקל רינט דעם זיידנס בלוט", האָט דער זיידע אַליין גע־שריבן, ווי נאָר ער האָט איבערגעלייענט איין זאַך שלום־עליכמס...

דעם „זיידנס בלוט" איז אין דעם אייניקל שיטערער און פליסיקער; עס פּולסירט שנעלער, לייכטער, לעבעדיקער; שלום־עליכמס יידיש־נוסח איז נישט אַזוי שטייף, אויך נישט אַזוי גאַנץ און תמציתדיק, ווי מענדעלעס, פּונקט אַזוי ווי זיין עצם כתרילעווקע האָט נישט אין זיך די פעסטקייט, די אינעווייניקסטע גאַנצקייט און איינגוסיקייט פון מענדעלעס איינגעזעסענעם קאַבצאַנסק; אָבער גאַנצע שטעלן טרעפן זיך ביי שלום־עליכמען, וואָס זיינען ווי ביי מענדעלען פון מויל אַרויסגענומען, שטעלן, וואו דעם זיידנס נוסח האָט זיך אויפגעהיט אין אַזאַ ריינער געשטאַלט, אַז מען קאָן ממש אָנטאַפּן די סטיל־פעדים, וואָס ציען זיך פון אים צום אייניקל. אַזוינע שטעלן, אַשטייגער, געפינען זיך אין דער באַשרייבונג פון כתרילעווקע אין „עולם הבא", אין די ערשטע פעליעטאָנען, וואָס שלום־עליכם האָט געדרוקט אין „יידישן פאָלקסבלאַט", און אפילו אין אַזאַ עכט שלום־עליכמדיקער זאַך, ווי „אַ מעשה אָן אַן עק" אָדער אין דער דערציילונג „אויפן פידעלע": „דאַכט זיך (לייענען מען אין „אויפן פידעלע") וועמען באַדאַרף עס אָנגיין, למשל, אַז אַ יידיש בחורל גייט זיך שבת בייטאָג שפּאַצירן אַביסל ווייטער הינטער דער שטאָט? צי ס'איז טאַקע מער נישטאָ וואָס צו טאָן, נאָר נאָכקוקן, אינזינען האָבן יענעם? וואָס העלפן אָבער די אַלע טענות, אַז עס ליגט שוין אַזוי ביי אונדז אין דער נאַטור, ביי יידן, הייסט דאָס, גוט צוקוקן זיך צו יענעם, אַכטונג געבן, געפינען חסרונות און געבן עצות. למשל: צוגיין צו אַ ווילד פרעמדן בשעת ער דאַוונט און צורעכט מאַכן אים דעם „של ראש" פון די תפילין; אָדער אָפּשטעלן אים, בשעת ער לויפט און איז פאַרטראָגן, אַז עס האָט

זיך ביי אים ד אַ כ ט ז י ך פּאַרקאַטשעט אַ הויז; אָדער אָנ־וויזן יענעם מיטן פינגער, ער זאָל נישט וויסן, וואָס איר מיינט: צי די נאָז, צי די באָרד, צי וועלכע גוטע יאָר? אָדער צונעמען ביי יענעם פון די הענט, בשעת יענער מוטשעט זיך און וויל עפּעס עפּענען און זאָגן אים: איך קאָנט נישט, לאָזט מיך; אָדער אָפּ־שטעלן זיך בשעת יענער בויט אַ שטוב און אויסזעצן אים אַ חסרון, אַז די סטעליע איז, דאַכט זיך, צו הויך, די חדרים צו גראָם און די פענצטער אומגעלומפּערט ברייט, כאָטש נעם צעוואָרף די שטוב און שטעל זיך בויען גאָר איבעראַנייס!... אָט אַזוי, הערט איר, איז שוין ביי אונדז איינגעפירט פון קדמונים, פון ששת ימי בראשית״...

שלום־עליכם לאָזט אויס אָט דאָס פּרעכטיק שטיקל מענדעלע־אימיטאַציע מיט אַ שורה, וואָס ווייזט אונדז, צו גלייכער צייט, אַז די ענלעכקייט צווישן די ביידע גרויסע פאָלקסשרייבער איז, סוף־כל־סוף, נאָר אַ דרויסנדיקע; שלום־עליכם שליסט דאָס שטיקל מענדעלע־מוסר מיט אַן עכט־שלום־עליכמשן שמייכל: „מיר וועלן מיט אייך די וועלט נישט איבערמאַכן, מיר זיינען דאָס גאָרנישט מחויב״. עס איז טאַקע באמת נישט זיין זאַך א י ב ע ר צ ו מ אַ כ ן ד י װ ע ל ט, בעת מענדעלעס זאַך איז יע געווען איבערצומאַכן די וועלט. שלום־עליכם איז הומאָריסט און נאָר הומאָריסט, בעת דער זיידע איז אי הומאָריסט, אי סאַטיריקער. שלום־עליכם איז אינגאַנצן אין רשות פון זיין לייכטער און ליכטיקער קונסט, בעת אין זיידן איז אַזוי שטאַרק און שווער די קעמפערישקייט, אַז זי נעמט דעם קינסטלער אַריין אין אירע הענט, און זיי באַהעפטן זיך און ווערן איינס... אַ זייער טיפער אונטערשייד איז דאָ צווישן דעם קינסטלער־הומאָריסט שלום־עליכם און דעם קינסטלער־קעמפער מענדעלע.202) אָבער שלום־עליכם איז פאָרט געגאַנגען (צו זיינע אייגענע צילן) אויף מענדעלעס וועגן, און ער איז געווען און גע־בליבן זיין גאַנץ לעבן דעם ז י י ד נ ס געטרייסטער נאָכגייער און גרעסטער יורש.

אַנדערש איז מיט י. ל. פּרצן. ער איז נישט געווען קיין תלמיד מענדעלעס (ער איז בכלל נישט געווען קיין תלמיד אין דער יידישער ליטעראַטור; ער איז אַליין געווען אַ רבי). ער איז

געווען אַ פאַרערער מענדעלעס, אָבער ווייט נישט אַזאַ „פייערדיקער פאַרערער“, ווי שלום־עליכם. ער האָט נישט געזוכט צו דערנעענטערן זיך צום זיידן, ווי שלום־עליכם, און ער האָט טאַקע קיינמאָל מיט מענדעלען נישט קאָרעספּאָנדירט, אַחוץ איינמאָל, אין 1910, ווען ער האָט אים געבעטן זיך אונטערצושרייבן אונטער אַן אויפרוף וועגן אַ נייעם יידישן טעאַטער.203) פּרץ איז געווען אַזוי ווייט פון מענדעלען, אַז ער האָט זיך אפילו נישט געאיילט צו לייענען זיינע ווערק. אין יאָר 1888, דריי צענדליק יאָר נאָכדעם, ווי מענדעלע האָט זיך געוויזן אין דער ליטעראַטור, האָט פּרץ געקענט נאָר צוויי זאַכן זיינע — „די קליאַטשע“ און „מסעות בנימין השלישי“ — און דאָס אויך נאָר אין אַ פּוילישער איבערזעצונג, נישט אין אָריגינאַל.204) שפּעטער האָט פּרץ געלייענט מענדעלען, אָבער איך גלויב נישט, אַז ער איז פון אים שטאַרק נתפּעל געוואָרן. והראיה—ווען ער האָט אַרויסגעגעבן זיין יידישע ביבליאָטעק“, איז ש. י. אַבראַמאָוויטש נישט געווען צווישן זיינע מיטאַרבעטער; אויך אין אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבן און זאַמלביכער, וואָס פּרץ האָט רעדאַקטירט, איז ער זיך באַגאַנגען אָן מענדעלען. ער האָט קיינמאָל נישט געשריבן וועגן אים אין זיינע אויסגאַבן, אפילו זיין נאָמען נישט דערמאָנט. און ווען ער האָט שפּעטער, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, יע דערמאָנט מענדעלען, איז קיין באַזונדער ענטוזיאַזם אין זיינע רייד נישט געווען: „און מיר מוזן“, האָט ער געזאָגט אין זיין עפענונגס־רעדע אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, — „און מיר מוזן אויך היינט געדענקען אָן יענעם גרויסן מאַן, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אין דער מאָדערנער, אייגנטלעכער, יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אונדז געשענקט די ערשטע קלאַסישע ווערק אין יידישער שפּראַך און וואָס איז, ליידער, דאָ נישטאָ: אָן מענדעלע מוכר ספרים!“205) „צום ע ר ש ט ן מאָל אַרויסגעטרעטן“, „ע ר ש ט ע קלאַסישע ווערק“ — מער ווי אָט די ע ר ש ט ק י י ט האָט פּרץ ביי דעם „זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור“ נישט געפונען. מער האָט ער נישט געהאַט וואָס צו זאָגן וועגן אים אפילו דאַן, ווען מען האָט געפּראַוועט מענדעלעס יובילייי אין 1910: „ער איז נישט נאָר, האָט פּרץ געשריבן, דער עלטסטער צווישן

די לעבעדיקע שרייבער, ער איז אויך, און דער עיקר, — ד ע ר ע ר ש ט ע ר ״...206) אין דעם זעלביקן יאָר האָט פּרץ גע־לייענט אין דובעלן אַ רעפעראַט וועגן דער ידישער ליטעראַטור, האָט ער וועגן איר „זיידן״ מער גאָרנישט ניט געפונען וואָס צו דערציילן, ווי: „פאַרן צוריקקומען (פון דער ליטעראַרישער יוגנט) איז געווען מענדעלע. און געהאַט האָט ער פאַר זיך אַ גרויע, טויב־שטומע גאַס מיט אָדער אָן קאַרטאָפל... אָן איין גרויסן געדאַנק, אָן איין גרויסן חלום, אָן איין פערזענלעכקייט, און אַזוי האָט ער געמאָלט. ער האָט קיין מענטשן נישט געזען, נאָר שטעט־לעך, מארקן, הקדשים, בתי־מדרשים א. ד. ג.״207) און — שיר ניט מיט די זעלביקע ווערטער — האָט עס פרץ איבערגעחזרט אין זיין אַרטיקל „וואָס פעלט דער יידישער ליטעראַטור״?: „קומט מענדעלע אין אָדעס, האָט ער געשריבן אין יענעם אַרטיקל, און גיט די יידישע, נאָך נישט דיפערענצירטע, מאַסע, יידן און יידענעס מיט מאַרק, מרחץ, הקדש און שול״.208)

אין „דעם מענדעלע־טורעם״, אויפגעקליבן פון נחמן מייזעל, איז דאָ אַן אַרטיקל, וואָס פּרץ האָט געשריבן פאַר אַ זאַמלונג העב־רייאישע עסעיס וועגן מענדעלען, געפינען מיר דאָרט אויך מער גאָרנישט, אַחוץ מענדעלעס פּיאָנערישקייט: „געווען אַ מאַן, וואָס האָט אַנטדעקט דאָס ראָד, און זיין נאָמען איז פאַרגעסן געוואָרן, אָבער אין אַלע שפּעטערדיקע אַנטדעקונגען דרייט זיך אַלץ דאָס ראָד, ביז אויף היינטיקן טאָג. מענדעלע האָט אַנטדעקט דאָס ראָד אין אונדזער ליטעראַטור, און יעדער איינער פון אונדז, ביז דעם אינגסטן פון די יונגע, דרייט אָט דאָס ראָד״209)

מענדעלעס גאַנצע גרויסקייט זאָל האָבן באַשטאַנען, הייסט עס, אין דעם, וואָס ער האָט געהאַט „אַנטדעקט דאָס ראָד״. מענ־דעלע איז געווען ד ע ר ע ר ש ט ע ר — און דאָס זאָל האָבן געווען זיין גאַנצער אויפטו, לויט פּרצן.

וואָס פּרצס אויפטו איז געווען, לויט מענדעלעס מיינונג, ווייסן מיר נישט. מיר ווייסן אָבער, אַז זיי זיינען געווען ווייט, זייער ווייט איינער פון דעם אַנדערן. זיי זיינען געווען צוויי גאָר באַזונדערע כאַראַקטערן. זיי זיינען געגאַנגען אויף פאַרשיידענע וועגן, און

עס איז זיי שווער געווען זיך צו באַגעגענען... זייער סטיל אַליין איז שוין אַזוי פאַרשיידן! ביי פּרצן קומט דער סטיל פון... פּרצן; ביי מענדעלען — פון דער פאָלקסטראַדיציע. אַבראַמאָוויטש האָט צווישן זיך און זיין לעזער געשטעלט עפּעס אַ דריטן — מענדעלען. און אָט דער ד ר י ט ע ר רעדט אַזוי, אַז מען ווייסט אייגנטלעך נישט, ווער סרעדט פון אים אַרויס, דער שרייבער, צי דער לעזער, צי גאָר עפּעס אַ כלל, וואָס נעמט אין זיך אַריין, ווי אין אַ העכערער איינהייט, אי דעם עולם, אי דעם אויטאָר. שלום יעקב אַבראַמאָוויטשן געהערט די סטיליזירונג אין מענדעלעס רייד, נישט דער סטיל; דער סטיל טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון אַ פאָלקס־קאָלעקטיוו, נישט פון אַן איינציקער פּערזענלעכקייט. פּרץ האָט אריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור די אידייע פון אינדיווידואַליטעט, האָט ער זיך נישט געשעמט אַריינצוטראָגן אין איר אויך זיין אייגענעם איך, און אַריינגעבראַכט האָט ער אים א י נ ג אַ נ צ ן אָן קיין שום רעשטל, און ד י ר ע ק ט, אָן קיין שום פאַרמיטלונג. „ווי ער שטייט און גייט“, אַזוי איז פּרץ אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור, בעת מענדעלע האָט אפילו זיין נאָמען — אַבראַמאָוויטש — באַהאַלטן, אַזויווי אַ פּריוואַטער נאָמען זאָל פאַר ליטעראַטור זיין — צו פּריוואַט... מענדעלע איז אי מער, אי ווייניקער ווי אַבראַמאָוויטש: מ ע ר, ווייל ער איז אַ געשליפענער, אַ געלייטערטער, אַ יום־טובדיקער אַבראַמאָוויטש. ו ו י י נ י ק ע ר — ווייל אין אים פעלט דאָס אינדיווידועל־אינטימע, דאָס רירעוודיקע, וואָס איז געווען אין אַבראַמאָוויטשן. אַנדערש איז פּרץ. ביי אים פאַלט צוזאַמען זיין לעבנס־סטיל מיט דעם סטיל פון שאַפן. ער ווייסט נישט פון קיין איין געדאַנק, קיין איין געפיל, קיין איין מינע, קיין איין מאַסקע, וואָס זאָל פּאַסן פאַר אים, ווי פאַר אַ „מענטשן“, און נישט ווי פאַר אַ „שרייבער“. אפילו דעם אינטעליגענט אין זיך, אָט דעם אינטעליגענט, וואָס עד היום נאָך האַלטן אים אייניקע פאַר אַ פרעמדן אין דער ליטעראַטור אויף יידיש, — אפילו דעם ראַפינירטן „אינטעלעקטואַל“ אין זיך האָט פּרץ געלאָזט קומען צום וואָרט. ער האָט געזוכט אַן אויסדרוק נישט אַזוי פאַרן פאָלקס, ווי פאַר זיין אייגענעם איך, האָט ער געברויכט אין זיינע ווערק כמעט די זעלביקע שפּראַך, וואָס ער האָט אַליין באַנוצט

ריידנדיק. זיין שרייב־סטיל איז אַזוי נאָענט צום סטיל פון זיין ריידן, אַז נעענטער קאָן שוין גאָר נישט זיין. ביי מענדעלען איז געוויס אויך פאַראַן אַן אינעווייניקסטע קרובהשאַפט (ביי וועמען איז נישטאָ אַזאַ קרובהשאַפט?) צווישן ריידן און שרייבן, אָבער קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, אַז ד ע ר ז י י ד ע זאָל אינם געוויינלעכן טאָג־טעגלעכן פאַרקער האָבן גערעדט אַזוי, ווי ער האָט געשריבן — אַזוי געמאָסטן און געוואויגן, אַזוי מיושבדיק־געזעצט, אַזוי נישט־וואָכעדיק, אַזוי פסוקימדיק. לייענענדיק מענדעלע מוכר ספרים, דוכט זיך אַן אַנדערס מאָל אויס, אַז דאָס איז געשריבן נישט אויף פּאַפּיר, נאָר אויף פּאַרמעט, און אַז דאָס, וואָס מיר האַלטן אין האַנט, איז נישט קיין מעשה־ביכל, נאָר עפּעס אַ מגילה, וואו עלטער־זיידעס ריידן צו אורא־אייניקלעך, דורות צו דורות. האָבן מיר אַזאַ געפיל, לייענענדיק פּרצן? ניין, פאַרקערט, לייענענדיק אים, דוכט זיך אונדז, אַז נישט איר לייענט עפּעס אַן אָנגעשריבענע, אַן אָפּ־געדרוקטע זאַך, נאָר מיר הערן איינעם פּשוט שמועסנדיק. ער מאַכט מיט די הענט, ער נעמט אונדז אַן פאַרן לאַץ, עס בליצן אים די אויגן און אָט פאַרקריכט ער גאָר אַן אַ זייט... פּרץ דערציילט נישט, באַשרייבט נישט, באַטראַכט נישט: פּרץ ש מ ו ע ס ט. נישט קיין זאַמלונג נאָוועלן, סקיצן, מעשות, דראַמעס, לידער, פעליע־טאָנען, אַרטיקלען זיינען פּרצעס ווערק נאָר—אַ זאַלונג געשפּרעכן. „נישט נאָר פיל פון זיינע אַרטיקלען, אויך אַ גרויסער טייל פון זיינע מעשות זיינען דורך אים פריער פ אַ ר צ י י ל ט און דער־נאָך געשריבן געוואָרן.210)

קורץ, פּרץ סטיל איז באַוועגלעך, דינאַמיש, בעת מענדעלעס נוסח האָט אין זיך עפּעס פעסט איינגעשטעלטס, שיר־נישט פאַר־גליווערטס. מענדעלע האָט אויפגעהויבן די יידישע פאָלקסשפּראַך אויף אַ הויכער מדרגה און הויבנדיק זי האָט ער אַזוי זי איבער־געטראָגן אין גאָר אַן אַנדער ספערע, אין אַ ספערע פון שבתדיקער געלייטערטקייט, אין אַ ספערע, וואו זי איז, ווי קודש פון חול, אָפּגעשיידט פון דער טאָגטעגלעכער אַרומיקייט. מענדעלע שטייט זייער נאָענט צום פאָלקסקוואַל, אָבער ער שטייט ווי א כוהן ביי אָט דעם הייליקן קוואַל, און ער לאָזט אונדז נישט טרינקען, אָנטרינקען זיך, וויפיל אונדזער האַרץ גלוסט פונם פרישן קוואַל, ער שעפּט און

גיסט אין זיינע געכשרטע כלים, גיסט און זייט און זייט־איבער זיבן מאָל, עס זאָל זיין געריייניקט און געלייטערט... ער גיסט — און פאַרחתמעט די כלים און לייגט אויף זיי אַרויף אַ שטעמפּל... יעדער זאַץ האָט אַזויווי עפּעס אַ פּלאָמבע אויף זיך... מענדעלעס יידיש איז באַשטראַלט געוואָרן מיט דער בכבודיקייט, מיט דעם יחוס פון לשון קודש, פון דעם זעלביקן אַלט העברייאיש, וועלכן מענדעלע האָט אָפּגעפרישט מיט חיות־טראָפּנס פון יידיש... מענ־דעלע האָט אַרום דעם אָפענעם פעלד פון מאַמע־לשון אַזויווי אַ צאַם געמאַכט, אַ צאַם, וואָס איז נויטיק געווען אין אַ צייט פון הפקרדיקייט... איז געקומען פרץ און האָט דערקלערט: איך דאַרף נישט קיין צאַמען, מיר איז ענג. און ער האָט אַראָפּגעריסן די פּלאָמבע מיטן שטעמפּל, געעפנט דאָס געפעס: זאָל יוירנדיק און שוימענדיק זיך גיסן איבערן ראַנד, זאָל זיך גיסן דער יונגער, פרישער געטראַנק!

— דו ווילסט אונדז, זיידע, געבן אַ ק ל אַ ס י ש ן סטיל אין יידיש, האָט ער אַזוי ווי געזאָגט צו מענדעלען. אָבער מיר הויבן ערשט אָן: ווי קומען מיר צו קלאַסיק?

און די יונגע צנועה, וואָס מענדעלע האָט איר נאָר וואָס געהייסן זיך פאַרקאָמען און מאַכן פרומע, כשרע צעפּעלעך, איז, מיט צעלאָזענע שמעקעדיקע האָר, אַרויס אויפן גאַס, אויפן פעלד, אונטער זון, אונטער רעגן — וואַקסן. אויך ביי מענדעלען ו ו אַ ק ס ט די יידישע שפּראַך, אָבער זי וואַקסט, ווי אין אַ ספּעקט, אונטער גלאָז. ביי פרצן בליט זי אונטערן פרייען הימל. פרץ האָט קיין מורא נישט, טאָמער וועט אויף איר פאַלן אַ שפּרענ־קעלע, טאָמער וועט זיך צעקנייטשן אַ בלעטל — אַבי נישט באַדעקט זיין מיט אַ גרינעם הייטל, אַבי נישט זיין געבונדן! פרץ איז אין זיין לעבן און אין זיין שאַפן געווען נישט קיין „קלאַסיקער", נאָר אַ „ראָמאַנטיקער", — איז אויך זיין סטיל נישט קיין קלאַסישער, ווי ביי מענדעלען, נאָר אַ ראָמאַנטישער... עס איז שווער צו דערקלערן, וואָס ס'איז דער ראָמאַנטישער סטיל, אָבער עס איז לייכט צו זאָגן, וואָס ער איז נ י ש ט: ער איז נ י ש ט ג ע־ב ו נ ד ן, ער האָט נישט קיין פעסטע טראַדיציעס, ער ווייסט נישט פון קיין פאַרגליווערטע מוסטערן, ער האַלט נישט פון אַלטע

פסוקים און אַלטע פּוסקים, ער איז פריי. איבערגייענדיק פון מענדעלעס סטיל צו פּרצעס, גייען מיר איבער פון געבונדנקייט צו פרייקייט. פּרץ איז נישט געבליבן ביי דער גערעדטער שפּראַך, ער האָט פון איר געמאַכט אַ ליטעראַרישע כלי, ער האָט אָבער אָראָפּגעריסן פון איר דעם צוים, דעם זילבערנעם צוים, וואָס מענדעלע האָט אָנגעטאָן אויף איר, מאַכנדיק זי פאַר אַ בוך־שפּראַך... (עס איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן אַ בוך־שפּראַך און אַ ליטעראַרישן לשון. אַ בוך־שפּראַך — דאָס איז עפּעס פאַרענדיקטס, געשטעמפּלטס, אַ כלי שלם. אַ ליטעראַרישע שפּראַך האַלט, פאַרקערט, אין איין ווערן, אין איין פאַנאַנדערוויקלען זיך.) פּרץ האָט דער יידישער שפּראַך געשענקט די קראַפט פון ווערן, פון פאַנאַנדער־וויקלען זיך.

מענדעלעס יידישער סטיל איז פון אָנהויב אָן געווען אַ פאַר־טיגער, מענדעלע האָט אים שפּעטער נאָר גערייניקט, געלייטערט, געשליפן. דאָס איז געווען נישט קיין אַנטוויקלונג, נאָר אַ דער־ציאונג, אַ קולטיווירונג פונם סטיל. ביי פּרצן איז געווען אַן אַנט־וויקלונג. ביסלעכווייז פלעגן זיך אַנטפּלעקן מעגלעכקייטן, אַלץ נייע מעגלעכקייטן, וואָס זיינען געווען פאַרבאָרגן אין זיין סטיל... מענדעלעס טעמע — די כנסת ישראל אין קאַבצאַנסק — איז זייער ברייט און מענדעלע נעמט זי, וואָס ווייטער, אַלץ ברייטער אַרום, דאָך איז עס אַלץ איין און די זעלביקע טעמע, און די פאָרם איז ביי מענדעלען אויך כמעט אומפאַרענדלעך: האָט ער זיין סטיל נישט געדאַרפט בייטן. פּרץ האָט געהאַלטן אין איין זוכן נייע טעמעס און נייע פאָרמען. פון איינפאַכע זאַכן איז ער איבערגעגאַנגען צו אַלץ מער פאַרוויקלטע, פון וואָכעדיקע מענטשן — צו „שבתדיק יום־טובדיקע, נשמה־יתירהדיקע", פון קעלער־שטוב" צו „צווישן צווי בערג", פון „באַנצע שווייג", צו ר' שלמהן פון דער „גאָלדענער קייט"; האָט געמוזט פּרצעס סטיל זוכן אַלץ נייע און נייע מעגלעכקייטן, געמוזט זיך צופּאַסן אי צו דער „שטומער נשמה" פון אַ יוחנן וואַסערטרעגער, אי צו דער באַרעדעוודיקייט פון אַ יוחנן מלמד; האָט געמוזט אויפנעמען אי די קורצע אײדעלע רמזים פון מקובלים און צדיקים, אי די ניין מאָס רייד פון פשוטע

יידן און יידענעס ; געמוזט זיין מסוגל אי צו פּאָפּולאַריזאַציע, אי צו אפאָריזמען... דאָס איז מעגלעך געווען אַ דאַנק דעם דינאַמיזם, דער באַוועגלעכקייט, דער עלאַסטיציטעט פון פּרצעס סטיל, אַ דאַנק דעם, וואָס פּרץ האָט אין דער יידישער שפּראַך, ווי אין דער יידישער ליטעראַטור, אריינגעבראַכט מער ליכט, מער לופט, מער װ ע ל ט... מענדעלע האָט אַנטפּלעקט די י י ד י ש ע פ אָ ר ם, די געשטעלטקייט פון יידיש ; פּרץ האָט אונדז געוויזן זיין מ ע נ ט ש־ל ע כ ן ת ו ך, זיין באַוועגלעכקייט. מענדעלע האָט געצייגט, אַז יידיש איז אונדזער פאָלקסשפּראַך ; פּרץ האָט געוויזן, אַז יידיש קאָן ווערן די שפּראַך פון אונדזער אינטעליגענץ. מענדעלע האָט פון יידיש געמאַכט אַ קולטיווירטע שפּראַך ; פּרץ האָט איר געהאָלפן ווערן אַ קולטור־שפּראַך. ביי מענדעלען איז יידיש אַ קונסט־ווערק, ביי פּרצן איז עס געוואָרן אַ קונסט־ג ע װ ע ר. מענדעלע האָט אונדזער שפּראַך געמאַכט ק ו נ ס ט־פ י י א י ק, פּרץ — ק אַ מ פּ ס־פ י י א י ק.

ביז פּרצן האָט די יידישע ליטעראַטור זיך געטוליעט צום פאָלקלאָר. זי האָט מורא געהאַט צופיל צו דערווייטערן זיך פונם איינפאַכן פּרימיטיוון פאָלקסלעבן. און אויך די יידישע שפּראַך האָט ביי די, וועלכע האָבן נישט געמאַכט פון איר קיין ווילדן טייטש־מעריש, — געזויגן איר חיות דערהויפּט פונם פ אָ ל ק ס מ ו י ל. מענדעלע האָט איינגעזאַפּט אין זיך אויך די עלטערע ל י ט ע־ר אַ ט ו ר, אָבער נאָר די ליטעראַטור פונם פּראָסטן פאָלק (טייטש־חומש, תחינות וכדומה), נישט מער. מענדעלע איז נאָך אלץ איינגעטונקט אין פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע, הגם ער האָט דיביידע זאַכן אַזוי פאַרטיפט און פאַראיידלט. פּרץ האָט אַ שאַרפן גרענעץ געמאַכט צווישן פאָלקלאָר און ליטעראַטור ; נישט נאָר דאָס איינפאַכע לעבן פון די פאָלקסמאַסן — אויך די טיפע אינעווייניקסטע איבערלעבענישן פון דער אינטעליגענץ, נישט נאָר די מסורה, וואָס לעבט אינם פאָלקסמויל, אויך די גאַנצע ירושה פון דער אַלטער יידישער קולטור האָט אָנגעפילט די לופט פון זיין שאַפן. און דאָס האָט אויך זיין יידיש געמאַכט פאַר אַ שפּראַך, וואָס שפּיגלט אין זיך אָפּ נישט נאָר דאָס לעבן און שטרעבן פון די

פֿאָלקסמאַסן, נאָר אויך אַלע טיפּעניש און ברייטעניש פֿון אַ טויזנט־יעריקן גייסט לעבן...211)

צווישן פּרצעס און מענדעלס סטיל זיינען דאָ, אַלזאָ, טיפֿע און ברייטע אונטערשיידן. אָבער נישט נאָר אין זייער סטיל אַליין, אין זייער גאַנצן שאַפֿן און אין זייערע עצם פּערזענלעכקייטן איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט זיי אומענדלעך פֿאַרשיידן. נעמט, אַשטייגער, אַזאַ מין זאַך. מענדעלע האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַן אַלטן, פּרץ איז געווען „אייביק יונג". האָט אונדז מענדעלע געצויגן צוריק? איז פּרץ אַלעמאָל געגאַנגען פֿאָרויס? פּרץ האָט זיך געשראָקן פֿאַר אַלטקייט, האָט ער זי געטריבן פֿון זיך. מענדעלע האָט אַרויפֿגעצויגן אויף זיך די עלטער: ער האָט פֿאַר איר קיין מורא נישט געהאַט. מענדעלע האָט אָנגעהויבן שרייבן אין אַ צייט, ווען נייע אידייען האָבן נאָך געמוזט אויף זיך אָנטאָן אַלטמאָדישע קליידער. אָבער נישט דאָס איז די איינעווייניקסטע אורזאַך, פֿאַרוואָס ער האָט געהאַט (אין זיינע ווערק) דעם אויסזען פֿון אַ פֿאַרצייטיקן יידן. עס איז געווען אַן אַנדער אורזאַך, און זי איז זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר מענדעלען: פֿאַרצייטיקייט האָט געמיינט איינגעשטעלטער סדר, אָנגענומענער נוסח, פֿעסטקייט, פֿאָרם — און מענדעלע איז געווען אַ מענטש פֿון פֿאָרם. ער איז — אין אַן עפּאָכע פֿון קאַמף — געווען קינסטלער. האָט אים זיין קינסטלערישער אינסטינקט געזאָגט: דער סטיל פֿון טראַדיציע ווערט צעשטערט; שאַף אַ טראַדיציע פֿון סטיל! און דער הויפּט־אונטערשייד צווישן דעם זיידן פֿון דער עלטערער און דעם טאַטן פֿון דער נייערער יידישער ליטעראַטור באַשטייט אפֿשר טאַקע נישט אין דעם, וואָס יענער איז געווען דער סך־הכל־מאַכער פֿון אַ פֿריערדיקער עפּאָכע און דער — אַן אָנהויבער פֿון אַ נייער תּקופֿה. ניין, דער הויפּט־אונטערשייד צווישן זיי איז דער, וואָס דער „זיידע" איז אין רעכטן מיטן קאַמפּסלאַגער פֿון השכּלה געווען אַ קינסטלערישער כאַראַקטער, בעת פּרץ איז, פֿאַרקערט, אין אַ קונסט־עפּאָכע געווען אַ מענטש פֿון קאַמף.

יעדער פֿון זיי וואָלט אפֿשר מער אויפֿגעטאָן, ווען זיי זאָלן זיך האָבן געביטן מיט זייערע סביבות: מענדעלעס איינגעבוירענע קינסטלערשאַפֿט וואָלט זיך בעסער געפּאַסט פֿאַרן סוף נייַנצנטן

און אָנהויב צוואָנציקסטן יאָרהונדערט (ער האָט טאַקע דאָן געשריבן „שלמה ר׳ חיימס״, איינס פון זיינע בעסטע ווערק). פרצס נאַטיר־לעכער דינאַמיזם, זיין אימפּעט, זיין אומרו און זיין קעמפערישקייט וואָלטן שטאַרק צוניץ געקומען דער השכלה־עפּאָכע. אָבער די געשיכטע האָט אירע אייגענע חשבונות. איז פרצן — דעם שרייענ־דיקן שטיק אויפברויז — באַשערט צו קומען צו זיין אויפבלי אין אַ צייט פון יע־זאָגעריי, אין אַצייט פון שטילער בויאונג, און מענדעלע, וועלכער האָט געדורשט נאָך פאָרם און געחלשט צו האָבן די איינגעשטעלטקייט פון אַ טראַדיציאָנעלן נוסח, האָט גע־הערט צו אַ דור פון דעפאָרמאַציע און ניין־זאָגעריי. אָבער — זיי האָבן זיך אָן עצה געגעבן. יעדער פון זיי איז גענוג געווען פעסט צו בלייבן ביי זיין אינעווייניקסטן איך, כאָטש זיי האָבן גענוג געצאָלט צינדז — דער סביבה. מענדעלע האָט אויפגעהיט די געלאַסנקייט פון זיין טיפּיש־קינסטלערישן ריטם; ער האָט אויפגעהאַלטן די נוסחדיקייט, די סטאַביליטעט פון זיין שריפטשטעט־לערישער פערזענלעכקייט. פרצן, ווידער, האָבן די שטילע קינסט־לערישע צילן פון זיין עפּאָכע, דער עפּאָכע פון „חסידיש״ און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״, נישט געשטערט צו קהלן זיך, צו קאָכן זיך, צו זיין ענטוזיאַסטיש און צו לעבן אין אייביקן געראַנגל מיט זיך אַליין. פרץ איז געווען און געבליבן אַ סאָציאַל־עטישע נאַטור — אַ מענטש, וועלכער איז אויף קינסטלערישע וועגן געגאַנגען צו געזעלשאַפטלעכע צילן; פרץ איז, לויט זיין אייגענער דעפיניציע, געווען אַ ד י כ ט ע ר, בעת מענדעלע איז, אונטער דער מאַסקע פון אויפקלערונג און קריטיק, געבליבן אַ ק י נ ס ט ל ע ר (אַ „קינסטלער״, לויט פרצ׳ן, מאַלט סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין: מאַלט „דעם אויפגאַנג, דעם אונטערגאַנג פון דער זון; ים, שטורעם און סטעפּ״. אַ „קינסטלער״ יאָגט־נאָך „זומער־פויגעלעך, פונקען פון קוימען ביים שמיד א. אַז. וו.״ אַנדערש איז דער ד י כ ט ע ר: ער לעבט „צווישן פעלזן און אָפּגרונטן״, ער געפינט זיך דאָרט, וואו עס „ווערן געוואויגן די גרעסטע מענטשלעכע פּראָבלעמען: וואָס איז לעבן, וואָס איז טויט? ווער בין איך און וואוהין פירט מיין וועג?״ — זע פּרעצעס עסעי „דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער״).

פרץ איז געווען אַן „עטישער כאַראַקטער", כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין באַשטימטן שולחן ערוך פאַר מאָראַל. מענדעלע איז פאַרקערט, געווען אַן עסטעטישער כאַראַקטער, כאָטש ער (אָדער ריכטיקער, זיין עפּאָכע) האָט געקוקט אויף קונסט, ווי אויף אַ „יצר הרע".

מענדעלע האָט מפסיק געווען אינמיטן לערנען און געזאָגט: „מה נאה אילן זה!" פּרץ האָט געהאַלטן אין איין לערנען. פּרצעס פּראָבלעם איז געווען: ד ע ר מ ע נ ט ש. די נאַטור האָט ער צורו געלאָזט: „די שיינע נאַטור, האָט ער געשריבן אין אַ בריוו צו דינעזאָנען, מאַכט מיר פאַרגעניגן, גיט מיר אָבער נישט קיין שטאָף. שטאָף גיט מיר דער מענטש"... („י. ל. פּרצס בריוו און רעדעס", ז. 179). אין אַ בריוו צו דער „דאַמע ביים מער" האָט ער געזאָגט: „מיך אינטערעסירט דער מענטש, די זעלע. ביי דער טויטער נאַטור, ווי שיין זי זאָל נישט זיין, האָב איך גענוס, אָטעם איך פרייער, רו איך בעסער, אָבער מיין שאַפונגס־עלעמענט איז עס נישט" (דאָרט, ז. 184). מענדעלעס שאַפונגס־עלעמענט איז געווען די נאַטור. ער האָט זיך ביי איר געראַטעוועט — פון די מענטשן, פון די „קליינע מענטשעלעך". זיי האָט ער געמוזט שטראָפן, מוסרן, אויפקלערן; האָט ער זיי נישט געקאָנט מאַכן פאַר אַן אָב־יעקט פון רואיקער, ריין־קינסטלערישער באַטראַכטונג, סיידן זיי האָבן זיך נישט געמישט אין קהלשע געשעפטן. אַנדערש איז די נאַטור. צו איר האָט ער נישט געהאַט קיין טענות. זי האָט זיך געלאָזט רואיק מאָלן. זי האָט אין אים געוועקט דעם ק י נ ס ט־ ל ע ר, — דעם קינסטלער, וועלכן ער האָט געמוזט אין זיך דער־שטיקן אָדער פאַררוקן ערגעץ אין אַ באַהאַלטענעם ווינקל, ווען ער האָט געהאַט צו טאָן מיט קהל, מיט קהלס לייט, מיט קהלשע פּאַראַנדקעס... יע, עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ גרויסן יצר הרע צו נאַטור־שילדערונגען... אָט זיצט ער איינמאָל שבעה עשר בתמוז גאַנץ פרי אויף דער קעלניע פון זיין ביידל אין טלית און תפילין, מיט דער בייטש אין דער האַנט, גאַנץ אידישלעך. „די אויגן זיינען מיר, זאָגט ער, צוגע־מאַכט, בכדי נישט אָנצוקוקן ביים דאַווענען די ליכטיקע וועלט, מעשה־שטן אָבער איז זי, די נאַטור, ווי הייסט מען עס, געווען

וואונדער־שיין, גאָר אַ בילד, און עס האָט מיך געצויגן עפּעס, ווי אַ כישוף, אַ קוק צו טאָן. איך האָב אַ היפּשע צייט זיך געראַנגלט מיט מיר אַליין. דער יצר טוב זאָגט: פּע! מען טאָר נישט. דער יצר הרע, אַנטקעגן, טאַרעט: נישקשה, האָב הנאה, נאַרעלע! און עפּנט מיר דערבײַ טאַקע אויף מײַן אויג. עס טוט מיר אַ שײַן, גאָר ווי אויף צו להכעיס, עפּעס אַ בילד־שיינע פּאַנאָראַמע: פעלדער געשפּרענקלט מיט בליענדיקע רעטשקע, ווײַס ווי שניי, לעבן געל־גילדענע ראַצאַמאַרענע פּאַסן פון ווייץ א. אַז. וו. א. אַז. וו.״ מענ־דעלע האָט זיך אונטערגעגעבן דעם „יצר הרע״ פון ריינער קונסט, בעת פּרץ האָט אַזאַ יצר הרע גאָר נישט געהאַט. מענדעלע האָט נישט אַלעמאָל געפאָלגט דעם „יצר טוב״ פון זײַן צײַט, דעם „יצר טוב״ פון אַ קאַמפּס־עפּאָכע, וואָס האָט געטענהט, אַז בילדונג איז בילכער פאַר שיינקייט און אַז מען דאַרף אַכטונג געבן אויף קהל, אויף דער טאַקסע, אויף דער „קליאַטשע״, און נישט אָפּגעבן זיך מיט אַזעלכע לוקסוס־זאַכן, ווי באַטראַכטן „בילד־שיינע פּאַנאָראַ־מעס״...

מענדעלע, דער גרויסער קינסטלער, וועלכער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַן אויפקלערער, איז אַרײַנגעפאַלן אין די נעצן פון דער „קליפּה״ — קונסט און ער איז אַנטציקט געווען פון נאַ־טור־שיינקייט, בעת פּרץ, דער גרויסער אויפקלערער, וועלכער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ קינסטלער, איז געווען דער פּאָעט נישט פון נאַטור־שיינקייט, נאָר פון שיינע מענטשן...

— דו, זיידע, ביסט אַ בריה אויף צו מאָלן מיאוסע פאַרשווי־נען און שיינע פּייזאַזשן. מיך אינטערעסירן זיי בײדע נישט. איך זוך שיינע נשמות, און אַז איך געפין זיי נישט אין דער ווירקלעכ־קייט, זוך איך זיי אין דער לעגענדע...

אַזוי וואָלט געזאָגט פּרץ, ווען ער זאָל זיך האָבן געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט מענדעלען, אָבער קיין שום פאַרבינדונג איז צווישן זיי נישט געווען, קיין שום פּערזענלעכע און קיין שום לי־טעראַרישע פאַרבינדונג...

„מענדעלע אין אַדעס״ (פּרצעס אויסדרוק) — און פּ ר ץ א י ן װ אַ ר ש ע. צוויי באַזונדערע וועלטן: ליטע און —

פוילן; רעאַליזם — און ראָמאַנטיק; זאַכלעכקייט — און סענטי־מענטאַליזם; געציילטע ווערטער — און דאָס געפליגלטע וואָרט... עפּישע געלאַסנקייט — און לירישער אומרו... מאַסקולינע — און פעמינינע קונסט . . . גאַנצקייט, פאַרענדיקייט (אויב נישט אין דער קאָנסטרוקציע פון די ווערק, ווייל דער אַלטער מייסטער איז געווען אַ שוואַכער בוי־מייסטער, איז פאַרענדיקטקייט אינם סטיל, אינם נוסח) — און אייביקע אָנהויבערישקייט... דעם צעטל אַנטיטעזן קאָן מען מאַכן לענגער. אָבער די אַלע קאָנטראַסטן, וואָס מען וועט אויסגעפינען צווישן מענדעלען און פּרצן, וועלן סוף־כל־סוף פירן צו איין פונדאַמענטאַלן אונטערשייד — און דאָס איז דער אונטערשייד צווישן מענדעלעס וואָרט פון קונסט און פּרצעס קונסט פון וואָרט אָדער, באַנוצנדיק דעם פריער־דערמאָנטן אויסדרוק, דער אונטערשייד צווישן דעם קינסטלער און דעם דיכטער.

דאָס מיינט, אַז פּרץ, כאָטש ער רעכנט זיך פאַרן פאָטער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, רעפּרעזענטירט מיט זיך, אין תוך, די עלטערע טראַדיציע פון יידישן וואָרט, די טראַ־דיציע פון די נביאים, די עטישע טראַדיציע, בעת מענדעלע, דער זיידע פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, איז, פאַרקערט, דער טרעגער פון דעם נייערן גייסט, דעם גייסט פון קינסטלעריש־קייט.

ווען מען זאָל האָבן געפרעגט פּרצן אַליין, וואָלט ער צוגע־געבן, אַז ער, אונדזער „אייראָפּייאישסטער", — איז אינדעראמתן אונדזער יידישסטער שרייבער: ער וואָלט נישט גע־לייקנט, אַז ער זוכט אין קונסט אַ „תכלית", אַן עטישן זין, אַן ענטפער אויף פראַגן... ווען מען זאָל מענדעלען האָבן געפרעגט, גלויב איך נישט, אַז ער וואָלט גרייט געווען מודה צו זיין, אַז ער, דער „ייד שבייד", איז גאָר עובר אויף „לא תעשה לך פסל וכל תמונה", אַז אים ליגן אין קאָפּ אַזעלכע „נאַרישקייטן", ווי „קונסט־שמונסט", ריינע בילדלעכקייט, פּלאַסטיק, סטיל, פאָרם. ער וואָלט געשפּילט זיין שטענדיקע „נישט־דאָס־בין־איך־אויסן"־ראָלע. און אפשר וואָלט ער אונדז גאָר אָפּגעשיקט צו זיין „אייניקל", צו שלום־עליכמען,

און יענער וואָלט אונדז ציטירט דעם זיידנס אַ בריוו, אַ בריוו, וואו ער האָט בפירוש געשריבן: „איך האָב ליב, אַז אַחוץ דעם שיינעם פנימל זאָל אין אַ קאָרטינקע אויך זיין לעבן, שכל און א ג ע ד אַ נ ק, ווי אין אַ לעבעדיקן מענטשן. אַ קאָרטינקע באַדאַרף, חוץ שיינע מליצה, אויך מ י ד ל אָ ז ן ע פּ ע ס ה ע ר ן" (זע שלום־עליכמס פאָררעדע צו „סטעמפעניו"). אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מענדעלע האָט אַלעמאָל געזוכט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער וויל אונדז ל אָ ז ן ע פּ ע ס ה ע ר ן, עפּעס, וואָס האָט צו טאָן מיטן קהלשן לעבן, מיט דער סביבה, מיט דער צייט, איז ער אין דער טיפעניש פון זיין פאַרבאָרגענעם איך קיינמאָל קיין זאַך נישט אויסן געווען אַזוי שטאַרק, ווי צו לאָזן אונדז הערן די שטים פונם קינסטלער און די שטימען פון דער נאַטור, — פון דער נאַטור אַרום און אין אונדז. בעת פּרץ האָט צו קיין זאַך נישט געשטרעבט אַזוי אויפריכטיק, ווי— צו לאָזן אונדז אַראָפּנעמען זיך אַ מוסר פון זיינע שיינע מענטשן און גוטע יידן.

און ווען שריפטשטעלער וואָלטן אַלעמאָל געבוירן געוואָרן אין אַזאַ דור, פאַר וועלכן זיי פּאַסן זיך צום בעסטן, וואָלט סיי מענדעלע, סיי פּרץ געדאַרפט זיך טאַקע וויזן נישט אין זייער אייגענעם דור, נאָר אין דעם דור, וואָס איז געקומען נ אָ ך זייערן: מענדעלע וואָלט זיך געדאַרפט אַנטפּלעקן אין דער נאָך־השכלה־צייט, אין דער עפּאָכע, ווען קונסט האָט שוין אָנגעהויבן ווערן ביי אונדז אַ ציל פאַר זיך אַליין, הגם עס האָט נישט אויפגעהערט צו זיין אויך אַ מיטל פאַר אַנדערע צילן. און וואָס איז שייך פּרצן, וואָלט זיין התגלות געדאַרפט אויספאַלן אין דער נ אָ ך ־ מלחמה־צייט, ווען קונסט האָט, אַזוי ווי אין דער השכלה־עפּאָכע, אויפגעהערט צו זיין אַ ציל פאַר זיך אַליין און איז ווידער געוואָרן א מיטל פאַר אַנדערע צילן.

פּרץ איז געווען באַוועגלעך, בויגעוודיק: האָט ער זיך געקאָנט געפינען אָן אָרט אין יעדער סביבה (אין דער השכלה־צייט איז ער געווען אַ משכיל, אין דער צייט פון נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק — אַ ראָמאַנטיקער). מענדעלע איז שווערער געווען זיך צוצופּאַסן צו אומשטענדן, וועלכע זיינען נישט געווען גינסטיק פאַר זיין אינע־

וויניקסטן איך, האָט ער אין דער עפּאָכע פון קאַמף, ווען ער איז אויסגעוואַקסן, נישט געקאָנט ווערן דער הונדערטפּראָצענטיקער קעמפער. דער קינסטלער איז געווען אין אים צו שטאַרק, צו מאָנענדיק. עס איז אָבער פאַרט געווען אַ צייט פון מלחמה, האָט ער אַריינגעזעצט דעם קינסטלער אין אַ נייטראַלער זאָנע — אין דער ספערע פון נאַטור־שילדערונגען, אין דער ספערע פון פאָלקלאָר און אין דער יידישער שפּראַך־ספערע. ער האָט אַזוי ווי געזאָגט צו זיך אַליין:

—דו מוזט זיין אַ מוסר־זאָגער, אַן אויפקלערער, א סאַטיריקער, ווען דו האָסט צו טאָן מיט דער „כנופיה״, מיט די בעלי־טאַקסעס און מיט זייערע אונטערלעקער — איז, מילא, פאַרפאַלן, מוזט עס זיין, מוזט טאָן, וואָס די צייט — און וואָס דיין אייגענער געוויסן — פאַרלאַנגט פון דיר. אָבער עס זיינען דאָ וועלטן, וואו דו קאָנסט זיך אָפּרוען פון דער מוסר־זאָגעריי, פון דער אייביקער וועג־ווייזעריי. עס זיינען דאָ וועלטן, וואו דו ביסט פריי צו זיין, וואָס דו ביסט ביי זיך אין האַרצן, — פריי צו זיין אַ קינסטלער, אַ פּאָעט: דאָס איז, ערשטנס, די נאַטור־וועלט; דאָס איז, צווייטנס, די וועלט פון דיין פאָלקס נאַטור — יידיש; דאָס איז, דריטנס, די וועלט פון דיין פאָלקס איינפאַכע, נישט קהלשע, מענטשן. מיט זיי קאָנסטו זיך מתיחד זיין, ווי אַ ריינער קינסטלער. זיי דאַרפסטו נישט איבערמאַכן. זיי געפעלן דיר, ווי זיי זיינען. מאָל זיי, ווי דו זעסט זיי, ברענג ארויס זייער תוך, זייער תמצית, זייער אינעווייניקסטע גאַנצקייט. ווער דער נאַטור־קינסטלער ביי יידן. ווער דער לייטערער פון דער יידישער שפּראַך. ווער דער שילדערער פון דעם יידישן פאָלקסשטייגער, דער פּסיכאָלאָג פון דער יידישער פאָלקסנשמה.

און ער איז עס געוואָרן...

בעת פּרץ האָט געחלומט דעם חלום פון דער גרויסער און געלייטערטער יידישער פּערזענלעכקייט, האָט מענדעלע געגעבן די וואָר פון דעם יידישן כלל, פון דעם יידישן פּייזאַזש, פון יידיש...

און דאָך פרעגן מיר:

איז מענדעלע אין אַלץ געווען דער היפוך פון פּרצן? איז ער אין קיין שום פּרט נישט געווען קיין וועג־אויסטרעטער פאַר

פרצן,—אַחוץ דעם „ראַד", וואָס ער האָט געמאַכט פאַר אַלעמען און אויך פאַר אים? זיינען נישטאָ אַזעלכע פונקטן, וואו דער זיידע איז געווען נאָענט צו פרצן, אפשר נאָך נעענטער, ווי צו שלום־עליכמען, זיין אייניקל?

עס זיינען דאָ אַזעלכע פונקטן. עטלעכע פון זיי וועל איך דערמאָנען.

מענדעלע האָט, ענלעך צו פרצן, און להיפוך פון שלום־עליכמען, אינזינען געהאַט דעם מער אינטעליגענטן עולם און נישט דוקא „עמך" אָדער די, וואָס קוויקן זיך מיט „עמך". מענדעלע האָט זיך געפלייסט צו זיין (און געלערנט שלום־עליכמען צו זיין) אַ פ אָ לק ס שרייבער; ער האָט זיך נישט באַנוגנט, ווי פרץ, מיט פ אָ ל קס־ט י מ ל ע כ ק י י ט; אָבער זיין אַ פאָלקס־שרייבער הייסט נישט דוקא שרייבן פאַרן פאָלק. דאָס האָט געטאָן שלום־עליכם, דערהויפּט אין זיינע ראָמאַנען: „איך שרייב מיינע ראָמאַנען, — לייענען מיר אין זיינעם „אַ בריוו צו אַ גוטן פריינט" — צו מיינסטן פאַרן המון עם, דאָס הייסט פאַר אַזאַ מין עולם מענטשן, וואָס זיינען נאָך פרעמד פון הויכע געדאַנקען אָדער, ווי מען רופט דאָס אָן, אידייען" („די יידישע פאָלקסביבליאָטעק", 2, 1889). מענדעלע האָט זיך נישט געשראָקן פאַר „הויכע געדאַנקען אָדער, ווי מען רופט דאָס אָן, אידייען". אים האָט נישט געאַרט, וואָס דער פּראָסטער עולם וועט נישט פאַרשטיין, וואָס ער וויל: „אַ שיינער משא ומתן, כ'לעבן, וואָלט געווען פאַר מיר, האָט ער געשריבן אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען, ווען כזאָל ביים שרייבן מיך געווען געלאָזט פירן ביי דער נאָז פונם פּראָסטן עולם, וואָס דער געשמאַק זיינער איז פאַרדאָרבן און (וואָס) ווייסט נישט, משטיינס געזאָגט, פון זיין חיות". שלום־עליכם האָט אים געווען געפּרואווט אויפמערקזאַם מאַכן אויף די קליינע השגות פונם דורכשניטלעכן יידיש־לעזער, אָבער שלום־עליכם האָט, סוף־כל־סוף, פאַרשטאַנען, אַז דער זיידע האָט זיין אייגענעם דרך און — „איר זייט דאָך, האָט ער אים געשריבן, דער זיידע זאָל מאריך ימים זיין און וועט דאָך מסתם מאַכן דאָס גרויסע געלעכטער: פע! ע ו ל ם! אַ שיינע ריינע כפרה! אַ ז ו י באַדאַרף עס בלייבן!" און עס איז געבליבן אַ ז ו י,

ווי מענדעלע, נישט ווי ע ו ל ם, האָט געוואָלט. און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז — „אויב די ביידע ספרים (ווי די־נעזאָן האָט געשריבן), „די קליאַטשע“ און „יודל“, האָבן זיך אַ באַרימטן נאָמען געמאַכט, איז דער נאָמען נישט פון דעם המון, אָבער נאָר פון זיינע חברים, די משכילים און מחברים אין לשון קודש. דאָס פאָלק קויפט זיי נישט און לעזט נישט און זעלבסט ווען מען לעזט אים פאָר, פאַרשטייט איינער פון טויזנט, וואָס דערין האַנדלט זיך א. אַז. וו.“ („הויז־פריינט“, 1889). ביי מענדעלען איז רעכט געווען צו שרייבן פאַר „איינעם פון טויזנט“. ער איז, אמת, נישט געגאַנגען אזוי וויט, ווי שפּעטער פּרץ. יענער האָט אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען, אין יאָר 1888, דערקלערט, אַז—„איך שרייב פאַר זיך אַליין, פון מיין אייגענער הנאה וועגן, און אויב איך האָב אַמאָל אינזינען דעם לעזער, איז עס דער לעזער פון דער העכערער גע־זעלשאַפט, וועלכער איז אַ מענטש, וואָס איז באַלעזן אין אַ לעבע־דיקער שפּראַך“. מענדעלע האָט נישט געשריבן פאַר זיך אַליין, פון זיין אייגענער הנאה וועגן — ער איז אין זיין שרייבן נישט געווען אַזוי אינדיווידואַליסטיש, ווי פּרץ, — אָבער אויך מענדעלע האָט אינזינען געהאַט דעם העכערן סאָרט לעזער, און ער האָט דעם דאָזיקן סאָרט לעזער, קאָן מען זאָגן, צוגעגרייט פאַר פּרצן. ער האָט דעם אינטעליגענטערן יידישן עולם צוגעוואוינט צו יידיש, און ער האָט אים געלערנט צו זוכן אין דער יידישער ליטעראַטור „הויכע געדאַנקען“ און הויכע קונסט, נישט נאָר פאָלקס־ווערטלעך. ער האָט געלערנט דעם לעזער צו זיין אַ פּרץ־לעזער, נישט נאָר אַ לעזער פון שלום־עליכמען.

מענדעלע האָט, אַזוי ווי פּרץ, געזוכט אַן אויסדרוק פאַר דער קולטור־טראַדיציע פון דעם יידישן פאָלק; ער האָט זיך נישט באַ־גנוגנט, ווי שלום־עליכם, מיט דער פאָלקסטראַדיציע פון דער יידי־שער קולטור.

מענדעלע איז אַ פאַרצייטיקער תלמיד־חכם, נישט, ווי פּרץ, אַ פאַרשטייער פון דער מאָדערנער אינטעליגענץ. אָבער ער איז, אַזוי ווי פּרץ, הויך־אינטעלעקטועל.

ער איז מער קאָנקרעט און מער קינסטלעריש, ווי פּרץ: ביי אים איז יעדע אידייע אַ בילד, אין דער צייט, ווען ביי פּרצן איז

יעדעס בילד אַן אידייע. אָבער ער איז, אַזוי ווי פּרץ, אַן אידייען־שריפטשטעלער. ער איז, אַזוי ווי פּרץ, אַ דענקער. און אויב די יידישע ליטעראַטור האָט אין משך פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר געמאַכט אַ גרויסן שריט פאָרויס אויפן וועג פון א ג ד ה צו ה ל כ ה, אויפן וועג פון געפיל־און־פאַנטאַזיע־שאַפונג צו וויסנ־שאַפטלעכער פאָרשונג, האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען נישט נאָר אזעלכע שריפשטעלער, ווי פּרץ, זשיטלאָווסקי און אַ גאַנצער גרופּע ייִנגערע יידישע אינטעלעקטואַלן, נאָר אויך — מענדעלע מוכר ספרים. מענדעלע האָט אַנטדעקט אויך דאָס וויסנשאַפטלעכע, נישט נאָר דאָס בעלעטריסטישע „ראָד" פון יידיש. ער האָט דעם העברייאישן לעזער געגעבן „תולדות הטבע"; אויף אידיש האָט ער אַרויסגעגעבן זיינע „ניצלעכע קאַלענדאַרן" (מיט נאַטור־וויסנשאפט־לעכע, היסטאָרישע און אנדערע ידיעות), „לופטבאַלאָן", „די פיש" א. ד. ג.

זיין יידיש איז געוויס נאָך צו אַלטמאָדיש — צו פאָלקלאָריס־טיש און צו בעלעטריסטיש — פאַרן וויסנשאַפטלעכן געדאַנק. עס איז נויטיק געווען די בויגעוודיקייט, די נערוועזע באַוועגלעכקייט, דער דינאַמיזם, די אומרואיקייט פון פּרצעס סטיל, כדי יידיש זאָל ווערן ביסלעכווייז פּייאיק צו זיין אַן אינסטרומענט פונם מאָדערנעם דענקען. אָבער דעם אָנהויב האָט געמאַכט מענדעלע. זיין שלייפן און פיילן די יידישע שפּראַך איז געווען דער ערשטער שריט צו וויסנשאַפטלעכער עקזאַקטקייט, זיין ציילן די ווערטער, זיין וועגן און מעסטן יעדן זאַץ—דער ערשטער באַוויז פון אַ העכערן אינטעלעק־טועלן ניוואָ. אַ שטיק „אַקאַדעמישקייט" איז געלעגן שוין אין דעם עצם אויפדעקן די געזעצן און אָפּהיטן די כללים פון יידיש. די עצם חשיבות, וואָס אונדזער מאַמע־לשון האָט באַקומען אַ דאַנק מענדעלס סטיליסטישער אָפּגעהיטקייט, איז וויכטיק געווען פאַר דער שפּעטערדיקער קולטיווירונג פון אַ מער ראַפינירטן סאָרט שרייבן . . . און דאָס הייסט, אַז מיט מענדעלען הויבט זיך אָן די פּרץ־טראַדיציע, נישט בלויז די שלום־עליכם־טראַדיציע אין דער נייער יידישער ליטעראַטור.

פּרץ און שלום־עליכם — דאַרף מען צוויי גרעסרע קאָנטראַסטן ? אין דעם ז י י ד ן זײַנען זיי פּאַראַיניקט. און דערמיט איז ער טאַקע אַנדערש פון זײַנע צוויי גרויסע א י י נ י ק ל ע ך. ער האָט באַוויזן צו זײַן ענלעך אויף זיי ביידן, בעת זיי זײַנען אַזוי פאַר־שיידן איינער פונם אַנדערן. ער האָט צוגעגרייט פאַר געבענטשטער זריעה זייערע ביידנס פעלדער. ער איז געוואָרן שלום־עליכמס זיידע, ווי אַ קינסטלער, פּרצעס — ווי אַ דענקער. ער איז שלום־עליכמען פאָרויסגעגאַנגען מיטן ליכט פון זײַן הומאָר, פּרצן — מיטן פייער פון זײַן סאַטירע. ער האָט איבערגעלאָזן שלום־עליכמען אַן איינ־וואָרטיקע צוואה: „פאָלק"; פּרצן האָט ער אַ וואונק געטאָן: „פ אָ ל ג — זיך אַליין, ווי איך האָב גייענדיק צום פאָלק געפאָלגט זיך אַליין". ער איז געווען צ ו ו י י ג ע ש ט אַ ל־ט י ק : מענדעלע מוכר ספרים (אַ פאָלקסטיפּ) און שלום יעקב אַבראַמאָוויטש (אַ שטאַרקע פּערזענלעכקייט). און אין אָט דער צווייגעשטאַלטיקייט האָט ער כולל געווען אין זיך אי שלום־עליכמס פאָלקסקונסט, אי אַן אָנזאָג אויף פּרצס קולט פון פּערזענלעכקייט... מענדעלע איז געווען — שלום־עליכם און פּרץ אין איין פּערזאָן...

און אָט די צווייאיקייט זײַנע איז (קומענדיק צום סך־הכל) די פּאַסיקסטע ראַם פאַרן בילד פון זײַן לעבן און שאַפן.212) ער האָט אַליין ליב געהאַט צו ריידן וועגן „צוויי מענדעלעך": „איך פיל, אַז אין מיר לעבן צוויי מענדעלעך, צוויי באַשעפענישן, יעדע פאַרשיידן פון דער צווייטער. — — אַז איין מענדעלע ווייִנט, ווילט זיך דעם אַנדערן לאַכן, און וואָס איינער לויבט, איז ביים אַנדערן נישט ווערט אַ דרייער". („אין אַ שטורעם־צייט".) „מײַן נשמה, זאָגט ער נאָכאַמאָל אין „בישיבה של מעלה", איז אַ שותפותע דירה, וואו יעדער שכן קער זיך נישט אָן מיט דעם צווייטן, יעדער איינער טוט זיך זײַן שליחות און איז אַ באַזונדערע קראַפט, אַ נשמה פאַר זיך. יעדער איינער ווייזט זיך אַרויס אין אַזוינע געפילן, וואָס זײַנען אַ היפּוך איינער פון צווייטן". און ער רעכנט אויס (אין „שלמה ר' חיימס") אַ גאַנצן צעטל מיט אַזוינע אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן: „ער איז געווען, זאָגט ער וועגן שלמהן, אי איינגעשפּאַרט, האַרט, ווי אַ שטיין, אי ווייך, ווי אַ טייג, לאָזנדיק זיך פירן אַמאָל ביי דער

נאָז ; אי בייז, אי מילד, גוט, ווי די וועלט ; אי ביטער־גאַל, אי צוקער־זיס ; אי ערנסט, אי אַ קאַטאָוועס־טרייבער ; אי אומעטיק־פאַרטראַכט, אי לוסטיק־פריילעך". ער האָט, מיט איין וואָרט, געזען די וועלט אין צוויי געשטאַלטן. זי איז געווען פאַר אים, ווי אַ בגד, וואָס האָט אי אַן איבערשלאַק, אי אַן אונטערשלאַק. זי איז געווען פאַר אים אי רעאַליטעט, אי אַ סימבאָל, אַ משל מיטן נמשל אינאיינעם.

דאָס פילט זיך אין זיין עצם סטיל. נישט אומזיסט האָט ער אין זיך מאָמענטן פון סטיליזאַציע. וואָס הייסט סטיליזירן ? כפלען דעם אייגענעם נוסח אויפן נוסח פון אַ דור, פון אַ גאַנצער עפּאָכע. מענדעלע האָט זיין אייגענעם גאַנג אין דער ליטעראַטור געכפּלט אויפן „גאַנג פון די אַלטע", און ער האָט געשריבן נישט ווי איי־נער, וואָס דאַרף ערשט שאַפן אַ קלאַסישן סטיל, נאָר ווי אַזאַ, וואָס פ אַ ר אים זיינען שוין געווען קלאַסיקער, ד. ה. מוסטערהאַפטע שרייבער. ער האָט זיך אַזויווי מיט אַ כיוון פאַרשטעלט פאַר אַ מענדעלע מוכר ספרים, כדי ער זאָל קאָנען שרייבן אויפן אַלטן שטייגער : „אמר מענדעלע מוכר ספרים, זאָגט מענדעל מוכר ספרים : „געלויבט איז דער בורא, וואָס באַשטימט דעם גאַנג פון די גילגולים"... ער האָט אָנגעקוואָלן פון אַ פסוק, וואָס ער האָט געקאָנט פאַרטייטשן אינם גוסט פון רבין אין חדר : „ווי אַ ייד, וואָס טוט טאָן גלוסטן קוואַלן וואַסער", „בין המשפתים — צווישן ד געמאַרקן", „והשפיפון — און דער פיפערנאָטער". ער האָט גערן גענוצט דעם נוסח פון טייטש־חומש, פון מוסר־ספר, פון שרה בת טובים... ער האָט ליב געהאַט צו זיין אין זיין שטייגער שרייבן ער — און נישט ער.

אָבער נישט נאָר אין זיין סטיל אַליין האָט אים געצויגן צו צווייאיקייט. זיין גאַנץ שאַפן, זיין גאַנצער ליטעראַרישער גורל שטייט אונטערן צייכן פון צווייאיקייט.

די צוויי מענדעלעך, וואָס זיינען געווען אין אים, מענדעלע דער פאָלקסמענטש און מענדעלע דער תלמיד־חכם, האָבן געשאַפן אַ נייעם נוסח און אַ נייע עפּאָכע אין צוויי שפּראַכן, אין צוויי ליטעראַטורן.

די צוויי גרויסע כוחות, וואָס האָבן געלעבט אין אים, דער כוח פון קונסט און דער כוח פון קאַמף, האָבן אָנגעצייכנט און פאָרמירט די צוויי גרעסטע טעמעס פון זיינע ווערק: נ אַ ט ו ר און ק ה ל.

דער עצם אומרו פון זיין געמיט וויגט זיך צווישן קונסט און מאָראַל, שיינקייט און גערעכטיקייט אָדער (וואָס ס'איז אפשר דאָס אייגענע) הומאָר און סאַטירע...

מענדעלע איז זיס — און ביטער. ער איז פול מיט ליבשאַפט, און ער איז פול מיט האַס. אַט פאַלט ער זיינע יידעלעך אויפן האַלדז און וויינט אויף זייער ביטערן גורל — און אַט שפּאַט ער אָפּ און מאַכט פון זיי חוזק.

זיין אַרט צווישן זיינע קאַבצאַנסקער און גלופּסקער פאַרשוינען איז אויך טאָפּלט: ער איז צווישן זיי אי אַ תושב, אַן אַלטער באַקאַנטער, אי אַן אורח. ער איז צווישן זיי אי אַן אייגענער, אי אַ פרעמדער. אַן אייגענער: קאָן ער זיך גוט צוקוקן צו אַלץ, קיין זאַך איז נישט פאַרהוילן פאַר אים; ער איז אַ פרעמדער, אַ זייטיקער: האָט ער זיין אייגענעם קוק אויף אַלץ. ער איז אַ היימישער: רעדט ער מיט זיינע העלדן אויף זייער לשון; ער איז „נישט קיין היגער", לייגט ער אַריין אין זייערע רייד זיינע אייגענע כוונות...

ער איז דורכויס באַהערשט פון זיין צוויגעשטאַלטיקייט — און אויך אין זיין הויפּט־העלד, אין דעם יידישן פאָלק, זעט ער צוויי געשטאַלטן: אַ קליאַטשע — און אַ בן־מלך. און ער לאַכט, און ער וויינט: לאַכט פון דער נאַרישער קליאַטשע, וויינט אויפן גורל פונם אומגליקלעכן פרינץ. און ער לייגט אויפן לייוונט טונ־קעלע פאַרבן און ליכטיקע: טונקעלע פאַר דער וואָכעדיקייט, ליכ־טיקע פאַרן שבת...

ער האָט צוויי נשמות, אָבער זיי זיינען איינס: מאַכט ער איינס פון צוויי שפּראַכן און צוויי ליטעראַטורן (פאַריידישט העברייאיש, פאַרהעברייאישט יידיש), גיסט צונויף קונסט מיט קאַמף, הומאָר

מיט סאַטירע און בויט מעכטיקע בריקן איבערן אָפּגרונט, וואָס איז געלעגן צווישן צוויי עפּאָכעס; פאַראייניקט די עפּאָכע פון משכּילי־שער קריטיק מיט דער תּקופה פון נאַציאָנאַלן אויפבוי.

אָנמערקונגען

1) „פון זשאַרגאָן צו יידיש״, ז. 102.

2) לויט די אינדירעקטע באַווייזן פון דעם סאָוויעטיש־יידישן פאָרשער א. וואָראָבייטשיק, זאָל מענדעלע האָבן געבוירן געוואָרן דעם 20טן דעצעמבער, 1826, נישט 1836, אָבער קיין דירעקטע באַווייזן זיינען נישטאָ. זע א. וואָראָבייטשיק: „ווען איז מענדעלע געבוירן געוואָרן?״ — „דער עמעס״, מאָסקווע, 29טן יאַנואַר, 1936.

פון זיין אויטאָביאָגראַפישן (העברייאישן) בריוו צו אפרים דיי־נאַרדן איז צו זען, אַז ער האָט געהאַלטן דאָס יאָר 1835 פאַר זיין געבורטס־יאָר. אין דעם דאָזיקן בריוו, דאַטירט דעם ערשטן סעפ־טעמבער, 1877, שרייבט ער: „בן שתים וארבעים שנה אנכי היום״ (רשימות 5, ז. 416) איך בין איצט אַלט צוויי און פערציק יאָר״...

3) נ. אויסלענדער: „מענדעלעס וועג״, „דער שטערן״ (כאַר־קאָוו) פון 8טן יאַנואַר, 1928.

4) דעם פאַמיליען־נאָמען אַבראַמאָוויטש האָט דער „זיידע״ ערשט שפּעטער אָנגענומען.

5) זע מענדעלעס אויטאָביאָגראַפישן בריוו אין „רשומות״ ה׳, ז. 416.

6) אַזוי שטייט אין „שלמה ר׳ חיימס״. אין זיין פריערדיקער אויטאָביאָגראַפיע האָט מענדעלע געשריבן: „ווען איך בין אַלט געוואָרן אַ יאָר צוועלף, האָב איך פאַרלאָזן דעם חדר״...

7) ער פלעגט אָבער שוין דאַן מאַכן שטיפערישע באַמערקונגען אויף די בלעטער פון דער גמרא, וואָס ער האָט געלערנט. אַזוי דערציילט צבי מאַסליאַנסקי אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז אין קאַ־פּוליער בית־המדרש האָט איִם אַ חבר אַמאָל געוויזן גמרות מיט שלום יעקבס, דעם שפּעטערדיקן מענדעלעס, וויציקע, אָפּט קונד־סישע, הערות. („מאָרגן זשורנאַל״ פון 20טן אַפּריל, 1932).

8) די דאָזיקע דאַטע נעמט זיך פון אַבראַמאָוויטשעס בריוו צו

זיין שפּעטערדיקער צווייטער פּרוּו פּעסיע לעווין, דאַטירט „2טער מערץ, 1858". אין דעם דאָזיקן בריוו שרייבט אַבראַמאָוויטש אַז ער איז אין קאַמענעץ „געפאַנגען געווען זעקס יאָר", מיינט עס, אַז ער איז געקומען אַהין אין 1852. (דער בריוו איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „שריפטן, 1, קיעוו, 1898, ז 232). אין אַ שפּעטערדיקן בריוו, וואָס מענדעלע האָט געשריבן צו אפרים דיינאַרדן אין 1877, האָט ער דערקלערט, אַז ער איז „אין קאַמענעץ געווען ז י ב ן יאָר (זע „רשומות", באַנד 5, ז. 417), אָבער עס איז קלאָר, אַז ריכטי־קער איז די דאַטע, וועלכע ער האָט אָנגעגעבן אין יאָר 1858, איידער ער האָט פאַרלאָזן קאַמענעץ. אין 1877 האָט ער שוין געקאָנט מאַכן אַ טעות און נישט געדענקען אַקוראַט, ווי לאַנג ער האָט מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק פאַרבראַכט אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק.

9) ווי פּרץ ווערניק שרייבט אין נאָמען פון דעם פאַרשטאָר־בענעם א. טענענבוים, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, זאָל זי האָבן געווען א שטומע („מאָרגן־זשורנאל", מאַי, 1929); אָבער מענדעלעס זון, מאיר אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט פאַרשיידענע פּרטים פון דעם דאָזיקן עפּיזאָד דערציילט אין אַן אינטערוויו מיט אַ צייטונגס־קאָרעספּאָנדענט („דער טאָג", ניו יאָרק, 18טן יאַנואַר, 1936) — דערמאָנט נישט, אַז זיין פאָטערס ערשטע פרוי זאָל האָבן געווען אַ שטומע. אויך דער שריפטשטעלער און פּעדאַגאָג י. דראַכלער, וועלכער געפינט זיך איצט אין דעטראָיט. (ער איז אליין א קאַמענעצער און האָט זיך זייער שטאַרק אינטערעסירט מיטן קאַמענעצער פּעריאָד פון מענדעלעס לעבן), האָט אין א מינד־לעכן שמועס מיט מיר געלייקנט, אַז מענדעלעס ערשטע פרוי האָט געהאַט אַ מום. ער האָט זי פּערזענלעך געקענט. זי איז, ווי ער דערציילט, געווען אַ תמעוואַטע, אָבער אַ שיינע פרוי.

10) נ. אַבראַמאָוויטש און אל. דאַברין־אַבראַמאָוויטש: „דער ייִדע צווישן אייגענע און פרעמדע", פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַר־שע, 1998, ז. 37.

11) „שריפטן", 1, קיעוו, 1928, ז. 232.

12) איבערגעזעצט פונם העברייאישן טעקסט, וואָס איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין „הדואר", ניו יאָרק, גליון א', 1925, און איבערגעדרוקט אין „רשומות", 5, ז. 413.

13) ל. בינשטאָק אין „וואָסכאָד״, 12, 1884.
14) דר. מאַקס ווײַנרײַך: „בילדער פון דער יידישער ליטע־ראַטור געשיכטע״, ווילנע, 1928, ז. 331.
15) ציטירט לויט דר. ווײַנרײַך, דאָרט, ז. 333.
16) „רשומות״, 5, ז. 417.
17) מ. ווינער אין „פּאַרמעסט״, קיעוו, 1936, 1.
18) „רשומות״, 5, ז. 511.
19) מ. ווינער: עטיודן וועגן מענדעלען. פאַרלאַג „עמעס״, מאָסקווע, 1935, זז. 16, 97 און אַנדערע.
20) ציטירט לויט ש. ל. ציטראָן, „העולם״, 1913, נומער 23.
21) אומזיסט מאַטערן זיך די סאָוויעטיש־יידישע ליטעראַטור־פאָרשער צו ציען אַ שאַרפע גרעניץ־ליניע צווישן מענדעלען פון די 60ער און די 70ער יאָרן פון איין זייט, און דעם שפּעטערדיקן מענ־דעלען, פון דער אַנדער זייט. עס איז דאָ צווישן זיי אַן אונטערשייד אין דער מדרגה פון קינסטלערישער רייפקייט און רואיקייט, ווי אויך אין די אויפגאבן, וואָס דער שרייבער האָט זיך געשטעלט, אָבער נישט אינם פּרט פון „קלעריקאַל־נאַציאָנאַליסטישע״ טענדענצן. אויב אַזעלכע טענדענצן זיינען דאָ אין „ווינטשפינגערל״ און אין „שלמה ר׳ חיימס״, זיינען זיי נישט שוואַכער געווען אין „יידל״, אין „פּרק שירה״, אין „עין משפט״ און אין אַנדערע ווערק פון די 60ער און די 70ער יאָרן.
22) „רשומות״, באנד 5, ז. 412.
22א) „עין משפט״, ז. 35.
23) „הדואר״ נומער י׳, 1925.
23א) „וביחוד תתן לבבך ללמוד שפת רוסיא בכל פרטיה ודיקדוקיה, כי אז תשכיל ואז תצליח״, דאָרט נומער ח׳.
24) די אויסגאַבע פון „תולדות הטבע״ איז געשטיצט געוואָרן פון דער חברה מפיצי השכלה, ווי אויך פון די פאָנדן פאַר יידישער בילדונג, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט געשאַפן פון ספּעציעלע יידישע אָפּצאָלונגען.
25) דאָס איז דער זעלביקער ל. בינשטאָק, וועלכער האָט מיט־געהאָלפן מענדעלען צו שרייבן, אָדער ריכטיקער, איבערצוזעצן „דער לופט־באַלאָן״ (1869), „דער פיש, וואָס האָט איינגעשלונגען יונה

הנביא״ (1869) און וועלכער האָט אויפגעשריבן מענדעלעס ערשטע קורצע ביאָגראַפיע אויף רוסיש („וואָסכאָד״, 1884).

26) „האבות והבנים״ איז שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אויך אויף יידיש און איז אריין אין מענדעלעס געזאמלטע שריפטן.

27) אין אירע פּראָטאָקאָלן האָט די חברה מפיצי השכלה אָנגעגעבן אַן אַנדער מאָטיוו, פאַרוואָס אַבראַמאָוויטש האָט נישט פאַרענדיקט זיין אַרבעט. (זע ש. ל. ציטראָנס „דריי ליטעראַרישע דורות״, באַנד 1).

28) העברייאישע אויטאָביאָגראַפיע אין „ספר הזכרון״.

29) „פנקס״, ווילנע, 1913, ז. 187.

30) „דער טאָג״, ניויאָרק, 6טן סעפּטעמבער, 1925.

31) „פון זשאַרגאָן צו יידיש״ ,ווילנע, 1929, ז. 112.

32) מינדלעכע מיטטיילונג פון י. דראָכלער. ווי ער דערציילט, האָט ער אַליין געהאַט דאָס העפט אין זיין רשות און עס דערנאָך אַוועקגעשיקט צו מענדעלען אין אָדעס.

33) אויפן שערבלאַט פון דער ערשטער אויסגאַבע אין בוךפאָרם איז געשטאַנען: „מאת איש״.

34) ווי י. ח. ראַבניצקי דערציילט, זאָל אַבראַמאָוויטש זיך האָבן גערופן סענדערל מוכר ספרים, נאָר אַלעקסאַנדער צעדערבוים, דער אַרויסגעבער פון „קול מבשר״, האָט, ווי עס ווייזט, נישט געוואָלט, אַז מען זאָל רעכענען, אַז דאָס איז ער, האָט ער איבערגעמאַכט אַבראַמאָוויטשעס פען־נאָמען פון סענדערל אויף מענדעלע מוכר ספרים.

35) ציטירט לויט דר. וויינרייכס „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע״, ז. 335.

36) ש. ל. ציטראָן: „די געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע״, ז. 43.

37) אין העברייאיש איז עס אין מענדעלעס אייגענער איבערדיכטונג אַרויס אונטערן נאָמען „בעמק הבכא״. דער צווייטער טייל איז געדרוקט געוואָרן פריער אויף העברייאיש און דערנאָך ערשט אויף יידיש, אָבער געשריבן האָט מענדעלע אויך דעם טייל פריער אויף אידיש. „אַזוי איז מיר גרינגער״, האָט ער געזאָגט אַמאָל (אפשר ניט פּונקט מיט די ווערטער) צו זיין פריינט ש. דוב־

נאָוו — „שאַפן דעם אינהאַלט, די לעבנס-בילדער, אויף דער שפּראַך פון אַט דעם לעבן און דערנאָך ערשט אָנקליידן די בילדער אין די קלאַסישע נאַציאָנאַלע קליידער" (דובנאָוו: „פון זשאַרגאָן צו יידיש", ז. 112).

38) דר. מ. ווײַנרײַך: בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור-געשיכטע, ז. 344.

39) „צײַטשריפט", באַנד 5, מינסק, 1931, ז. 11.

40) דאָרט, ז. 29.

41) לויט ש. ל. ציטראָן („דרײַ ליטעראַרישע דורות"), האָט ער יע געקראָגן אַ לערער-שטעלע, אָבער איך גלויב, אַז מען קאָן זיך מער פאַרלאָזן אויף מענדעלעס פרײַנט, י. ח. ראַבניצקי.

42) דר. מאַקס ווײַנרײַך: דאָרט, ז. 350.

42א) זע ש. ניגער: „בריוו פון מענדעלע מוכר ספרים", „טאָג", נויארק, 14 דעצ., 1924.

43) ציטירט לויט ווײַנרײַך, דאָרט, ז. 351.

44) „צײַטשריפט", באַנד 5, מינסק, 1931, אָפּטיילונג „פון אונדזער אַרכיוו", ז. 15.

45) דאָרט, ז. 36.

46) „די דאָזיקע איבערזעצונג, האָט מענדעלע געשריבן אין זײַן העברייאישער אויטאָביאָגראַפיע, איז מיר נישט געפעלן".

47) „אין דער טאָקסע"... האָט ער אַרויסגעשטעלט זײַן פרײַנט שלמה משביר, אונטער דעם נאָמען ר' שלמה וועקער, אַלס קעמפער קעגן די שטאָט-בעלי-טובות און קהלשע פאַרזאָרגער" — זע א. ליטווין אין „דער יידישער קעמפער", ניויאָרק, 1936, 17טן יאַנואַר.

48) „אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים", באַנד 21, ז. 129.

49) „שריפטן", 1, קיעוו, 1928, 270.

50) שלמה מיימונס אויטאָביאָגראַפיע, לויט א. י. גאָלדשמידטס איבערזעצונג, 2, ז. 424.

51) ציטירט לויט דר. מ. בערנשטיין: „דר. יצחק קאַמינער און זײַן עפּאָכע", „די צוקונפט", ניו יאָרק, 1926, מאַי, ז. 289.

51א) לעאָ ווינער: טהי היסטאָרי אָוו יידיש ליטעראַטשור אין טהי נײַנטינט סענטשורי, ניו יאָרק, 1899, ז. 156.

52) „אַ באַגעגעניש מיטן זון פון מענדעלע מוכר ספרים", פון א. יאַקובאָוויטש — „דער טאָג", ניו יאָרק, 18טן יאַנואַר, 1936.

53) „דער טאָג", ניו יאָרק, 8טן דעצעמבער, 1927.

54) דאָרט, 18טן יאַנואַר, 1936. לויט לעאָ ווינערס אינפאָרמאַציע, האָט נישט קיין יידישע, נאָר אַ רוסישע טרופע געגרייט זיך אויפצופירן „די טאַקסע" אין בערדיטשעוו. זע זיין „דהי היסטאָרי אָוו יידיש ליטעראַטור", ז. 156. דער אמת איז, אז כאָטש קיין יידיש טעאַטער איז נאָך דאַן נישט געווען, האָבן תלמידים פון זשיטאָמירער ראַבינער שול אָרגאַניזירט פון צייט צו צייט ספעקטאַקלען אויף יידיש אָדער אויף רוסיש — און נישט נאָר אין זשיטאָמיר, אויך אין בערדיטשעוו. זע נ. שטיף: „וואָלף באמראַש" אין „טעאַטערבוך", פאַרלאַג קולטור־ליגע, קיעוו, 1927, ז. 22 אויך **ב. גאָרין**: „די געשיכטע פון יידישן טעאַטער", 1, ז. 137 און ווייטער, אויך דר. י. שאַצקי: „צושטייער צו דער געשיכטע פון דעם פאַרגאָלדפאַדענישן טעאַטער", סעפּאַראַטאָפּדרוק פון „יידיש־טעאַטער", בוך 3־4, ווילנע, 1928. לויט דר. שאַצקין, זאָל באמראַשעס „קהל אין שטעטל" האָבן באַאיינפלוסט דעם פאַרפאַסער פון „די טאַקסע".

55) „דער טאָג" פון 18טן יאַנואַר, 1936.

56) זכרונות פון מענדעלעס טעכטער, פאַרלאַג קולטור־ליגע, וואַרשע, 1928, ז. 10.

57) „צייטשריפט", באַנד 5, מינסק, 1931, בריוו־אָפּטיילונג, ז. 32—33.

58) זע: זיין בריוו צו אַן אומבאַקאַנטן פריינט אין „שריפטן", 1, קיעוו, 1928, ז. 240.

59) דר. מ. בערקאָוויטש אין „היינט"־יובילײ־בוך, וואַרשע, 1928, ז. 195.

60) „רשומות", באַנד ה', ז. 418.

61) ש. ל. ציטראָן: „דריי ליטעראַרישע דורות", 1, ז. 114.

62) לויט י. נוסינאָוו איז „די קליאַטשע" פאַרפאַסט געוואָרן אין 1870—1871. זע „צייטשריפט", 1928, באַנד 2־3, ז. 479.

63) אָריגינעל איז דער גאַנצער אופן, ווי „די קליאַטשע" איז געשריבן. דער עצם איינפאַל פון מאַכן אַ שטומע באַשעפעניש פאַר אַ

פאַרשוין אין אַ בוך איז נישט ניי. ער געפינט זיך אין „דעם גאָל־דענעם אייזל", איינעם פון די ערשטע ראָמאַנען אין דער וועלט־ליטעראַטור, אויך אין סערוואַנטעסעס „דאָן קיכאָט" און אין אַ פּאָעמע פון לעסינג (די לעצטע צוויי האָט מענדעלע אַליין דערמאָנט אין דער ערשטער אויסגאַבע פון „ווינטשפינגערל".)

64) שלום־עליכם: „פיר זיינען מיר געזעסן".

65) אינטערוויו מיט מענדעלעס זון אין ניו יאָרקער „טאָג" פון 18טן יאַנואַר, 1936.

66) י. ח. ראַבניצקי: דור וסופריו, ז. ע"ב.

67) ס. ס. וועדמעל: „מענדעלע אי יעווא קליאַטשאַ", „נאָווי פוט", נומ. 1, מאָסקווע, 1917.

68) יעקב דינעזאָן: „ש.י. אַבראַמאָוויטש און מענדעלע מוכר ספרים", „ליטעראַרישע בלעטער", נומ. 38, 1927.

69) „אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים", באַנד 17, ז. 207.

70) „הויזפריינט", 1889.

71) „דער המון, שרייבט בן עמי, האָט פון אים גאָר ווייניק געוואוסט נאָך אפילו אין די 90ער יאָרן". (זע „פנקס", ווילנע, 1913, ז. 169).

72) „רוסקי יעווריי", 16טן דעצעמבער, 1884. ציטירט לויט דער יידישער איבערזעצונג פון א. פלעקסער אין „נויאָרקער וואָכנ־בלאַט" פון 17טן יאַנואַר, 1936.

73) „פנקס", ווילנע, 1913, ז. 187.

74) שלום־עלכים: „פיר זיינען מיר געזעסן".

75) לעאָ ווינערס „געשיכטע", ז. 160.

76) „שריפטן", 1, קיעוו, 1928, ז. 257.

77) „פנקס", ווילנע, 1913, ז. 176.

78) „אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים", באַנד 21, ז. 130.

79) דאָרט, ז. 131.

80) דאָרט, ז. 149.

82) וועגן די פאַרשיידענע וואַריאַנטן פון „ווינטשפינגערל" און „דעם קליינעם מענטשעלע" זע י. נוסינאָוו: „פון בוך צו בוך", צייטשריפט, מינסק, 1928, באַנד 2—3 און דר. מ. וויינ־

רייך: „בילדער צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור“, ז. 339—346.

83) א. גורשטיין אין זיין אַרבעט „דער יונגער מענדעלע אין קאָנטעקסט פון די 60ער יאָרן“ („שריפטן“, 1, קיעוו, 1928) האַלט די „סלאַוויזמען“, וועלכע טרעפן זיך אין אַ גרויסער צאָל ביי מענ־מענדעלען אין די ערשטע ווערק, פאַר אַן אַלגעמיינער „טענדענץ“ פון די 60ער יאָרן. מיר דוכט, אַז עס איז מער אַ ג ע ג נ ט ־ זאַך, ווי אַן ענין פון ע פּ אָ כ ע. די דרום־רוסישע שרייבער, וועלכע זיינען מער ווי אַלע אַנדערע, געווען נאָענט אין זייער שרייבן צו דער ג ע ר ע ד ט ע ר יידישער שפּראַך, האָבן נישט געזוכט אויסצומיידן די סלאַווישע ווערטער, אָבער דאָס האָט אַ גאַנץ קנאַפּע שייכות צו דער תקופה פון די זעכציקער יאָרן. מענדל לעפין און אַקסענ־פעלד האָבן אויך פריער, פאַר די 60ער יאָרן, „געבראַקט“ סלאַווישע ווערטער און גאַנצע סלאַווישע אויסדרוקן; לינעצקי האָט עס געטאָן אויך שפּעטער, נאָך די 60ער יאָרן. זעט איר, די ליטווישע שרייבער אַ שטייגער, א. מ. דיק — האָבן דווקא אין די 60טער יאָרן אָנגע־הויבן אַרויסצואַוויזן א נטיה נישט צו סלאַוויזמען, נאָר צו טייטש־מעריש. די דאָזיקע טענדענץ איז שפּעטער געוואָרן נאָך גרעסער און איז איבערגעגאַנגען בירושה צו דינעזאָנען און צו אַנדערע... מענדעלעס לייטערן די שפּראַך און זיין רייניקן זי פון לאָקאַלע (און ממילא אויך סלאַוויש־לאָקאַלע) עלעמענטן האָט מער צו טאָן מיט זיין אינעווייניקסטער קינסטלערישער אַנטוויקלונג, ווי מיט דער אָדער יענער געזעלשאַפטלעכער „עפּאָכע“.

84) לויט י. נוסינאָוו זאָל מענדעלע ערשט אין די 80ער יאָרן האָבן אָנגעהויבן צו לייטערן יידיש. „וואָס מער“, שרייבט ער („צייט־שריפט“, 2—3, מינסק)—„וואָס מער ער (מענדעלע) איז אָפּגעגאַנגען פון משכיליזם און וואָס מער ער איז געקומען צום פאָלקיסטיש־נאַ־ציאָנאַלן געדאַנק פון די 80ער יאָרן, אַלץ קלאָרער איז פאַר אים גע־וואָרן די נויטיקייט צו אָפּהיטן די שפּראַך פון אַלע עלעמענטן, וואָס „פאַרזשאַרגאָנעווען“ זי. אַזוי זיינען טאָקע אין „ווינטשפינגערל“ פון 1888—1889 שוין קיין רוסישע ווערטער נישטאָ. אין „טאַקסע“ פון 1869 געפינען מיר נאָך פיל רוסישע ווערטער. אין דער יובליי־אויסגאַבע האָט זיי מענדעלע געזען ווי וויט מעגלעך אויסמיידן“

(עמוד 433). און ווען מיר זאָלן צוגעבן דערצו, וואָס דערזעלביקער י. נוסינאָוו שרייבט אויף ז. 458 וועגן דער עוואָלוציע, וואָס די „בור־זשואַזע משכילישע באַוועגונג האָט דורכגעמאַכט פון די 60ער ביז די 80ער יאָרן"—וועלן מיר האָבן די „סאָציאַלע סבה׳ס", וועלכע זיינען פאַר דעם „מאַרקסיסטישן פאָרשער" אַזוי נויטיק. עס וועט אויס־קומען, לויט אָט דער חקירה, אַז א י י ד ע ר עס איז פאָרגעקומען די — פון אונדזער „מאַרקסיסטישן" פאָרשער באַשריבענע — עוואָ־לוציע פון דער יידישער בורזשואַזיע — די עוואָלוציע, וועלכע האָט כלומרשט געפירט צום „פּאַלקיסטיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק פון די 80ער יאָרן" — האָט מענדעלען נישט געאַרט פאַר יידיש. „צום מיט פון די 80ער יאָרן אָבער האָט שוין דער רוסישער קאַפּיטאַליזם גע־האַלטן ביים אויפוועקן א. אַז. וו. און אַז. וו." (ז. 458) — האָט דאַן מענדעלע שוין מער נישט געקאָנט לאָזן די יידישע שפּראַך פאַר־זשאַרגאָנעוועט ווערן. מענדעלעס אייגענער געדאַנק, די עוואָלוציע פון זיין אייגענעם אינעווייניקסטן לעבן איז, הייסט עס , גאָרנישט דער עיקר איז — די סאָציאַל־עקאָנאָמישע ענדערונגען. דאַרפט איר אַ בעסערע „היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישע" דערקלערונג? איז אָבער דער חסרון... וואָס עס זיינען דאָ פאַקטן, חוץ „מאַרקסיס־טישע" דערקלערונגען. און די פאַקטן האָבן זיך איינגעשפּאַרט און ווילן די דערקלערונגען נישט באַשטעטיקן. די פאַקטן דערציילן, אַז מענדעלע האָט אָנגעהויבן רייניקן זיין שפּראַך פון פרעמדע „זשאַרגאָנישע" עלעמענטן פריער פאַר די 80ער יאָרן. די פאַקטן דערציילן, אַז מענדעלעס קולטיווירן יידיש איז נישט קיין פּראָדוקט פון דעם פאָלקיסטיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק פון די 80ער יאָרן, נאָר גיכער האָט, פאַרקערט, מענדעלע געהאָלפן אויסוואַקסן אָט דעם פאָלקיסטישן געדאַנק. שוין אין יאָר 1876, ווען מענדעלע האָט גע־גרייט אַ צווייטע אויסגאַבע פון „פישקע דעם קרומען", האָט ער פאַר־ביטן „נאַראַד" מיט „פאָלק", „סלוך" מיט „קלאַנג", „יאַווען זיך" — מיט „ווייזן זיך", „פּריגלאַשען" — מיט „פאַרבעטן", „סומאַ־טאָכע" — מיט „טאָראָאָס" א. אַז. וו. א. אַז. וו. דאָס אייגענע האָט ער געטאָן אין 1879, ווען ער האָט אויפדאַסניי רעדאַקטירט „דאָס קליינע מענטשעלע". צו דער אַנטוויקלונג פון דער בורזשואַ־זיע, צו דעם וואוקס פון קאַפּיטאַליזם און צו אַלע איבעריקע סאָציאַלע

ענדערונגען, וועלכע זיינען, לויט נוסינאָוו, פּאַרענדיקט געוואָרן גראָד „צום מיט פון די 80ער יאָרן״, — האָט מענדעלעס דייניקן די יידישע שפּראַך קיין שום שייכות נישט. מענדעלע האָט פריער נאָך, ווי נוסינאָוו אַליין מוז צוגעבן, „ראַדיקאַל אָנגעהויבן איבערשאַצן דעם משכיליזם, שאַרף אָפּוואַרפן זיינע אַנטי־פאָלקיסטישע, אַנטי־דעמאָקראַטישע, אויסגעשפּראָכן בורזשואַזע טענדענצן״ און דאָס הייסט, אַז זיין באַציאונג צו דער השכלה און אויך צו יידיש האָט זיך אויסגעאַרבעט ביי אים מער אָדער ווייניקער זעלבסטשטענדיק און נישט אָפּגעהאַנגען פון דעם „פאָלקיסטיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק פון די 80ער יאָרן״, וועלכער האָט כלומרשט קיין אַנדער דערקלערונג נישט, אַחוץ דער מטושטש־עקאָנאָמישער, וועלכע עס גיט נוסינאָוו.

85) אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען, דאַטירט דעם 28טן יוני, 1888, שרייבט ער: „למעהש צו דרוקן מיין „ווינטשפינגערל״ פּונקט אַזוי ווי איך לייג אויס. חלילה וחס, גאָט זאָל איך היטן צו מאַכן אַ שטיקל פאַרענדערונג. עס וועט זיך טאָן חושך! איך וואָלט געשטאָרבן, ווען איך זאָל באַ מיר זען, אַשטייגער, זאָך״ אַנשטאָט „זיך״, „יונגלאָך״ אַנשטאָט „יונגליך״ וכדומה״. („שריפטן״, 1, קיעוו, 1928, ז. 256).

86) מענדעלעס קעגנער, י. י. לערנער, אַ קריטיקער פון די 80ער יאָרן, איז גראָד דער דאָזיקער נוסח פון „פישקע״ נישט געפעלן געווען, און אין דעם זאַמלבוך „דער קליינער וועקער״ (אָדעסאַ, 1889), האָט י. י. לערנער, אונטער דעם פסעוודאָנים „צדוק פרומעס״ געשריבן צווישן אַנדערע חכמות: „פישקע״ איז אייגנטלעך אַן אַלטע חכמה פון ר׳ מענדעלען, וואָס ער האָט זי צעפּירט אין וואַסער, אָבער נישט אין קיין פריש וואַסער, וואָס גיסט זיך ביים שרייבער פונם האַרצן, נאָר אין דעם וואַסער, וואָס שטייט שוין ביי אים אַ יאָר פופצן פאַרשלאָסן אין דעם פאַרשטיינערטן האַרץ און וואָס גיט זיך אָנצוהערן אויף יעדן שריט אין דעם ספר נישט מיט קיין גאַנץ גוטן ריח״... און ווייטער: „מיט דעם ספר („פישקע דער קרומער״) איז שוין ר׳ מענדעלע אַרויסגעטראָטן פאַרן עולם נישט ווי דער געוויינטלעכער פאַקנטרעגער, וואָס פלעגט זיי אַמאָל דערציילן שיינע מעשהלעך, נאָר ווי אַ גוטער ייד, וואָס בלאָזט שוין פון זיך און מאַכט אַלערליי העוויות, וואָס מען

דאַרף האָבן צו דער פּרנסה. דאָס בײדל האָט ער אױסגעביטן אױף אַ קאָרטע, די „קליאַטשע" — אױף ברענענדיקע אָדלערס, אױף דער קעלניע זיצט שױן אַ גבאי (דאָס מײנט ער מנשה מרגליות — ש. נ.) און אַ שפּאָגל נײ אײניקל (שלום-עליכם) און די קאָמאַנדע איז גרײט צו צעטראָגן די ניסים פונם רבין אין אַלע װינקעלעך... מיט גרױס באַדױערן מוזן מיר נאָכאַמאָל באַמערקן, אַז ר' מענדעלעס טאַלאַנט איז אינגאַנצן אָפּגעבליאַקעװעט געװאָרן, אַז ער קאָן שױן נישט צאָלן מיט מ ז ו מ נ י ם, מוז ער שױן מאַכן פילע תנואות פון אַ רבין און פּטרן דעם עולם מיט אַ ל ט ע אָ פּ ג ע ־ ר י ב ע נ ע מטבעות... עס איז אָבער א פאַלשער חשבון: אַ גוטער ייד מוז האָבן חסידים, און באַגײן זיך נאָר מיט אַ גבאי אַ צבועק און מיט אַ באַצעאָװטע אײניקל — הײסט זיך נאָר נאָריש געמאַכט. דאָס קלײנע סטעזשקעלע, װאָס פלעגט מענדעלען צוריק מיט יאָרן פירן צום „עולם", איז שױן לאַנג פאַרשאָטן מיט זאַמד, פאַרװאָקסן מיט קראָפּעװע, און נישט פישקעס קרומע פיסלעך קאָנען עס איצט אָנטרעטן... הערט זשע אױס, ר' מענדעלע, װאָס מ י ר װעלן אײך דאָ זאָגן: צװישן אײך און דעם יידישן לעזער שטײט אַן אײזערנע װאַנט און נישט מיט דער גרױסער טאָרבע װעט אײך געראָטן מיט אײער „געזינדל" זי אַריבערצוקלעטערן. עלטערט אײך מיט אײער „קליאַטשע" ביז הונדערט און צװאַנציק יאָר, נאָר די גוט-יידישע זשיפּעצע טוט, זײט מוחל, אױס"... א. אַז. װ.

87) עס איז דאָ אױך אַ רוסישע, אַ דײטשע און אַן אַרמענישע איבערזעצונג פון „פישקע דער קרומער".

88) די י י ד י ש ע יובילײ-אױסגאַבע פון יאָר 1907 איז איבערגעדרוקט אָן קײן שום שנױ פון דער פריערדיקער צװײטער, „אינגאַנצן איבערגעמאַכטער", אױסגאַבע, און נאָר אין דער װענדונג צו מ. מרגליות זײנען פאַראַן אַ פּאָר קלײנע ענדערונגען.

89) די „פּראָלעטאַרישע קריטיק" פילט ניט דעם דאָזיקן אונטערשײד, און זי איז מוראדיק מגזם, װען זי זאָגט מיטן מױל פון אײנעם פון אירע פאַרשטײער, אַז „דער זעלביקער מענדעלע, װאָס האָט אין זײנע גרונט-װערק פון די 60—70ער יאָרן אומרחמנותדיק אַרונטערגעריסן די פּאַראַזיטישע שיכטן מיט זײער יידישקײט, האָט מיט

זיינע איבערזעצונגען אַליין מיטגעהאָלפן צו פאַרשפרייטן אין די מאַסן אָט די יידישקייט, און דאָס איז געווען נאָך געפערלעכער דער־מיט, וואָס די דאָזיקע יידישקייט איז ביי אים צוגעפּראָוועט כלומרשט מיט חכמה און נאַטורוויסנשאַפט. חוץ דעם זיינען די איבערזעצונגען אָנגעפּיקעוועט מיט עכטן קלעריקאַליזם, נאַציאָנאַליזם און מאָנאַר־כיזם(!)" (א. ראָזענצווייג: מענדעלע מוכר ספרים, ניו יאָרק, 1936, ז. 30.

90) נ. אַבראַמאָוויטש און אל. דאָברין־אַבראַמאָוויטש: „דער ריידע צווישן אייגענע און פרעמדע", פאַרלאַג „קולטורליגע", וואַר־שע, 1928, ז. 10.

91) „שריפטן", 1, קיעוו, 1928, ז. 240.

92) יצחק יואל לינעצקי, וועלכער איז שטענדיק געווען פול מיט קנאה צו מענדעלען און וועלכער האָט אים בכלל נישט פאַר־שטאַנען, האָט געפונען אַ גוטע געלעגנהייט צו אַטאַקירן „דעם קליאַטשעניק" פאַר אַזעלכע ווערק זיינע, ווי „יודל", „זמירות" און „פרק שירה". לינעצקי האָט זיי אָנגערופן „אומגעלומפּערטע שטותים". ער האָט אַליין שפּעטער איבערגעזעצט „אין געדיכטע" דעם תהילים („זמירות ישראל") און דעם סידור („זמירות ה'"), אָבער מענדעלען האָט ער געפרעגט: „סטייטש, גזלן, וועלכן קלאָס יידן טויג דיינע צוגעלעגערטע גראַם־זמירות מיט דיין פרק שירה? צו וואָס פאַר אַ צוועק? — — צו וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן אפילו ווער איינער פון אַ מיליאָן לעזער געפינען אין די צווי אַלטע אַזיאַטישע תחינות, נאָך מיט לשון־קודש־תלמודישע הערות אונטערגעשלאָגן? („לינעצקיס כתבים: דער פּריטשעפּע", אָדעס, 1876, ז. 14).

93) „שריפטן", 1, קיעוו, 1928, ז. 257.

94) דאָרט.

95) מ. ווינער: עטודן וועגן מענדעלען, פאַרלאַנג עמעס", מאָסקווע, 1935, ז. 99.

96) דאָרט.

97) בכלל איז דער אונטערשייד צווישן די ביידע נוסחאות נישט קיין גרויסער. ער באַשטייט, ערשטנס, אין געוויסע ענדערונ־גען אָדער קירצונגען אין מיטן און סוף פון „הקדמת מענדעלע מוכר ספרים" און, צווייטנס, אין אומבאַדייטנדיקע קליינע קירצונגען אין

טעקסט גופא און דערהויפּט אין דעם פֿאַרבייטן לאָקאַלע (סרוב סלאַווישע) ווערטער מיט מער אַלגעמיין־ליטעראַרישע. (אַזוי, צום ביישפּיל, איז פֿון „קולאַק" אין דעם ערשטן נוסח געוואָרן „פּויסט" אין דעם צווייטן, פֿון „ראַזביראַיעט" — „קלייבט זיך פֿאַנאַנדער", פֿון „מוזשיק" — פּויער, פֿון „אַ פֿאַלזע — „אַ טובה" „דאָליע — „מזל" א. ד. ג.)

98) א. ראָזענצווייג: „מענדעלע מוכר ספרים", ניו יאָרק, 1936, ז. 24.

99) לעאָ ווינער: „טהי היסטאָרי אָוו יידדיש ליטעראַטור אין טהי ניינטינט סענטשורי", ז. 159.

100) „דער טאָג", ניו יאָרק, 18טן פֿעברואַר, 1936.

101) ז. שניאורס זכרונות אין „אַלע ווערק פֿון מענדעלע מוכר ספרים", באַנד 21, ז. 169. אויך דוד איינהאָרן: מענדעלע ביי דער אַרבעט", אין זאַמלבוך „מענדעלע מוכר ספרים צו זיין 75־יעריקן יובילייִ", וואַרשע, 1910, איבערגעדרוקט אין באַנד 20 פֿון מענ־דעלעס „אַלע ווערק".

102) ס'איז כדאי צו פֿאַרצייכענען די קוריאָזע מיינונג פֿון אב. קאַהאַן, אַז „זיין (מענדעלעס) „מסעות בנימן השלישי" און אפילו „פֿישקע דער קרומער" וואָלט היינט געווען אונטער דער ווירדע פֿון אירגענד וועלכן מער אָדער ווייניקער אָנערקענטן שריפֿטשטעלער" („בלעטער פֿון מיין לעבן", 3, ז. 196). טשיקאַווע איז אויך די מיינונג פֿון דעם העברייאישן קריטיקער און ליטעראַ־טור־פֿאָרשער פּ. לאַכאָווער. ער האָט אין מענדעלע מוכר ספרים נישט געפֿונען אפילו דעם מינדסטן שפּור פֿון הומאָר: „אין באברו־מוביץ כלום מן ההומוריסט". (מחקרים ונסיונות, 1, וואַרשע, תרפ"ה, ז. ס"א).

103) „רשומות", כרך ה', תרפ"ז, ז. 416.

104) „די צוקונפֿט", ניו יאָרק, 1923, ז. 67.

105) סאָפֿיע דובנאָוו־ערליכס זכרונות אין „די נייע פֿאָלקס־צייטונג", וואַרשע, 7טן פֿעברואַר, 1936.

106) ש. ל. ציטראָן: „דריי ליטעראַרישע דורות", 1, ז. 112.

107) ש. דובנאָוו: „פֿון זשאַרגאָן צו יידיש", ז. 116.

108) סאָפיע דובנאָוו־ערליך אין „פאָלקסצייטונג" וואַרשע, 1936, יאַנואַר.

109) „די צוקונפט", ניו יאָרק, 1923, ז. 66.

110) דאָרט, ז. 68.

111) דאָרט.

112) נ. אַבראַמאָוויטש און ל. דאַברין־אַבראַמאָוויטש: „דער ייִדע צווישן אייגענע און פרעמדע", זכרונות פון מענדעלעס טעכטער, פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1928, זז. 21—27.

113) אין די העברייאישע תקנות, וואָס ער האָט פאַרפאַסט פאַר אַ יידישער ביבליאָטעק, אין יאָר 1865, ווען ער האָט נאָך געלעבט אין בערדיטשעוו, האָט ער מאָטיווירט די נויטיקייט צו קויפן דער־הויפּט רוסישע ביכער דערמיט, וואָס עס איז נויטיק—„להרחיב בתוך בני עירנו ידיעת שפת רוסיה המועילה עד מאד ואשר בה נעשה חיל ונתקרב עם עם הארץ" (ציטירט לויט פ. לחובר: „מחקרים ונסיונות", ז. 58) און נישט נאָר אין 1865. מיט שיר נישט פופצן יאָר שפּעטער, אין 1879, האָט ער צוגעשטעלט דער חברה מפיצי השכלה אַ מאַנוסקריפּט פון אַ לערנבוך, וואָס זיין ציל איז געווען צו לערנען יידישע קינדער רוסיש. (זע די פּראָטאָקאָלן פון דער חברה מפיצי השכלה, ז. 155).

114) דאָרט, ז. 20—21.

115) מ. ווינער: עטיודן וועגן מענדעלען, זז. 108—109.

116) ש. גינזבורג: „מענדעלע מוכר ספרים און זיינע בריוו", „די צוקונפט", ניו יאָרק, 1923, יאַנואַר.

117) דאָרט, ז. 67.

118) דאָרט.

119) „דעם „פּריזיוו" האָט מענדעלע געשריבן אינזינען האָבנ־דיק דאָס טעאַטער, אָבער אויפגעפירט געוואָרן איז די דראַמע (און דאָס נאָר איר ערשטער אַקט) ערשט אין 1909, אין לאָדז, צו מענדעלעס אַ קבלת־פּנים. די ערשטע פולע אויפפירונג פון „פּרי־זיוו" איז פאָרגעקומען ערשט נאָך מענדעלעס טויט אין ניו יאָרק, 1918. (ב. גאָרין: „די געשיכטע פון יידישן טעאַטער", 1, ז. 253,

זע אויך זלמן זילבערצווייגס „ מענדעלע מוכר ספרים און דאָס יידי־שע טעאַטער", שיקאַגאָ", סעפּטעמבער־אָקטאָבער, 1935 און זילבער־צווייגס „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער").

120) "פנקס", ווילנע, 1913, ז. 174.

121) „פון זשאַרגאָן צו יידיש", ז. 177.

122) דאָרט, ז. 108—109.

123) „דוד וסופריו", תל אביב, תרפ"ז, ז. ק"ז.

124) א. גורשטיין: „אַ נייער ווענדפּונקט אין דער מענדעלע פאָרשונג", „וויסנשאַפטלעכע יאָרביכער" 1, מאָסקווע, 1929, ז. 223.

125) פ. שמידט: „מענדעלע, זיין זון און זיין איייניקל", אין „נייע פאָלקסציייטונג", וואַרשע, 24טן יאַנואַר, 1936.

126) דאָרט.

127) „פון זשאַרגאָן צו יידיש", ז. 109.

128) דאָרט, ז. 107.

129) משה שאַליט שרייבט אין „לוחות אין אונדזער ליטעראַ־טור, פון מענדעלע מוכר ספרים ביז היינטיקער צייט", ווילנע, 1929: „ס'איז אַ סברא, אַז נאָכן דערשיינען פון קאַלענדאַר איז זי, „די סגולה", אויך אַרויס אין אַ באַזונדערער בראָשור"... ס'איז אַ פאַקט, נישט קיין „סברא". אַן עקזעמפּליאַר פון דעם ביכל איז דאָ אין מיין רשות.

130) דאָרט, ז. 11.

131) דאָרט, ז. 12.

132) "שריפטן", קיעוו, 1928, 1, ז. 251.

133) סאָוועטיש־יידישע קריטיקער ווילן אונדז איינריידן, אַז אָנגעהויבן פון די 80ער יאָרן, ווען מענדעלעס שאַפן „הויבט זיך אָן (כלומרשט) פאַרקערעוועו אין דער זייט פון דער רעאַקציאָנערער בורזשואַזיע", — באַקומט עס שוין „אַן איבערחזרנדיקן כאַראַקטער און אַ מעמואַריסטישן גרונטטאָן", „קיין וועזנטלעך נייע אָריגינעלע שטריכן טראָגט ער שוין אין זיין שאַפן מער נישט אַריין" א. ד. ג. („פאַרמעסט", קיעוו, 1936, 1, ז. 126). דאָס איז פאַלש, פונקט אַזוי, ווי עס איז נישט ריכטיק די מיינונג, אַז מענדעלעס שאַפן פון די 80ער יאָרן אָן „הויבט זיך אָן צו פאַרקערעוועו אין דער זייט פון דער רעאַקציאָנערער בורזשואַזיע". אויב „פישקע דער קרומער"

און „ווינטשפינגערל" אין דעם נייעם נוסח זיינען נישט געגוג אפּצולייקענען די דאָזיקע טעאָריע, זאָל דער לעזער אַריינקוקן אין דער הקדמה, וועלכע מענדעלע האָט אין יאָר 1889 געהאַט אָנגעשריבן פאַר דעם צווייטן באַנד „יידישע פאָלקסביבליאָטעק" און וועלכע איז פון שלום־עליכעמען, דעם רעדאַקטאָר, צוריק־געוויזן געוואָרן. אין דער הקדמה, וואָס דער זשורנאַל „וויסנשאַפט און רעוואָלוציע" (קיעוו, 1936, יאַנואַר־מאַרט) האָט צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט, וועט דער לעזער געפינען אַזעלכע שאַרפע „קליאַטשעס"־ און „טאַקסע"־ווערטלעך, ווי: „אָנקוקן קאָן איך נישט אָט די שטאָט־פעטערס מיט זייער געמלאכהטע פרומקייט, טאַנדעטנע גוטסקייט, וואָס האָט נישט קיין האַפּט, קיין ממשות" אָדער: „אַך, הײנטיקע שוסטער, הײנטיקע שוסטער — טאַנצן גלוסט זיך זיי אויף די באַלן אין אַ פראַק מיט ווייסע הענטשיקעס — קרעכצו יענע פאַרשוינען, און אונדזער פעטער שמערל קרעכצט נעבעך אויך אינאיינעם מיט זיי"... פון דער הקדמה איז צו זען, מוז „וויסנשאַפט און רעוואָלוציע" צוגעבן, אַז „די אַנטיפעאָדאַלע און בורזשואַז־דעמאָקראַטישע טענדענצן — זיינען ביי מענדעלען נישט געווען אינגאַנצן פאַרשוואונדן אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אין די יאָרן פון דעם אַזוי אָנגערופענעם רעאַקציאָנערן פעריאָד זיינעם" (ז. 129).

134) „יידישע פאָלקסביבליאָטעק", קיעוו, 1889, 2, ז. 227.

135) „פון זשאַרגאָן צו יידיש", ז. 115.

136) „די צוקונפט" ניו יאָרק, 1923, ז. 67.

137) אין אָדעס זיינען אויך קאָנצענטרירט געוואָרן מענדעלס קעגנער, פיינט און ניט־פאַרגינער, — אַזוינע, ווי י. י. לינעצקי און י. י. לערנער אין דער ליטעראַרישער וועלט, אויך אַזוינע, ווי מ. אוסישקין און זיינגלייכן פאַנאַטישע העברייאיסטן, וועלכע האָבן שפּעטער אפילו געהאַט דעם טרויעריקן מוט נישט צו דערלאָזן, אַז מענדעלע מוכר ספרים זאָל ווערן אַן ערנמיטגליד פון דער אָדעסער גרופּע „חובבי שפת עבר"! (זע שלום־עליכם־בוך", ז. 252).

138) "פנקס", ווילנע, 1913, ז. 172.

139) דאָרט, ז. 173.

140) אַלע ווערק פון שלום־עליכם, באַנד 12, ז. 22.

141) „פנקס“, 1913, ז. 170.

142) „פון זשאַרגאָן צו יידיש“, ז. 47.

143) דאָרט, ז. 106.

144) „פנקס“ ז. 173.

145) „פאָרווערטס“, ניו יאָרק, 29טן יוני, 1929.

146) „נייע פאָלקסצייטונג“, וואַרשע, 27טן דעצעמבער, 1935.

147) „אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים“, באַנד 22, זז. 205—204.

148) „די צוקונפט“, ניו יאָרק, 1934, מאַי, ז. 284.

149) „פון זשאַרגאָן צו יידיש“, ז. 102.

150) „אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים“, באַנד 21, פאַר־לאַג „מענדעלע“, וואַרשע, 1928 ; די זאַמלונג, וואָס „דער פריינד“ האָט אַרויסגעגעבן לכבוד מענדעלעס יובילײ אין 1910 ; „השלוח“, חוברת מענדעלע, 1918.

151) „פון דעם זיידנס קוואַל“, בערלין, 1922.

152) זאַמלונג פון „פריינד“ צו מענדעלעס יובילײ אין 1910, ז. 50.

153) „די שפּראַך אין מענדעלעס קרייזל, ווי אין די קרייזן פון דער אָדעסער יידישער אינטעליגענץ בכלל, איז געווען רוסיש און — פאַרשטייט זיך, זאָגט דובנאָוו, מיט אַ שטאַרקן צומיש פון יידישע ווערטלעך“. מענדעלעס רוסיש, דערציילט דובנאָוו ווייטער, איז נישט פריי געווען פון טעותים, נאָר מיר האָבן עס וויניק וואָס באַמערקט : אַזוי רייך איז דער רוסיש געווען מיט אָריגינעלע אויסדרוקן, לע־בעדיקע געשטאַלטן. אָפטמאָל פלעגט ער זיין רוסיש באַפּוצן מיט פליטערלעך פון אונדזער פאָלקסשפּראַך“ („פון זשאַרגאָן צו יידיש, ז. 108). אַן ענדערונג איז אין דעם פּרט פאָרגעקומען נאָך מענדע־לעס טריאומף־רייזע איבער יידישע שטעט און שטעטלעך אין 1909. „ווען איך בין געקומען קיין אָדעס צום סוף פון יענעם יאָר, דערציילט דובנאָוו, האָב איך באַמערקט אַ טשיקאַווע זאַך : דער זיידע פלעגט אָפטמאָל אין אונדזערע שמועסן אריבערגיין פון רו־סיש אויף יידיש, און גערעדט האָט ער אַזוי שיין, אין אַזאַ ריינער, ניט־געקינצלטער, פאָלקסשפּראַך, אַז מיר פלעגן ביידע פירן דעם ווייטערדיקן שמועס אויף יידיש, פאַרגעסנדיק, אַז 13 יאָר נאָכאַנאַנד

האָבן מיר גערעדט נאָר רוסיש. אונדזער חברה — ביאַליק, ראַב־ניצקי און אַנדערע פריינט — האָבן מיטן זיידן אין יענע יאָרן גע־רעדט נאָר יידיש" (דאָרט, ז. 49).

154) „פון דעמאָלט אָן, שרייבן זיינע טעכטער, איז שוין טאַקע אַזוי אַוועק — קיינער האָט אים אַנדערש נישט גערופן ווי „זיידע", אפילו אין שטוב האָט מען אים נאָר אַזוי גערופן זינט יענער צייט". אפילו זיינע ברידער האָבן אים גערופן „זיידע", זע די טעכטערס זכרונות, ז. 37.

155) „פון זשאַרגאָן צו יידיש", ז. 102.

156) „מאָרגן־זשורנאַל" ניו יאָרק, 12טן אויגוסט, 1932.

157) „שריפטן", 1, קיעוו, 1928, ז. 274.

158) „פון זשאַרגאָן צו יידיש", ז. 128.

159) „שריפטן", 1, קיעוו, 1928, ז. 274.

160) „פון זשאַרגאָן צו יידיש", ז. 130.

161) זכרונות פון מענדעלעס טעכטער, ז. 39.

162) דאָרט, ז. 41.

163) דאָרט, ז. 42.

164) „רשומות", 6, תל אביב, תר"ץ, ז. 513.

165) בן־עמי אין „פנקס", ווילנע, 1913, ז. 138.

166) „אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים", באַנד 20, ז. 21.

167) מענדעלעס טעכטערס זכרונות, ז. 44.

168) „פון זשאַרגאָן צו יידיש", ז. 134.

169) אין ניו יאָרק איז סוף 1906, אַ דאַנק דעם אויפרוף, וואָס שלום־עליכם האָט פאַרעפנטלעכט אין דער אַמעריקאַנער יידישער פרעסע, געפלאַנט געוואָרן אָפּצוריכטן מענדעלעס 70טן געבורטסטאָג דורך אַ פייערלעכער פאַרזאַמלונג, און צו שאַפן אַ פאָנד אויף אַרויסצוגעבן מענדעלעס געזאַמלטע שריפטן, אָבער קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן זיינען פונם פלאַן נישט אַרויסגעקומען („שלום־עליכם בוך", ז. 215).

170) ווען „אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים" זיינען אַרויס פון דרוק האָט א. ירחי (י. ח. ראַבניצקי, איינער פון מענדעלעס נאָענטסטע פריינט) געשריבן אין „פנקס" (ווילנע, 1913): „מען דאַרף אים זען, דעם „זיידן", דעם אמתן קינסטלער פונם יידישן

וואָרט, ביי דער אַרבעט, ווי ער זיצט איינגעבויגן איבער זיין שרייב־טיש און שנירעוועט די קליינע, שיינע אויתיותלעך זיינע, ווי פערל, און ווי אַזוי ער קאָן אַזוי אָפּזיצן פאַרטראַכט גאָר אַ היפּשע צייט און קנייטשן דעם ברייטן שטערן זיינעם אויף אַרויסצובאַקומען אַ מער געלונגענעם, פּונקט אַנגעמאָסטענעם אויסדרוק אָדער גאָר אַ מער צוגעפּאַסט וואָרט, — און מען קאָן זיך לייכט פאַרשטעלן, ווי ער דאַרף זיך פילן, זעענדיק אין וואָס פאַר אַ „יובליי־אויסגאַבע״ זיין קינסטלערישע נשמה איז מגולגל געוואָרן, ווי אַזוי מהאָט אויפּגעכאַפּט זיינע גייסטיקע אוצרות, די מי פון זיין גאַנצן לעבן, און אין וואָס פאַר אַ משונה צורה מהאָט זיי, גאָר אָן בושה, אַרויסגעלאָזט אויפן מאַרק מיט קלאַנג און געזאַנג: קויפט, יידישע קינדער, קויפט!״ א. ירחי האָט אויסגערעכנט אַלע אומפּאַרציילעכע זינד פון די, וואָס האָבן אָפּגעקויפט אַלע רעכט אויף מענדעלעס ווערק און גענומען באַלעבאָטעווען איבער זיי אָן קיין שום געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אָן אַ פונק אָפּשיי פאַר דער יידישער ליטעראַטור און איר ״זיידן״, ר׳ מענדעלען. י. ח. ראַבניצקי האָט באַוויזן, ווי די פאַרלעגער האָבן צעזויפגעפּאַרט ווערק, וואָס האָבן קיין שייכות נישט איינס צו דאָס אַנדערע, אַבי נאָר צונויפצושטופּעווען אַ באַנד, וואָס זאָל נישט זיין, חלילה, צו גרויס; ווי זיי האָבן אַ טייל פון „שלמה ר׳ חיימס״, צוליב איינשפּאָרעניש, איבערגעדרוקט פון אַ געלקחנטער אַמעריקאַנער אויסגאַבע, געלאָזן שטיין אינמיטן דאָס וואָרט „ענדע״ און געדרוקט ווייטערדיקע קאַפּיטלען; ווי זיי האָבן טיילן פון איין בוך געדרוקט אונטער צוויי פאַרשיידענע נעמען; ווי זיי האָבן ווערק, וואָס זיינען איבערגעזעצט געוואָרן נישט דורך מענדעלען אַליין פון העברייאיש, אַרויסגעגעבן פאַר אָריגינעל יידישע ווערק. י. ח. ראַבניצקי און אַנדערע האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער האַנדלונג פונם „מענדעלע״־פאַרלאַג. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. אין 1922 און 1923 האָט דער זעלביקער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן די בענד 18 און 19 פון מענדעלס „אַלע ווערק״, און זיי זיינען אַרויסגעגעבן און „רעדאַקטירט״ געוואָרן נאָך אויף אַ מער סקאַנדיאַליעזן אופן, ווי די פריערדיקע בענד. מיר ריידן שוין נישט וועגן די גראָבע און מיאוסע דרוקפעלערן. מילא, דערצו זיינען מיר שוין געוואוינט. מענדעלע האָט אַמאָל אַליין גע־

שריבן וועגן דעם יידישן מחבר, אַז ער מוז שטענדיק „מאַכן אַ גרויסן לוח הטעות, אַזוי פיל, וויפיל אין ביכל זיינען דאָ ווערטער״ מילא, זיינען דאָ טעותן אויף יעדן זייטל—און קיין „לוח הטעותן״ איז נישטאָ: דער לעזער וועט אין דעם נישט שולדיק מאַכן מענדעלן. אָבער די נעמען פון די ווערק, דער סדר פון די קאַפּיטלען און זייער איינאָרדנענונג! היינט דער טעקסט אַליין! וועט אימיצן איינפאַלן, אַז מענדעלע איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם? וואָלט אימיצער געגלויבט, אַז גראָבע עס־הארצישע הענט האָבן זיך צוגערירט צום טעקסט, צום עצם אָריגינאַל פון מענדעלעס ווערק און אים אַליין, נישט נאָר דעם זאַץ, פאַרדאָרבן און פאַרקריפּלט? קיינעם וועט עס נישט איינפאַלן, אָבער אַזוי איז עס. באַנד 18 טראָגט דעם נאָמען „עלטערן און קינדער״ — און ס׳איז נישט אָנגעוויזן, אַז ס׳איז אַן איבערזעצונג (און, ווי ווייט מיר ווייסן, נישט מענדעלעס אייגענע איבערזעצונג) פון דעם העברייאישן ראָמאַן „האבות והבנים״. אָבער דער ערגסטער באַנד איז דער נײַנצנטער. אין אים האָבן די פאַרלעגער געבאַלעבאַטעוועט נאָך פרעכער און אומפאַרשעמטער, ווי אין אַלע פריערדיקע בענד. זיי האָבן, ערשטנס, אַ נאָמען געגעבן דעם באַנד „מיין לעבן״, בעת מענדעלע האָט קיינמאָל נישט געשריבן קיין בוך מיטן נאָמען „מיין לעבן״. ער האָט אַזאַ דעמאָנסטראַטיוו־אינדיווידואַליסטישן נאָמען זיין אויטאָביאָגראַפיע נ י ש ט ג ע ק אָ נ ט געבן. ער האָט געהאַלטן, אַז דער שרייבער דאַרף זיין אייגענעם איך נישט ארויסשטעלן, און ער האָט געניצט די דריטע פּערזאָן אפילו דאַן, ווען ער האָט געשריבן וועגן זיך אַליין. צוליב וואָס האָט פאַרלאַג „מענדעלע״ גענומען עטלעכע קאַפּיטלעך פון „שלמה ר׳ חיימס״ און זיי אַ נאָמען געגעבן „מיין לעבן״? זיי האָבן מיט דער דאָזיקער פאַרקריפּלונג געוואָלט צודעקן, פאַרשמירן אַן אַנדער צרה פון זייער אויסגאַבע. ווען זיי זאָלן אָפן זאָגן, אַז דאָס זיינען די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך פון „שלמה ר׳ חיימס״, וועלכע זיינען נישט אַריין אין דעם צווייטן באַנד, וואו עס זיינען געדרוקט די ערשטע זיבעצן קאַפּיטלעך, וואָלט דאָך דעם לעזער אויסגעקוקט משונה־ווילד, וואָס איין בוך — און נאָך אַזאַ וויכטיק בוך, ווי מענדעלס אויטאָביאָגראַפיע — איז צעריסן געוואָרן אויף צוויי שטיקער, איינס איז געדרוקט אין צווייטן באַנד

און דאָס אַנדערע — אין נײַנצנטן. אַחוץ דעם, וואָלט מען נישט געקאָנט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז מען גיט דעם לעזער גאָר אַ נײַ בוך מענדעלעס, אַ בוך פון װעלכן ער האָט נאָך קײנמאָל נישט געהערט. האָט מען דעם המשך פון „שלמה ר׳ חײמס״, װעלכער הױבט זיך אָן מיטן אַכצנטן קאַפּיטל, גענומען און געדרוקט, אַזוי װי דאָס זאָל זײַן דאָס ערשטע קאַפּיטל פון גאָר אַ נײַעם בוך!

און דאָס איז נאָך נישט אַלץ.

װעגן צװײ אויטאָביאָגראַפישע פראַגמענטן, װאָס זײַנען אַרײַן אין דעם באַנד, װערט געזאָגט אין אַן אָנמערקונג, אַז די זײַנען איבערגעזעצט פון העברעיִש. אָבער װער האָט זײ איבערגעזעצט — מענדעלע אַלײן אָדער אימיצער אַן אַנדערער? דאָס איז זײער װיכטיק צו װיסן. װען מענדעלע אַלײן האָט איבערגעזעצט עפּעס זײַנס אַ װערק פון העברעיִש אויף ייִדיש אָדער פון ייִדיש אויף העברעיִש, איז עס געװען שטענדיק כמעט אַ נײַע זאַך. נישט נאָר די שפּראַך, — דעם סטיל און אָפּטמאָל אויך דעם עצם־אינהאַלט האָט ער געענדערט. דערפאַר מוז דער לעזער װיסן פון װעמעס פען ס׳איז אַרויס די זאַך — פון מענדעלעס אָדער פון זײַנעס אַן איבערזעצער. אונדזערע פאַרלעגער מאַכן אַ שװײַג װעגן דעם גאַנצן ענין. זײ גײט עס נישט אָן. אָבער דאָס װאָלט נאָך נישט אַזוי אויסגעמאַכט. עס איז דאָ אַן ערגערע זאַך. אײנעם פון די פראַגמענטן, װאָס װעגן זײ רעדט זיך דאָ, האָט מענדעלע אַלײן — אין אַ פאַרקירצטער פאָרם — באַאַרבעט אויף ייִדיש און, לויט מײַן פאַרשלאַג, האָט ער עס אין יאַנואַר, 1915, געלאָזט דרוקן אין דער װילנער „ייִדישער װעלט״. דעם דאָזיקן טעקסט, װאָס מענדעלע אַלײן האָט געשאַפן, האָבן די פאַרלעגער אין זײער אויסגאַבע נישט אַרײַנגענומען; אָנשטאָט דעם האָבן זײ געדרוקט דעם טעקסט, װאָס אימיצער אַן אַנדערער, נישט מענדעלע, האָט איבערגעזעצט פון העברעיִש. און כּדי דער לעזער זאָל זען באַשײַנפּערלעך דעם גרויסן אונטערשײד, װאָס איז דאָ צװישן מענדעלעס ייִדישן סטיל און דעם ייִדיש פון זײַן איבערזעצער, װעל איך ברענגען דאָ דעם ערשטן פּאַראַגראַף אין בײדע נוסחאות:

מענדעלע (אין „די ייִדישע װעלט״):

„אַ טאָג אַ זומערדיקער איז עס געווען, מיט אַ ריינעס, אַן אַ שום שפּרינקעלע, בלויען הימל, מלא חן! אונדזער ערד איז געווען וואונדערשיין, אויסגעפּוצט אין גרינעם זומערדיקן חתונה־קלייד מיט דעם גאַנצן שמוק אירן און פרישע בוקעטן פון אַלערליי קאָלירנדיקע און שמעקנדיקע בלומען — נאָכן אויסזען נאָך, דאַכט זיך, אַ לעבן אַ מזלדיקס; אַ פריילעכער טאָג. און דאָך, אוי־ווי, אַן אַ זיפץ קאָן איך אים עד־היום נישט דערמאָנען! מיר איז באַשערט געווען אויסצושטיין אין אים — ווי עס מאַכט זיך אַמאָל מען שטייט אויס פון יפהפה — אַ שלאַק מיט אַ שיין פּנימל — זייער פיל עגמת נפש".

דער איבערזעצער (אין 19טן באַנד פון מענדעלס „אַלע ווערק"):

„דער טאָג, פון וועלכן איך דערצייל דאָ, איז געווען איינער פון די שיינע זומער־טעג, ס'איז געווען אַ קלאָרער, ליכטיקער טאָג. דער הימל איז געווען לויטער און בלאָ, אונדזער ערד איז אויך געווען שיין און אָנגענעם, זי איז געווען אויסגעפּוצט, ווי אַ כלה צו דער חתונה, איז געווען צוגעדעקט מיט אַ גרינעם שלייער פון קרייטן און (?) בלומען און אַ ליבער חן איז געווען אויף איר אויסגעגאָסן. דאַכט זיך, אַלץ גוט, שיין און ליכטיק, פריילעך און אויפגעלייגט, יום־טוב און גליק! פונדעסטוועגן קאָן איך ביז היינט נישט געדענקען (?) דעם טאָג, נישט אָפּצוזיפצן ביטער אויף אים. סזעט אויס, אַז גאָט האָט מיר אים אומישנע צוגעשיקט, ווי אַ שיינע, בייזע פרוי, ער זאָל מיר פאַרביטערן דאָס לעבן".

אָט אַזוי האָט געשריבן מענדעלע און אָט אַזוי — זיין אַנאָנימער איבערזעצער. האָבן די אַרויסגעבער פון אונדזער קלאַסיקער זיין אייגענעם טעקסט פאַרבראַקירט (אָדער זיי האָבן גאָרנישט געוואוסט פון אים!) און געגעבן האָבן זיי, אָנשטאָט דעם אָריגינעלן נוסח, עפּעס אַ בלאַסע, פאַרקריפּלטע איבערזעצונג! (זע מיין אַרטיקל: „אַ ליטעראַרישער פּאָגראָם אויפן זיידן", אין „טאָג", ניו יאָרק, 2טן דעצעמבער, 1923).

נישט אין ערגעץ בעסער, געוויסנהאַפטער און אויך פולער, איז די אויסגאַבע פון „שלמה ר' חיימס", וואָס איז אַרויס אין פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1935, ווי דער זעקסטער באַנד פון מענדעלעס „געזאַמלטע ווערק", וועלכע ווערן איצט צוגעגרייט צום דרוק אונ־

טער דער אַלגעמיינער רעדאַקציע פון א. גורשטיין, מ. ווינער, מ. ליטוואַקאָוו און י. נוסינאָוו. אין דער סאָוועטישער אויסגאַבע פון „שלמה ר׳ חיימס״ געפינען זיך, אַחוץ אַן אַריינפיר פון א. גורשטיין, אויך וואַריאַנטן און באַמערקונגען.

171) ציטירט לויט אי. גראַדזענסקי אין „ליטעראַרישע בלעטער״, פון 20טן דעצעמבער, 1935.

172) „שריפטן״, קיעוו, 1928, 1, ז. 275.

173) דאָרט, ז. 280.

174) ״אונדזער לעבן״, אָדעס, 1909, נומער 174.

175 „שריפטן״, 1, ז. 281.

176) זכרונות פון מענדעלס טעכטער, ז. 45.

177) זכרונות פון מענדעלעס טעכטער, ז. 47.

178) דוד איינהאָרן. ציטירט לויט „אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים״, באַנד 20, ז. 62.

179) ש. דובנאָוו: „פון זשאַרגאָן צו יידיש״, ז. 49.

180) אַלע ווערק פון מענדעלען, באַנד 20, זז. 64—86.

181) דאָרט, ז. 76. מענדעלעס טעכטער אין זייערע זכרונות גיבן־איבער די דאָזיקע שטעלע פון מענדעלעס רעדע אביסעלע אַנדערש. לויט זייער נוסח זאָל מענדעלע האָבן געזאָגט:

„מיינע טייערע געסט, איך האָב אַ גוטן יום־טובדיקן מלבוש, — איך היט אים שטאַרק, איך באַמי מיך עס זאָל אויף אים קיין שפּרענקעלע נישט פאַלן, קיין פעדערל. ער הענגט ביי מיר אין אַ בכבודיקן ווינקל פון מיין שאַנק, איך טו אים אָן נאָר פון יום־טוב צו יום־טוב, אָבער אינדערוואָכן נוץ איך אים נישט, אויף די דאָזיקע טעג האָב איך אַ פּשוטן שטוב־אַנצוג, אין וועלכן איך פיל מיך ביז גאָר באַקוועם. אָט דאָס איז מיין קוק אויף די שפּראַכן — לשון קודש און יידיש״. (1, 49).

182) דאָרט, זז. 90—91.

183) דאָרט, ז. 91.

184) דאָרט, ז. 93.

185) „פון זשאַרגאָן צו יידיש״, ז. 136.

186) ווי עס דערציילט ש. האָכבערג אין „אונזער לעבן״, אָדעס, 1916, נומער 214, האָט דער צענטראַלער קאָמיטעט פון

מפיצי השכלה מודיע געווען מענדעלען וועגן דער פענסיע אין דעם פּאָלגנדיקן בריוו: „פיל געשעצטער הער ש. אַבראַמאָוויטש. דער קאָמיטעט האָט זיך דערוואוסט, אז איר, אונדזער באַרימטער שריפט־שטעלער, זייט נאָך געצוואונגען צו טראָגן אויף זיך דעם יאָך אַלס פּאַרוואַלטער פון אָדעסער תלמוד־תורה וואָס נעמט ביי אייך צו כוח און צייט, וועלכע זיינען אַזוי נויטיק צוליב דעם פאָרזעצן אייער וויכטיקע ליטעראַרישע שאַפונג פאַרן פאָלק און צו באַשיינען אייער לעבנס־אַרבעט. אין דער לעצטער צייט האָט זיך דער קאָמיטעט מיט צער דערוואוסט פון אייער נישט געזונט זיין און וועגן דער נויטיקייט זיך קורירן, כדי צו פאַרבעסערן אייער געזונט פון דער שווערער לאַנג־יעריקער אַרבעט. דער קאָמיטעט וועט זיך שעצן פאַר גליקלעך, ווען די באַשיידענע פענסיע פון 3000 רובל יערלעך וועט אייך געבן די מעגלעכקייט זיך פיזיש אָפּרוען און פאַרשטאַרקן אייער דינען אונדזער ליטעראַטור, דער פּאַטריאַרך פון וועלכער איר זייט אָנערקענט געוואָרן".

187) שלום־עליכעמס אַלע ווערק, באַנד 12, ז. 24.

188) זכרונות פון מענדעלעס טעכטער, ז. 15.

189) פעטראָגראַדער „טאָגעבלאַט", 1טן דעצעמבער, 1917.

190) אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, באַנד 20, ז. 96.

191) דאָרט, ז. 105.

192) זכרונות פון מענדעלעס טעכטער, ז. 56.

193) י. גאָלדבערג: „דער וועג־ראָמאַן און דער אינטימער סטיל" (וועגן מענדעלעס „פישקע דער קרומער"), אויסגאַבע פון פּאַרוואַלטונג פון ווייסרוסישן מלוכה־אוניווערזיטעט, מינסק, 1929.

194) „דרום יידנטום און יידישע ליטעראַטור", כלל־פאַרלאַג, בערלין, 1922, ז. 28.

195) „פערעזשיטאָיע", באַנד 3, ז. 334.

196) דאָרט, באַנד 2, ז. 18.

197) ש. ניגער: „דער ערשטער קולטורהיסטאָריקער אין דער יידישער ליטעראַטור", „די צוקונפט" מערץ, 1933. זע אויך מיין אַרטיקל „דער ערשטער יידישער הומאָריסט", „טאָג", ניו יאָרק, 2טן אַפּריל, 1933.

197א) דאַ וואָלט אינטערעסאַנט געווען אַנצואווייזן אויף דעם אונטערשייד וואָס איז געווען צווישן דעם זיידן און דעם אייניקל איז דעם פּרט פון בריוו־שרייבן. דער זיידע איז ניט געווען אַזאַ ליבהאָבער און אַזאַ מייסטער פון דער עפּיסטולערער קונסט, ווי שלום־עליכם. „ווייסט איר דען ניט, — האָט דער זיידע אַמאָל געשריבן צום אייניקל, — אַז איך בין, לא עליכם, פויל, אוי, שטאַרק פויל, אויף בריוו־שרייבן? עס קומט מיר אָן שווער, ממש, קריעת ים סוף, איינטונקען די פען״. פונדעסטוועגן האָט ער גאַנץ אָפט „איינגעטונקט די פען״ און געשריבן בריוו. זיי זיינען ניט אַזוי שפּילעוודיק, און אויך ניט אַזוי אינטים, ווי שלום עליכמס בריוו. זיי האָבן, דעריבער, ניט אַזאַ גרויסע **ליטעראַרישע** באַדייטונג, ווי עס האָט די קאָרעספּאָנדענץ פון אונדזער גרויסן הומאָריסט. מענ־דעלע איז אין **דעם** פּרט, ווי אין אייניקע אַנדערע פּרטים, געווען ענ־לעך מער אויף פּרצן, ווי אויף שלום־עליכמען. אפילו צו פעסיע לעווין, זיין צווייטער פרוי, ווען זי איז געווען זיין כלה, האָט ער געשריבן איינגעהאַלטענע און ניט קיין לאַנגע בריוו. איז זיין קאָרעספּאָנדענץ ניט אַזוי ווערטפול פון ריין־קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, אָבער בי־אָגראַפיש און ליטעראַטור־היסטאָריש איז איר ווערט ניט אָפּצו־שאַצן. מען קאָן אָן איר ניט האָבן קיין בילד פון מענדעלעס לעבן און שאַפן.

געוויסע מאָמענטן אין זיין ביאָגראַפיע וואָלטן געבליבן אומבאַ־קאַנט אָדער אומפאַרשטענדלעך, ווען, אַ שטייגער, ש. גינזבורג וואָלט ניט געבראַכט צו דער עפנטלעכקייט דעם זיידנס בריוו צו בינשטאָקן. און אַזוי איז עס מיט אַ סך אַנדערע מענדעלע־בריוו אויף העברייאיש, רוסיש אָדער יידיש. זיי דערציילן אונדז אַ סך זאַכן וועגן מענדעלען אַליין, וועגן זיינע ווערק — און וועגן אַנדערע יידישע שרייבער. נעמט, אַשטייגער, אַזאַ מין שטעלע פון זיינעם אַ בריוו צו שלום עליכמען: „...איך פאַרשטיי, אסור, ניט, וואָס איר בעט מיר אַלץ, די צוואַנציק קאָפּיקעס אַ שורה זאָל בלייבן אַ סוד. פאַר וועמען באַדאַרף איך און פאַר וועמען באַדאַרפט איר מורא האָבן? אפשר זיינען דאָ בעלנים אויף צו שרייבן ווי איך פאַר וויניקער — אַ, מהיכי תיתי, געזונטערהייט. מענדעלע זאָגט אייך נאָכאַמאָל, אַז ער האָט ברוך השם זיין אייגן ביידל אויף צו פאָרן,

און אים איז שטארק ניט ניחא צו פֿאָרן אין איין אָנגעטאָסטעוועטן וואָגן מיט אַלערליי מינים פּאַרשוינען, זיי מעגן זיך ביי אייך הייסן באַרימטע״... דאָ האָט איר דעם זיידן מיט זיין גאַנצער שטרענג־קייט און זיין גאַנצן שטאָלץ.

דאָס אייגענע האָט ער שפּעטער געשריבן אין אַ בריוו צו בן עמין (רשומות י׳ ז. 51״)

דאָס איז גראָד אַ שטעלע פון אַ בריוו, וואָס איז וויכטיק אויך ליטעראַריש און סטיליסטיש, און עס זיינען זיכער דאָ נאָך בריוו, וואָס קאָנען צוגעגעבן ווערן צו זיינע ווערק, צוגערעכנט ווערן צום סכום פון זיין אייגנאַרטיקן קינסטלערישן שאַפן. אָבער אפילו די בריוו, וואָס זיינען ניט געשריבן אויף מענדעלעס שטייגער, האָבן אַ גרויסן ווערט פאר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און פאַר דער יידישער קולטור־געשיכטע בכלל. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אז פון אַ בריוו האָט זיך אָנגעהויבן מענדעלעס ליטעראַ־רישע טעטיקייט. דאָס איז געווען זיין באַרימטער „מכתב על דבר החינוך״ (אַ בריוו וועגן דערציאונג), וואָס איז אין יאָר 1857 פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין „המגיד״.

198) „שלוסע־ליכם־בוך״, ז. 166.

199) ש. ניגער: „שלום־עליכם״, געקליבענע שריפטן, 3, ז. 22.

200) דאָרט, אויך מיין אַרטיקל „כתרילעווקע״ אין „די צו־קונפט״, ניו יאָרק, 1936, יוני.

201) זע דאָרט, קאַפּיטל וועגן „פונם יאַריד״.

202) זע דאָרט, זז. 65—67.

203) נחמן מייזעל: י. ל. פרצס בריוו און רעדעס, ז. 168.

204) דאָרט, ז. 31.

205) דאָרט, ז. 250.

206) י. ל. פרץ: „ליטעראַטור און לעבן״, ז. 69.

207) „בריוו און רעדעס״, ז. 256.

208) י. ל. פרץ: „געדאַנקען און אידייען״, ז. 60.

209) אַלע ווערק פון מענדעל מוכר ספרים, באַנד 22, ז. 10

210) „בריוו און רעדעס״, ז. 229.

211) זע מיין אַרבעט „וועגן פּרצס סטיל״ אין „די יידישע וועלט״, ווילנע, 1915, איבערגעדרוקט מיט ענדערונגען אין „נייע יום־טוב־בלעטער״ פּסח, 1936.

212) זע מיין בוך „וועגן יידישע שרייבער״, 1, ווילנע, 1913, זז. 64—67.

L. M. Stein Publisher
913 West Van Buren Street
Chicago, Illinois